STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10652

NOKH ALEMEN

David Bergelson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָוויד בערגעלסאָן

נאָך אלעמען

ראָמאן אין פיר טיילן

פארלאג „עמעס“, מאָסקווע 1935

Редактор Л. Гольдберг. Техред М. Погостер. Корректор М. Иткович,
Сдано в набор 3/X—34 г. Подписано к печати 21/I—35 г. ф. б. 72X105 1/32. 21 1/4 п. л.
Уп. Главлита Б—2357. „Эмес“ № 88. Тираж 6.000 экз. Зак. 870.

Тип. изд-ва „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9.

צו דער סאָוועטישער אויסגאבע

דער ראָמאנ „נאָכ אלעמענ“ שילדערט דעמ אונטערגאנג פונ דער ייִדישער מיטל-און קליינ-בורזשואזיע אינ צײַט-אָפּשניט, וואָס צווישנ ביידע רעוואָליוציעס. דער קולמינאציאָנס-פּונקט אינ ראָמאנ איז א מיידל אינ א בורזשואזער באנקראָטירטער און צעפאלנדיקער פאמיליע — מירל הורוויצ. זי גייט דורכ אלע עטאפּנ פונעמ ייִדיש-קליינ-בירגערלעכנ „נאָכ אלעמענ“, ווו ס'איז „ווי פארגליווערט געוואָרנ די איינציקע לאנגאָניקע מאכשאָווע: ניט צו איבערמאכנ איז דער אומגליק“, און געפינט ניט קיינ איינציקנ שטראל, וואָס זאָל איר געבנ מאטעריעלע און מאָראלישע שטיצע פאר איר ווײַטערדיקער עקזיסטענצ. זי און אירע עלטערנ ווערנ געשילדערט מיט מיטגעפיל. די צעפאלונג פונ איר שיכט האָט געקאָנט אלזײַטיק באלויכטנ ווערנ נאָר אינ צוזאמענשטויס מיטנ „פאר אלעמענ“. דאָס פעלט אינ בוכ, סאָציאל איז די סוויווע אינ בוכ ניט אופגעריסנ, כאָטש די דאָזיקע סוויווע איז געגעבנ אינ פּראָצעס פונ איר אונטערגאנג. פונ דאנענ נעמענ זיכ אינ בוכ די אָפטע אימפּרעסיאָניסטישע האלבע טענער.

דער ראָמאנ איז דערשינענ אָנהייב 1913 יאָר. געשריבנ געוואָרנ איז ער אינ זײַנ גרעסטנ טייל אינ די יאָרנ 1909 — 1910 — יאָרנ פונ טיפער רעאקציע, ווענ א גרויסער טייל פונ דער אינטעליגענצ, אויב ניט דער גרעסטער, האָט דעזערטירט פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פראָנט, אנטלאָפנ ווײַט, אזש ביז „צוריק אינ שול“ אָדער „צוריק אינ קלויסטער“.

דער אוטער קאָנסטאטירט מיט באפרידיקונג, אז דער ראָמאַנ „נאָכ אלעמענ“ האָט ניט געהאט קיינ אלגעמיינעמ וועג מיט אלע ווערק פונ יענער צייט, וואָס האָבנ, אינ איינקלאַנג מיט די אידייענ פונ דער דעזערטירנדיקער אינטעליגענצ, באזונגענ די יידישע קליינבירגערלעכע געזעלשאפט, זי געלאטעט, קעדיי זי זאָל ווייטער עקזיסטירנ.

דאָוויד בערגעלסאָנ

ערשטער באנד

(טיילן 1—2)

ערשטער טייל

1

גאַנצע פיר יאָר האָט זיך צווישן זיי געצויגן דער היימישער קליינ־שטעטלדיקער שידוך, און געענדיקט האָט ער זיך אָט וויאַזוי:

זי, ר' געדאַליע הורוויצעס באַסיעכידע, מירעלע, האָט אים סאָפּ־קאַלסאָף די טנאָים אָפּגעשיקט און אַליין ווידער אָנגעהויבן אַרומ־שפּאַצירן מיטן קרומען סטודענט ליפּקים.

זײַן פֿאָטער, אַן אויפֿגעקומענער גוויר, אַ שוואַרצער און הויכער, אויסגעיידלטער אַמאָרעץ, וואָס האָט באַ אַכט און פֿערציק יאָר אָנגע־הויבן גיין אין נאָענטן בעסמעדרעש וואָכעדיקע מינכע און מײַרעוו דאַוונען, איז שוין דענסטמאָל שטאַרק רײַך און שווײַגנדיק לײַטיש געווען. ער האָט זיך טאָמער באַ זיך אין ביידער מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל אַרומגעדרייט, געטראַכט וועגן זײַנע דרײַ גרויסע פּאָסעסיעס און וועגן דעם, וואָס עס פּאַסט עפּעשער ניט פֿאַר אים, ער זאָל דערמאָנען די אָפּ־געשיקטע טנאָים מיטן נאָמען פֿון זײַן געוועזענעם מעכוטן.

און זײַן מוטער, אַ נידעריקע און שטאַרק גראָבע ידענע, וואָס האָט איבער איר אַסטמע־פֿעלער געטעמט הייזעריק און שווער, ווי אַ גע־שטאָפּטע גאַנדז, איז וועגן די אָפּגעשיקטע טנאָים געוואָר געוואָרן ערשט העט־שפּעטער, ווען זי האָט זיך מיט אַן אָפּגעברענט פּאָנעם און מיט אַ שטאַרק געפֿאַלענעם געמיט אָן אַ שום רעפֿוע פֿון אויס־לאַנד אומגעקערט. מאָרעשכווירעדיק[1] און שטיל האָט זי געשאָלטן זײַן

געוועזענע קאלע צוזאמענ מיטנ ווייסטנ מאריָענבאד, וואָס האָט איר אומזיסט קויעכ אונ מויעכ אויסגעבראכט. זי האָט זיכ דערביַי געהאלטנ אינ איינ שאָקלענ אונ אינ איינ רײַבנ איינעמ א רעוומאטעס-פוס אונ זיכ שטיל אונ פארקלערט געקלאָגט:

„גאָט ווייס, צי זי וועט שוינ איר זונס כופּע דערלעבנ".

אונ איינמאָל פארנאכט, ווענ אינ שטוב זײַנענ פיל פרעמדע מענטשנ געזעסנ, האָט זי מירעלענ מיטנ קרומענ סטודענט דערזענ נאָענט, פאר-בײַ דעמ אָפענעמ פענצטער. זי האָט זיכ שוינ מער ניט געקאָנט איינ-האלטנ, ארויסגערוקט דעמ קאָפּ אינ דרויסנ אונ האָט איר נאָכגעשריִענ אפנ הייזעריקנ אונ קורצ-אָטעמדיקנ קאָל:

„ער איז האָכ שוינ א קאפּצנ, בא אימ בלײַב עס, דער טאטע אירער, וואָס-זשע הוליעט זי נאָכ, ווי א הונט אפנ שטריק, אָט-אָט די-אָ!?

אונ ער, דער זיבנ-אונ-צוואנציק-יאָריקער ווּקסיקער אונ שיינער באָכער, האָט עס פארלײַדנ נישט געקאָנט. ער האָט דאָ אפנ אָרט אפּ זײַנ מוטער אָנגעשריִענ:

„שאַ! שאַ! קוק זי נאָר אָנ!"

ער איז בעטעווע געוועזנ א סאוולענ[2] אונ א שטילער, געהאלטנ פונ-נעמ ! אופגעקומענעמ אונ גווירישׁ-שוויַיגנדיקנ טאטנ, אונ האָט געוואָלט, אז בא זיי אינ שטוב זאָל אלצ צוגיינ אזוי שטיל אונ לײַטיש, ווי בא די פריצימ, וואָס מיט זיי האָט ער דורכנ פאָטער פונ זעכצנ יאָר אָנ אפּאָקימ געהאט. אָנגענעמ איז אימ נאָר נישט געוועזנ צו בלײַבנ דאָ אינ שטעטל אונ זענ, ווי מירעלע שפּאצירט דאָ אלע פארנאכט מיטנ קרומענ סטודענט, האָט אימ דער פאָטער אינ נאָענטנ דאָרפּ דעמ ביצניוועד פולווארק אָפּגעדונגענ, אונ באזעצט האָט ער זיכ טאָ-קע האָרטנ נישט ווײַט, אינעמ אָפּגעקאלכטנ פריציִשנ שטיבל, וואָס איז אינ אייג הויפ מיטנ האָרפּ-גאלעכס הויז געשטאנענ.

דאָ, אינעמ פוסטנ אונ שטילנ דאָרפּ, האָבנ אימ די גויִמ גערופנ „פּאניטש" אונ די היטלענ פאר אימ אראָפּגענומענ. אונ בײַדע קלײַ-נערע שוועסטער מיט דער צו פעטער הייזעריקער מוטער זײַנענ צו אימ אָפט צוגאסט געקומענ אונ אימ מאטאָנעס — היימיש געבעקס — געבראכט. צו די שוועסטער האָט ער דאָ אלעמאָל געשמייכלט, דע-

פאַר, וואָס זיי האָבנ באַ אַ סטודענט געלערנט, אונ דערפאַר, וואָס זיי האָבנ זיכ נאָכ אַדאַיעמ באַגעגנט מיט יענער, וועלכע האָט אימ די טנאָים אָפּגעשיקט. ער האָט זיי די הענט געדריקט אינ באַ זיי געפרעגט:

„וואָס מאַכט איר? ווי לעבט זיכ?“

אונ דער מוטער האָט ער דאָ געוואָלט אָפּגעבנ פּונקט דעמ זעלבנ קאָוועד, וואָס מע גיט מוטערס אָפּ באַ יענע פריצימ, וואָס האָבנ אַרומ זײַנ פּולוואַרק אייגענע אונ געדונגענע גיטער געהאַט. ער איז געשטאַנענ פאַר איר די גאַנצע צײַט אַפ די פיס, איר נישט געקאָנט זאָגנ ניט „דו“ אונ נישט „איר“, אונ דערפאַר געוועדט צו איר בעלאָשנ ניכטער:[1]

„עפּשער וועט די מאַמע טיי טרינקענ? עפּשער וועט זיכ די מאַמע אָפּנ בעט צולייגנ?“

אונ נאָר דעמאָלט, ווענ, קלאָגנדיק זיכ אַפּ איר שלאָפּקײַט אונ אַפּ דעמ, וואָס ער האָט נישט כאַסענע, האָט זי דאָ גענומענ שילטנ יענע, וועלכע האָט אימ די טנאָים אָפּגעשיקט, האָט ער אינ אומצופרידנ אונ עטוואָס פאַרקרימט פּאָנעמ באַקומענ אונ אַפּ איר אָנגעשריענ בייז אונ לײַטיש, ווי בייז אונ לײַטיש ער פלעגט אַפּ איר אָנשרײַענ דאָרטנ באַמ פאָטער אינ שטוב:

„שאַ! שאַ! קוק זי נאָר אָנ!“

אַהיימ איז ער געפאָרנ זעלטנ ווענ, אונ נאָר דעמאָלט, ווענ ס'איז געווענ נייטיק צוליב געשעפט. ער האָט זיכ דאָרטנ געפירט לײַטיש אונ שטיל, ווי אַ פרעמדער, שטאַרק אָנגעלייגטער גאַסט. געשטאַנענ מיט אַ בינימעס שמייכלדיק פּאָנעמ אנטקעגנ די שוועסטער, אָדער פאַמעלעכ אופגעהויבנ אינ דער הייכ אַ קליינ דורכלויפנדיק קינד, עס אוועקגעשטעלט אַפּנ טיש, געגלעט אימ די פאַרשמירטע בעקעלעכ אונ דערצו געשמייכלט:

„וואָס טוסטו, אַ? לויפסט אַרומ?“

די צײַט האָט ער דאָ קימאַט אינגאַנצנ פאַרבראַכט מיטנ פאָטער אינ קליינעמ, טאָמעד אָנגערויכערטנ קאַבינעטל; גערעדט מיט אימ וועגנ די פאַרשיידענע מיסכאָרימ, געטראַכט וועגנ נאַדאַנגעלט, זײַנע זעקס טויזנט אונ מירעלעס דרײַ טויזנט רובל, וואָס זײַנענ נאָכ אַלצ

באמ אלטנ קאשפּעריוקער גראפּ געלעגנ, אונ מוירע געהאַט, אז דער פאָטער זײַנער וועט באַלד אָנהייבנ:

„יאָ, די זעקס טויזנט רובל, וואָס ליגנ דאָרטנ באמ גראפּ... וואָס וועט זײַנ מיט די זעקס טויזנט רובל, וואָס ליגנ באמ קאשפּעריוקער אלטנ גראפּ?"

דער געוועזענער מעכוטנ זײַנער, ר' גדליה הורוויצ, אָט דער ציג־טראָגענער יאכסנ, דער בענ־טוירע,[4] וואָס דער קאָפּ איז בא אימ טאָמעד אינ דער מיסכער־לופט ארומגעפלויגנ, איז דאָכ שוינ דעמלט אינ זײַנע געשעפטנ שטארק פארדרייט געווענ, אונ זײַנע אָרטיקע באַל־כויוועס זײַנענ שוינ אלע באטאָג אינ מארק געשטאנענ אונ אימ אונטער די אויגנ זײַנ קאפּיטאל צונויפגערעכנט:

„ליגט בא אימ, הייסט עס, אינ קאשפּעריוקער וועלדל פינפ טויזנט רובל... אינ זשאַרזשאָווקער מאָנ — דרײַ טויזנט. אונ אינ דער טבינע?.[5] וויפל האָט ער נאָכ שוועס אינ דער אומגליקלעכער טערנאָווער טבינע ארײַנגעבראָכט!"

אומעגלעכ איז געווענ צו טרעפנ, פארוואָס ער נעמט די דרײַ טויזנט רובל באמ גראפּ ניט אָפּ, אונ געוואָלט האָט זיכ, זיצנדיק אינ קליינעמ קאבינעטל, אז דער פאָטער זאָל שווײַגנדיק זײַנע פּאפּיראָסנ רייכערנ, אז ארומדרייענ זאָל ער זיכ נאָכ לאנג־לאנג אהינ אונ צוריק, אונ זאָל צוזאמענ מיט אימ ווערנ דעמ געוועזענעמ מעכוטנ טראכטנ:

„ער קענ, אפּאָנעמ, גאנצ גוט די באסיעכידע זײַנע... ער האָט זיכ, אפּאָנעמ, נאָכ אדאיעמ פונעמ שידעכ ניט מעיאעש געווענ".

★

איינמאָל אינ א שפּעטנ זונטיקנ פארנאכט, ווענ די גאנצע שטוב האָט פוסטערהייט אָפּ די אוועקגעגאנגענע בנייבאָים[6] געוואַרט, איז ער זיכ איבעריק לאנג מיטנ פאָטער אינ אָט דעמ פינצטערנ קאַבינעטל פארזעסנ. ער האָט ענדלעכ דערהערט, ווי די קלענערע שוועסטער, וועלכע איז נאָרוואָס פונעמ שפּאציר געקומענ, טוט אויס אינעמ

צווייטן כיידער דעם גאָרסעט און וואָגדערט זיך האָרטן פאַר עמעצן אַפן קאָל:

„ווי געפעלט זי דיר, מירעלע? ביסט א מייונג?“

ס'איז געווען קלאָר, אז מירעלע האָט זיך נאָרוואָס אפן שפּאַציר־פּלאַץ מיט אָט דער שוועסטער באַגעגנט, זי דאָרטן אָפּגעשטעלט און באַ איר עפּעס געפרעגט, און דערפאַר האָט באַ אים, דאָ, אינעם האַלב־פינצטערן כיידער, מיטאַמאָל א קלאַפּ געטאָן דאָס האַרץ, און פאַרגעסן האָט ער מיטאַמאָל, וועגן וואָס פאַר א געשעפט ער האָט נאָרוואָס מיטן פאָטער גערעדט. עפשער דריי מאָל האָט ער דערנאָך מאָל א פאָר אייגן און די זעלבע איבעריקע ווערטער איבערגעכאַזערט, געוואָלט שטאַרק צו דער שוועסטער אין כיידער אַריינגיין און זיך באַ איר וועגן דער באַגעגעניש דערפרעגן, נאָר זיך געמעגטשעט, געבליבן דאָ אין קאַבינעטל זיצן און באַ דער שוועסטער טאַקע גאָרנישט גיט געפרעגט. זי, די שוועסטער, האָט אים נאָכדעם, צוזאַמען מיט די איבעריקע שטוב־מענטשן, אפילע אין דרויסן אַרויסבאַגלייט, זי האָט געקוקט, ווי ער זעצט זיך דאָרטן אַרויף אף זיין פור און פאָרט אוועק אף נאַכט צו זיך אפן פּאָלוואַרק, און ער האָט צו איר, אָפּפאָרנדיק פון שטוב, נאָר געשמייכלט און צופיל מיטן קאָפּ געשאָקלט. ער האָט געוווסט, אז מירעלע האָט אפן שפּאַציר־פּלאַץ געקאָנט צוזאַמען מיטן קרומען סטודענט צו זיין שוועסטער צוגיין און זיך דאָרטן ניט שעמען באַ איר וועגן אים, דעם געוועזענעם כאָתן, א פרעגן טאָן:

„וואָס־זשע מאַכט ער עפּעס, וועלוול?“

„פאַרוואָס זעט מען אים עפּעס גיט אין שטאָט, וועלוולען?“

אף איר, מירעלען, איז אלץ געווען צו גלייבן. אָט, לעמאָישל, ווען איז דאָס אָקאָרשט געווען? צוזאַמען מיטן קרומען סטודענט האָט זי זיך איינמאָל געלאָזט גיין איבערן גרויסן געוועלב, וואָס אין מיטן מאַרק, און איז אַהין אַריינגעגאַנגען, נישט קוקנדיק דערוף, וואָס זי האָט דאָרט אין דרויסן זיין וואַרטנדיקע פור דערזען און האָט געוווסט, אז ער געפינט זיך אינווייניק. ער איז דענסטמאָל אזוי צע־

טראָגנ געוואָרנ, געוואָלט וואָס גיכער פונ געוועלב אוועקגיינ אונ שוינ העכער ווי אַלעמאָל צום קרעמער געזאָגט:

„זאָל מענ, הייסט עס, זונטיק א כעזשבנ אָנגרייטנ... לעפּאָכעס גיט שפּעטער ווי זונטיק".

אונ זי האָט אים נאָכ דענסטמאָל באַדאַרפט אָפּשטעלנ אונ בא אים פרעגנ:

„ער מיינט טאַקע, אַז ס'פּאַסט אים, אַט דאָס ליכטיקע אונ ווייכע בערדל, וואָס ער האָט זיכ די לעצטע צייט פאַרלאָזט?"

האָרטנ, בא דער טיר פונ קלייט, איז דער קרומער סטודענט מיט עמעצנ געשטאַנענ, געוואָלט דערוויזנ, אַז ס'הייבט אים נישט אָנ צו אַרנ דאָס, וואָס מירעלע רעדט איצט מיט איר געוויזענעם כאָסנ, אונ שוינ דערפאַר צו הויכ אויפנ קאָל געשריענ:

„ווו שטייט עס געשריבנ, אַז א צוגלופּט קאָנ שאַדנ... אינ דער „מעדיצינע" שטייט עס געשריבנ?"

אונ בא אים, דעם געזונטנ באָכער, האָט צופיל געקלאַפּט דאָס האַרצ, אונ געדוכט האָט זיכ אים, אַז ער טוט גוט דערמיט, וואָס ער שמייכלט אונ ענטפערט איר מיט א שטאָכ:

„ווערטנ ס'געפעלט א באָרד, אונ ווערנ — נישט".

יעדנפאַלס האָט ער זיכ דענסטמאָל געלאָזט הערנ, אַז ער איז נאָכ גענוג שמאַלצ אונ קאָנ נאָכ אַליינ זיינ שטעטל באַשטיינ. אונ דער־ריקער... דעריקער האָט ער גוט געטאָנ, וואָס ער האָט דאָרטנ אויפנ קאָל באַם קרעמער איבערגעפרעגט:

„קאָנ ער זיינ זיכער, אַז אפ זונטיק וועט זיינ צוגעגרייט זיינ כעזשבנ?"

מיט דעם האָט ער איר, לעפּאָכעס, צו וויסנ געגעבנ, אַז ער איז א באַשעפטיקטער מענטש, האָט אינזינענ דעם פּולווארק אונ קלערט גאַנצ ווינציק וועגנ די פּוסטע שמועסנ, וואָס זי פירט אַלע טאָג מיטנ קרומענ סטודענט.

פאַרנדיק אַהיים, איז ער שוינ נאָכדעם דעם גאַנצנ וועג שטאַרק אופגערעגט געווענ אונ האָט געטראַכט:

„אַט זייַנען שוין אַפ זייַנע פעלדער קימאַט אינגאַנצן די טוועס אויסגעוואַקסן און הייבן שוין אָן גרין צו ווערן".

גאָר גיט שלעכט זעען אָט די טוועס אויס, און פאַרדינען וועט ער אָן זיי הייַנטיקס יאָר נישקאָשעדיק. ווינטער, ווען שנייען אָנגעטראָגענע וועלן אַפ דער ערד ליגן, און שטיל און זאַט וועט זייַן אַרבעטלאָזער פּאָלוואַרק א פאַרלאָזענער שטיין, וועט ער זיך קויפן אַן אָפּגעפּאָלירטן שליטן און 'א פוטער מיט א הענג־קאָלנער און וועט, אַרייַנפאָרנדיק אין שטאָט, אַלעמאָל באַגעגענען מירעלען מיטן סטודענט ערגעץ־וווּהין צו א באַקאַנטן גיין.

II

געקומען זייַנען אינגיכן די טעג פון שניט און פון צונויפקלייַבן די טוועס; די אַרבעט אַפן פּאָלוואַרק האָט אָנגעהויבן זידן, און ווען פאָרן אין שטאָט האָט ער אַפילע קיין צייַט גיט געהאַט צו קלערן.

אַפ זייַנע פעלדער זייַנען דורכויס געווימלט מיט גויעס מיט שניטמעסערס אין די הענט צעשטעלט געוואָרן, און פורן, אייגענע און פרעמדע, האָבן די צוגעטריקנטע סנאָפּעס געפירט אַהין צום שייַער צו, ווו אַפ א בערגל, ווי אַפ גרויסע סטערטעס שטרוי, האָט שוין א דאַמפמאַשין פון גאַנצפרי אָן גערויכערט, געפייַפט יעדעס מאָל, בעשאַס אין קעסל איז איר וואַסער אויסגעגאַנגען, און פרייִלעך געדראָשן די פולע און טרוקענע זאַנגען.

גאַנצע טעג איז ער רייַטנדיק אַפ זייַן פערד אַרומגעלאָפן, געווען פול דורכויס, אַכטונג געגעבן אַפ די טוועס־שנייַדער און אַפ די אַרבעטער, וואָס האָבן דעם ווייץ אין די נידעריקע האַלבפינצטערע שאַפן געריייניקט און געוויגן, זיך אויך אַראָפּגעכאַפּט אַהין צו דער דאַמפמאַשין און דאָרטן אַפ די שמייכלדיק פולע שיקסעס אָנגעשריִען.

אָפגעשטאַנען איז ער אין יענע טעג קימאַט אַלעמאָל מיטן טאָגליכט, און אייַנגעשלאָפן איז ער טכילעס נאַכט, אַנידערגעפאַלן אַפן בעט א מידער און שטויביקער, א צופרידענער דערמיט, וואָס די וואַרעמע נאַכט זאָגט צו א שיינעם און לויטערן קינפטיקן טאָג.

געשלאָפן איז ער דעמלט ס'ראָוו אין די קליידער, אין געבאָלעמט

האט זיכ אימ קימאט א גאנצע נאכט זיינ אייגענער רוישיקער אונ מיט ארבעט פארפולטער שייער, זיינ אייגנ אויסגעמעבלט שטיבל, ווו ס'דרייט זיכ עפעס ארומ דאפקע זי, מירעלע, שמייכלט צו יענע שטאט־יידנ, וועלכע זיינענ אהער געקומענ דעמ ווייצ בא אימ קויפענ, אונ לייגט פאר פונ דארטנ, פונעמ בענקל, וואס באמ זודיקנ סאמאוואר:

„וועלוול, עפשער וועלנ די יידנ מיט אונדז א גלאז טיי אויס־טרינקענ?"

די לופט, וואס ארומ, די גרויסע שייערנ, שטרוי אונ די הויפנס אויסגעדראשענע טוועס האבנ שטומערהייט געטראכט וועגנ דעמ, וואס די גאנצע ארבעט זיינע: דער ארומלויפנ, דער ניט־דערשלאפנ מיטנ געלט פארדינענ האט עפעס א גרויסע שייכעס צו מירעלענ מיטנ קרו־מענ סטודענט, וועלכע שפאנענ גאנצע טעג דארטנ אינ שטעטל ארומ; וועגנ דעמ, וואס סאפקאלסאפ וועט דאס אינגאנצנ צו וויכטיקע נייס ברענגענ, אונ בא ר' גדאליע הורוויצנ אינ שטוב וועט מענ שטארק כאראטע האבנ אפ די אפגעשיקטע טנאימ, אונ איבערגעבנ וועט מענ דארטנ איינעמ דעמ צווייטנ יעדעס מאל, בעשאס מע וועט דורכנ פענצטער זייג פור דערזענ:

„אט איז ער דא נארוואס אדורכגעפארנ, וועלוול; מיט א גייע פאר פערד האט ער זיכ דא נארוואס אדורכגעטראגנ".

אונ ווענ די ארבעט מיטנ טומל האבנ זיכ צולעצט געענדיקט, אונ די גאנצע אויסגעדראשענע טווע האט שוינ אלע נידעריקע שאפעס פארפולט, האט ער זיכ אקארשט, ווי פונ א כאלעמ, ארומקוקנ גע־נומענ אונ האט דערזענ:

סאמע די הייסטע זומערדיקע דריטהאלבנ כאדאשימ זיינענ שוינ אריבער, אונ די טעג זיינענ שוינ קענטיק קלענער אונ קילער געווארנ; ער אליינ איז מיד אונ שלאפט צופיל אינ די קליידער, שלאפט אינ זיי באטאג אונ באנאכט, כאפט זיכ אופ מיט יעדנ קליינעמ רעגנדל, וואס הייבט אנ פונ די פארוואלקנטע הימלענ אינ זיינ בלעכענעמ דאכ צו קלאפנ, ליגט מיט א פארשלאפענעמ מויעכ אונ מיט אפענע אויגנ אונ טראכט:

„די „בורעקעס" זיינע... זיי וואקסנ... זיי וואקסנ..."

★

אינעמ א כמאַרנע־טאָג איז ער אַזוי איינגעטאַנ אינ די קליידער אָנ־געשלאָפנ. ווענ ער האָט זיכ אופגעכאַפּט, איז שוינ אינ דרויסנ דורכויס טונקל און קיל געווענ, און אינ די הייזער פונ דאָרפ זיינענ שוינ דאָ און דאָרטנ מיט א ציטער די ערשטע נאַכט־פייערלעכ גע־בוירנ. מיט שטילקייט איז די טונקעלע לופט פול געווענ, און נאָר האָט גרינגע ווינטל, וואָס אינ דרויסנ, האָט ווענ־ווענ דעמ געשטאָרבענעמ טאָג אומעטיקע מייסעלעכ גערוישט; האָט צו אימ אינ דער פינצטער דורכנ אָפענעמ פענצטער אַריינגעבלאָזנ און דאָרטנ אינווייניק מאָ־רעשכוירעדיק גענאָגט:

„טאַקע ענדלעכ אויסגעגאַנגענ דער טאָג... אויסגעגאַנגענ“.

און אויסגעשלאָפענער און רויִקער, האָט ער זיכ גענומענ אַרומ־וואַשנ, אָנגעטאָנ א ווייסנ קראַגנ און ווייסע מאַנזשעטנ, אָפּגעטרונקענ פּאַמעלעכ טיי און געהייסנ די פור שפּאַנענ:

„שוינ צייט, הוכט זיכ, אינ שטאָט א פּאָר טאָג... א? שוינ געוויס צייט“.

ער איז שוינ דאָרטנ אַזוי לאַנג ניט געווענ און האָט אהינ גע־בענקט.

זיצנדיק אפ דער פור, האָט ער פּאַמעלעכ געטראַכט, אַז ער וואָלט באַדאַרפט הייסנ דעמ „שמייסער“ זיינעמ די פערד א טרייב טאָנ, אַז ווענ ער טוט עס, וואָלט ער נאָכ פאַרפרי אינ שטעטל אָנגעקומענ, אינ פונ צווישנ די שפּאַצירנדיקע פּאָרלעכ, וואָס אינ אָנהייב נאַס, וואָלטנ אימ נאָכ עפּשער מירעלע מיטנ קרומענ סטודענט דערזענ.

דאָכ האָט ער דעמ אָנטרייבער קיינ וואָרט ניט געזאָגט און אימ דעמ גאַנצנ וועג געלאָזט פאָרנ „באַלעבאַטיש“ און שטיל. איינמאָל, ווענ יענער איז אפנ רעכטנ פערד אינקאַמ געוואָרנ און אימ מיט רויגעז אַנ אומזיסטיקע רוט אַראָפּגעלאָזנ, האָט ער נאָכ אַפילע אפ אימ אָנ־געשריִענ מיט א קול פונ א לייטישנ באַלעבאָס, א באַלטאַכלעס:

„שטילער! כאַפּ זיכ איז ניטאָ צוליב וואָס“.

ער איז געווענ רויִק, א ביסל באַרויגעז און געלאַסנ, געטראַכט

וועגן מיחלעגן די גאַנצע צייַט און דערביַי אַלעמאָל מיט די אַקסלען געקנייטשט:

„עמעצ וואָלט אינעמעסן געקאָנט מיינען, אַז ער נייטיקט זיך אין איר... אַז ער לויפֿט איר נאָך".

האָט אָבער באַ אים ניט וויַיט פֿון שטאָט בענקענדיקער ווי טאָמער דאָס האַרצ אָנגעהויבן קלאַפּן, און אויפֿגערעגטע בליקן האָט ער צעמישטעריייט גענומען וואַרפֿן צו די שפּאַציר־נדיקע פּאָרלעך צו, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אין דרויסן איז שוין קימאַט אינגאַנצן פֿינצטער געווען, און אַ מענטשנס פּנים איז שוין אפֿילו פֿון דער נאָענט שווער געווען צו דערקענען. ער איז געווען באַרויִקט אויף זיך דערפֿאַר, וואָס ער דרייט אַלע מאָל דעם קאָפּ צו אָט די פּאָרלעך צו, נישט געוואָלט אַהין קוקן און האָב געקוקט און וועגן זיי געטראַכט:

„זי איז דאָרטן נישטאָ... אַ באַפֿקעמינע איז אים אַ גרויסע... זי איז דאָרטן געווים נישטאָ".

פֿיַערלעך פֿון טכילעס־נאַכט האָבן שוין פֿאַרטראַכטערהייט פֿון פֿאַרשיידענע שטאָט־ווינקלען אַהער, צו זיַין לויפֿנדיקער פֿור, געקוקט. זיי האָבן דערמאָנט אָן דער גאַנצער צייַט, וואָס אין מעשעך פֿון איר איז ער אפֿילו איין מאָל אַהער נישט געקומען, פֿאַרשטאַרקט די בענקשאַפֿט נאָך איר, דער געוועזענער קאַלע, און ליבער געמאַכט דעם אָנדענק פֿון איר לאַנג נישט געזעענעם אומעטיקן פּאָנעם.

ס'האָט זיך געטראַכט:

דאָרטן, אין איינעם פֿון אָט די באַלויכטענע שטאָט־הייַזער, זיצט זי איצט געווים, אומעטיק און גלייַכגילטיק צו די מענטשן, וואָס רינגלען זי אַרום, קוקט מיט די בלויע אויגן אויפֿן לאָמפּ און שוויַיגט.

און אויב ס'ווערט דאָרטן אַ רייד וועגן אים, וועלוול בורנעס, אויב עמעצ זאָגט דאָרטן:

„אַ היפּש ביסל געלט וועט ער הייַנטיקס יאָר פֿאַרדינען... גאָר אַ היפּש ביסל" —

רייַסט זי אויף אַ רעגע אָפּ די אומעטיקע אויגן פֿונעם לאָמפּ און פֿרעגט:

„ווער? וועלוול בורנעס?"

און נאכדעמ קוקט זי ווײַטער אומעטיק אינעמ לאמפ ארײַנ, קוקט לאנג און שטיל, און קיינער ווייס נישט וועגנ וואָס זי טראכט, און קיינער ווייס נישט, צי זי האָט אָפּ די אָפּגעשיקטע טנאָימ באראָטע, צו גיינ.

פלוצעמ האָט עמעצ דאָ, באַ די ערשטע שטאָט־הײַזער, זײַנ פור אָפּגעשטעלט און גענומענ צו אימ שרײַענ אפנ קול:

„זיי זײַנענ נישטאָ אינ דער היימ, דער טאטע מיט דער מאמענ...
זיי זײַנענ נאָכ נעכטנ גאנצפרי אינ קרײַז־שטאָט אוועקגעפאָרנ”.

ער האָט זיכ געשווינד אומגעקוקט און דערזענ:

א באָכער אנ עקאנאָמ איז דאָס געווענ, א פּאַשעטער באָכער אָנ עקאנאָמ, וואָס האָט אינ איינעמ פונ פאָטערס פּאָסעסיעס געדינט און איז איצט צו זיכ אפנ דאָרפ געגאנגענ נעכטיקנ.

און איבער עפּעס האָט זיכ דערפילט אנ אומקאָוועד דערינ, וואָס אָט דער באָכער אינ די הויכע שטיוול האָט אימ דאָ אינ אָנהייב שטאָט צוליב א נארישקײַט אָפּגעשטעלט, דערינ, וואָס פאָטער און מוטער זײַנענ, אָג זײַנ ווייסנ, נאָכ נעכטנ גאנצפרי צוליב עפּעס אינ קרײַז־שטאָט אוועקגעפאָרנ.

עמעצ האָט זיכ, דוכט זיכ, צווישנ די שפּאַצירנדע פּאָרלעכ אָפּגע־שטעלט און פונ זײַנ אומקאָוועד געלאכט. האָט ער שוינ דערנאָ אזוי אומצופרידנ צומ עקאנאָמ א געשריי געטאָנ:

„נו, און אז זיי זײַנענ אינ דער היימ נישטאָ, איז וואָס?”

און באלד האָט ער פאָרנ „שמײַסערס” פּלייצעס א שלעפּ געטאָנ און אימ געהייסנ פאָרנ גיכ, גיכ. ער איז געווענ אויפגערעגט און צע־טראָגנ און האָט געטראכט די גאנצע צײַט, וואָס ער האָט זיכ מיט זײַנ פור צו דער מיט שטאָט גערוקט:

„א נארישער עקאנאָמ... א מינ טיפּעש אנ עקאנאָמ...”

נאָר, צוקומענדיק צומ פאָטערס שטוב, וואָס אנטקעגנ מארק, האָט ער דערזענ, ווי די פענצטער פונ זאל זײַנענ שטארק באלויכטנ און קוקנ יאָמטעוודיק צו דער נאכט ארויס. ער האָט מיטאמאָל אָנ דער אייגענער אויפגערעגטקײַט פארגעסנ און זיכ פארוווּנדערט:

„געסט זאָלנ דאָרטנ זײַנ?.. וואָס פאַר א נעסט זאָלנ איצט דאָרטנ זײַנ?"

אונ באַלד האָט ער זיכ דערמאָנט אָנ מירעלענ, געכאַפּט א קוק אַהינ, צו איר פאָטערס שטוב, וועלכע האָט אַהער מיט פינצטערע פענצטער פונ דער קעגנאיבערדיקער גאַס אַרויסגעקוקט. אונ דערפילט, ווי דאָס האַרצ הייבט בא אימ אָנ געשווינד צו קלאַפּנ:

„א קאַשע אפּ מירעלענ? זי האָט איצט געקאָנט צו זײַנע שוועס־טער צוגאַסט קומענ".

פּאַמעלעכ האָט ער פונ זיכ אײנעמ שטאַרק באַלויכטענעמ פעדער־שטיבל דאָס אויבערשט אַראָפּגעצויגנ. ער האָט געהאַט צײַט אונ האָט אַפילע בעשאַכמײַסע א שמייכל געטאָנ צו דער באַיאָרטער ייִדענע, דער קעכנ, וואָס איז דאָ אינ אײַלעניש באַמ עסצימער אַדורכגעגאַנגענ. ער איז אַליינ פונ אָט דעמ שמייכל שטאַרק צופרידנ געבליבנ:

„יעדנפאַלס באַדאַרפ ער איצט זײַנ רויִק אונ פּאָרזיכטיק, אונ דעריקער... דעריקער — זיכ נישט כאַפּנ אונ נישט אַרויסווײַזנ, אַז ער איז מיט איר קומענ צופרידנ".

פאַרשיידענע קוילעס האָבנ זיכ געטראָגנ פונ זאַל אינ עסצימער אַרײַנ, וווהינ ער איז צולעצט אַרײַנגעקומענ. מ'האָט דאָרטנ געכקירעט אונ זיכ געקריגט, אונ דער קרומער סטודענט איז דאָרטנ אויכ גע־ווענ אונ געוואָלט אַלע קוילעס איבערשרײַענ:

„וואַרט, פיל האָבנ ביז הײַנטיקנ טאָג געגעבנ די מעטאַפיזיקער?"

א ברודערל זײַנער, א קינד, איז צופעליק פונ דעמ זאַל אַהער אינ עסצימער אַרויסגעגאַנגענ, אימ דערזענ, צוגעלאָפנ אונ אימ מיט ביידע הענטלעכ פאַר די קני אַרומגעכאַפּט, האָט ער אימ איבערלויפנדיק אויפגעהויבנ, אַפ א בענקל אַוועקגעשטעלט אונ גענומענ דערצו שמייכ־לענ:

„דו לויפסט אַרומ, אַ? לויפסט אַרומ?"

נאָר די טיר פונ זאַל איז שוינ נאָכנ ברודערל אָפנ געבליבנ, אונ די אויגנ זײַנע האָבנ זיכ פונ צײַט צו צײַט ביגנײַזע געצויגנ אונ געזענ:

אַבוצ דעמ קרומענ ליפּקיסנ איז דאָרט אויכ פאַראַנ יענער גרויס־שטאָטיקער סטודענט, וואָס דער פאָטער זײַנער האָט אימ נישט לאַנג

פֿאַר די קינדער אַראָפּגעבראַכט, איינע פֿון זײַנע קלענערע שוועסטער און עפּעס אַ היפּש און אומבאַקאַנט מיידל. די שוועסטער מיטן פֿרעמדן מיידל זיצן אויפֿן ווייכן דיוואַן, און זיי, די סטודענטן, שטייען ביידע איינער אַנטקעגן דעם צווייטן, האָבן פֿאַרפֿלאַמטע פּנימער און זײַנען שטאַרק פֿאַרטיפֿט אין זייער וויכוח. [8]

ער איז אַהין' ענדלעך אַרײַנגעגאַנגען, געוואָר געוואָרן עפּעס בײַ דער שוועסטער וועגן די אוועקגעפֿאָרענע פֿאָטער און מוטער, צוגע־גאַנגען אויך צום גרויסשטאָטיקן סטודענט, אים די האַנט געגעבן און בײַ אים דערבײַ לײַטיש אַ פֿרעג געטאָן:

„וואָס־זשע מאַכט ער עפּעס? ווי לעבט זיך?"

איז אָבער יענער אַזוי צעטראָגן פֿון דער היציקער געווען, אים גאָר־נישט ניט געענטפֿערט און נאָך אַלץ געשריִען צום קרומען ליפּקינען:

„נו, און ליבע?.. נו, און יעדער געדאַנק, וואָס גייט איבער אין „איטשאָרשטשעניע"?" [9]

דאָ, בײַ זײַן טאַטנס שטוב, האָבן אים אָט די צוויי סטודענטן ניט באַמערקט, דעם גאַנצן אָוונט געטשירעט וועגן דעם, וואָס ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, און אַפֿילו פֿאַרגעסן, צי ער דרייט זיך דאָ אַרום זיי. און ער האָט נאָך דאָ באַדאַרפֿט בלײַבן נעכטיקן און, אומקערנ־דיק זיך גײַן אַזייגער אינדערפֿרי צוריק אין פּוליוואַרק, דורכפֿאָרן דעם מײַרעוודיקן עק פֿון שטעטל און זען:

מירעלע זיצט אין אָנגעטאָנענע אויף אַ קרײַז־שטאָטיקן באַלעגאָלעס פֿאַעטאָן און וואַרט דאָרטן בײַ איינער אַ זײַטיקער שטוב אויפֿן קרומען סטודענט ליפּקינען, וואַרט אויף אים אומגעדולדיקייט און שמייכלט. און ער, דער קרומער ליפּקין...

ער הינקט אַהער צום פֿאַעטאָן אין גרויס אײַלעניש, האָט אַ שטאַרק צעטראָגן און נאַרוואָס אָפּגעזייפֿט פּנים און הערט זיך ניט צו צו דעם, וואָס די מוטער זײַנע, די אַלמאָנע, שרײַט אים נאָך, פֿון דער אָפֿענער שטוב־טיר:

„ליפּאַ, כ'בעט דיך: נעם מיט דעם גראָבן פּאַלטאָ... וואָס אַרט דיך, ליפּאַ?.. נעם מיט דעם פּאַלטאָ".

ער האָט זיכ צו זיכ אפנ פולווארק אומגעקערט, געווענ אופגע־רעגט און האָט באַ זיכ באַשלאָסנ:

„פונ היינט אָנ הייבט ער אָנ צו פאָרנ אינ שטאָט זעלטנ... גאָר, גאָר זעלטנ...“

III

און ער האָט אָנגעהויבנ צו פאָרנ אהינ זעלטנ, גאָר, גאָר זעלטנ.

איינעם א מעקלער, וועלכער האָט אימ קוינימ אפנ גישער[10] פונ די פארבליבענע טוועס פאַרגעגעבנ, האָט ער אפילע געזאָגט:

„ס'מעג די סאָבירימ אָנשטיינ אהער, צו מיר אראָפפאָרנ... נישקאָשע, איכ שטופ קיינ מענטשנ פונ מיינ שטוב ניט ארויס“.

און איבערציינגט איז ער בעשאסמענסע געווענ, אז דער מעקלער וועט אָט די ווערטער זיינע באַ זיינ געוועזענעמ מעבוטנ אינ שטוב איבערגעבנ; אז סאָפקאָלסאָפ וועלנ צו אימ אָנהייבנ קומענ סאָבירימ פונ שטאָט, קומענ לייטיש און בעקאָוועדיק, ווי לייטיש און בעקאָיוע־דיק זיי קומענ אהינ, צו די ארומיקע פריצימ.

א רויקער און שטיל־ווארטנדער איז ער אלע טאָג געגאנגענ צו זיינע נידעריקע טוועישאָפנ און אהינ, ווו פיל גויימ און גויעס האָבנ זיכ איבער זיינע עקסטע פעלדער פארשפרייט און אימ אינ גרויס אַיילעניש זיינע בורעקעס אויסגעגראָבנ; און אינאָוונט איז ער אינ זיינ באלויכטענעמ שטיבל איינער אליינ אפ דער קאנאפע געלעגנ, גע־טראכט וועגנ זיכ, וועגנ געלט, וואָס ער האָט פארדינט, און וועגנ דעמ, וואָס דאָרטנ, אינ שטעטל, דרייט זיכ שוינ מירעלע אינ א וואַרעמענ הארבסט־קאָפטל איבער די קילע און טונקעלע געסלעכ; זיכ דערמאָנט אָנ זיינע זעקס טויזנט רובל, וואָס ליגנ נאָכ צוזאמענ מיט מירעלעס דריי באמ אלטנ קאשפעריוועקער גראפ, און האנאָע געהאט פונעמ ניי־עמ מעבל, וואָס דערמיט האָט ער ניט לאנג זיינ פריציש שטיבל אויס־געשטעלט:

„האָט ער, הייסט עס, גוט געטאָנ, וואָס ער האָט אפ אָט די מעבל גאנצע דריי הונדערט רובל געפאטערט, א? געוויס גוט געטאָנ“.

אינ דרויסנ, ארומ זיינ באלויכטענעמ שטיבל, איז דענסטמאָל גע־

ווענ אזוי אויסגעשטארבנ און שטיל. אנ אויסגעשטערנטער, אומגעוויינ-
לעכ ברייטער הימל האט זיכ אינ דער הייכ איבערנ פארטונקלטנ אונ
פרי שלאפנדיקנ דארפ געצויגנ, און נאר אינעמ גאלעכס אפגעצאמטנ
הויפ האבנ פונ טכילעס נאכט אנ געבילט די בייזע הינט, געמאכט
געוואלדנ איבער יעדנ מינדסטנ געאָענטנ און וויטנ גערודער, אדער גלאט
אזוי פארייסנ די פיסקעס ערגעץ אהינ, צומ שלאפנדיקנ דארפ צו, אונ
פארפולט עלעדיק די קילע נאכט-לופט מיט זייער אומעטיקער בייז-
ווונדער-יעלאלע.

ארומ אכט אזייגער פלעגנ אקארשט די הינט מיטאמאל בייזער אונ
רעציכעדיקער צו בילנ אנהייבנ, אונ טריט, שווערע אונ גוייִשע, האבנ
זיכ נאענט בא דער קיכ-טיר געלאזט הערנ. דעמלט פלעגט ער, ליגנ-
דיק אפ דער קאנאפע, דעמ קאפ אופהייבנ, די אויערנ אנשטרענגענ
אונ נעמענ שרייענ אהינ צו דער אפענער טיר:

„אלעקסיי, ס'איז עפעס פאראנ פונ פאטשט, אלעקסיי?“

ער האט געוווסט, אז מער ווי א בלאט „בירזשעוויא וועדאמאסטי“ [1]
וועט אימ פונ פאטש ניט אנקומענ, אונ דאכ האט ער אלע אוונט די
זעלבע ווערטער צומ גוי זיינעמ געשריענ, זיי געשריענ דערפאר, וואס
זיי זיינענ אימ געפעלנ, אונ דערפאר, וואס ס'האבנ זיי אפטמאל גע-
שריענ יענע אויסגעיידלטע פריצימ, וואס מיט זיי האט ער שכייניש
אפאקימ געהאט.

לאנג אונ באלעבאטיש ברייט איז ער נאכדעמ א פארמויעכטער באמ
לאמפ מיטנ בלויענ אבאזשור געזעסנ אונ האט אינ אלע זייטנ פונ
אט דער פאנאנדערגעשפרייטער בלאט אריינגעקוקט. ער האט דורכגע-
לייענט עטלעכע מאל אפנ קאל יענע ערטער, וועלכע ער האט ניט
פארשטאנענ, אונ דעריקער ניט דורכגעלאזט דעמ קורס פונ רענטע,
וואס אינ דער בערזע-אפטיילונג. ער אליינ האט שוינ געהאט א היפש
ביסל מעזומענ געלט, געקאנט אינ יעדער צייט קויפנ דערפאר רענטע
אונ זי, פונקט ווי די פריצימ, האלטנ פארשלאסנ בא זיכ אינ קאמאד;
אונ אכוץ דעמ האט זיכ רענטע שטענדיק געפונענ באמ קלייניווקסיקנ,
טאמער פרייליכנ אונ טאמער באשעפטיקטנ נאכעמ טאראביי, בא יע-
נעמ זעלבנ נאכעמ טאראביי, וועלכער האט מיט אכצנ ווערסט ווייטער,

בא דער רײַכער צוקער־פֿאַבריק, געוווינט, געפֿורט דאָרטן א פּריצישע געזידישע שטוב און האָט זײַנע קינדער ערגעץ אין א גרויסער און ווײַטער שטאָט געלערנט. באַגעגענענדיק זיך ערגעץ־ווו צווישן מענטשן מיט אָט דעם נאָכעם טאַראַבײַ, האָט ער שוין אפֿילע אײנמאָל געהאַט די מעגלעכקײַט אים צו דערוויזן, אַז ער, וועלוול בורנעס, איז שוין גאָרניט אַזוי פֿאַרגרעבט, און געקאָנט בא אים פֿרײלעך א פֿרעג טאָן אין דער הייך:

„פּאַני טאַראַבײַ, ווי האַלט עפּעס הײַנטיקע וואָך מיט דער „פּיר־פּראָצענטיקער“? יענע וואָך, שרײַבט די בלאַט, איז די „פּירפּראָ־צענטיקע“ געלעגן טיף אין דער אַדאָמע“.

טאַראַבײַ האָט דענסטמאָל אפֿילע אין א ווערטל אָפּ אים זײַנע היפּשע רירעוודיקע אײגעלעך אויסגעגלאָצט און דאָס מויל צופֿיל גע־עפֿנט:

„ע?.. ער שמועסט שוין גאָר וועגן רענטע?..“

געבליבן א ווײַלע שטײן מיט א קלוימערשט דערשטוינט פּאָנעם און מיט אן אָפֿן מויל און אים גאָרנישט געענטפֿערט.

און אַזויפֿיל באַטײַט האָט דאָס שוין, אָט דאָס דערשטוינטע פּאָנעם זײַנס. ניט אומזיסט האָט אים שוין אין א קלײן שטיקל צײַט אַרום דערצײלט דער מעקלער, וואָס איז צו אים אָפֿט מיט זײַן פֿערד און וועגל געקומען:

„זאָל ער אַזוי לעבן, ווי נאָכעם טאַראַבײַ האָט אים, וועלוול בור־נעסן, האָ ניט לאַנג פֿאַר א גאַנצע מאַכנע סאָבריום געלויבט“.

„זאָל ער אַזוי א גליקלעך יאָר האָבן, ווי ער האָט דאָרטן געהערט פֿון נאָכעם טאַראַבײַס מויל:

„געדענקט מײַנע ווערטער: בא אוראָם־מוישע בורנעס וואַקסט א באָכער אן אַנטיקל, כ׳זאָג אײַך: א פּריצישער כאַראַקטער“.

★

אײנמאָל האָט אים שוין אפֿילע אָט דער נאָכעם טאַראַבײַ מעכאַ־בער געווען דערמיט, וואָס, דורכפֿאָרנדיק פֿאַרבײַ זײַן פֿולוואַרק, איז ער צו אים מיט זײַן גײַעם פֿאַעטאָן אײַן הויף פֿאַרפֿאָרן און האָט דאָרטן באַם אָנטרײַבער, אַלעקסײען, א פֿרעג געטאָן אָפּ פּויליש:

„צי פֿאַנג בורנעס דאָמאַ?“

אַרום פֿיר אזייגער באַטאָג איז דאָס געווען.

דורכן פֿענצטער האָט ער דערנסטמאָל טאַראַבײַען אַראָפּשפּרינגען פֿונעם פֿאַעטאָן דערזען, געוואָרן שטאַרק מעוואָלוול, אים געשווינד די טיר פֿונעם פֿאַרנטיקן, טאָמער געשלאָסענעם גאַנעק געעפֿנט און אים מיט גרויס דערעכערעצ צו זיך אין שטוב אַרײַנגעפֿירט.

ער האָט געהאַט אזעלכע שאַרפֿע און לעבעדיקע אייגעלעך, אָט זײַ קליינוווקסיקער פֿריצישער נאָגיד, באַמערקט אַפֿילע דאָס מעשענע בלעטל, וואָס איז אין דרויסן צו דער טיר פֿון גאַנעק געווען צוגעקלאַפּט, און, אַרײַנגייענדיק אין שטוב, אים געגלויבט:

„אָט אזוי!.. אזוי!.. כ'מיין, וואָס־זשע דען? צוליב וואָס לעבט מען אויף דער וועלט?“

און אַ טעווע האָט אָט דער נאָכעם געהאַט אַ סאַך צו פֿלאַפּלען וועגן זיך, וועגן זײַנע ברייטע מיסכאָרים און ברייטער שטוב, צו טײַטלען בעשאַסמײַסע מיט איינעם אַ פֿינגער צו זיך אינעם האַרטן קראַגן און אַרויסצורוקן אלעמאָל די האַרטע מאַנזשעטלעך פֿון אונטער די מיטלמעסיק קורצע אַרבל.

באַדאַרפֿט האָט ער סאַכאַקל קריגן בא אים אין פֿולוואַרק אַ צוויי־דרײַ הונדערט קלאַפּטער שטרוי צוליב זײַנע אָקסן־שטאַלן, וואָס אין צוקער־פֿאַבריק, נאָר וועגן דעם איז דאָך געווען גענוג צו ריידן אַנגעווערכע,[13] אַזעצנדיק זיך אין דרויסן אויפֿן פֿאַעטאָן. לעסאַטע האָט טאַראַבײַ געקאָנט אַ ביסל פֿריילעך פֿלאַפּלען, דערציילן וועגן זײַן עלטערן זון, וואָס דינט ערגעץ אין אַ גרויסער באַנק, וועגן קלענערן, וואָס לערנט אין פּאָליטעכניקום, און וועגן דעם דרײַ־און־צוואַנציק־יאָריקן מיידל זײַנעם, וואָס האָט שטאַרק ליב דעם דאָרף מיט דער היים און האָט, זיצנדיק דאָרטן די גאַנצע צײַט, דאָס לערנען פֿאַרשפּעטיקט:

זאָגט זי צו אים נישט לאַנג, אָט דאָס מיידל זײַנס:

„זי וויל פֿאָרן קיין אָדעס“.

ענטפֿערט ער איר:

„פֿאָר קיין אָדעס“.

קומט זי איַן דריַי וואָכן אַרום צוריק פון אָדעס, באַוויַיזט איַם שוואַרצ אַפ וויַיס און זאָגט איַם:

„דו זעסט, טאַטע, כ׳האָב אַפ זעקס קלאַסן אויסגעהאַלטן“.

און באַ איַם, דעם זיבנ־און־צוואַנציק־יאָריקן באָכער, האָבן זיכ שוין נאָכדעם א שטיק צייַט געדרייט איַנעם טעמפן קאָפ אַזעלכע מאָדנע געדאַנקען ווען טאַראַבייעם מיידל און ווען זייַן געוועזענער קאַלע. און געדוכט האָט זיכ איַם, אַז דאָס, וואָס טאַראַבייעם מיידל האָט אַפ זעקס קלאַסן אויסגעהאַלטן, האָט עפּעס א שייַכעס צו איַם, צו דעם, וואָס מירעלע האָט איַם די טנאָיִם אָפּגעשיקט און גייט אַרום מיטן סטודענט ליפּקיס; אַז אָט דאָס אַלצ מאַכט איַם קליין און צו גאָרנישט, אַז סאַפּקאָלסאָפּ טאָר ער עס אַפ וויַיטער ניט דערלאָזן און מ׳ון זוכן דערצו אַן איַיצע.

און דעמולט האָט זיכ מיט איַם געטראָפן דאָס, וואָס האָט זיכ איַינגנטלעכ מיט איַם טרעפן ניט באַדאַרפט.

ער האָט אָנגעהויבן צופיל וואַרפן אויגן אַפן „שייגעצ“, דעם האָרפּלערער, וואָס איז אַלע טאָג צום געלעכטער איבערגעוואַקסענע מיידלעך געגאַנגען, איַם צולעצט פאַרבעטן צו זיכ און אָנגעהויבן מיט איַם בישטיקע [14] לערנען.

איַינמאָל האָט ער אַפילע צו אָט דעם „שייגעצ“ געזאָגט:

„א סייכלדיקער לימעד—טישבויריעם... [15] גאָר א סייכלדיקער לימעד“.

און דער „שייגעצ“ איז געגאַנגען און האָט מיט לייצאָנעס זייַנע ווערטער צעפּויקט.

דעם געלעכטער מיידלעך האָבן זיכ שוין נאָכדעם געשטיקט פון געלעכטער יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן איַם נאָענט פאַרביַי זייער גאַנעק געזען דורכגיין. און דאָרטן איַן שטאָט האָט מירעלע איַינמאָל זייַנע שוועסטער אָפּגעשטעלט און מיט א שטאָך באַ זיי געפרעגט:

„ער קלערט, אַפּאָנעם, איַן אוניווערסיטעט אָנקומען, איַער וואָווע?“

IV

ווידער האָט ער זיך מיט נאָכעם טאַראַבײַ באַגעגנט.

דאָס איז געווען אין צוקער־פאַבריק, ווו ער האָט פאַר זײַנע צוגע־שטעלטע „בורעקעס" געלט באַקומען.

ער איז דאָרטן געשטאַנען פאַר טאַראַבײַען מיט דערעכערעץ פון א געטריַיען און שעמעוודיקן טאַלמעד און האָט געהערט, ווי ער פּלאַפּלט פריילעך וועגן דעם, וואָס ער האָט זיך ניט לאַנג מיט זײַן געוועזענער קאַלע אין שטאָט באַגעגנט און האָט מיט איר אן אײַ־דעלן שמועס געפירט.

דאָרטן, בא איר פאָטער אין שטוב, האָט ער זי פאַרן אוועקפאָרן, אפּן פריצישן שטייגער, ארומגענומען, איר געזאָגט „יאַסנאָוועלמאָזש־נאַ פּאַנא" און האָט איר וועגן אים, וועלוולען, שטילערהייט א סאָד אײַנגערוימט:

„ער האָט פאַר איר א שידעך... אן אַנטיקל א שידעך האָט ער פאַר איר".

און באַלד האָט ער צו וועלוולען מיט איין צוזאַמענגעצויגן אויג א שעלמישן ווונק געטאָן און האָט אים די האַנט אפּ די פּלייצעס אַרופגעלייגט:

„זאָל ער קיין יעסורים ניט האָבן און זיך פאַרלאָזן אפּ אים, טאַראַבײַען".

און א שוויַע האָט ער אים נאָך דערבײַ געגעבן:

„אזא יאָר אפּ אים, ס'אַרא טײַער ווײַבל מירעלע וועט פאַר אים זײַן".

ער איז דעמלט אזוי דאַנקבאַר געווען אָט דעם קלוגן פריילעכן טאַראַבײַען, געטראַכט וועגן אים, אהיים פאָרנדיק, מיט גרויס אבטונג און געשמייכלט צו זיך אליין:

„אָט דאָס הייסט א קלוגער מענטש... אָט דאָס הייסט א וועלטלע־כער מענטש".

עפּשער צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד איז ער נאָכדעם אופגערעגט און פריילעך געווען, צופיל מעכאַבעד געווען מיט טיי דעם מעקלער, וועל־

בער איז צו אים פֿון שטאָט געקומען, שוין אַפֿילו אַן איבעריקן מאָל געגאַנגען צום אָנטרײַבער זײַנעם אין שטאַל אַרײַן און פֿאַר אים פֿרײלעכערהייט איבערגעכאַזערט:

„מ׳באַדאַרף דיר קויפֿן אַ נײַ היטל, אַלעקסיי... זאָלסט מיר וועגן דעם דערמאָנען אין קרײַז־שטאָט...״

ס׳איז געווען גוט צו ליגן דאָ גאַנצע אָוונטן אױפֿן בעט, צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס דאָ אין פֿאָדערשטיבל וועט ענדלעך הענגען מירעלעס האַרבסט־סאַק, און צו פֿאָרשטעלן זיך, ווי אַזוי ער וועט אַמאָל, ליגנדיק דאָ אין דעם זעלבן בעט, ענטפֿערן מירעלען:

„וואָס־זשע? ער „זשאַלעוועט״ איר די פֿור, „זשאַלעוועט״ ער איר? אױב זי וויל פֿאָרן אין שטאָט, טאָ זאָל זי הייסן די פֿור שפּאַנען און פֿאָרן״.

אָפּעפּעס האָט ער געוואַרט, ניט געהאַט קיין געדולד און האָט געוואָלט טרעפֿן, ווי אַזוי טאַראַביי וועט זײַן האַפּטאָכע מעקײַעם זײַן. 16

„וועט, הייסט עס, אײַנגיבן טאַראַביי צו זיי אין שטאָט אַראָפּקומען... געוויס וועט ער אײַנגיבן צוליב זײַנע געשעפֿטן אַהין אַראָפּקומען און וועט צו זײַן מעכוטן פֿאַרפֿאָרן״.

נאָר טעג נאָך טעג האָבן זיך גערוקט, און טאַראַבייס פּאַטאָן האָט זיך נאָך אַלץ דאָרט אין שטאָט ניט באַוויזן.

מירעלע האָט נאָך אַלץ פֿאַרן קרומען סטודענט, ווי פֿאַר אַן אייגענעם ברודער, געזאָרגט. זיך שוין אַפֿילו אין זײַנע אינטערעסן געמישט און אונטער זײַנע אויגן פֿאַר אים געטײַנעט:

„וואָס־זשע דען? ס׳איז אַ טאַכלעס פֿאַר אים אָט חאָס, וואָס ער וועט דאָ בײַ זײַן מאַמעס פֿאַרטעך זיצן און וועט די שטאָטמיידלעך טוירע לערנען?״

קיין נײַעס איז דאָרטן אין שטאָט ניט פֿאָרגעקומען, אַחוץ דעם, וואָס שלעכטע קלאַנגען האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן וועגן דעם אַלטן קאַשפּעריוּוקער גראַף, וועלכער האָט שוין דעמאָלט אין אויסלאַנד בײַ זײַן אײדעם געוווינט:

„דער גראַף זעצט אָן, ניט אַנדערש, און קאַשפּעריוּוקע גייט איבער צו דער באַנק״.

די מאמע זײַנע האָט אים אהער אָפּטע בריוולעך וועגן אָט די קלאַנגען געשריבן, געשאָלטן אין זיי דעם געוועזענעם מעכוטן מיט דער געוועזענער כאַלע און זיך געהאַלטן אין איין קלאָגן:

„זעקס טויזנט רובל... א שפּילכל? הײַנטיקע יאָרן זעקס טויזנט רובל”.

און וואָס נאָך:

„די וועקסלען זײַנען האָבן נאָך אַראָיעם אַפּ גדאַליע הורוויצעס נאָמען געשריבן, און דער גראַף קען קיינעם נישט, אַכוץ אים”.

אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין האָט ער ווידער אָנגעהויבן אָפּצו־שלאָגן פיל פאַרקירצטע און קילע טישרעדיקע [17] טעג, פאַרפולט די לופט פון זײַנע שטילע אויסגעמעבלירטע שטיבל מיט א שווערן און אומעטיקן שנאָרכן, זיך אַלעמאָל אויפגעכאַפּט און זיך דערמאָנט:

יעסורים שווערע זײַנען אַפּ אים געקומען... און גאָרנישט וועט ניט זײַן דערפון, וואָס ער האָט די גאַנצע צײַט וועגן מירעלען געקלערט... און דעריקער... דעריקער — איז ער א נאַר געוועזן און האָט צופיל געלט אַפּן מעבל און אַפּ די נײַע פערד געפּאַטערט.

נאָכדעם איז איינמאָל דאָ אין דאָרף א סאָף פון א מאָדנע וואַרעמער זונטיק געווען. די זײַטהימלדיקע זון האָט אין רויט־גאָלד שטראַלנדע דעכער מיט אָפּגעפּאַלענע ביימער געפאַרבט, און גוייִם אין שוואַרצע סוויטקעס זײַנען בײַ דער קראָם פון דער איינזאַמער ייִדי־שער שטוב געשטאַנען, זיך איבער דער רויטער שײַן געפרייט צו קינ־דעריש און צו גוט, געטראַכט עפּעס וועגן דעם ברויט, וואָס דערמיט האָבן זיי זיך אַפּ א זאַט ווינטער פאַרגרייט, און געשמייכלט איינער צום צווייטן:

„צײַט די ווענט פון די שטיבער מיט אויסגעדראָשענע סנאָפּעס אַרומשטעלן, א?“

צו אים איז דערמלט דעם טאַטנס א מענטש מיטן גראַפס וועקס־לען געקומען, אים פון שלאָף אויפגעוועקט און אים א מאָדנע אויסגע־רעכנטע ידיעה איבערגעגעבן:

„דער אַלטער גראַף איז נאָך באַנאַכט קיין קאַשפּעריווקע געקו־

מען, און דער מעכוטן זײַנער... דער מעכוטן האָט נאָך א סוואָרע, גאנצפרי אהין מיט זײַן פור אוועקגעשמיסן".

פארשלאָפענערהייט איז ער מיט זײַן פור קיין קאשפעריווקע אוועק־געלאָפן, געטראָפן דעם אלטן גראף אײנעם אליין, אינעם פוסטן הויז, ווו דאָס מעבל איז שוין אפילע פארפאקט געווען, און בײַ אים בײַ־שלוימעס 18 באקומען אף אלע זײַנע וועקסלען, וועלכע זײַנען אף גראַ־ליע הורוויצעס נאָמען געווען. דער אלטער גראף האָט נאָך אפילע גע־מיינט, אז ער, גראליע הורוויץ, האָט אים אהער מיט די וועקסלען צוגעשיקט און דערפאר געבעטן, ער זאָל אָט דעם גראליע הורוויצן איבערגעבן:

„זעקס טויזנט רובל צאָלט ער אים אײַן, און די איבעריקע דרײַ טויזנט... די איבעריקע האָט ער איצט ניט און וועט זיי אים פון אויסלאנד צושיקן".

און ער האָט פארשטאנען, אז זײַן געוועזענעם מעכוטנס דרײַ טויזנט רובל זײַנען פארפאלן, געפילט, אז ער טוט איצט א נידעריקע זאַך, און דאָך צום גראף מיטן קאָפּ געשאָקלט:

„גוט, גוט... ער וועט אים איבערגעבן".

ערשט שבילעס נאכט, ווען, אומקערנדיק זיך אהיים, האָט ער זיך מיט זײַן פור אפן ערשטן בארג, וואָס נאָך קאשפעריווקע, ארופגעדראפעט, האָט ער פונוויטנס זײַן געוועזענעם מעכוטנס פור מיטן קלײנעם שייג־נעץ, דעם אָנטרײַבער, דערקענט, דערפילט א שטארקע הארצקלאפונג און געשווינד געהייסן זײַן אָנטרײַבער פארקערעווען לינקס צום זײַטיקן און שטארק שמאָלן וועג. ער איז געווען דערשראָקן, זיך עפעס ניט געגלייבט און האָט צום ערשטן מאָל וועגן דעם מעכוטן זײַנעם א טראכט געטאָן:

„איז ער, אפשר, פון גאנצפרי אָן בײַ זיך אין וועלדל געווען?.. פאָרט ער אָקאָרשט איצט צום קאשפעריווקער גראף?"

און איבער עפעס האָט ער נאָך אלעמאָל פונעם זײַטיקן וועג צו זײַן מעכוטנס פור אויגן געוואָרפן און האָט געזען:

די לאנגע אויסגעדארטע פערד זײַנען, ווי אלעמאָל, שלעכט אין דער אָפגעפארענער ברישקע געשטאנען, באם רעכטן פערד זײַנען די

פּאַסטראָמקעס צו קורץ, אונ ער האַלט דערפֿאַר אינ איינ שפּרינגענ, באַמ לינקנ, מיטנ אויסגעגלאָצטנ בלינדנ אויג, זײַנענ די „שלייעס" צו גרייס, אונ ער שלעפּט דערפֿאַר ניט מיט דער ברוסט, נאָר מיטנ אָנ-הייב הויקנ. פֿונ אויבנ זיצט מיט פֿאַרלייגטע הענט ר' גדאַליע הורוויצ אַליינ, דער צעטראָגענער קאָפּ מיט דער שפּיציקער נאָז אונ מיט די גילדענע ברילנ א ביסל פֿאַרויסנ אונ די טונקעלע צווייווײַטיקע באָרד פֿאַנאַנדערגעלאָזנ אַפֿ רעכטס אונ אַפֿ לינקס.

ער איז געווענ שטאַרק אומעטיק אונ דערשראָקנ, אונ האָט גע-טראַכט:

„איז שוינ, הייסט עס, מיט די טנאָימ אונ עק... לאַבלוטע אונ עק?.."

★

אױפֿנ צווייטנ טאָג איז ער אויפֿגעשטאַנענ גאַנצפֿרי אונ האָט גע-הייסנ די פֿור שפּאַנענ.

אינ דרויסנ איז געווענ וואָלקנדיק אונ קיל, אונ א רעגנדל, א קאַפּ-טישרעדיקס, האָט זיכ אַלעמאָל טריפֿנ געלאָזט, אָנגעהויבנ, אויפֿגעהערט אונ זיכ ווידער געלאָזט.

ער האָט דעמ גאַנצנ וועג אינ שטאָט אַרײַנ געהאַט א בארויגעז אונ שטאַרק אומעטיק פּנים, געטראַכט וועגנ נאָכעמ טאַראַבײַמס שטאָלצנ אונ שלעכט שווײַגנדיקנ מיידל, וועלכעס ער האָט איינמאָל אינ קרײַז-שטאָט געזענ, אונ איז צו א באַשלוס געקומענ:

„זי וועט אימ ניט וועלנ, נאָכעמ טאַראַבײַמס מיידל, געוויס וועט זי אימ ניט וועלנ".

נאָכ באַנאַכט האָט ער, טראַכטנדיק וועגנ מירעלענ, באַשטימט.

„ער וועט אַהינ, צומ מעכוטנ זײַנעמ, צופֿאָרנ אונ וועט אימ זײַנ כיילעק געלט אָפּגעבנ".

אימ אַליינ איז שוינ אָט דער באַשלוס אַזוי געפֿעלנ געווענ, אונ געוואָלט האָט ער שוינ אַפֿילע וויסנ, וואָס וועלנ דערפֿונ זאָגנ מענטשנ, אונ דעריקער... וואָס וועט דערפֿונ זאָגנ נאָכעמ טאַראַבײַ.

נאָר, אַרײַנקומענדיק צומ פֿאָטער אינ שטוב, האָט ער דאָרטנ נאָכ אינ קאָרידאָר דערהערט ווי אינ קליינעמ קאַבינעטל שרײַט שוינ מיט

היץ ר׳ גדאליע הורוויצעס צוגעשיקטער בוירער,[19] און ווי דער טאטע זײַנער שלאָגט אים דאָרטן אַלעמאָל איבער די רייד מיט זײַן שטילער אמעראַצישער טײַנע:

„און ווי וואָלט געווען זײַן, ווען ס׳וואָלט געווען טרעפן פארקערט?“

ער איז דאָ א ווײַלע געשטאַנען און זיך צו די טײַנעס צוגעהערט. אין מויעך האָט זיך בא אים נאָכאמאָל די שײַלע איבערגעכאַזערט:

„איז שוין, הייסט עס, אַן עק צו די טנאָיִים?.. איז שוין, הייסט עס, נאָך אלעמען?“

און איבער עפּעס האָט ער זיך געלאָזט גיין ניט אין קליינעם קאַבינעטל, נאָר גאָר אהין אין עסצימער, וווּ די מאַמע זײַנע האָט פאַרבעטן די געוועזענע קאַלע זײַנע געשאַלטן. ער האָט דאָרטן מיטאמאָל באקומען א שטרענג און אומצופרידן פּאָנעם און האָט אַף איר בייז און לײַטיש אָנגעשריען:

„שאַ! קוק זי נאָר אָן?!“

צווייטער טייל

I

געפּלאָנטערט האָבנ זיכ אַלצ מער אונ מער ר׳ גדאליע הורוויצעס געשעפטנ, אונ אַ באַהאַלטענע אומרויִקייט איז שוינ געפֿאַלנ אַפ אימ, דעמ צעטראָגענעמ בענ־טוירע, אונ אַפ זײַנ גאַנצער יִכעסדיק שטילער, נעגידישער שטוב.

וועגנ עפּעס האָבנ זיי זיכ שוינ גאַנצע נעכט געסוידעט. ר׳ גדאליע מיטנ וועלטלעכנ געשוועסטערקינד, דעמ קאַסיר אונ גרויסנ מעקורעוו [20] זײַנעמ. סוידענדיק זיכ, איז מענ אַזוי ביידע אינ אַ באַזונדערנ כיידער די גאַנצע נאַכט אָפּגעזעסנ אונ די דריטע אשמוירע [21] ניט באַמערקט, געעפֿנט צולעצט אַ לאָדנ מיט אַ פֿענצטער אונ דערזענ:

פֿונ צאָפֿנ־מיזרעכדיקנ הימל־ווינקל קומט שטיל אונ טרויעריק דער טונקעלער אָנהייב פֿונעמ עלעלדיקנ [22] טאָג, רוקט זיכ אָהער פּאַמעלעכ־פּאַמעלעכ אונ טרײַבט פֿונדאַנענ, ווי אַ שטומער, די לעצטע רעגעס פֿונ דער בלאַסער, פֿאַרשפּעטיקטער נאַכט. אַרומ איז שוינ אַלצ גרוי; בעהיימעס, וואָס געפֿינענ זיכ נאָכ אינ די פֿאַרשלאָפֿענע באַלעבאַטישע הויפֿנ, שרײַענ שוינ מיט אַזאַ בענקשאַפֿט צו זייערע פֿאַרשפּאַרטע קעלבלעכ אונ צו דעמ נאַסנ גראָז, וואָס אינ פֿעלד, אונ הענער דער־וואַכנ שוינ צומ דריטנ מאָל אינ פֿאַרשיידענע ווינקלענ, וואָס אינ שטעטל, אונ אינ אַרומיקנ גוייִשנ דאָרפֿ. זיי שרײַענ פֿונ נאָענט אונ פֿונ ווײַט, אונ כאַפּנ אויס איינער באַמ צווייטנ די ערשטע אויסגעצויגענע טאָג־בראָכע:

„קו־קו־רו־קו־ו!“

דער באַטראַכטער און שטאַרק איבערגעגעבענער קאַסיר, דער קאַרעוו, האָט זיך דענסטמאָל נאָך אַלץ פאַרקלערט און פאַמעלעך מיט אַ פינגער אין נאָז געקאַלופּעט, און דער טאָמער צעטראָגענער ר׳ גדאליע האָט פאַר אים ווי אַלעמאָל מיט נייַע, ברייטע פּלענער געשאָטן און זיך אַלעמאָל אַזוי נאָענט צו אים, דעם פאַרקלערטן קאַסיר, צוגעבויגן, גלייַך ווי ער וואָלט אים פון דער זייַט גאָלדענע ברילן וועלן אַריבערנעמען און בײַ אים געשווינד פרעגן:

„וואָס? ביסט אַזוי?"

מער ווי שטענדיק האָט ער זיך שוין אין יענער צייַט באַנוצט מיט זייַן ווייכער גאַליציאַנישער אויסשפּראַך און, זיצנדיק, זיך מיט זייַן גאַנצן אויבערשטן האַלבן גוף אַ וואָרף געטאָן פאָרויס, יעדעס מאָל, ווען אַ מענטש איז צו אים אין שטוב אַרייַנגעקומען: גלייַך ווי עמיצער וואָלט דענסטמאָל פּלוצעם אַ דריק געטאָן עפּעס אַ פאַרהוילן עלעקטריש קנעפּל, וואָס פון הינטן, אין זייַנע פּלייצעס, און וואָלט אים נויטן, ער זאָל זיך מיטאַמאָל צוליבן קאָווער פונעם גאַסט אַ נייג טאָן און זאָל מיטאַמאָל פון זיך אויסשיסן די פּאָר געוויינלעכע ווערטער:

„זיצט, ר׳ ייִד!"

פאַר עפּעס אַ סאַקאָנע האָט מען זיך דאָרטן אַלע צוזאַמען געשראָקן און מוירע געהאַט, זי זאָל אין יעדער רגע אין שטוב ניט אַרייַנקומען; מוירע געהאַט האָט מען אַזוי ביז שפּעט צו ווינטער־צו, ווען איבער אַ נאַרישקייַט האָבן זיך די געשעפטן נאָך מער פאַרדרייט, און צעטראָגענע מייַסעלעך האָבן זיך קוים איבער דער גאַנצער געגנט געלאָזט הערן:

אַ מייַסע מיט ר׳ גדאליע הורוויצעס אַ לאַנגאָנעדיקן סוינע פון קרייַז־שטאָט, וואָס האָט דאָרטן אין באַנק דעם עמעסן קנייטל פאַר אים געלייגט.

אַ מייַסע מיטן אַלטן דירעקטער פון אָט דער זעלבער באַנק, הורוויצעס אַ שטענדיקן גוטן פרייַנט, וואָס האָט אַליין אָנגעזאָגט, מע זאָל זייַן זאָהיר ווע־זאָהיר [23] און מע זאָל אים מער קיין קאָפּעקע קרעדיט ניט געבן.

צו אָפֿט איז שוינ דענסטמאָל ר' גדאַליע מיט זײַנ אײגענער פֿור אינ קרײַז־שטאָט געלאָפֿנ.

פֿאָרנ האָט ער זיכ אַהינ געלאָזט ס'ראָוו נאָכ אומ זונטיק, אומגע־ קערט האָט ער זיכ פֿונ דאָרטנ קימאַט אַלעמאָל אָקאָרשט פֿרײַטיק פֿאַר ליכט־בענטשנ, אַרײַנגעלאָפֿנ מיט אײַלעניש אינ שטוב אונ דערזענ:

אינעמ שוואַרצנ זײַדענעמ קאַפּטל, אינעמ שאַבעסדיקנ פֿאַריק מיט די בריליאַנטענע אויריגלעכ זיצט שוינ גיטעלע, דאָס ווײַב זײַנס, בײַ די זילבערנע לײַכטער, וואָס אפֿנ ווײַס געשפּרייטנ טיש מיט די צוגע־ דעקטע כאַלעס; זי קוקט אפֿ די רויטע, ניט לאַנג אויסגעזייפֿטע נעגל אונ וואַרט, אַז אינ דער קאַלכיקער שורע הײַזער, וואָס קעגנאיבער דעמ וועג, זאָל זיכ באַווײַזנ אינ פֿענצטער דאָס ערשטע פֿרײַטיקצונאַכטי־ קע פֿײַערל אָנצינדנ.

ר' גדאַליע איז דענסטמאָל, ווי שטענדיק, געווענ שטאַרק באַשעפֿ־ טיקט אונ צעטראָגנ, געטרונקענ אפֿיכ בײַ אָט דעמ טיש טײ פֿונ דער שאָל אונ ניט באַמערקט, אַז דער דאַשעק פֿונ זײַנ זײַדענעמ היטל שטייט בײַ אימ אַ ביסל אָנ אַ זײַט. צווישנ איינ שלונג אונ צווייטנ האָט ער געשווינד אפֿ גיטעלעס אָנפֿראַגנ געענטפֿערט:

„איז ער אוועקגעלאָפֿנ צו יענעמ „טשליענ", [21] וואָס אפֿ אימ האָט דער דירעקטער אימ געזאָגט, אַז ער איז דער איקער".

„איז ער פֿונ יענעמ „טשליענ" אוועקגעלאָפֿנ צוריק צומ דירעק־ טער"...

„האָט ער שוינ דאַפֿקע בײַ זײ ביידנ געפּועלט... נאָר דער דריטער „טשליענ", אַנ אַלטער גענעראַל איז ער, אונ דער פֿערטער, אַ פּאָליאַק... אַ מאַגנאַט, צו זײ וועט ער, מיט גאָטס הילף, די קומענדיקע וואָכ קריגנ פּראָטעקציעס... געוויס וועט ער קריגנ".

ער איז ביכלאַל ניט געווענ בײַ זיכ געפֿאַלנ אונ האָט געהאַט גרויס ביטאָכנ; צעטראָגנערהייט האָט ער נאָכ אינזינענ געהאַט מאַטאָנעס אַהיימ צו ברענגענ, אונ אפֿילע אײנמאָל אַ שפּיציק ווערטל געזאָגט וועגנ דעמ נײַעמ זײַדענעמ היטל, וואָס ער האָט זיכ אַליינ פֿונ קרײַז־ שטאָט געבראַכט. גיטעלע איז דענסטמאָל מיט אָט דעמ היטל אַזוי ניט צופֿרידנ געווענ.

„ער קלײַבט זיכ אַלײנ צו אַ הױטל, האָט זי געטײַנעט, אונ באַמערקט ניט, אַז עס פֿאַלט אים אַריבער ביז די אױערנ".

אונ בײַ אים, דעם צעטראָגעגעמ קאָפּ, האָט דענסטמאָל אַ שמײכל געטאָנ ניט מער װי די אָנגעשטרענגטע שפּיציקע נאָז:

„ניטעלע מײנט, אַז דער קאָפּ איז בײַ אים דענסטמאָל געװענ אינ קרײַז־שטאָט? דער קאָפּ איז בײַ אים דענסטמאָל געװענ אינ דער היימ".

אונ באַלד האָט ער אָפּ זיכ דאָס שאַבעסדיקע אױבערשטע געצַ־באַפּט אונ איז אַװעקגעלאָפֿנ מעקאַבל־שאַבעס [25] זײַנ אינ יענער אַלטער סאַדעגורער קלױז, װוּ אינ בײדע זײַטנ פֿונ זײַנ מיזרעכדיקער שטאָט זײַ־נענ נאָכנ דאַװנענ אַ פּאָר ערלעכע גװירימ יונגעלײַט נאָכ אַ װײַלע אָפּ־זײערע ערטער געזעסנ, געקוקט אָפּ אים מיט בעקאָװעדיקע אונ קעצנ־דאַנקבאַרע אױגנ אונ זײַנענ אינ יעדער רעגע גרײט געװענ צו װינטשנ אים אױלעמאַבע [26] דערפֿאַר, װאָס ער האָט זיכ מיט זײ אָרנטלעכ צע־רעכנט אונ האָט זײ באַצײַטנס זײערע כױװעס אָפּגעצאָלט.

זײ זײַנענ אים אַװאַדע געװענ גוטע פֿרײַנט, אָט די פּאָר ערלעכע גװירימ יונגעלײַט, װאָס אינ די זײַדענע קאַפּאָטעס, גאָר זײער געלט איז געװענ בײַ זײ אַזױ טײַער, אונ שולדיק האָבנ זײ זיכ אַזױ געפֿילט, פֿאַרװאָס זײ האָבנ דאָס אים, הורװיצנ, מױרע געהאַט צו געטרױענ; זײַנענ זײ שױנ, גײענדיק אַהײמ, געװענ אַזעלכע שװײַגנדיק טרױע־ריקע אונ אָפּט פֿלוצעמ אונ ניט צו דער זאַכ צו עמעצנ אַ זאָג געטאָנ:

„פּאָרט אַ לײַטישער מענטש, ר' גדאַליע, אַ? נאָר, גאָר אַ לײַטישער מענטש".

★

אינ שטאָט איז מענ דערװײַל שטאַרק נײַגעריק געװענ אונ גע־װאָלט װיסנ דעמ סאָפּ:

ער װעט זיכ אַמאָל אױסדרײענ, ר' גדאַליע, צי נײַנ?

אַזױפֿיל האָט מענ שױנ דענסטמאָל מיט דעמ צו טאָנ געהאַט אונ אַזױ אָפּט האָט מענ שױנ װעגנ דעמ דענסטמאָל גערעדט.

ניט געװאָלט האָט נאָר װעגנ דעמ רײדנ מירעלע, די באַסיעכידע

זײַנע, אָט די ציטעריק דערצויגענע שלאַנק־וווקסיקע באַשעפעניש, וועלכע פלעגט שוינ דענסטמאָל מאַכמעס ליבע צום פאָטער, צו מאַכ־מעס ליבע צו זיכ אַלײנ, אַפ אַ גאַנצנ טאָג פונ שטוב אוועקגײנ.

צופיל פאַרקלערט אונ קאַפּריזנע איז זי שוינ דענסטמאָל געווענ, אונ צופיל שטרענג האָט זי זיכ שוינ דענסטמאָל געפירט אַפילע מיטנ קרומענ סטודענט ליפּקיסנ, וועלכער איז צוליב איר דאָס יאָר אינ אוניווערסיטעט ניט געפאָרנ אונ איז איר אומעטום הינקעדיקערהייט נאָכגעגאַנגענ. גאַנצע שאָענ האָט זי, גייענדיק לעבנ אים, געקאָנט פאַרגעסנ, אַז ער לעבט נאָכ אַפ דער וועלט, זיכ פּלוצעם אַפ אים אומגעקוקט אונ באַקומענ אַזאַ מאָדנע דערשטויגט פּאָנעם, גלײַכ ווי זי וואָלט זיכ שטאַרק וווּנדערנ אונ וואָלט ניט פאַרשטײַענ:

„זע נאָר?! ער גייט נאָכ אַלץ לעבנ איר, ליפּקיס! אונ זי האָט געמיינט, אַז ער איז שוינ לאַנג בײַ זיכ אינ דער היימ“.

אונ ווענ זי האָט זיכ שוינ יאָ אַמאָל אַפ אים אומגעקוקט, האָט זי אים געמוזט ניט אַנדערש ווי מיט עפּעס אַ וואָרט אָנרירנ:

„ליפּקיס, פאַרוואָס וואַקסנ בײַ אײַכ אַזוי מאָדנע די וואָנצעס? בײַ קיינ שומ מענטשנ וואַקסנ זיי ניט אַזוי מאָדנע, ווי בײַ אײַכ“.

אָדער:

„אינ אַלגעמיינ זעט איר נישקאָשעדיק אויס, ליפּקיס, נאָר ווענ מ׳קוקט זיכ גוט צו אײַכ צו, זײַט איר מוירעדיק ענלעכ אַפ אַ „יאַפּאָנעצ“.

ער האָט זיכ טאַקע אינ יענער צײַט געפילט לעבנ איר מוירעדיק שלעכט אונ קיינ דיבורימ אינ מויל ניט געהאַט; האָט געטראַכט לאַנג וועגנ דעמ, וואָס זי שווײַגט, געקומענ פיל מאָל צום באַשלוס, אַז ס׳איז נייטיק איר צו זאָגנ עפּעס אַ גוט וואָרט וועגנ איר פאָטערס לאַגע אונ וועגנ דער קאָכעניש, וואָס קומט פאָר בײַ זיי אינ שטוב, אונ צולעצט איינמאָל צו שטאַמלענ אָנגעהויבנ:

„פאַרשטייט ער, הייסט עס, גאַנצ גוט, אַז „אומגליק“ הענגט אָפּ ריישיס קאָל נישט אָנ „געלט“. אונ דאָכ... ווייסט נישט, פאַרוואָס דאָס איז יעדעס מאָל, וואָס ער קומט די לעצטע צײַט אַרײַנ צו זיי

אין שטוב און דערזעט דאָרטן דעם פֿאָטער אירן, ווײַזט זיך אים אויס, אַז ס׳קומט פֿאַר אַרום אים אַ טראַגעדיע״.

נאָר מירעלע האָט זיך דענסטמאָל אפילו צו אים מיטן פּאָנעם ניט אומגעדרייט, געקוקט שווײַגנדיק מיט די בלויע אויגן אַהין, ווו ס׳איז פֿאַרגאַנגען די זון, און געזאָגט אַזוי גלײַכגילטיק און קאַלט:

„נו, אַנטלײַט אים צוועלף טויזנט רובל, וועט ער זיך אויסדרייען״.

און ווידער האָט זי מיטן טרויער, וואָס אין אירע בלויע אויגן, שווײַגנדיק געקוקט אַהין, ווו ס׳האָט זיך געזעצט די זון.

ס׳איז געווען מאָדנע: אָט די ציטעריק דערצויגענע באַשעפעניש האָט אפילו געוווּסט, וויפֿל ס׳גייט אָפּ דעם פֿאָטער אירן אַף צו ראַטעווען זיך. מעגלעך, זי האָט אויך געוווּסט, אַז ווען זי לאָזט דעם שידעך מיט וועלוול בורנעס ניט אָפּ, וואָלט אים זײַן פֿאָטער אַווראָמ-מוישע גרינג אָט די סומע געגעבן. מעגלעך, אַז זי האָט פֿיל וועגן דעם געטראַכט, און אַז דערפֿאַר האָט זי שוין אַזוי גרינג און פּאַשעט די ווערטער אַרויסגעזאָגט:

„נו, אַנטלײַט אים צוועלף טויזנט רובל, וועט ער זיך אויסדרייען״.

און ער, דער קרומער סטודענט ליפּקיס, האָט זיך איבער אָט די ווערטער פֿלוצעם דערמאָנט אין דער מוטער זײַנער, דער אַלמאָנע, וואָס ער מיטן עלטערן ברודער האָבן איר געגעבן אַף צו לעבן, און אין דעם אַלטן פֿאַלטאָ, וואָס זי האָט אים נאָכגעטראָגן דענסטמאָל, ווען, פֿאָרנדיק מיט מירעלען אין קרײַז-שטאָט, האָט ער אין אײַלעניש גע-הונקען צו דער פֿור, וואָס אַף איר האָט זי אַף אים געוואַרט.

מירל האָט, דוכט זיך, דענסטמאָל, זיצנדיק אַפֿן פֿאַעטאָן, גע-שמייכלט און אין אַ צווייטער זײַט געקוקט.

פֿאַרוואָס האָט זי דענסטמאָל אין אַ צווייטער זײַט געקוקט? דער-פֿאַר, וואָס פֿון דער שטאָט איז דענסטמאָל איר געוועזענער כאָסן אַף זײַן פֿור אָנגעפֿאָרן? צי נאָר דערפֿאַר, וואָס מיט אָט דעם אַלטן פֿאַלטאָ האָט די מאַמע זײַנע אַלע שאַבעס אין אויוון דעם טשאָלנט אײַנגעדעקט?

נאָר אײַגנטלעך איז דאָך אָט דאָס געפֿעסטעטע און אײַנזיכטיקע

מײדל נישט געװענ פײַק צו פארטראכטנ זיכ װעגנ אװאָסער־ניט־אינ־מענטשנ, װעלכער האָט אויסער איר אײגענער באַסיעבידישער נעשאָמעלע געלעבט.

ליפקיס האָט דאָס ערשטע מאָל אינ א צײַט ארומ אָנגעהויבנ אזוי גוט צו פארשטײנ אונ האָט עס איר נאָכדעמ אפילע פירגעהאלטנ אינ זײַנע פיל בריװ, װעלכע ער האָט איר ניט געשיקט.

„ביכלאל, האָט ער צו איר אינ אײנעמ פונ אָט די ניט־אװעקגעשיקטע בריװ געטײַנעט, צי האָט זי שוינ געקאָנט נעמענ צומ עגאַיסטישנ הערצעלע אירנ אפילע די לאגע פונ איר אײגענעמ אומגליק צעטראָגענעמ אונ שטארק געדריקטנ טאטנ, װאָס זי, די דערװאקסענע, האָט זיכ ניט געשעמט פאר א פולער שטוב מענטשנ אימ צו נעמענ קושנ?“

*

אָט איז מיט א טויב־שטילקײַט פארגליװערט געװאָרנ די מיטלמעסיק קאלטע לופט, אונ די ערשטע שנײענ האָבנ זיכ אויסגעלײגט אפנ דערשלאָגענעמ שטעטל אונ אפ דער ארומיקער װינטערדיק פוסטער געגנט.

קײנ מינוט האָט זי זיכ שוינ באמ פאָטער אינ שטוב ניט געקאָנט אײַנהאלטנ, ארומגעבלאָנדזשעט אינ מעשעב פונ גאנצע קורצע טעג אפ די ארומיקע פארבלאָזענע פעלדער אונ האָט דאָרטנ אומעטומ בימאָנים פונ אירע מיט ליפקיסעס טריט געלאָזט. מאָרגנ האָבנ זײ־ענסטמאָל אויסגעזוענ. אינ דער װײַטער פארקילטער לופט, װאָס צװישנ קויטיקע הימלענ מיט שנײ־װײַסער ערד, צװײ מענטשנ, װאָס בלאָנקענ אזוי שװײַגנדיק איבער אָט די הארבאָװעדיקע פעלדער ארומ אונ רײדנ זעלטנ אײנער צומ צװײטנ. עס שװײַגנ ארומ זײ מיט א שטילקײַט פונ אװײלעמ, [27] פונ אנ אײנזאמ פויערימ־שטיבל, װאָס אונטער א װײַסנ פארשאָטענעמ דאַכ, ביז א פארפרױרענעמ טײַכל, װאָס ערגעצ אינ א נאָענטנ טאָל; דרעמלענ ערגעצ אינ פארשײדענע האָריזאָנטװינקלענ יענע אָפּגעװײַסטע װעלדלעכ, װעלכע האָבנ זיכ טיפ־טיפ אינ שנײ אײַנגעגראָבנ, זעענ אויס פונ דאָרטנ פרעמד אונ גרינ, אונ נארנ

דאָס אויג פונ א מענטשנ, וואָס טראָגט זיכ דאָרטנ זעלטנ־ווענ אַפּ א לויפנדיקנ שליטנ אדורכ.

„זע נאַר! ס'זאָל שוינ זיינ די רעמבענע וועלדלעכ, זאָל עס שוינ זיינ?"

קיינער האָט ניט באמערקט, ווי זי איז דעמסטמאָל מיט ליפּקינג אַפּ „דו" געוואָרנ אונ אימ בא זיינ פּאַשעטנ נאָמענ רופנ אָנגעהויבנ.

„זי, מירל, האָט זי אימ איינמאָל, ארומשנאָרנדיק אַפּ אָט די פּארבלאָזענע פעלדער, געזאָגט, זי הייבט אימ, געוויינלעכ, אפילע ניט אָנ צו ליב האָבנ, נאָר צייטנווייז פילט זי זיכ גלאט אזוי גוט, וואָס ער געפינט זיכ לעבנ איר. ער, ליפּקינ, פארשטייט עס, צי נייג?"

אונ, צובייסנדיק די אונטערשטע ליפּ, האָט זי אימ באלד גענומענ שנעלנ אינ נאָז, קעדיי ער זאָל עס פארשטיינ, אונ אימ געבראכט דערצו, אז זיינ פּאָנעמ האָט אָנגעהויבנ נאריש צו שמייכלענ.

בא איר אליינ האָט זיכ שוינ דעמסטמאָל געהאט געשטארקט דער טרויער, וואָס אינ די בלויע אויגנ, אונ מיט א מעלאנכאָליש פייערל האָט ער שוינ פונ צייט צו צייט פונ דאָרטנ ארויסגעקוקט, פארקלערטערהייט האָט זי דעמסטמאָל לאנג־לאנג אינ דער האלב־נעפּלדיקער ווינטער־וויט ארייגעקוקט אונ מאָדנע שיילעמ דערביי אופגעגעבנ:

„ליפּקינ, איר הערט, ווי די וועלט שווייגט?"

ליפּקינ האָט געפילט, אז ער באדארפ עפּעס וועגנ אָט דער שטילער וועלט זאָגנ, געמאכט לאנגע האכאָנעס מיטנ האלדז אונ מיט די אקסלענ אונ צולעצט אָנגעהויבנ:

„יאָ, ניט קרומ וואָלט געווענ זיכ אזוי איגצווייענ איבער אָט די פעלדער אוועקלאָזנ אונ זיכ שוינ מער צוריק ניט אומקערנ".

אונ זי האָט צו זיינע ווערטער אפילע נישט אָנגעהויבנ זיכ צוהערנ, נאָר אלצ געקוקט ערגעצ אהינ, אינ דער האלב־נעפּלדיקער ווייטקייט אונ זיכ פארקלערטערהייט דאָס איריקע ווייטער גערעדט:

„ער שטעלט זיכ פאָר, ווי איר איז איצט אלצ פרעמד אונ אלציינס?"

אונ אינ א ווייַלע ארומ ווידער וועגנ דעמ זעלבנ:

„ווענ מיט איר צוזאמענ קערט זיכ איצט איבער אָט די גאנצע

פארפרוירענע וועלט, וואלט זי אפילע קיינ געשריי ניט געטאנ פונ שרעק".

גאר צייטנווייז האבנ זי ווידער באהערשט א מאדנע סימכע מיט א ווילדנ ביישעק צו לעבנ; דענסטמאל האט זי זיכ בעשומויפנ ניט געוואלט אומקערנ אהיימ אונ געהאלטנ אינ איינ דערציילנ וועגנ דעמ פאטערס ארטיקע אונ פרעמדע באלכויועס, וואס קומענ אלע טאג צו זיי אינ שטוב, טומלענ אונ אינ טיש קלאפנ.

„זיי זיינענ אזעלכע עקלדיקע, אט די יידנ... דער טאטע אירער איז געוויס שולדיק, וואס ער האט זייער געלט איבערגעפירט, אבער פונראנענ איז נאכ ניט געדרונגענ, אז זיי מעגנ פראנק אונ פריי בא זיי אינ שטוב ארומלויפנ אונ שרייענ אפ אזא קאל: גוואלד, ער ראַ־בעוועט! — אז מ'זאל עס אינ דער צענטער גאס דערהערנ".

איינמאל, אינ א געוויינלעכנ נעפלדיקנ טאג, איז פונ ערגעצ א נאענט שטעטל צו זיי אינ שטוב געקומענ עפעס א פרומער לאמדאנ־ישער אונ שטארק טאמעוואטער יונגערמאנ, א שטובזיצער מיט א קליינ שווארצ בערדל אונ מיט א קרענקלעכ, בלאס אונ געליזיכטיק פאנעמ. שווייגנדיקערהייט איז ער לאנג געזעסנ בא זיי אינ עסצימער, זיכ געשראקנ אונ געווארט. דער וועלטלעכער אונ איבערגעגעבענער קאסיר, דער קארעוו, האט עטלעכע מאל פאר אימ אינ דער יהייב, ווי פאר א טויבנ, איבערגעכאזערט:

„ר' גדאליע זיינענ איצט אינ אויסלאנד, בא דער שוועסטער, וואס האט דארטנ אנ אייגענעמ דארפ, זיינענ זיי איצט".

אונ דער יונגערמאנ מיטנ געליזיכטיקנ פאנעמ האט זיכ אלצ פאר עפעס ווי געשראקנ אונ זיכ אלצ ניט אופגעהערט צו דערפרעגנ אפ זיינ הייזעריק שטילנ אונ שטארק שוואכנ קאל:

„איז עס, הייסט דאס, פארפאלנ דאס געלט, וואס מיר קומט בא ר' גדאליענ?.. טאקע פארפאלנ?.."

ער האט אזא דערשלאגענעמ אויסזענ געהאט, אט דער געליזיכטיקער יונגערמאנ, אונ שוינ, אפנעמ, גערעכנט פאר אומעגלעכ זיכ אהיימ אומצוקערנ אונ נאכ ווייטער צו לעבנ אפ דער וועלט.

מוירל האָט דערנסטמאָל קיינ מיטיק ניט געגעסנ אונ א גאַנצנ ווינ-
טערדיקנ טאָג זיכ אינ דרויסנ מיט ליפּקינ ארומגעשלעפּט.

„ער שטעלט זיכ פאָר, מיט וואָסער געשמאַק זי וואָלט איצט געפּרעסנ, האָט זי אַלעמאָל צו ליפּקינס געזאָגט, נאָכ האָרטנ, בא זיי אינ שטוב, זיצט נאָכ אַלצ אָט דער איבערגעשראָקענער יונגערמאַנ. ער האָט אזא אומגליקלעכ פּאָנעם, אונ זי קאָנ אפ אימ ניט קוקנ".

אַלעמאָל האָט זי געשיקט ליפּקינען א קוק טאָנ, צי דער יונגערמאַנ איז שוינ אוועקגעגאַנגענ, געוואַרט אפ אימ מיט אומגעדולד ניט ווײַט פונ דער שטוב אונ נאָכדעמ געשריגנ צו אימ פונ דער ווײַט:

„נו, וואָס? ער זיצט נאָכ?"

ס'איז געוואָרנ נאַכט, אונ לאָמפּנ האָט מענ אינ די שטאָטהײַזער אָנגעצונדנ. לאָמפּנ האָט מענ אויכ אָנגעצונדנ בא זיי אינ שטוב, איז זי צולעצט מיט א רויט פאַרקאָכט פּאָנעם אינווייניק אַרײַנגעקומענ אונ, ניט אויסטוענדיק די ווינטערדיקע קליידער, גענומענ דעמ געל-זיכטיקנ יונגערמאַנ טרייסטנ:

„ער מעג זײַנ זיכער: אַלצ וועט זי שוינ טאָנ, קעדיי מע זאָל אימ זײַנע צוויי טויזנט רובל אומקערנ".

זי האָט אימ נאָכדעמ אפילע אינ דרויסנ צו זײַנ פור אַרויסבאַגלייט, געזאָגט דערפאַר, וואָס אימ וועט זײַנ קאַלט אינ די פיס, אונ האָט זיי אימ אַליינ געהאָלפנ אײַנדעקנ אינ דער רעדנע.

„אָט דעמ יעק רעדנע זאָל ער אונטער זיכ אַרונטערנעמענ... אינ דעמ פוטערגעמ קאָלנער זאָל ער זיכ ניט שעמענ אופשטעלנ... אָט אזוי".

אונ נאָכדעמ האָט זי נאָכ לאַנג מיט די אויגנ זײַנ פור באַגלייט אונ אָנ זיכ מיט איר הונגער לאַכלוטנ פאַרגעסנ:

„ער האָט א באַגריפ, ווי אומגליקלעכ אָט דער מענטש איז?" האָט זי פאַרקלערטערהייט בא ליפּקינס געפרעגט.

ליפּקינ איז געווענ שטאַרק צעטראָגנ פונ דעמ, וואָס ער איז אינ משך פונ אָט דעמ גאַנצנ טאָג אפילע אפ איינער פונ זײַנע לעקציעס ניט געווענ, אונ זיכ געפילט אזוי מאַדנע, גלײַכ ווי ער וואָלט מער ייִד זײַנ אונ וואָלט זיכ פלוצעמ פאַרנאַכט דערמאָנענ, אז ער האָט

באַטאָג קיין טאַלעס און טפֿילן ניט געלייגט. ער איז מער ווי טאָמער אָנגעברוגעזט און פֿאַרגיפֿטעט געווען, ניט געהאַט קיין געדולד און זיך שיר ניט געעקלט איבערן געדאַנק:

„זי וועט אַמאָל אַרײַנגיין אין שטוב, צי נײן?"

און זי האָט נאָך אַלץ פֿאַרקלערטערהייט געקוקט אַהין, ווו דער שליטן מיטן יונגערמאַן ווערן אין עק שטאָט פֿאַרשווּנדן, און אָן זײַן געלויבטיקן פּנים נישט געקאָנט פֿאַרגעסן.

„ער איז אַזאַ אומגליקלעכער, האָט זי שטיל, ווי פֿאַר זיך אַליין, איבערגעכאַזערט, קיינער האָט אים געווים קיינמאָל נישט ליב געהאַט, און איצט איז נאָך פֿון זײַן קליינעם פֿאַרמעגן מער ווי צוויי טויזנט רובל אַראָפּ".

II

פֿון ר' גדאַליעס זײַנען דערווײַל פֿון אויסלאַנד אַלעמאָל נײַע בריוו אָנגעקומען.

צעטראָגענערהייט האָט ער האָרטן בײַ דער שוועסטער ניט געקאָנט אײַנזיצן, געוואָלט וואָס גיכער זיך אומקערן צו זײַן סאָכרישן טאַראַראַם און זיך געבעטן ראַכמים, ווי בײַ גאַזלאָנים:

„לעבעדיקערהייט האָבן זיי אים דאָך גענומען און אין אַ קווער באַגראָבן".

ס'האָבן אים געענטפֿערט און זיך באַמיט אים צו באַרויִקן גיטעלע, דאָס ווײַב זײַנס, מיטן איבערגעגעבענעם קאָרעוו, דעם קאַסיר:

„אַלץ אָרדנט זיך, דאַנקען האַשעם־יִסבאָרעך,[28] אײַן. מיט די באַלבויוועס עקט מען ביסלעכווײַז אָפּ; דער פֿידיען אין קאַספּערוויקער יועלדל האָט זיך צוליבן גוטן שליטוועגס אָפּ פֿיל פֿאַרבעסערט; די באַנק האָט פֿאַרעכנט דעם גראָפֿס דרײַ טויזנט רובל אָפּ דער נײַער כאַטע, און מירעלע טיכיע[29] איז, אַ דאַנק האַשעם־יִסבאָרעך, געזונט. דער ווינטערדיקער זאַפּאַס ווייץ, וואָס אין טערנאָווער מיל, איז נאָך אַלץ איבערגעשריבן אָפּן פּאָרעצס נאָמען, און מעל שטײַגט פֿון טאָג צו טאָג. אַז גאָט וועט העלפֿן, וועט ער, ר' גדאַליע, אינגיכן קאָנען קומען אַהיים: לעסאַטע טוט מען זײַן ראַצן[30] און מ'שיקט אים

ארויס דורכ דער פּאַטש דעמ „קוזרי" [31] מיטנ ערשטנ כּיילעק „אבאר־באנעל". [32]

אינ שטוב איז דערווײַל געװאָרנ טעג גאַנצע געווען רויק אונ שטיל, אונ געהערט האָט זיכ אָפּט, ווי איבער ביכער, וואָס אינ קאַבינעט, סקריפּעט מיט דער פּענ דער קאסיר, אונ ווי דאָ, אינ עסצימער, שאָקלט זיכ מיט רעגלמעסיקנ קלאַפּנ דער אומרו פונעמ גרויסנ וואַנט־זייגער אונ ציילט די מינוטנ פונעמ קורצנ אונ וואָלקנדיק טונקעלנ ווינטערדיקנ טאָג.

קיינער איז שוינ אהער אינעמ מעשעכ פונ גאַנצע טעג ניט ארײַנגעקומענ, אכוצ דעמ אָדער יענעמ פּארשפּעטיקטנ באלכויו אונ אכוצ דער יונגער רעבעצנ ליבקענ, אָט דעמ הויכנ אונ קלײַענדיק רויטלעכנ האלבנ מאנצבל, וואָס האָט זיכ מיט איר מאנ פאר ר' גדאליעס נאָענטסטע גוטע פרײַנט געהאלטנ אונ האָט אפּצעלאָכעס סאָנימ שטענדיק געהאט א האלב־שמייכלדיק פּאָנעמ.

גאנצע שאָעג האָט זי געקאָנט מיט אנ ארבעט אינ האנט אָפּזיצנ דאָ אינ עסצימער לעבנ דער לײַטישער אונ האלב־שווײַגנדיקער גיטעלענ אונ אומבעראכמאָנעסדיק פּאמעלעכ וועגנ איר מאנס קאָהעלשע אסאָקימ דערציילנ:

„טײַנעט זי מיט אימ, מיט אוורעמלענ מיט אירנ: וואָס האָט עס צו דיר, אז די שטאָט וויל ניט שלוימע דעמ דאיענס פאר קיינ שויכעט!"

צופיל געשמייכלט האָט זי שוינ יעדעס מאָל, וואָס ליפּקים האָט אינ פּאָדערשטיבל בא עמעצנ אפּ מירעלענ געפרעגט, אונ צופיל האָט שוינ גיטעלע אירע פינגער־נעגל באטראכט דעמסטמאָל, ווענ די רעבעצנ האָט זיכ מיט א שטומפּיק שפּיזל אינ פּאריק געקראצט, אונ שטארק כיישעק געהאט בא איר צו פרעגנ:

„זאָלט איר מיר הונדערט אונ צוואנציק יאָר לעבנ, ס'ארט אײַכ טאקע לאכלוטנ ניט, וואָס אָט דער „איר זאָלט מיר מוחל זײַנ" קרייבט צו אײַכ אינ שטוב?"

דאָרטנ, אינ דער שטילקײַט, וואָס איבער דעמ ניט־געהייצטנ זאל, איז בא זיכ אינ כּיידער מירעלע געלעגנ, זיכ אָפּנ ארײַנגעקומענעמ

ליפקיסנ ניט אומגעקוקט אונ צוליב אים אפילע איר פּאָזע ניט געביטנ מיטנ טרויער, וואָס אינ אירע בלויע אויגנ, האָט זי אומעטיק־לאַנג צום קעגנאיבערדיקנ באַלקנ־ווינקל געקוקט אונ זיכ אינגאַנצנ געפונענ אונטער דער האשפּאָע פונעם שפּאָגל־נײַעם בוכ, וואָס איז לעבנ איר אָנ אָפענער געלעגנ.

„ווי קלערט ער, האָט זי נאָר בא אים געפרעגט, זי וועט נאָכ אַמאָל עמעצנ ליב באַקומענ?״

ליפקיס האָט איבער דער שײַלע מיטאַמאָל שטאַרק באַראַטע גע־קראַגנ דערופ, וואָס ער איז איצט אהער געקומענ, צוגעגאַנגענ צום פענצטער אונ ברויגעזערהייט גענומענ ארויסקוקנ צום ווינטערדיקנ דרויסנ. ער איז שוינ אפילע גרייט געווענ איר אויסברײַענ, אז זי וועט שוינ קיינמאָל ניט ליב האָבנ, אונ גיפּטיק געוואָלט אָנהייבנ:

„ביכלאָל... זאָלנ מיר זיכ אייגנטלעכ צוהערנ צום זינ, וואָס ליגט אינ אָט דעם וואָרט „ליב באַקומענ״.

נאָר מירל איז שוינ לעבנ אים, דעם ברויגעזנ, אזא לײַכטזיניק פריילעכע געשטאַנענ אונ אים גרינג פאַר די האָר געריסנ:

„דו ביסט אזא נאַר, אזא נאַר״, האָט זי אים שטיל פונ צווישנ קינדערש־צונויפגעדריקטע ציינ אינ אויער אײַנגערוימט.

אונ באַלד האָט זי אָפּ זיכ גענומענ די ווינטערדיקע קליידער אָנטאָנ אונ דערבײַ אַלערלײ שווּעס געגעבנ:

„אויב דער רויטער גלאָמפּ, די רעבעצנ, הייסט עס, וועט זיכ באַלד פונ עסצימער ניט פאַרנעמענ, וועט זי א ווינטערדיק פאַרקלעפּטנ פענצטער אופרײַסנ אונ וועט מיט אים דאָ ארומ אינ דרויסנ ארויס״.

★

אונ ס'ציענ זיכ אזוי די קורצע, פײַכטע טעג אונ יאָגנ דאָס שטעטל אַלצ טיפער אונ טיפער אינ ווינטער ארײַנ. ס'באַרירנ שוינ ניט סײַ די היימ סײַ דער דרויסנ, אונ ס'פילט זיכ שוינ אזא גלײַכגילטיקע אומצופרידנקײַט צו אַלצ, וואָס ארומ, כאָטש נעמ שטעל אָפּ יעדעס איבערגעוואַקסנ מיירל, וואָס גייט אַמאָל גײַוועריק פאַרפּוצט די גאַס אַדורכ, לאָז אויס צו איר דײַנ האַרצ אונ זאָג צו איר מיט א קאָל פונ אַנ עלטערער, אומצופרידענער ייִדענע:

„דו, וואָס קלײַבסטו אזוי?.. פארוואָס האָסטו שוין ניט באַזעצנ,
פארוואָס?"

ארום און ארום זײַנען אפ ווײַט, ווײַט די אויצרעס פון ווינט פארשלאָסנ אין די גרויע נעפּלען, וואָס הענגען אין דער לופט, זיי ווערנ שוין אלץ שווערער און שפּרייטנ זיך שוין אליין איבער דער שנייִק־אָנגעפרוירענער ערד, וואָס האלט אין איין קויטיק ווערן. פארהוילנ זײַנען די הימלען, אפּגעמעקט איז דער האָריזאָנט. ניט די מענטשנ זעען זיי, און ניט דאָס שטעטל באדארפ צו זיי. הײַזער הויערנ שווער, ווי די גרויסע כײַעס, אונטער זייערע שווערע שנייִקע דעכער און דרימלען מיט א דרימל, וואָס האָט ניט קיין סאָפ.

ס'דוכט זיך:

אויערן האָבן אָט די הײַזער, פארהוילענע, אָנגעשטרענגטע אויערנ, הערנ זיך טאָמער איין אין דער גרויסער סוויזשע־שטילקײַט, וואָס ציט זיך אהער פון נאָענט און פון ווײַט.

ס'דוכט זיך:

גרייט זײַנען זיי צוליב יעדנ מינדסטנ און ווײַטנ פעלד־גערויש פון ערטער אופשפּרינגען און זיך לאָזנ אהין יאָגנ מיט גרויס צארן און אײַלעניש, ווי אָט די הונגעריקע הינט, וואָס יאָגנ זיך מעקאבלפּאָנעם זײַנ זייערנ א פרעמדן באווער, א ניט־אָנגעלייגטנ גאסט.

פון איינער א שטוב זעצט הורבנ קוימען א רויך. און דער רויך גייט ניט אופ צום הימל, נאָר פאלט אראָפּ צו דער ערד, מאכט מיט גרויס שוואכקײַט רעדער אין דער לופט און צעשפּרייט זיך סאָפקאָל־סאָפּ איבערן שניי.

עטלעכע ייִדן, וואָס גייען ארום באָטל, שטייען אין לײדיקן מארק ארום א שליטן, וואָס האָט הייצ־אָטשערעט צו פארקויפנ געבראכט. זיי מאכן לייצאָנעס פון פאראקשנטנ גוי, דעם יאקרען, און דערצערענען אים מיט זייערע שטעכווערטלעך. און די ווינטערדיק געקליידטע קרעמער, וואָס לאנגווײַליקנ זיך בא די טירנ פון זייערע קלייטן, זעען עס צו פונדערווײַטנ, האָבן הנאָע און לאכנ.

דער מארק איז פול מיט פּוסטקײַט, און נאָר אפנ קליינעם פלאצ, וואָס פאר אוראָם־מוישע בורנעסעס שטוב, מירעלעס געוועזענעם מינ־

ביטנ, שטייענ פינפ־זעקס געשפּאַנטע פּריצישע שליטנס אונ וואַרטנ אפ זייערע באַלעבאַטים, וואָס גייענ זיכ אינווייניק. ס'היטנ זיי די ריי־רעוודיקע אָנגעפּעלצטע פורמאַנעס, האָבנ ניט וואָס צו טאָג, באַטראַכטנ איינער באַם צווייטנ די פערד אונ זאָגנ דערביי מעוויינעס:

„אָט־אָ־דער־אָ וועט שוינ איניגיכנ בלינד ווערנ אפנ לינקנ אויג".

„אונ אָט יענער... ער הייבט שוינ שטייענדיק דעמ הינטערשטנ פוס".

אונ די פערד שטייענ אפנ אָרט אונ טוענ זיכ דאָס זייעריקע: זיי טרייסלענ זיכ פונ צייט צו צייט, וועלנדיק אראָפּוואַרפנ פונ זיכ דעמ פאַרגליווערטנ שווייס, אונ דערווייל קלינגענ אפ זייערע העלדזער די פיל קליינע גלעקעלעכ אונ דערציילנ דעמ דרויסנ וועגנ אַלץ, וואָס קומט האָרטנ אינווייניק, אינ שטוב, פאָר:

„רייכע פּריצימ געסט, וואָס מאַכנ זיכ האָרטנ אינעמ אָנגעוויבערטנ קאַבינעט האַלוואָעס".

„וועלט־סאָכרים, ספּעקוליאַנטנ, וואָס האָבנ קיינ מוירע ניט צו מאַכנ קניעס [33] אפ איבעראַיאָר, אונ א היפּש האַלב־ליכטיק פעדער־שטיבל, א פול געפּאַקטס מיט וואַרטנדיקע עקאָנאָמענ אונ מעשולאָ־כים, [34] וועלכע זיינענ אינ יעדער רעגע גרייט זיכ אקעגנ דעמ ארויסגיי־ענדיקנ באַלעבאָס אופשטעלנ, אָפּנעמענ זיינע באַפעלנ אונ זיכ אינ פאַר־שיידענע ערטער פאַנאַנדערפאָרנ".

ניט איינגאַנצנ גוט האָט זיכ שוינ ליפּקינ געפילט יעדעס מאָל, וואָס אימ איז צוזאַמענ מיט מירעלענ אויסגעקומענ פאַרביי אָט דער שטוב אדורכגיינ.

מיט אַלע מעגלעכקייטנ האָט ער זיכ געמיט אָנ אָט דער שטוב צו פאַרגעסנ, אונ צוליב דעמ זיכ שוינ אפילע געפלייסט ערנסטע געדאַנקענ אינ מויעכ צו האָבנ:

„וועט ער, הייסט עס, אינ צוויי יאָר ארומ דעמ מעדיצינישנ פאַ־קולטעט ענדיקנ..."

האָט אָבער מירעלע, ווי אפּצולאַכעס, אַלעמאָל דעמ קאָפּ צו אָט דער שטוב געדרייט אונ דערביי שוינ אפילע אימ אויכ ניט צורו געלאָזט:

„נו, זאָל ער שוין זאָגן: צוליב וואָס האָבן זיי גענומען און האָבן די אויסוויייניקסטע לאָדנס מיט בלאָווע אָפּגעפּארבט? ס'שניידט דאָך פּאַשעט אין די אויגן".

אָדער:

„זיי אַלע: אווראָמחמוישע בורנעס, בראָכע און פייגע, די שוועסטער פון איר געוועזענעם כאָסן... זיי זיינען אַלע אַזעלכע לייטישע מענטשן... זי האָט זיי אַמאָל שטאַרק ליב געהאַט, און איצט אויך גלוסט זיך איר נאָך צייטנווייז זיי זען".

ליפּקיס איז שוין געווען אויסער זיך און זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן:

„ער הייבט לאַכלוטן ניט אָן צו פאַרשטיין, וועגן וועמען זי רעדט דאָ מיט אַזא איידעלער שפּראַך".

„און ביכלאַל: ברוים טיילן זיך ניט מער ווי אויף צוויי קאַטעגאָריעס, אויף מענטשן און אויף בעהיימעס".

קומט דאָך שוין בעמיילע אויס:

„אויב אָט די דוואָרים־אַכיירים[35] זיינען מענטשן, וואָס זשע איז שוין ער, ליפּקיס?.."

דענסטמאָל האָט מירעלע צו אים איר פּאָנעם אויסגעדרייט און האָט אויף אים אַזא מאָדנעם קוק געטאָן:

„מילאָסטיווי גאָסודאַר,[36] איר קאָנט באַהאַלטן אייערע כקירעס אויף מאָרגן?"

ער האָט נאָכדעם דעם גאַנצן וועג ניט גערעדט, געגאַנגען לעבן איר א ברויגעזער און זיך אַליין געגעסן:

„וואָס־זשע דען?.. אַז יעדער ערנסטער געדאַנק זיינער קומט אויס אין אירע אויגן נאַריש..."

און זי האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט, אַפילע נאָך דעם, ווי זיי האָבן שוין די גאַנצע לאַנגע גאַס געהאַט אויסגעפּעלט און זיך אַרוים דער שטאָט אויפן שנייִיקן און פּוסטן שפּאַציר־פּלאַץ אָפּגעשטעלט.

קוקנדיק ערגעץ צום וועג, וואָס איז גאָר טאָענט אין טיפן נעפּל פאַרשווונדן און צום פּאָלוואַרק פון איר געוועזענעם כאָסן געפירט, האָט זי נאָר שטיל און פאַרקלערט געזאָגט:

„הערט, ליפּקיס, ווענ איכ זאָל זײַנ אַזוי שלעכט, ווי איר, וואָלט איכ זיכ געווים מיט מײַנע אייגענע הענט דערשטיקט".

און נאָכדעם איז זי נאָכ אַזוי לאַנג געשטאַנענ און די טרויעריקע אויגנ פונעמ ווענ נישט געקאָנט אָפּרײַסנ.

צי האָט זי געוואַרט אַפ יענעמ פלעק, דער פור, וואָס האָט זיכ אַהער מיטנ ווענ פונעמ ווײַטנ געפּל אַרויסגערוקט, און געוואָלט וויסנ, ווער ס'זיצט דאָרטנ אויבנאָנ?

צי עפּשער איז איר גאָר דענסטמאָל גלאַט אַזוי אומעטיק און העוולהאוואָלימדיק [37] אַפ דער נעשאָמע געווענ, און נישט געוואָלט האָט זיכ איר דערפאַר אָט דעמ באַשנייטנ און פוסטנ פלאַצ פאַרלאָזנ?

אינ שטאָט האָבנ דאָכ אייניקע ווײַבער נאָכ אַדאַיעמ פאַרזיכערט, אַז ס'הערט איר ניט אויפ צו ציִענ דאָס האַרצ צו אָט דעמ שיינעמ באָכער, דעמ געוועזענעמ כאָסנ אירנ, וואָס האָט געדולד גאַנצע ווינ־טערדיקע כאַדאָשימ אַפ זײַנ זאַטנ און פוסטנ פּאָלוואַרק אָפּצוזיצנ, און אַז ס'איז מער נישט:

„זי איז פונ טאָמער אָנ באַ זיכ געפעסטעט און קאָנ באַ זיכ בעשומויפנ ניט פועלנ מיט אַזאַ פּאָשעטנ יונג כאַסענע צו האָבנ".

★

אַפּטמאָל זײַנענ זיי אינצווייענ אַזוי ווײַט איבער די שנייִיקע פעל־דער פאַרקראָכנ, זיכ אומגעקוקט צוריק און דערזענ:

ווײַט=ווײַט, אינעמ טאָל, וואָס צווישנ די צוויי נאַקעטע בערג, איז דאָס גאַנצע שטעטל אײַנגעזונקענ און האָט פונ זיכ אַפילע קיינ סימענ אינ דער נעפּלדיקער לופט ניט איבערגעלאָזט.

ליפּקיס איז אַזוי צופרידנ געווענ דערפונ, וואָס ער איז דאָ מיט איר אייגער אַליינ אינ דער ווינטערדיק־פוסטער פעלד־שטילקייט; דער־פונ, וואָס באַ דער זײַט געפינט זיכ ניט די שווײַגנדיקע גיטעלע, און וואָס די יונגע רעבעצנ ליבקע קראַצט דאָ ניט ווענ אימ מיט אַ שטומפיקנ עק שפּיזל אינ פאַריק. פאַר גליק זײַנענ אימ שוינ אַפילע פילאָסאָפיש=קלוגע געדאַנקענ אײַנער נאָכנ צווייטנ אַפנ מויעכ געקומענ און גרייט איז ער געווענ אינ יעדער רעגע אויפצוגעבנ אַזאַ קלוגינ ציילע, ווי לעמאָשל:

„ער הייבט ניט אָן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס מענטשן האָבן זיך הייזער אויסגעבויט און פאַרוואָס זיי בלאָנדזשען זיך בעסער ניט פאַנאַנדער פאַרלעכווייז איבער אָט דער גרויסער פאַרפרוירענער וועלט?"

נאָר באַ מירעלען איז אַ טרויעריק פאַרקלערט פּאָנעם געווען, און יעדן געדאַנק זיינעם האָט זי איצט פאַר אַ נאַרישקייט געקאָנט געפינען. האָט ער זיך שוין בעסער פון צו ריידן אָפּגעהאַלטן און איז לעבן איר ווייטער אַ שווייגנדיקער געגאַנגען. דאָס בערגל מיטן היפּשן געדיכטן וועלדל האָבן זיי אויסגעמיטן, דורכגעגאַנגען דאָס נידעריקע און שטאַרק שמאָלע הילצערנע בריקל, וואָס אונטער אים האָט אַ שטילע פאַרפרוירענע ריטשקע פון די ערשטע פרעסט אָנגערוט, ווי אין אַ לאַנגן, ווינטערדיקן שאבעס. זיי האָבן זיך פון דאָרטן אויפגעהויבן אַפן פלאַכן באַרג און צולעצט דערגרייכט די גלייכע רעלסן־שנור מיט די טעלעגראַף־סלופּעס, וואָס ציִען זיך דאָרטן, ווי אַ לאַנגער שוואַרצער פּאַס, און טיילן די שנייִיקע פעלדער־ווייסקייט אויף צווייען. דריי לאַנגע פּאַסאַזשיר־צוגן קריכן דאָ יעדן טאָג אַרויס פונעם ווייטן מיזרעכדיקן האָריזאָנט, טראָגן דאָ געשווינד אַדורך זייער גרויסן טומלדיקן ראַש, ווערן פאַרשווונדן אין ווייטן נעפּלדיקן מיירעוו און לאָזן איבער אין דער אַרומיקער פעלד־שטילקייט אַ טרויעריקן ווידערקאָל פון פיל אָנגעהויבענע און ניט פאַרענדיקטע אומגליקלעכע מייסעס:

אַ מייסע מיט אַ שיין און יונג ווייבל, וואָס האָט לאַנג געפעלשט איר מאַן און איז צולעצט דאָ אַרום מיט איר געליבטן קיין מעדינעס־האַיאָם[38] אַנטלאָפן.

אַ מייסע מיט גאָר אַ פרומען און קאָשערן ייִדן, וואָס האָט דאָ אַדורכפאָרנדיק מיטן רעשוס[39] פון זיין ראָוו מעכאַלעל שאבעס[40] געווען און זיך געאיילט אין דער גרויסער און ווייטער שטאָט, קעדיי זיך דאָרטן אַריבערבייגן איבערן גוף פון זיין געשטאָרבענעם זון און זיך דאָרטן לאָזן קריִע רייסן.

פאַמעלעך און מאַכטלאָז האָבן זיך דאָ אָט די ניט פאַרענדיקטע מייסעלעך אין דער נאָענטער און ווייטער לופט אַרומגעטראָגן, פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ ווייט־ווייט אין אַ שלאָפנדיקן וואַלד און דאָרטן נאָגנדיק אויסגעגאַנגען. די שטילקייט, וואָס אַרום, האָט זיך נאָך זי־

געשטארקט, און אלץ האָט גענומען קוקן אהין, פונוואנען דער צוג איז ארויס און וואוהין ער איז פארשוואונדן, געקוקט לאנג, לאנג, ביז אין איינעם פון די נעפלדיקע זײַטן האָט זיך א נײַ שווארץ רויכל באוויזן, און א נײַער לאנגער צוג האָט זיך פון דאָרטן געשווינד גענומען שלענגלען און טראָגן.

מירל האָט דענסטמאָל בא ליפקיסן דאָס סטודענטישע היטל אראָפּ-גענומען, דאָס זיך אפן פארבונדענעם קאָפּ אָנגעטאָן און זיך גע-שטעלט נאָענט בא דער רעלסן-שנור אפ אָט דעם לאנגן צוג ווארטן.

„צווישן א גאנצן צוג מיט פאסאזשירן, האָט זי דערבײַ שטיל און מאָרעשכוירעדיק געזאָגט, וועט זיך שוין געווייס געפינען כאָטש איינער אן אומגליקלעכער מיט א שטארק דערשלאָגן פּנים, וואָס וועט דעם גאנצן וועג פונעם פענצטער ניט אָפּטרעטן און וועט דעם שטערן צו דער קאלטער שויב דריקן“. און אויב זי האָט טאקע א מענטשן מיט אזא אומגליקלעך פּנים באַם פענצטער פון א וואַגאָן דערזען, האָט זי זיך לאנג צו אים געבוקט, געמאכט צו אים מיטן היטל און דער-בײַ עטלעכע מאָל מאָנאָטאָניש און ווערטלענדיק איבערגעכאַזערט:

„מיר זײַנען אויך אומגליקלעך... אויך אומגליקלעך... אויך אומ-גליקלעך...“

★

אומקערנדיק זיך איינמאָל פונהאַנען צוריק אין שטעטל און ארויס-קומענדיק אפן שנייִקן און פוסטן שפּאציר-פּלאץ, האָט מירעלע ווײַט אפן וועג, וואָס צוריק, דערקענט איר געוועזענעם כאָסנס פור און זיך געשטעלט אפ איר ווארטן.

ליפקיס האָט דענסטמאָל אפ איר אזא מאָדנעם קוק געטאָן, גלײַך ווי ער וואָלט זי אומבערענגענע וועלן, און זי איז שטארק רויט געוואָרן און אפ אים שוין אפילו דאָס קאָל אויפגעהויבן:

„וואָס קוקט ער אזוי מאָדנע אפ איר?“

און געוועזן איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט געוואָלט, אז ער זאָל ניט באמערקן, אז איר אומעטיקע שטימונג איז מיטאמאָל ניט געוואָרן. זי האָט שוין אפילו צוגעגעבן אפ רוסיש:

„טי גלחפֿי", און באַלד האָט זי מיט אַ פֿריילעכער ווילדקייט גענומען אָף אים שניי־קוילן שיטן, געוואָרפֿן אָף אים און געלאַכט, געשפּרונגען און געלאַכט, געכאַפּט נאָכאַמאָל פֿולע הענט מיט שניי, ווידער געוואָרפֿן און ווידער געלאַכט און אים געבראַכט דערצו, אַז ער האָט געמוזט פֿון איר אָפּ עטלעכע שפּאַן אוועקהיקען, זיך איינהויקערן און מיט ביידע הענט דאָס צוזאַמענגעצויגענע פּנים פֿאַרשטעלן.

די פֿור מיט די נייע שוואַרצע פֿערד איז נעענטער צוגעקומען, האָט זי די הענט מיט די שניי־קוילן צו די פּלייצעס צו אַרונטערגענומען און אַ ביסל שמייכלענדיק, מיט שטאַרק אָפֿענע און נייגעריקע אויגן גענומען דעם געוועזענעם כּאָסן איר גלייך אין פּנים אַריינקוקן.

אָנגעטאָן אין אַ ברייטן פּריצישן טולופּ, אַ באַדעקטן מיט אַ געלן פֿוטער פֿון דרויסן, איז ער טיף איינעם אָפּגעפּאָלירטן שליטן געזעסן און פֿון צייט צו צייט, אָפּן פּריצישן שטייגער, דעם אָנטרייבער אַ פּאָר ווערטער געזאָגט.

ער האָט זיך טאַקע די גאַנצע צייט ניט אומגעקוקט, ניט צו איר און ניט צו ליפּקיסן, און זי איז נאָך אַ פֿאַרשטיינערטע לאַנג אָפּ איר אָרט געשטאַנען, באַגלייט די פֿור זײַנע מיט די אויגן און געזען, ווי מיט אים צוזאַמען ווערט זי צווישן די ערשטע שטעטל־הייזער פֿאַרשווּנדן.

„ער איז שענער געוואָרן", האָט זי שטיל, ווי צו זיך אַלייִן, ווען אים געזאָגט, און זיך באַלד וועגן עפּעס פֿאַרטראַכט.

ערשט דאָרטן, נײַשט ווײַט פֿונעם שטעטל, איז זי אַ ביסל פֿריילעכער געוואָרן, באַקומען אַ מאָדנע ניצאָכן־פּנים און צוגעגעבן:

„און דאָס בערדל זײַנס, ליפּקיס... דאָס בערדל זײַנס האָט ער דאָך פּאַרט אָפּגעגאָלט".

ליפּקיס איז געווען באַרויגעז און האָט געשוויגן. מאָדנע אָנגעזאָלצן אָפּן האַרצן איז אים שוין דענסטמאָל געווען און ניט אויפֿגעהערט האָט ער ברויגעזערהייט צו טראַכטן:

„עמעצער איז אַ מיוון, אין וואָס פֿאַר אַ נאַרישקייט אָט־אָ די

צווינגט אים דעם קאָפּ זײַנעם אַרײַנצוטופּן?.. אַ נאָפּקעמינע איז אים אַ גרויסע, צי אַט דער בופלאָקס האָט זיך אָפּגעגאָלט, צי נײַן...

געשווינגן האָט שוין אויך מירל דעם גאַנצן וועג צוריק, געוואָרן ווידעראַמאָל שטאַרק מאָרעשכווירעדיק און יִיִעשדיק[41] פאַרקלערט און האָט מיט צופיל געעפנטע אויגן אַראָפּ, צו אירע פּאַמעלעכע טריט געקוקט.

פּלוצעם האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און, ניט אויפהייבנדיק דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געפרעגט:

„ליפּקים געפינט ניט האָם זעלבע, וואָס זי?.. אַלע מענטשן זײַנען שוין אײַנגעטלעכ צו אַלט און צו קלוג אָפּ ווײַטער צו לעבן. צײַט איז שוין עפּשער, אַז אַלע זאָלן זיי וואָס גיכער אויסשטאַרבן און אַז אָפּ זייער אָרט זאָלן געבוירן ווערן נײַע".

אַ ווײַלע האָט זי נאָך מיט אַ פאַרשמאַכטן טרויער, וואָס איז אירע בלויע אויגן, ערגעץ אַהין, איז דער נעפּלדיקער פעלדער־ווײַט, געקוקט, און פּלוצעם האָט זי זיך אָפּ עפּעס מיטן מויל אַ קרים געטאָן און זיך אָפּ ליפּקינען אומגעקוקט.

„ס'איז שוין סוויסוויִ...—האָט זי אים אָפּ דער אַרומיקער שטאַרק טונקעלער לופט אָנגעוויזן,—טאָ וועלן זיי שוין בעסער גלײַך פונדאַנען צו דער אַקושערקע שאַצ טיי טרינקען גיין".

ניט קיין ביסל איז שוין אויך איר, אפּאָנעם, דערנסטמאָל שווער אָפּן האַרצן געווען, און ניט געוואָלט האָט זי, ווײַזט אויס, בעשומויפּן זיך אין אַזאַ צושטאַנד אַהיימ אומקערן און דאָרטן איינע אַליין אין מעשעכ פונעם גאַנצן אָוונט בלײַבן.

שווײַגנדיקערהייט האָבן זיי בוצן שטעטל דעם ליניקן לײדיקן פּלאַץ איבערגעשניטן און זיך אוועקגעלאָזן מיט דער שגייִק אײַנגעטראָטע־נער סטעזשקע, וואָס פירט אין אַלאַכסן[42] צו די גויִשע הײַזער פון ווײַטן עק דאָרף, צו יענע זעלבע גויִשע הײַזער, וואָס רינגלען אַרום די שטאָט אין צאָפּן־מײַרעוודיקן ווינקל, שטייען דאָרטן ווי די שאָמריִם און היטן זי פון דער נאַכט און פון די פּוסטע פעלדער, וואָס הייבן זיך שוין אָן באַלד לעבן זייערע הינטערשטע בלינדע ווענט.

ס'איז געווען שטאָקנאַכט, און אין דער בלאַסער כאַשכעס האָט צופיל געשווינדלט דער שניי. ווײַט־ווײַט אין דאָרף האָבן פיל הינט

מיט א בילד פון כשאד די קומענדיקע נאכט באגעגנט און לעגענדאריש= פכאַדימדיקע מייסעס וועגן דער ארומיקער פוסטער פעלדער-ווייטקייט דערציילט:

„דער מאלעכאמאָוועס לאָקערט דאָרטן אין דער פינצטער... א טויט וואָרט דאָרטן אף יעדן, וואָס דערוועגט זיך אהין אקעגן נאכט פון שטעטל ארויסגיין".

אַט צייכנט זיך שוין האָרטן אין דער פינצטער דאָס לעצטע גויִישע שטיבל, יענץ געלבע גויִיש שטובל, וואָס אין דער לינקער האלב פון איר ווינט שוין דאָס צווייטע יאָר די ליטווישע אקושערקע שאצ און לעבט אין גרויס שאָלעם מיט דער גויע דער באלעבאָסטע. איר איינ- ציק באלויכטענע פענצטער, וואָס איז דער הינטערשטער געל=אָפגע= שמירטער וואנט, שניידט זיך שוין מיט א רויטער שיין טיף-טיף אין דער פעלדער=ווייטקייט ארייַן, קוקט צו יענע שטיל שליטלענדיקע פורן, וואָס קערן זיך פון ערגעץ ווייט אהיים אף נאכטלעגער אום, און ווירקט אף זיי מיט לאנגע, טרויעריק מידע מאכשאָוועס:

„זיינען, הייסט עס, פיל מענטשן אומגליקלעך פארזאָרגט און ניט באפרידיקט. נאָר לעבן... לעבן קאָן מען נאָך וויַ=ניט-איז איינער אליין אין פארוקטן און פוסטן דאָרף-ווינקל, לעבן אויסגעבאהאלטן און אי- ראָניש שמייכלדיק, ווי ס'לעבט קעגניבער אַט דעם רויט באלויכטענעם פענצטער די זיבן=און=צוואנציק=יאָריקע ליטוועטשקע, די אקושערקע שאצ".

III

אין א טונקל-וואָלענעם, עטוואָס לאנגן פעניוואר מיט צוויי אלאכסנ= דיקע בלויע סטענגעס, וואָס האָבן זיך העכער פון דער ברוסט אין א ברייטן באנד איבערגעבונדן, איז די אקושערקע שאצ געלעגן בא זיך אין בעט, האָט געטראכט א פּאפּיראָס און איראָניש שמייכלדיק וועגן עפּעס געטראכט.

די אקושערקע שאצ האָט שוין שטענדיק גערויכערט א פּאפּיראָס און שוין שטענדיק איראָניש שמייכלדיק וועגן עפּעס-וואָס געטראכט. באַם טישל מיטן לאָמפּ איז געזעסן דער קליינווקסיקער פּראָוויזער=

געהילפּ סאַפּיאַנ, געהאַט אַ געוויינלעכ בלאַס און טרויִמ פּאַרביק פּנ־ נעמ און מיט זײַנע פאַרבלאָזע, אַרויסגעקראָכענע אויגנ באַלײדיקט אַרײַנגעקוקט אינ פלאַמ פונעמ לאָמפּ.

אונטערנ טיש האָבנ בײַ אימ געררוועז געציטערט די קני. ערשט ניט לאַנג האָט ער דאָ אינ ערגסטנ געדאַנק זײַנעמ אַרויסגעזאָגט:

„אויב ער זעט, ווי אַ פרוי רײַכערט, טוט ער וועגנ איר רײַשימ קאָל אַ טראַכט: אַט איז אַ פרוי, וואָס נײַטיקט זיכ אינ אַלקאָהאָל".

אײַנגעטלעכ וואָלט זיכ די אַקושערקע שאַצ באַדאַרפט געווענ וועגנ זײַנע ווערטער כאָטש אַפ אַ רעגע פאַרטראַכטנ און אימ עפּעס ענט־ פערנ. נאָר זי האָט זיכ גאָר צוגעהערט צומ הויפ, ווי דער הונט באַ־ פאַלט עמעצנ, זיכ פונעמ בעט אויפגעהויבנ און, ניט אַרויסנעמענדיק דעמ פּאַפּיראָס פונ מויל, גענומענ שמייכלענ צו די אַרײַנקומענדיקע מירלענ מיט ליפּקיסנ. צוליב וואָס־זשע האָט ער נאָכ באַדאַרפט דאָ זיצנ און מיט די קני אונטערנ טיש ציטערנ?

ער האָט זיכ טאַקע פונעמ בענקל אויפגעהויבנ און געוואָלט זאָגנ אַ גוטע נאַכט, נאָר מירל האָט שוינ געהאַט אַ דערשטוינטנ קוק גע־ טאָנ פריִער אַפ דער אַקושערקע און נאָכדעמ אַפ אימ, פאַרהאַלטנ דאָס אויסטאָנ זיכ און פונ דער ווײַט בײַ אימ וויסנ געוואָלט:

„וואָס־זשע? ער האָט טאַקע אַזוי מוירע פאַרנ גאַלעכס אײדעמ, דעמ אַפּטייקער?"

איז ער, דער נערוועזער, נאָכ אַפ אַ ווײַלע זיצנ געבליבנ און באַלײדיקטערהייט געמוזט צוזעענ, ווי די אַקושערקע שאַצ קוקט זיכ אַפ אימ ניט אומ און ווי, בלאָזנדיק דעמ רויכ אַרופ, צומ ניִדעריקנ באַלקנ צו, ווערטלט זי זיכ פאַר מירלענ וועגנ איר אייגענעמ לעבנ:

„זאָגנ, הייסט עס, אַזוי ניט גאָר זיי, די איצטיקע געסט אירע...".

אַלע באַקאַנטע, וואָס קומענ צו איר אַרײַנ, קוקנ זיכ דאָ אַרומ אינ אַלע זײַטנ און זאָגנ, אַז איר, דער אַקושערקע שאַצ, לעבט זיכ עמעס גוט.

„נאָר זי, די אַקושערקע אַלײנ, ווייס עס געוויס פיל בעסער פאַר אַנ אַנדערנ. וואָס איז דאָ שײַעכ צו רײדנ? זי שעצט זיכ מאַמיטיש מאַלאָכיש גליקלעכ..."

יעדעס מאָל, וואָס מירל האָט זיך אין צווייטן עק פֿיידער מיטן געהילף־פּראָוויזער סאַפּיאַנען פּאַרנומען, האָט זי זיך דאָ, אַפֿן בעט זיצנדיק, מיט איר גאַנצן היפּשן קערפּער נעענטער צו ליפּקיסן צוגערוקט און, קוקנדיק צו דער וואַנט, אים הינטן־אַרום מיט אַן עלנבויגן אין דער זייט געקלאַפּט:

„ליפּקיס!.. אַז אָך און וויי איז צו אײַך, ליפּקיס!"

א רעמעז האָט זי אים, אַפּאָנעם, דערמיט געגעבן, אַז זי זייס אײַנגאַנצן די געשיכטע, וואָס קומט פֿאָר צווישן אים און מירעלען; און געלאַכט האָט זי נאָך בעשאַס מײַסע אַזוי שטיל און אַזוי אין זיך. אים, דעם אָנגעברויגעזטן ליפּקיסן, איז שיר די נעשאָמע אַרויס, און געמוזט האָט ער סאָפּקאָלסאָפּ אויסשרײַען אַפֿן קאָל:

„ווער האָט איר געגעבן דאָס רעכט?.. וואָס קריכט זי אים אַרײַן אין דער נעשאָמע?"

באַם יונגן פּראָוויזער־געהילף סאַפּיאַן האָבן טאַקע דערפֿאַר אונטער׳ן טיש שטאַרקער די קני צו ציטערן אָנגעהויבן און געזאָגט האָט ער ענדלעך נערוועזערהייט:

„ער מוז גיין... סאָפּקאָלסאָפּ מוז ער דאָך אַמאָל צוריק אין אַפּטייק קומען".

און אַוועקגעגאַנגען איז ער פֿונדאַנען איינער אַליין מיט נערוועזע און אַרויסגעקראָכענע אויגן. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ווען מ׳רירט זיך צו אָט די אויגן זײַנע נאָר מיטן מינדסטן פֿינגער צו, וואָלטן זיי באַלד פֿון די שטערן־לעכער אַרויסגעפֿאַלן.

די אַקושערקע שאַץ האָט וועגן אים געזאָגט:

„א נאַרישער באָכער... עפּעס גאָר א נאַרישער באָכער".

און באַלד האָט זי אָן אים פֿאַרגעסן און ווידער אָנגעהויבן וועגן זיך דערציילן:

„טרעפֿט זי זיך היינטיקע וואָך באַ איינעם א כווליע מיטן שטאַרק פֿאַרנומענעם דאָקטער קראַשעווסקין און זאָגט צו אים: איך וועל מיט אײַך באַסענע האָבן, דאָקטער, אויב איר וועט מיט מיר איצט צופֿאָרן צו איינער אַן אָרעמער געווינערן".

אַזאַ טעוווע האָט שוין געהאַט אָט דאָס היפּשע מיידל, וואָס מיטן

גלאַט צעקעמטן קאָפּ און היפּש־דירעוודיק פרײַלעכן פּנים: גאַנצע שאָטן האָט זי אַזוי געקאָנט וועגן זיך אויראַנישע מײַסעס דערציילן און סאַפּקאָלסאָפּ אַפּילע מיט קיין וואָרט איר אינווייניקסט לעבן ניט אָנרירן. בעיערושע פון איר ליטווישער מישפּאָכע איז שוין, אַפּאָנעם, צו איר אָט די מעווע איבערגעגאַנגען. און דערפאַר האָט זיך, קוקנדיק אָפּ איר, וועגן אָט דער אומבאַקאַנטער מישפּאָכע געטראַכט און געדענקט זיך, ווי דורכן שלאָף, די צוויי־און־אַכציק־יאָריקע באָבע אירע, אַ פּויליש־אײַנגעדאַרטע און קליינוווקסיקע זקיינע, וועלכע איז פּאַריקן זומער צו איר צוגאַסט געקומען און האָט מיט איר צוויי כאַראָשי־נאָכאַנאַנד אין אָט דעם ביידער אָפּגעלעבט.

גאַנצע זומערדיקע טעג האָט אָט די אַלטיטשקע מיט פאַרמאַכטע אויגן געקאָנט אָפּזיצן אין דער הייך אָפּ די בעטקישנס און אײַנגעזען פּוטוויטנס, ווי אַן אײַנגעמאַטערטער און שטאַרק מידער אויבלענדישער פּאַפּוגײַ, וואָס קאָן שוין די בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים ניט איבערטראָגן און האַלט נאָר אין איין טרוימען וועגן ווײַטע מעדינעס־האיאַמ. ס'האָט זיך געדוכט, אַז זי דרעמלט גאַנצע וואָכן מיט איינעם אַ לאַנגן פּויליש דרעמל, הערט ניט, וואָס אַרום איר קומט פאָר, און באַמערקט שוין ניט אַפּילע די יונגע מענטשן פון שטעטל, וואָס קומען אַהער צו איר אייניקל און ריידן דאָ וועגן פאַרשיידענע אינטערעסן. אייניקע זײַנען שוין אַפּילע זיכער געווען, אַז די זקיינע איז טויב, אויוועראַבאַטל און רעדט שוין ניט פון יאָרן, פון יאָרן.

נאָר איינמאָל זײַנען דאָ מיידלעך און יינגלעך לאַנג געזעסן, לאַנג געפּקירעט וועגן זיך און וועגן זייער לעבן און נאָכדעם לאַנג געשוויגן. און פּלוצעם האָבן אַלע אַ ציטער געטאָן און זיך איבערגעשראָקענערהייט פאַרן האַרצן געכאַפּט.

די אַלטיטשקע האָט הינטער זייערע פּלייצעס דאָס אײַנגעפאַלענע מויל געעפנט, און איבערן גאַנצן ביידער האָט זיך געלאָזט הערן איר הילצערן קאָל, אַ פאַרשלאָפן און נאָגנדיק קאָל, וואָס טראָגט זיך פון ערגעץ אַ ווײַטער האַלב־אײַנגעפאַלענער כורווע:

„טאָכטערס טאָכטער מײַנע! ווער ס'רעדט ווינציקער וועגן זיך, דער רעדט ווינציקער נאַרישקייטן."

אונ ס'איז געווענ אזוי מאָדנע אָט דאָס, וואָס די אַלטיטשקע האָט זיכ נאָכ אויכ ווערטלעכ געוואָלט. איר טאָכטערס טאָכטער, די אקושערקע שאַצ איז ניט פאַרוווּנדערט אונ ניט דערשטוינט געבליבנ. שמייכלדיקערהייט האָט זי דעמאָלט נאָר די קישנס אונטער דער אַלטיטשקער צורעכט געמאַכט אונ אויכ אזוי שמייכלדיק איר אינ אויער אַרײַנגעשריִענ:

„כ' געדענק באָבעניו, כ' געדענק".

★

די אקושערקע האָט דעמ גאַנצנ אָוונט צו בלאָפלעג ניט אופגעהערט אונ דערציילט פיל מײַסעס וועגנ זיכ אונ וועגנ אירנ א פעטער, א פרומענ אונ א גוטמוטיקנ ייִדנ.

פלעגט ער שטענדיק צו איר אַרײַנקומענ, אָט דער פעטער אירער, אונ איר זאָגנ:

„אזוי, מאַלקעלע? וועסטו שוינ טאָקע קיינמאָל ניט באַסענע האָבנ? א שאָד... א שאָד".

אונ מירל איז אקעגנ איר אפנ בענקל געזעסנ, געהערט אונ ניט געהערט, געקלערט וועגנ זיכ אונ וועגנ דעמ שפּאַציר־פּלאַצ, ווו זי איז פאַרנאַכט ארומגעגאַנגענ, זיכ פאַרזעסנ אפ א היפּשער ווײַלע אונ שוינ נאָר געדענקט עפּעס א שטילע אומעטיקע מײַסע, וואָס האָט מיט איר אַליינ פונ קינדוווײַז אָנ פּאַסירט:

„איז זי געוואַקסנ א באַסיעכידע בא ר' גדאַליע הורוויצנ אינ שטוב... האָט זיכ איר עפּעס געוואָלט — איז זי געוואָרנ אפנ זיבעצנטנ יאָר א קאַלע פאַר וועלוול בורנעס... איז דאָס געווענ קאַרג! — איז זי אַוועקגעפאָרנ אינ קרײַז־שטאָט אונ גענומענ לערנענ דאָס, וואָס אַלע... האָט עס נישט געהאָלפנ — איז זי צוריקגעקומענ אונ, דוכט זיכ, ליב באַקומענ דאָ אינ שטעטל גאָסנ העלערנ... איז דאָס אָבער אַלצ קאַרג געווענ, אונ געדוכט האָט זיכ אַלצ, אז דאָס קומענדיקע לעבנ באַדאַרפ זײַנ גאָר אַנדערש. גאָסענע האָט זי איינמאָל געזאָגט: „ס'וועט פונ דעמ גאָרניט זײַנ; ער מעג פונ שטעטל אַוועקפאָרנ". דעמ כאָסנ אירנ האָט זי די טנאָימ אָפּגעשיקט... אונ איצט איז זי ווידער פרײַ. —

און דער פֿאַרנעפּלטער ווילנע איז ווידער מיט איר... און איצט בלאָנקעט זי גאַנצע טעג אַרום דעם שטעטל, און ליפּקים הינקט איר נאָך... און איצט איז זי דאָ בא דער אַקושערקע שאַץ, וואָס וווינט שוין דאָס צווייטע יאָר אין איר געדונגענעם שטיבל, וואָס אין שטילן עק דאָרף".

קיין באַזונדער אומגליק איז, דוכט זיך, ניט געשען סיי אין איר לעבן, סיי אין לעבן פֿון דער אַקושערקע שאַץ. נאָר מיט קיין איבעריקע פֿרייד האָבן זיך שוין אויך זייערע ביידנס לעבנס ניט אויסגעצייכנט, און דערפֿאַר טראַכט זיך מיט אַזאַ טרויער וועגן זיך, וועגן דער אַקושערקעס אומבאַקאַנטע יונגע יאָרן, וועלכע זי האָט צוזאַמען מיט איר אומבאַקאַנטער מישפּאָכע ערגעץ אין דער ליטע געלאָזן, און ס׳ווילט זיך שטיל זאָגן:

„איר ווייסט, שאַץ? איר זײַט אַ מאָדנער מענטש".

„איר שטעלט אײַך פֿאָר, שאַץ? מיט אַן איראָנישן שמייכל אַף די ליפּן וועט מען אײַך סאָפּקאָלסאָפּ אין קיעווער אַרײַנליגן".

נאָר אַט האָט זיך די אַקושערקע שאַץ אַ נײַעם פּאַפּיראָס באַם קעסטל הילזן געמאַכט. פֿאַררייכערנדיק דעם פּאַפּיראָס באַם לאָמפּ, האָט זי אין אַלאַכסן געכאַפּט אַ קוק אַפֿן אָנגעברויגעזטן ליפּקיסן און אַ שמייכל געטאָן מיט אַ מינע פֿון אַ לעץ, אַ שאַלעם־מאַכער:

„מאָדנע איז שוין יעדער מענטש".

ס׳דוכט זיך, אַז זי גרייט זיך דערציילן וועגן איינעם אַ מענטשן, וואָס איז שוין מאָדנע מיט זײַן גאַנצן לעבן. מעגלעך, אַז דערציילן וועט זי איצט וועגן איר באַקאַנטן, דעם קרעפּטיקן און איינזאַמען באָכער, דעם העברעיִשן ליטעראַט, הערץ, וואָס וואַלגערט זיך אַלע זומער ערגעץ אין אַ שטאַרק־שטילן שווייצערישן דאָרף, און אַלע ווינטער אינעם קליינעם ליטווישן שטעטל, וווּ זײַן געשטאָרבענעם זיידן, דעם ראָוו, האָט מען שוין לאַנג אַ שטיינערנע מאַציייווע פֿאַר פֿאָהעלשע געלט אַוועקגעשטעלט.

און אַ כשאַד איז דאָך פֿאַראַן אַ היפּשער, אַז די אַקושערקע איז געשטרויכלט געוואָרן אין איר ליבע האָפֿקע צו אַט דעם באָכער, וואָס בלײַבט שוין אין נאָרווייט, אַז עפּעס איז צווישן זיי אומאָנגענע.

מענ צוריק מיט צוויי יאָר פאָרגעקומענ, אונ די אקושערקע האָט דערפאר געמוזט ניט־ווילנדיק איר שטעטל פארלאָזנ אונ זיכ אינ אָט דעמ וויסטנ עק דאָרפ באזעצנ.

מירל רוקט זיכ מיטנ בענקל נענטער צומ בעט, וווּ די אקושערקע האָט זיכ באקוועמ אוועקגעזעצט. אונ ליפקיסעס מויעכ איז נאָכ אלצ פארנומענ מיט זײַנ וואָכעדיקנ כעזשבנ:

„אלע טאָג טײַנעט מיט אימ זײַנ מוטער, אז ער מוז זיכ מאכנ א האלב טוצ וועש... נאָכ אלע פארדינסטנ וועט ער סאָפקאָלסאָפ ניט האָבנ מיט וואָס איבעראיאָר ווינטער אינ קראכ אוועקצופאָרנ".

ווענ אָט דער געדאנק הערט אופ אינ זײַנ מויעכ צו עקבערנ, קוקט שוינ מירל אײַנגעבויגענערהייט מיט שטארק פארינטערעסירטע אויגנ אינ דער אקושערקעס פּאָנעמ אונ כאפּט יעדעס וואָרט, וואָס יענע לאָזט פאמעלעכ צוזאמענ מיטנ רויכ פונ מויל ארויס.

„צי הערצ שרײַבט איר בריוו, פרעגט מירל?... רײשיס, איז ער שוינ דערופ ביכלאל צו קלוג אונ האָט פײַנט נארישקײַטנ צו טאָנ אונ, צווייטנס..."

זי פארציט זיכ טיפ־טיפ מיטנ פאפיראָס, אזוי אז די רויטע קויל באלײַכט איר אײַנגאנצנ דאָס פּאָנעמ, לאָזט ארויס דעמ רויכ פונ מויל אונ גיט שוינ צו מיט אויסגעקרימטע ליפנ אונ מיט א וווּנדער פונ באליידיקונג:

„מ׳וואָלט געקאָנט מײנענ, אז איר, דער אקושערקע, גייענ זיי טא־קע בעעמעס אָפּ, אָט די בריוו זײַנע..."

בא ליפקיסנ פארקרימט זיכ דאָס פּאָנעמ אפ לעצאָנעס צו מאכנ.

„יאָ, דער אקושערקע גייט שוינ קלוימערשט קיינמאָל ניט אָפּ דאָס, וואָס זי האָט ניט אונ וועט קיינמאָל ניט האָבנ".

ער וויל איר דערמיט, אפּאָנעמ, אָפּדינענ פאר אירע פריִערדיקע ווערטער: „איז אָב אונ ווי איז צו אײַכ, ליפקיס". נאָר ער האלט זיכ אײַנ, קוקט מיט סינע אפ איר אופגערעגט פּאָנעמ אונ שווײַגט.

★

ס׳איז אזוי שטיל אינ אָט דעמ אײנציקנ באלויכטענעמ ביידעמ, וואָס אינ דעמ אקושערקעס שטיבל. ס׳דוכט זיכ, אז ס׳איז שטארק

שפּעט, אונ ס'קלינגט בא עמעצנ אינ אג אויער. צווישנ דער באנאכ-
טיקער רו, וואָס נאָגט אינ אלע טונקל-באלויכטענע ווינקלעכ, הערט זיכ
נאָר, ווי ליפּקים שפּארט דעמ קאָפּ אָפּ דער פּאָרענטשע פונ בעט אונ
ווי ס'שטארבנ פּאמעלעכ אָפּ די באטראכטע ווערטער, וואָס די אקו-
שערקע שאַצ וואַרפּט ווענ איר באקאַנטנ אינ דער שטילקײט ארײנ:

„האָט ער נאָכ פאַרצווײיאָרנ פונ זיכ אלײנ כויזעק געמאכט אינ
איר געזאָגט:

„שרײַבנ באטאָג איז אימ שוינ א ביזויענ פאַר זיכ אלײנ אונ
פאַרנ גאנצנ שטעטל ײדנ, וועלכע באדארפנ עס ניט. טומ ער עס שוינ
נאָר באנאכט, ווענ מענטשנ שלאָפנ”.

„באנאכט, זאָגט ער, איז בא יעדנ די בושע קלענער”.

אונ נאָכדעמ שמײכלט ער, אונ שווײַגט.

„ס'איז אימ שוינ, זאָגט ער, גאָרנישט געבליבנ, כוץ דאָס שמײכל-
דיקע שווײַגנ”.

אינ דער לופט פונעמ כיידער שוועבט שוינ ארומ דער בלאָנדזשענ-
דיקער שאָטנ פונ אָט דעמ פארוואָגלטנ באָכער, אונ ס'דוכט זיכ: ערגעצ
אינ א נאָענטנ כיידער-ווינקל, וואָס הינטער די פּלײצעס, שטייט ער
אלײנ מיט זײנ גאנצנ קרעפּטיקנ אונ עטוואָס אײנגעבויגענעמ וווּקס;
ער האָט ליכטיקע, ניט לאנג אָפּגעשוירענע האָר מיט אויכ אזעלכע
ליכטיקע נידעריק צוגעשוירענע וואָנצעס, קוקט אהער רויִק מיט שמײַ-
כלדיקע אויגנ אונ הערט, ווי ס'דערצײלט ווענ אימ די אקושערקע שאַצ:

„וואָלגערט זיכ געווײס אָט דער נאָווענאַד איצטיקנ ווינטער אויכ
אינ קלײנעמ ליטווישנ פּוכטנ שטעטל אונ בלאָנדזשעט דאָרטנ גאנצע
נעפּלדיקע טעג ווײַט, ווײַט אָפּ די שנײיִקע פעלדער”.

מירל פאַרטראַכט זיכ ווענ זיכ, דערמאָנט זיכ, ווענ די אקושערקע
דערצײלט, וויאַזוי ער רעדט שוינ דאָרטנ קײנמאָל מיט קײנ אינטע-
ליגענטנ מענטשנ ניט אונ האלט זיכ אפילע פונ פּאָשעטע שטאָט-
ײדנ פונדערווײַטנ. נאָר אויכ ווײַט פונ שטעטל באגעגנט ער ערגעצ-
ווו א פויער שפּאַנענ, שטעלט ער זיכ אָפּ אונ פאַרפירט מיט אימ א
לאנגנ שמועס:

„פון וואָסער דאָרף שטאַמט ער? צי האָט ער ווײַב און קינדער?
און וועמעס ערד באַאַרבעט ער: אייגענע, צי פרעמדע?"

און נאָכדעם קוקט זי שוין ווידער צו דער אַקושערקע און העלפט ווײַטער, ווי זי דערציילט:

„דאָרטן, זאָגט ער, צווישן די שווייצערישע פאַרשטיינערטע שווײַגנדיקע בערג און שטילע אָזערעס, שטאַרקט זיך אין אים די איבערצײַגונג, אַז מענטשן וועלן סאָפּקאָלסאָפּ צו טומלען אויפהערן און וועלן מיט איין און דעם זעלבן שמייכל דעם טויט מיטן לעבן באַגעגענען".

„ער קוקט שוין געוויס מווירעדיק אויפן לעבן, גיט זי דערבײַ צו, און דאָך האָט דאָס אים ניט געשטערט אין אָט דער זעלבער שווייץ איינע פון זײַנע שענסטע קליינע זאַכן אָנצושרײַבן".

די אַקושערקע שעמט זיך מירעלען און ליפּקיסן אין פּאָנעם אַרײַנצוקוקן, און דרייט פון זיי איר פּאָנעם אַוועק.

מיט גלאַנצנדיקע קוים־קוים שמייכלדיקע אויגן קוקט זי צו דער העכערער האַלב פון דער קוגלבערדיקער וואַנט און הייבט דאָך אָן פּאַמעלעך און שטיל אָט די קליינע זאַך זײַנע אויסווייניק צו לעזן.

און בלאָנדזשענדיק אַזוי יאָרנלאַנג איינער אַליין איבער דער וועלט, האָב איך, דער פאַרטריבענער נאַווענאַד, אַלץ מער און מער זעלטן ערגעץ וווּ אַ יישוּב באַגעגנט, און פאַרגעסן האָב איך פאַר דער צײַט דעם כעזשבן פון שאַבעס און פון וואָך. איינע נאָך איינער האָב איך פונעם שווערן פּאַק, וואָס אויף מײַנע פּלייצעס, די זאַכן אַרויסגעוואָרפן און געזאָגט צו זיך אַליין:

„ניט איך און ניט קיינער באַדאַרף שוין אָט די זאַכן האָבן. נאָך וואָס־זשע זאָל איך זיי נאָך אויף זיך טראָגן און אונטער זייער שווערקייט מײַנע פּלייצעס בייגן?"

און ווען אין לעבעדיקן זאַק, וואָס אויף מײַנע פּלייצעס, איז שוין גאָרנישט געבליבן, האָב איך אים אויך אַוועקגעוואָרפן און גענומען אַרומקוקן זיך אַליין.

כ'בין נאָך קימאַט יונג, האָב איך דערבײַ געטראַכט, קראַפּט

און מאכט שלאָפּט אין מיר, נאָר צי קאָן איך האָפן, אַז איך אַליין וועל זיך נאָך אַמאָל אין זיך נייטיקן?

און פאַרגעסנדיק דאָס, וואָס כ'האָב הינטער זיך געלאָזט, האָב איך פאַמעלעך גענומען שפּאַנען פּאָדויס.

כ'האָב געטראַכט:

„ס'איז קעדיין צו זען, וואָס ס'טוט זיך דאָרטן, אויף יענעם וועלט־שעטעך, וועלכן ס'שלינגט איין האָריזאָנט, און עפּשער... עפּשער וועל איך פאָרט ערגעץ אָנקומען".

און איינמאָל, אין אָנהייב ביינאַשטמאָשעס איז דאָס געווען, בין איך טאַקע אַזוי אין אַ טויטער שטאָט אָנגעקומען און האָב דאָרטן די טירן פון אַלע הײַזער אָפענע געטראָפן.

ניט קיין ווינטערדיקע און ניט קיין זומערדיקע זײַנען אין אָט דער טויטער שטאָט די ביינאַשטמאָשעסן געווען, און קאַלט איז מיר ניט געווען, און קיין פּאַכעד איז מיך ניט באַפאַלן. פון שטוב צו שטוב בין איך אַרומגעגאַנגען און האָב געזען: פאַרגליווערטע קערפּערס ליגן אומעטום אויף די בעטן און האַלטן אין די פויסטן האַרטע געדריקטע שטיינער. אויף עמעצן האָבן זיי שוין, אַפּאָנעם, פאַרן טויט אָט די שטיינער געוואָלט וואַרפן.

אין אַ ווינקל פון אַ שטוב האָב איך נאָר אייגע אַ שלאַנק־וואַקסיקע פרוי דערזען און בין פאַרשטיינערט געוואָרן אויף איר קוקנדיק. אַ שוואַרץ־ביינעוודיקע, אַ מאַטבלאַסע, געקליידט אין אַ לאַנגן שוואַרצן קלייד, איז זי אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט געשטאַנען, געקוקט מיט שוואַרצע אויסגעמאַטערטע אויגן אין דערווײַט און שוין, אַפּאָנעם, פאַרגעסן, אַז זי האַלט די גאַנצע צײַט צוגעדריקט צו דער ברוסט אַ קינדערש קליינע, וועקסענע ליאַלקע.

„אַזוי שפּעט ביסטו געקומען. האָט זי צו מיר שטיל און גלײַכגילטיק געזאָגט, מ'האָט דאָ אויף דיר אַזוי לאַנג געוואַרט, און איצט קוק: זיי זײַנען שוין אַלע טויט".

כ'האָב געשוויגן דערפאַר, וואָס אין אירע אויגן האָט שוין געברענט יענער פײַער, וואָס ברענט אין די אויגן פון אַלע

מעשוגאָים, אונ זי האָט מיר נאָכ אפ דער ליאלקע, וואָס בא איר ברוסט, אָנגעוויזנ אונ געזאָגט:

„דו ווייסט, וואָס דאָס איז? ס׳איז א פארשלייערטער טאָעס”.

אונ, אינדערפאלנדיק א טויטע אפנ בעט, וואָס איז לעבנ איר געשטאנענ, האָט זי נאָכ שטיל, אומגעווינלעכ שטיל, דעמ געדאנק אירנ פארענדיקט:

„אונ אינגאנצנ... אינגאנצנ — איז דאָס — געווענ — גישט מער, ווי א פארשלייערטער טאָעס”.

... דענסטמאָל האָב איכ די שטוב פארלאָזנ אונ בינ געגאנ־גענ זיכ אפנ טויער פונ שטאָט אוועקזעצנ.

„וווהינ וועל איכ שוינ פונדאנענ גיינ? האָב איכ צו זיכ אליינ געזאָגט, בעסער וועל איכ שוינ דאָ אייביק אפנ טויער זיצנ אונ וועל א שוימער פונ אָט דער שטאָט בלײבנ”.

אונ אָט זיצ איכ שוינ אזוי לאנג אפנ טויער פונ אָט דער שטאָט, וואָס אינ איר קומט קיינער נישט ארײנ. אונ פונוואנענ ס׳גייט קיינער ניט ארויס.

אלצ, וואָס כ׳האָב אמאָל געוווסט, האָב איכ שוינ לאנג פאר־געסנ, אונ אינ מויעכ אינ מײנעמ איז שוינ מער ניט ווי איינער א געדאנק געבליבנ:

„אלע, אלע זײנענ זיי שוינ געשטאָרבנ, אונ גאָר איכ אליינ לעב אונ וואַרט שוינ ניט אפ קיינעמ”.

אונ ווענ איכ קוק נאָכאמאָל זיכ אליינ ארומ אונ דערפיל די קראפט אונ מאכט, וואָס שלאָפט אינ מיר, טו איכ שוינ אפילע קיינ זיפצ ניט אונ טראכט:

„כ׳בינ א שוימער פונ א טויטער שטאָט”.

די אקושערקע איז געבליבנ שטיל.

מירל האָט זיכ מיטאמאָל פונ אָרט א הייב געגעבנ, קעדיי צו גיינ מיט ליפקיסנ אהיימ. נאָר דער גײַסט פונ דער דערציילונג האָט נאָכ אפ איר גערוט, איז זי טרויעריק אונ שטיל אפ איינ אָרט געשטאנענ,

און איר מוח האָט נאָך געקלערט וועגן דער טויטער שטאָט און וועגן דער אקושערקעס פּאָנעם, וואָס האָט זיך אַזוי מאָדנע אומגעביטן בעשאַסן לעזן.

די אקושערקע האָט געוואָלט אויסזען אַלע אירע יאָרן, ווי א באַבאַמע און א געפּרוּווטע, איז אַף איר אַרופגעשפּרונגען דער צאָרן פון איר באַהאַלטענער ליבע צו אָט דעם באָכער... בעשאַסן לעזן איז נאָך געווען אַזעלכע מינוטן, ווען איר פּאָנעם האָט אויסגעזען אַזוי נאַריש, ווי דאָס פּאָנעם פון אַן עמעסן אידיאָט.

און ווידער האָט אַף איר די שטימונג פון דער דערציילונג געווירקט. אירע אויגן האָבן געקוקט אַף די פענצטער־שויבן, וואָס צו זיי האָט זיך פון דרויסן געקלאַפּט די שוואַרצע נאַכט און אירע אויערן האָבן שוין נישט געהערט דאָס שטילע שעפּטשען פון אירע אייגענע ליפּן:

„אָט דער פאַרשוין, וועלכן די אקושערקע רופט הערצ... עפּעס לעבט ער אָן ווילן און שרייבט אָן ווילן... ווי קלערט די אקושערקע: ס'איז אים נאָך געבליבן עפּעס אבוצ מעשוגע צו ווערן?”

נאָר די אקושערקע שאַץ האָט זיך שוין ווידער באַם קעסטל מיט הילזן געפּאָרעט און זיך דאָרטן שוין ווידער א נייעם פּאַפּיראָס געמאַכט.

„ער איז אַזוי געזונט, ווי א גוי, האָט זי פון דאָרטן געענטפערט, ער קאָן אַלץ איבערטראָגן שווייגנדיק”.

און דער גוטער יאָר ווייסט זי, פאַרוואָס זי האָט נאָך באַלד באַדאַרפט קאַלטבלוטיק צוגעבן:

„נישקאָשע, דער רעב וועט אים דאָרטן ניט נעמען”.

מירעלען איז נאָך נאָכדעם אינטערעסאַנט געווען אַריינצוקוקן אַהער פון דרויסן דורכן פענצטער און זען:

די אקושערקע שאַץ איילט זיך לאַכלוטן ניט שלאָפן לייגן און טראַכט נאָך אפילע ניט דעם לאָמפּ אויסלעשן. מיטן רייכערדיקן פּאַפּיראָס אין מויל און מיט מאַנצבלש אריבערגעוואָרפענע פיס זיצט זי נאָך אָן שום באַוועגונג אַפן בעט און קוקט ערגעץ וואוהין אין דער פינסטער לופט, וואָס איז ביידער.

★

ס'איז געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, און קיין לאָמפּן האָבן שוין אינערגעץ ניט געברענט.

ווײַט, ווײַט אינעם באַנאַכטיקן האָריזאָנט, וואָס קעגנאיבער די פאַר־שנייטע פעלדער, האָבן זיך נאָר אין איין לאַנגער שוואַרצער שורע די דעמבענע וועלדלעך געצויגן, און געדוכט האָט זיך, אַז זיי ווילן דרימלען און קאָנען ניט, אַז ס'שטערט זיי פונדאַנען די לאַנגע שײַן פון דער אַקושערקע שאַצס רויט באַלויכטענעם פענצטער, און ס'וועקט זיי אַלעמאָל אַן אַנדער שטיל בלאָנדזשענדיק ווינטל, וואָס קומט אַהין צווישן די יונגע ביימער צו לויפן און לאָזט איבער צווישן זיי בײַנאַכטיקע מאָרעשכוירע פון ערגעצוווּ אַ נײַגעבוירענעם אומגליק.

מירל האָט נאָך אַלץ פאַר די אויגן די זיצנדיקע אַקושערקע שאַץ געזען, געדענקט דאָס מײַסעלע וועגן דער טויטער שטאָט און זיך מאָרעשכוירעדיקערהייט געזאָרגט:

„געוויס וועט זיך איר שוין אַ גאַנצע נאַכט די טויטע שטאָט מיט דער מעשוגענער פרוי אין שוואַרצן כאָלעמען... אַ גאַנצע נאַכט".

נאָר דורכגייענדיק פאַרבײַ איר געוועזענעם מעכוטנס דרימלענדי־קער שטוב מיט די אויסווייניק געשלאָסענע בלויע לאָדנס, האָט זי דעם באַיאָרטן גוי, דעם סטרוזש, דערזען און זיך געשטעלט מיט אים רייִדן.

„אַך, זאַכאַר, פאַרוואָס קומט ער קיינמאָל צו זיי ניט אַרײַן, זאַכאַר?"

דער אַלטער זאַכאַר איז געשטאַנען פאַר איר אָן אַ היטל און איז שיִר ניט צעגאַנגען פון גליק:

„אוי, אוי, אוי! וויפל מאָל האָט ער די באַרישניע[43] באַנאַכט אַהיים געפירט? וויפל מאָל האָט ער דער באַרישניע אין דער בלאָטע־צײַט זאַפּיסקעס[44] געטראָגן... און איצט, איצט האָט מען אים אַף דער קיך געזאָגט, אַז זי איז שוין אויס קאַלע געוואָרן... איז עס עמעס אָט דאָס, וואָס מ'האָט אים אין קיך געזאָגט?"

און זי האָט געשמייכלט און אים אין אויער געשריִען:

„ס'איז עמעס, עמעס, זאַכאַר".

עפּעס האָט זי זיך שוין צופיל וועגן איר געוועזענעם מעכוטנס הויזגעזינד דערפרעגט; געוואָלט, אפּאָנעם, שטאַרק געוואָר ווערן, צי דער געוועזענער כאָסן אירער געצטיקט איצט אין שטאָט, נאָר ניט געקאָנט, צי דערפאר, וואָס ליפּקיס איז דאָ בא דער זייט געשטאַנען, צי נאָר דערפאר, וואָס דער באַיאָרטער זאַכאַר האָט וועגן אַלע שײַלעס אירע געקאָנט דאָרטן אין שטוב איבערגעבן.

ליפּקיס איז שוין אזוי צופרידן געווען, וואָס זי האָט צולעצט אָט דעם אַלטן גוי אָפּגעלאָזט און שוין אַליין געפילט, אז ער גיט איפּ אַן איבעריקע שײַלע:

„אָט וועט ער בא איר, לעמאָשל, פרעגן: וואָס פאר אַן אינטערעס האָט זי געהאַט מיט אָט דעם אַלטן גוי א גאַנצע האַלבע שאָ פאַרברענגען?"

נאָר זי האָט אים גאָרנישט ניט געענטפערט, זיך ווידעראַמאָל אָפּגעשטעלט, זיך דערמאָנט, אז מ'באַדאַרף דעם סטרויש אָפּ טויט געבן, און בא אים, ליפּקיסן, צוליב דעם א גאַנצן רובל געפרעגט. האָט ער זיך אָקערשט פונסנײַ שטאַרק באַרויִגעז דערפילט און, שלעפנדיק דעם זילבערנעם רובל פון טאַש, שוין מיט אַזאַ בייזקייט וועגן איר געטראַכט:

„עמעצער איז א מיוון, ווי פּאָשעט און פּראָסט זי נעמט דאָס א ביסל בא אים געלט? מאַמעש ווי בא א מאַן נעמט זי דאָס בא אים".

IV

אָפּ עמעצן האָט מען זיך בא ר' געדאַליע הורוויצן אין שטוב געריכט.

די אויסלענדישע ראָזע גאַרדינען האָט מען פונסנײַ אָפּ אַלע פּענצטער אופגעהאַנגען, דעם קילן זאַל האָט מען אַלע טאָג געהייצט און די סאַמעטענע סטעזשקעס האָט מען דורכווײס אָפּ די דילן אויסגעשפּרייט. די גאַנצע שטוב האָט שוין פון כוויל אָפּ קוידעש [45] עפּעס מויבעס געוועזן און, דוכט זיך, שוין גאָרנישט אין זינען געהאַט, אַכוץ די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך אינעם גאַנצן שטעטל וועגן מירלען אַרומגעטראָגן:

„איז א סוואָרע, אז זי ווערט טאקע פאר אימ א קאלע, פאר יאנקעוו יויסעפ זײַדענאָווסקיס לײַטישנ באָכער; פארנ באָכער פונ יענעמ זעלבנ יאנקעוו יאָסל זײַדענאָווסקי, וואָס שטאמט פונעמ נאָענטנ דאָרפ שוקעװ־גארא, וווינט שוינ דאָס צענטע יאָר אינ פאָרשטאָט פונ ווײַטלעכנ קראכ, וו ער האָט אנ אײגענע גוראלניע אונ שפּארט נאָכ אָנ אדאיעמ אינ דער היגער געגנט מיט זײַנע גרויסע אָקסנ־שטאלנ".

ליפּקינ איז אזוי בײַז געווענ יעדעס מאָל, בעשאס עמעצער האָט זיכ וועגנ אָט די קלאנגענ בא אימ פאנאנדערגעפרעגט, אונ בײַזערהייט געענטפערט:

„פונוואנענ זאָל ער האָס וויסנ?"

„אונ ביכלאל... פארוואָס דערפרעגט מענ זיכ וועגנ דעמ דאפקע בא אימ, ליפּקינ?"

ער האָט זיכ דערנסטמאָל זעלטנ וועגנ מיט מירלענ באגעגנט, זיכ דערפאר עמעצנ אפּצעלאָכעס געהאלטנ מאָדנע ניוועדיק אונ שטאָלצ אונ קלוימערשט ניט געוווסט, אז די גאנצע קלאנגענ שטאמענ ניט מער ווי פונ א פּאָשעטנ פרעמדנ יידנ, א שאדכנ, וועלכער האָט זיכ אפ א פּאָר טעג בא אווראָמ־מוישע בורנעס אָפּגעשטעלט אונ האָט זיכ דאָרטנ געקלאָגט:

„וואָס־זשע קומט ארויס, וואָס בא זײַדענאָווסקינ איז א ווילער באָכער פאראנ! מירל איז נאָכ פּאָריקנ זומער ערגעצ אינ קרײַז־שטאָט אינ איינ אכסאניע מיט אימ געשטאנענ, זיכ א פּאָר מאָל דאָרטנ אינ קאָרידאָר מיט אימ אדורכגעשמועסט אונ אימ שוינ, אפּאָנעמ, אפ אייביק דעמ קאָפּ פארדרייט".

נאָר טעג נאָכ טעג זײַנענ אוועקגעגאנגענ, אונ צו ר' גדאליע הורוויצנ אינ שטוב איז נאָכ אלצ קײנער ניט אראָפּגעקומענ. מירל איז נאָר עפּעס בלאסער אונ שטילער געוואָרנ, אונ געדוכט האָט זיכ שוינ, אז זי ווייס ניט פונ גאָרנישט אונ הערט זיכ צו גאָרנישט צו; אז אלצײַנס איז איר, צי מ'רעדט וועגנ איר אינ שטאָט שלעכטס, צי גוטס, אונ אז דערפאר טוט זי שוינ גלײַכגילטיק אזעלכע אומבאטראכטע, באסיעבידישע מײַסימ, שטעלט אָפּ אינמיטנ גאס איר געוועזענעמ כאָסנס שוועסטער, קלאָגט זיכ אפ זיי דערפאר, וואָס זיי קומענ צו איר קײנ־

מאָל ניט אַרײַן און טײַנעם מיט אַ מאָדנער יאָרדישער געפאלגקײַט:

„אַלקאַלפֿאָנעם... ניט ערגער איז זי דאָך, אַלקאַלפֿאָנעם, פֿונעם פֿאָטאָגראַפֿס װײַב, דער ראָזענבוימיכע, װאָס צו איר לױפֿן זײ צװײ מאָל אַ טאָג".

בײדע אוּרהאָם־מױשע בורנעסעס מײדלעך האָבן זיך נאָך אַ דער באַגעגעניש אין די פֿענצטער געקוקט און זי אין גרױס װוּנדער מיט די אױגן באַגלײט:

„ביסט אַף איר אַ מײוּון?" האָט די עלטערע בײַ דער קלענערער געפֿרעגט.

און זי איז נאָך אַלץ אײנע אַלײן ערגעץ אַרוף דעם שטעטל געגאַנגען. בײַ דער אַפּטײק, װאָס צװישן די לעצטע ייִדישע הײַזער, האָט זי זיך אײנמיטן װעג אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט. קײנער איז דאָרטן ניט געװען, אַחוץ יענעם אָפּגעריסענעם ייִנגעלע, װאָס איז פֿון ערגעץ אַראָפּ אין שטאָט אַרײַן געגאַנגען, און די גלעזערנע אַפּטײקטיר, װאָס מיטן גלעקל, איז פֿון אינעװײניק מיט אַ רױט פֿאָרהענגל פֿאַרשטעלט געװען. זי האָט אָט דאָס אָפּגעריסענע ייִנגעלע צו זיך צוגערופֿן און אים געבעטן, איר פֿון דער אַפּטײק דעם פּראָװיזאָר־געהילף סאַפּיאַנען אַרױסצורופֿן. דאָס ייִנגעלע האָט זיך געשעמט און געפֿאָלגט, און זי איז דאָרטן אײנע אַלײן געשטאַנען און געװאַרט, ביז סאַפּיאַן האָט אַן אַרבעט זײַנע געענדיקט, ביז ער האָט זיך דאָרטן אָנגעטאָן און איז אַהער אין דרױסן מיט זײַנע אַרױסגעקראָכענע, פֿאַרבלאָזטע אױגן אַרױס. ייִדן זײַנען דערװײַל אַף אַ פֿאָשעטן פֿויערשן שליטן פֿון ערגעץ צוריק אין שטאָט אָנגעקומען, געװאָרפֿן אַף איר דערשטױנטע בליקן און דערבײַ מאָדנע שמײכלען אײנער צום צװײטן אָנגעהױבן, און זי האָט זיך קלױמערשט אַף זײערע שמײכלען ניט אומגעקוקט און מיט אַן ערנסטער מינע צום פּראָװיזאָר־געהילף סאַפּיאַנען געזאָגט:

„זי האָט אים פֿריִער געװאָלט בעטן, ער זאָל זי צו דער אַקושערקע שאַץ אָפּפֿירן. נאָר איצט... גלוסט זיך איר שױן צו דער אַקושערקע שאַץ ניט גײן. ער האָט צײַט זיך מיט איר אַ ביסל אַהין, אַרױס דער שטאָט דורכגײן?"

אונ דער פראָוויזער־געהילפ סאפיאנ האָט איבער אָט דער שייִלע געמוזט דעם האלדז אויסציִענ, אראָפשלינגענ אונ מיט נערוועזע פינגער דאָס אויבערשטע קנעפל פונעמ ווינטערדיקנ פאלטאָ פארשפיליענ:

„צי ער האָט צייַט? ער איז, אייגנטלעכ... ער קאָנ, אייגנטלעכ, א ביסל גייִנ".

אונ ער איז געגאנגענ א נערוועזער אונ אויפגערעגטער פארבײַ איר לינקער זייַט, ניט געקוקט צו איר, געזענ מיט די ארויסגעקראָכענע גרויסע אויגנ דעמ נעפל, וואָס שפרייט זיכ ארויס דעמ שטעטל, ניט געהאט אפצולאָכעס פונ וואָס צו ריידנ, אונ געשוויגנ. א מאָדנע שווערקייַט האָט זיכ אינ זייַנ שווייַגנ געפילט, האָט מירל אפ אימ פונ צייַט צו צייַט א בליק געוואָרפנ אונ, צולעצט, בא אימ געפרעגט:

„ער, סאפיאנ, שטאמט, דוכט זיכ, עפעס גאָר פונ אנ אלטער מישפאָכע... מ'האָט איר, דוכט זיכ, ניט לאנג וועגנ דעמ דערציילט?"

אונ אינ א ווײַלע ארומ ווידער וועגנ דעמ זעלבנ:

„איר טאטע שטאמט אויכ פונ אנ אלטער גערמאנישער מישפאָכע, וואָס האָט זיכ לאנגע צייַטנ מיט זיכ אליינ מעשאדעכ געווענ אונ ווערט, אפאָנעמ, פונ אלטקייַט דעגענערירט. מעגלעכ, אז דערפאר פילט שוינ צייַטנווייַז זי, מירל, אזא פוסטקייַט אונ טויג ניט צו גאָרנישט".

זיי זייַנענ שוינ געגאנגענ איבערנ שנייִקנ שפאציר־פלאצ אונ זיכ פאמעלעכ געדרוקט פאָרויס. פלוצעמ האָט דער אויפגערעגטער פראָוויזער־געהילפ אומבאוווסטערהייט אָנגעהויבנ אינ פאלטאָ־קעשענע מיט א פינגער עפעס א מינ „ליכווויד"[46] צו דרייענ אונ, ניט אומקוקנדיק זיכ צו איר, מיט א נערוועז־ציטעריקנ קאָל געפרעגט:

„ס'איז געוויינלעכ ניט זייַנ אייסעק, אונ זי האָט בא אימ ניט צו ענטפערנ... ער וויל בא איר נאָר פרעגנ: פארוואָס, לעמאָשל, זאָל זי זיכ צומ עקזאמענ ניט צוגרייטנ אונ זאָל זיכ עפעס אנ אינטעליגענטנ פראָפעסיע ניט צוקלייַבנ. ער האָט געהערט: סאכאקל צוויי אונ צוואנציק יאָר איז זי אלט".

אונ מירל האָט זיכ איבער עפעס אָפגעשטעלט אונ גענומענ אראָפקוקנ אהינ, ווו זי האָט מיט א שפיצ פונ איר קלײנעמ קאלאָש אינ שניי געגראָבנ:

„יאָ, פיל מענטשנ האָבנ איר שוינ די שײַלע פירגעהאַלטנ“.

ס'איז געווענ שטיל אינ דער אַרומיקער נעפּלדיק גרויער לופט, קיינ שוואַרצע ראָבנ זײַנענ דאָ שוינ אַפילע גאָענט ניט אַדורכגעפלויגנ, און קיינ בענאָדעמ[47] האָט זיכ אינ דער ווינטערדיקער ווײַטקײַט ניט באַוויזנ. פּלוצעמ האָט מירל עפּעס ווי א זיפצ געטאָנ, זיכ פאַמעלעכ און ער־געצ אינ א זײַט פאַרקוקט און אויכ אַזוי פאַמעלעכ און פאַרקלערט אָנגעהויבנ דערציילנ, ווי אינ איינעמ א ווינטערדיקנ פרײַטיק־צונאַכטס האָט זיכ פאַר איר זייער דינסטמיידל געקלאָגט:

„ווי וועט זי דאָס אָנ יאָרענ איינע אַליינ ביז עלפ אַזייגער אויס־זיצנ? מעשוגע וועט זי דאָכ דאָ ווערנ“.

און אינ א קליינ שטיקל צײַט אַרומ האָט זי, שפּאַצירנדיק אינ קרײַז־שטאָט, אונטערגעהערט, ווי א קורסיסטקע האָט זיכ פאַר א סטו־דענט געקלאָגט:

„גאָט אייער! זי האָט לאַבלוטנ ניט אינ דער היימ, וואָס צו לערנ, פונעמ זינענ וועט זי דאָכ דאָרטנ איינע אַליינ אַראָפּ“.

און דאָ האָט זי זיכ אָקאָרשט אַפ סאַפּיאָגנ אומגעקוקט, זיכ גע־לאָזט מיט אימ ווײַטער גיינ און געפרעגט:

„איר פאַרשטייט, סאַפּיאָגנ? איינ און די זעלבע פּוסטקײַט וויל מענ פונ זיכ מיט יאָרענ און מיט א בוכ פאַרטרײַבנ?“

„צי איר פאַרשטייט?“

באַמ פּראָוויזאָר־געהילפ זײַנענ די אַרויסגעקראָכענע פאַרבלאָזטע אויגנ נאָכ גרעסער געוואָרנ, און א האַלבע זײַט נאָז האָט בא אימ געוואָרט פונ בקירע־היסליוועמ[48] אונטערשפּרינגענ אָנגעהויבנ.

„דיעלאָ וו טאָמ,[49] וואָס זי, מירל, האָט נאָרוואָס צוויי פאַרשיידענע זאַכנ צונויפגעמישט...“

נאָר מירל האָט אימ שוינ איבערגעשלאָגנ און אימ אַפ טריט־סי־מאָנים, וואָס אַפנ שניי, אָנגעוויזנ:

„ער דערקענט זי, אָט די מאַנצבלשע טריט? דאָס איז זי מיט ליפּקינ ניט לאַנג אַפ דעמ זעלבנ אָרט אַרומגעגאַנגענ“.

צי האָט זי אימ דערמיט געמיינט פּאָשעט די רייד איבערשלאָגנ? צי עפּשער האָט זי גאָר געוואָלט, אַז ער זאָל דאָס נאָכדעמ ליפּקינ

איבערדערצייל: אונ זאָל בא אימ א פארדראָסיקע בענקשאפט צו אָט די טריט־סימאָנימ ארויסרופנ?

אַלײנ איז זי דענסטמאָל נאָכ לאנג, לאנג איבער אָט די שנייִקע פעלדער מיט סאפיאנענ ארומגעגאנגענ אונ אימ אלעמאָל געפרעגט, צי ס'איז אימ אָנגענעמ מיט איר צו גיינ, אונ צי דער באלעבאָס זײַנער, דעמ גאלעכס איידעמ, וועט אפ אימ בארויגעז ניט זײַנ.

אומגעקערט האָט זי זיכ מיט אימ צוריק אינ שטעטל, ווענ אינ דרויסנ האָט שוינ טונקל ווערנ אָנגעהויבנ, אונ די נעפלענ, וואָס ארומ, האָבנ זיכ גידעריקער צו דעמ שניי ארויפגעלאָזט אונ זיכ גענומענ אקעגנ נאכט שטארקנ. זי האָט זיכ אָפגעשטעלט פאר איר שטוב, קעדיי אימ נאָכאמאָל צו בארדאנקענ:

„איז בא איר שטארק אָנגעלייגט, וואָס אימ איז כאָטש אויכ אָנגענעמ מיט איר געווענ... זי האָט דאָכ בא אימ אזויפיל צײַט אָפגענומענ".

נאָר האָרטנ אפ דער שוועל פונ קראָמ, וואָס צווישנ קעגנבערדיקער צײַל הײַזער, האָט זיכ איר געוועזענער מעכוטענעסטעמ א שמייכלדיקע קרויווע באוויזנ, עמעצנ דאָרטנ אפ איר מיט סאפיאנענ אָנגעוויזנ אונ, דוכט זיכ, דערבײַ האנאָע געהאט:

„זי האָט שוינ, דאנקענ גאָט, א נײַעמ העכט געכאפט".

האָט זי זיכ אפצעלאָכעמ נאָכאמאָל צומ אוועקגייענדיקנ סאפיאנענ אויסגעדרייט אונ שוינ צו אימ אפנ קאָל אויסגעשריִענ:

„איז אויב ער וויל, וועט זי אימ מאָרגנ אויכ פונ דער אפטייק ארויסרופנ".

אונ נאָכאמאָל האָט זי זיכ צו אימ אויסגעדרייט אונ נאָכ העכער דאָס קאָל אירס אופגעהויבנ:

„אינ דער זעלבער צײַט, וואָס הײַנט, וועט זי אימ פונ אפטייק ארויסרופנ".

א גאנצנ אָוונט איז איר שוינ נאָכדעמ פוסט אינ איר אָפגעזונדערטנ כיידער געווענ, פוסט פונ די עטלעכע שאָ, וואָס זי איז מיטנ פראָוויזער־געהילפ סאפיאנענ ארומגעגאנגענ, פוסט פונ איר געוועזענער מעכוטענעסטעמ קרויווע אונ דערפונ, וואָס אינ עסצימער איז די

אומצופרידענע גיטעלע אפ דער קאנאפע געזעסנ, געהערט שווייַגנדיי־קערהייט דער יונגער רעבעצנס פלאפלערייַ, געקוקט מיט א שמייכל אפ די אייגענע פינגער־נעגל, אונ האָב די גאנצע צייַט ניט פארגעסנ אָנ איר, מירלענ, וואָס זי פירט מיט איר שוינ צוויי וואָכנ צייַט א פאר־אקשנט שווייַגערישע פאָליטיק, אונ וואָס איבער איר איז אהער איינ שטוב נאָכ אלצ ניט אראָפגעקומענ יענער, וואָס אפ אימ האָט מענ דאָ די גאנצע צייַט געווארט אונ וואָס צוליב אימ האָט מענ דאָ די גארדי־נענ אויסגעהאנגענ, די סאמעטענע סטעזשקעס אויסגעשפרייט אונ דעמ קילנ זאל באהייצט.

זי האָט ניט געקאָנט דאָ אינ כיידער איינזיצנ, האָט זיכ צוריק אינ סאק אָנגעטאָנ, פארוויקלט צולעצט דעמ קאָפ מיטנ שארפ, זיכ אפ א ווייַלע אינ עסצימער פארהאלטנ אונ דאָרטנ צו דער מוטער אירער גע־זאָגט:

„מ׳מעג שוינ, דוכט זיכ, אופהערנ דעמ זאל באהייצנ, נישקאָשע... אונ ביכלאל... ס׳איז שוינ, דוכט זיכ, צייַט דעמ „יאָנטעוו” פונ שטוב אויסצוראמענ”.

די שווייַגנדיקע גיטעלע האָט זיכ קיינ ריר אפ דער קאנאפע ניט געטאָנ אונ זיכ צו איר אפילע ניט אומגעקוקט. א שמייכל פונ אנ אקשנ האָט זיכ נאָר ארום איר געשלאָסענעמ מויל באוויזנ, אונ גע־זאָגט האָט זי קאלטבלוטיק אונ שטיל, קוקנדיק ערגעצ אהינ, צומ היפשנ פענצטער, וואָס קעגניבער דער רעבעצנס פלייצעס:

„ווועמענ ארט עס, אז אינ שטוב איז „יאָנטעוו”?”

מירל איז אנ אופגערעגטע פונ שטוב ארויסגעגאנגענ אונ איז אייי־נע אליינ ערגעצ אפ א גאנצנ אָוונט פארשוווּנדנ. דעמ קאסיר זייערנ, דעמ קאָרעוו, וואָס זי האָט אימ ניט ווייַט פונ שטוב באגעגנט, האָט זי נאָכ אָפגעשטעלט אונ אימ געזאָגט:

„ער קאָנ איר געבנ צו פארשטיינ, וואָס פאר א טיפ איז זי, די מאמע אירע?”

אונ נאָכ:

„דעריקער, וואָס זי, די מאמע אירע, שמייכלט אונ שווייַגט, ווי

עמעצן אפּצעלאָכעס... מ'וואָלט אינעמעסן געקאָנט מיינען, אז זי האָט פיל וואָס צו זאָגן, און שווײַגט נאָר דערפאר, וואָס זי איז צו קלוג.

און נאָכדעם איז שוין אזוי געווען עטלעכע טעג נאָכאנאנד: אוועקגעגאנגענע פון שטוב איז זי טכילעס אָוונט, ניט אויסריידנדיק צו קיינעם א וואָרט, און אומגעקערט האָט זי זיך שפּעט נאָך האלבער נאכט, ווען אין שטעטל זײַנען שוין דורכויס אויסגעלאָשן די לאָמפּן געווען, און די שטוב זייערע האָט שוין אין דער מיט פון א פעסטן און שווערן שלאָף געהאלטן. אומעגלעך איז געווען צו טרעפן, וווהין זי ווערט דאָס פארשווונדן.

די אקושערקע שאצ איז דאָך שוין דעם פינפטן מעסלעס ערגעצוו בײַ א פריצע א קימפּעטאָרן אין א נאָענטן דאָרף געווען, און א היפּשן שלעסל איז אַפ דער טיר פון איר עק־דאָרפישן שטיבל געהאנגען.

איינמאָל, קומענדיק מיט דער פּריצעס פור אײַנקויפן אין אפּטייק, איז די אקושערקע שאצ אהער צו דער שטוב צוגעפאָרן און אַפ מירלען געפרעגט. גיטעלע איז עטוואָס רויט געוואָרן און שטיל געענטפערט:

„זי איז אוועקגעגאנגען, מירל... צו דער פאָטאָגראפשטשיכע, דער ראָזנבוימיכע, איז זי געווים אוועקגעגאנגען".

נאָר ווען די אקושערקע שאצ איז אהין צוגעפאָרן, האָט זי דאָרטן קיינעם נישט געטראָפן, אבוצ מירלס געוועזענעם כאָסנס צווי שוועסטער, וועלכע זײַנען געזעסן אין יענעם קליינעם און נידעריקן ביידער מיט דער שטארק רויטער פאָדלאָגע, וואָס איז מיט וואָזאָנעס און מיט א רייען פון גוישע מיַבאָלים פול געווען, און האָבן געהערט, ווי די פאָטאָגראפשטשיכע, די ראָזנבוימיכע, שפּילט אַפ א גיטארע.

„ניט געווען דאָ מירל?", האָט זי, ארײַנקומענדיק אהער אין ביידער, געפרעגט.

דענסטמאָל האָבן זיך מירלס געוועזענעם כאָסנס שוועסטער מאָדנע שמייכלענדיק איבערגעקוקט, און דעם פאָטאָגראפס ווײַב, די ראָזנבוימיכע, האָט דעם קאָפּ פון דער גיטארע אופגעהויבן און אזוי דערשטוינט געענטפערט:

„זי קומט דען אמאָל אהער ארײַן, מירל הורוויץ?"

ס'ארא רייַן קריסטלעכע אויסזען ס'איז בא אָט דער ראָזנבוימיכע

געווענ! ניט אומזיסט האָבנ זיך שוינ וועגנ איר איבערנ גאַנצנ שטעטל קלאַנגענ אַרומגעטראָגנ, אַז פריִער, ווי זי האָט מיטנ פאָטאָגראַף האָזנבוימענ כאַסענע געהאַט, האָט זי ערגעץ אינ א גרויסער שטאָט מיט אַנ אָפיצער געלעבט.

★

אינ איינעמ פונ אָט די אָוונטנ, ווענ מירל איז, ווי שטענדיק, אינ דער היימ ניט געווענ, האָט זיך אינ דער פינצטער, וואָס לעבנ ר׳ גדאַליע הורוויצעס שטוב, א פרעמדע באַלעגאָלישע פור אָפּגעשטעלט, אונ א מיטלוווּקסיקער אומבאַקאַנטער ייִד איז פונ איר אָנגעפּעלצטערהייט אַראָפּגעקראָכנ, זיך אָפּגעשטעלט אינעמ באַלויכטענעמ פאָדערשטיבל אונ דאָרטנ גענומענ שמייכלענ מיט זײַנע קליינע אייגעלעך:

„ער איז אַהער צוגעשיקט געוואָרנ... פונ יאַנקעוו־יאָסל זיידענאָווסקינ איז ער אַהער געשיקט געוואָרנ״.

ס׳האָבנ אימ דאָרטנ באַגעגנט גיטעלע מיטנ יונגנ קאַרעוו, דעמ קאַסיר, געזענ, ווי ער שלעפּט פונ זיך פּאַמעלעך אַראָפּ די בורקע מיטנ פיזימענעמ טולופּ אונ הענגט זיי אויפ אויך אַזוי פּאַמעלעך אָפּ דער שאַראַגע; געזעסנ מיט אימ נאָכדעמ אינ עסצימער באמ טיש אונ געהערט, ווי ער דערציילט באַטראַכט אונ ניט געכאַפּט:

„איז ער, הייסט עס, ניט קיינ שאַדכנ... אונ באַדאַרפ, כאָלילע, דערצו ניט אָנקומענ...“

א סקלאַד פונ זעק האָט ער אינעמ שטעטל, וואָס לעבנ קראַכ, אונ אַלטע גוטע פרײַנט קער ער זיך מיט יאַנקעוו־יאָסלס הויזגעזינד אָנ.

ער האָט געהאַט א היפּשע גרויליכע באָרד מיט א לאַנגער, צומויל פאַרקײַלעכטער נאָז, וואָס אָפּ איר האָבנ זיך אונטער דער הויט ברוינבלויע אָדערנ געצויגנ; אויסגעזענ מאָדנע לײַטיש אינ זײַנ לאַנגנ שוואַרצנ סורדוט, אונ האָט לײַטישערהייט מיט זײַנע קליינע גרויע אייגעלעך צו שמייכלענ ניט אויפגעהערט:

„איז ער, הייסט עס, אַהער צוגעשיקט געוואָרנ... פונ יאַנקעוו־יאָסל זיידענאָווסקינ איז ער אַהער צוגעשיקט געוואָרנ״.

ביז שפעט אינ דער נאכט האט שוינ דענסטמאל בא ר' גדאליע הורוויצנ אינ עסצימער דער הענגלאמפ געברענט.

גיטעלע איז צולעצט צו זיכ אינ שלאפצימער אוועקגעגאנגענ אונ זיכ דארטנ שלאפנ געלייגט. עמעצער האט אימ, דעמ צוגעשיקטנ יידנ, דעמ גאסט, א פרישנ געלעגער אינ ר' גדאליעס קאבינעט צוגעגרייט אונ זיכ אויכ שלאפנ געלייגט. אונ ער, דער פרעמדער ייד, דער גאסט, האט אקארשט פונעמ פעקל פונ זיינעמ ליפערטס קולטור־געשיכטע אינ דער העברעיִשער איבערזעצונג ארויסגענומענ, זיכ מיט איר צומ טיש, וואס אינ עסצימער, געזעצט אונ זיכ דערביי פארנ אוועקגייענדיקנ קאסיר פארענטפערט:

„ער האט אמאל א קראמ פונ יידישע ספארימ געהאלטנ... איז אימ נאכ, הייסט עס, פונ דענסטמאל אנ פארבליבנ די טעווע ארייַנצוקוקנ ביז שפעט אינ דער נאכט אינ א סייפער".

דער קארעוו האט זיכ אפגעזעגנט אונ איז אהיימ אפ נאכטלעגער אוועק. די דינסט האט נאכ אימ די טיר פארשלאסנ אונ הילכיק צו שנארכנ אינעמ פוסטנ קיכ־ביידער גענומענ. אונ ער איז נאכ אלצ באמ טיש איבערנ סייפער געזעסנ אונ אלצ נעענטער אונ נעענטער צו זיכ דעמ הענגלאמפ געצויגנ. פונ איינעמ אנ עקסטנ דרויסנ־לארנ האט זיכ צולעצט אהער מירלס קלאפנ דערהערט, האט ער זיכ פונעמ סייפער אופגעהויבנ, געגאנגענ איר די טיר עפענענ, דעמ קאפ מיט די שמייכלדיקע גרויע אונ גוטע אייגעלעכ אינ דרויסנ ארויסגערוקט אונ דערביי מאדנע פילבאר אונ צעמישט, ווי א קליינ שעמעוודיק קינד, צו שטאמלענ אנגעהויבנ:

„הממ... אנגענעמ, אנגענעמ".

מירל האט א ציטער געטאנ מיט אלע איווורימ, דערזעענדיק אט דאס ארויסגערוקטע פרעמדע פאנעמ, זיכ געשווינד א ריס געטאנ צוריק אונ זיכ מיט א האנט פארנ קלאפנדיקנ הארצנ געכאפט:

„או... זי האט זיכ אזוי דערשראקנ".

אונ, ארייַנקומענדיק אינ שטוב, האט זי זיכ נאכ אלצ פונ אימ אינ איינ אפרוקנ געהאלטנ אונ ווי מוירע געהאט, ער זאל זיכ צו איר ניט צורירנ.

פונעמ קאָפּ ביז די פיס איז זי אינ שווארצנ געווענ אָנגעטאָנ. האָט שוינ דערפאר איר פיגור שלאנקער אונ ביינִיקער, ווי טאָמעד, אויסגעזענ, אונ א רייעכ, א קוימ־קוימ שמעקנדיקנ, האָט זי ארומ זיכ פארשפרייט אונ געווירקט אפנ פרעמדנ ייִדנ, ער זאָל אופגערעגט זייַנ אונ זאָל שעמעוודיקערהייט צי שמייכלענ אונ צו שטאמלענ ניט אופ־הערנ:

,,המממ... המ... דערשראָקנ? וואָס איז שייַעכ? אָנגענעמ... זייער אָנגענעמ”.

ער האָט אויסגעזענ אזוי לייַטיש מיט זייַנ קינדערשער פילבארקייַט אונ דערמיט, וואָס ער האָט איר די האנט ניט געגעבנ. אונ דאָכ האָט זי זיכ נאָכדעמ לאנג ניט געקאָנט בארויִקנ, אָפּגעוואַרט ביז ער האָט זיכ שלאָפנ געלייגט, אונ איז געגאנגענ וועקנ פונ שלאָפ דאָס געשמאק שנאָרכנדיקע דינסטמיידל:

,,וואָס איז דאָס פאר א ייִד?”

,,אונ יעדנפאלס, ווייס זי כאָטש אפ געוויס, אז ער איז ניט קיינ גאנעוו”.

אונ דער ייִד, דער גאסט, האָט נאָכ איר קאָל צו זיכ אפנ געלעגער דערהערט אונ פונ גוטסקייַט, צי פונ אופגערעגטקייַט, נאָכ שעמעוודיק געשמייכלט צו זיכ אליינ:

,,א גאנעוו?.. וואָס איז שייַעכ?.. א וווּיל קינד... זייער א וווּיל קינד”.

★

עטלעכע מעסלעס איז דאָרטנ אינ שטוב דער צוגעשיקטער ייִד אָפּ־געשטאנענ, אונ אלע פרימאָרגנ, ווענ מירל האָט זיכ פונ שלאָפ אויפ־געכאפט, האָט זי געהערט, ווי אינ עסצימער, וואָס איבער דעמ שטיבל זאל, טרינקט מענ פאמעלעכ טיי מיט מילכ, אונ ווי ס'איז דאָרטנ קיינער נישטאָ אכוץ דעמ פרעמדנ ייִדנ, וואָס דערציילט פאר דער לייַטיש־שווייַגנדיקער גיטעלע אונ פארנ איבערגעגעבענעמ קאָרעוו, דעמ קאַסיר:

,,וויל מענ, הייסט עס, דאָרט מירעלעס אווארע מיטנ גאנצנ לעבנ... וואָס פאר א שייַלע?..”

ער, דער יונגערמאַן... שמוליק, הייסט עס, וויל... און יאַנקעוו־יאָבל אַליין... און דאָס ווײַב זײַנס, מינדל.

און וואָס נאָך?

„זיי פֿרעגן בא אײַך ניט אַף קיין געלט און אַף קיין צוזאָג... און אַזוי האָט מען אים טאַקע געהייסן זאָגן“.

מירלען איז שוין פֿון דעם דאָ, אין בעט ליגנדיק, אַזוי עקלדיק אַף דער נעשאָמע געווען. און פֿון עסצימער האָט זיך נאָך אַהער אַלץ דער שטילער און איבערגעריסענער שמועס געטראָגן:

„און מענטשן, באַדאַרף ער זיי זאָגן, זײַנען די זײַדענאָוסקיס מאָדנע לײַטישע... ווײַבע...“

„און דער באָבער אַליין... אַ ווילער באָבער... גאָר, גאָר אַ ווילער באָבער“.

דער ייִד איז צולעצט אוועקגעפֿאָרן און אָנגעהויבן אַהער צו שיקן אַפּטע בריוו מיט אײַלנדיקע טעלעגראַמעס, וואָס עס האָבן מיט אַזאַ נײַגעריקײַט געלייענט גיטעלע מיטן וווּקסיקן יונגנמאַן, דעם איבערגעגעבענעם קאַסיר. גיטעלע האָט בעשאַס מײַסע אַ גיפּטיק שטילע טײַנע פֿון אַן אַקשנטע אַ שווײַגערן געהאַט, און דער קאַסיר האָט, שטייענדיק לעבן איר, אַ שטאַרק פֿאַרקנייטשטן שטערן געהאַט, צופֿיל פֿאַרקלערט מיט דער נאָז אַרויף געשמאָרעט און זיך אַזוי לאַנג געקליבן מיט מירלען איבעררײדן, ביז זי אַליין האָט אים איינמאָל אין דרויסן בײַ דער שטוב אָפּגעשטעלט און האָט אים געזאָגט:

„זאָל ער טאַקע אַזוי גוט זײַן און דער מאַמען אירער איבערגעבן: זי מעג זײַן זיכער, אַז ס’וועט פֿון דעם גאָרנישט זײַן...“

זי איז שוין אַפֿילע צופֿיל אויפֿגערעגט געווען, בעשאַס זי האָט אים אָט די ווערטער געזאָגט, און דאָך, ווען אין עטלעכע טעג אַרום איז זי גלאַט אַזוי אין קרײַז־שטאָט אוועקגעפֿאָרן, איז עמעצער פֿון דאָרטן אַהער געקומען און דאָ וועגן איר איבערן גאַנצן שטעטל נײַע קלאַנגען פֿאַרשפּרייט:

„יאָ, מ’האָט זי דאָרטן מיט שמועל זײַדענאָווסקין אַרומגיין געזען“.

„אין מאַלאָראָסישן טעאַטער האָט מען זי דאָרטן מיט אים געזען, און לעבן דער טורמע, וואָס אַרויס דער שטאָט, האָט מען זי מיט אים געזען“.

שווער איז שוין געווענ אנ עק דערגיינ, צי, פאָרנדיק אינ קרייז־שטאָט, האָט מירל געוווּסט, אז זי וועט זיכ דאָרטנ מיט אימ טרעפנ, צי דאָס טרעפנ זיכ איז שוינ א צופעליקע אונ אומגעריכטע זאכ אפילע פאר גיטעלענ מיטנ קאסיר געווענ.

★

אינ עטלעכע טעג ארומ איז זי א בלאסע אונ אומעטיקע פונ קרייז־שטאָט אהיימ געקומענ. ס'איז געווענ ארומ צוויי אזייגער באטאָג. אונ אינ עסצימער איז נאָכ אפנ קיילעכדיקנ טיש דער ווייסער טישטעכ פונ מיטיק געלעגנ. גיטעלע איז דאָ נאָכ אויבנאָנ באמ טיש אקעגנ קאָרעוו, דעמ קאסיר, געזעסנ אונ זיכ מיט א שוועבל־שטעקעלע די ציינ גערייניקט. מירל האָט, דורכגייענדיק דעמ צימער, צו קיינעמ אפילע קיינ וואָרט ניט אויסגערעדט אונ זיכ עפשער אפ א גאנצער האלבער שעה בא זיכ אינ אָפגעזונדערטנ ביידער פארמאכט. גיטל האָט דאָ די גאנצע צייט דעמ קאָרעוו, דעמ קאסיר, אינ איינ מינטערנ געהאלטנ:

„פארוואָס זאָל ער צו איר אהינ ניט אריינגיינ אונ זאָל זי ניט א פרעג טאָנ? זי פארשטייט בעשומויפנ ניט, פארוואָס...“

נאָר דער באטראכטער יונגערמאנ דער קאסיר האָט זיכ ניט געאיילט, געקנייטשט דעמ שטערנ אונ געשמאָרעט מיט דער נאָז ארופ. מירל האָט זיכ דערווייל בא זיכ אינ ביידער איבערגעטאָנ, גענומענ אפ זיכ דעמ שווארצנ סאק מיטנ שארפ אונ זיכ געלאָזט אינ גאס גיינ. האָט ער זיכ אָקאָרשט פונעמ בענקל אויפגעהויבנ, איר נאָכגעגאנגענ ביזנ קאָרידאָר אונ זי דאָרטנ אָפגעשטעלט:

„יאָ, ער האָט זי געוואָלט פרעגנ... האָט ער זי געוואָלט...“

אנ ענטפער האָט ער באלד באקומענ אנ אומצופרידענעמ אונ א ביאָרגע שטרענגנ:

„זי האָט דאָכ אימ שוינ איינ מאָל געזאָגט, אז ס'וועט פונ דעמ גאָרנישט ניט זיינ“.

ער איז אפ א ווײַלע אינ קאָרידאָר שטיינ געבליבנ אונ ניט געוווּסט, צי ער זאָל זיכ צוריק אינ שטוב אומקערנ, אונ זי איז א רויִקע אונ גלייכגילטיק אומעטיקע פונ די גאנעק־טרעפלעכ אראָפגעגאנגענ אונ פאמעלעכ ערגעץ אהינ ארופ שטעטל אוועקגעשפאנט. ס'איז געווענ

א טונקל־מאַרעשכווידיקער אונ גרינג־פּראָסטיקער טאָג, וואָס האָט א זונ־נענדיקנ יאריד, א „ווידלע".* גליטשיק איז אונטער די פיס דער ברודי־קער שניי געווענ, אונ אויכ אינ אזעלכער בלאָטיק־ברודיקער, ערטער־ווײַז פארבליבענער שטרוי האָבנ האַרפּישע כאזיירים מיט ייִדישע בע־היימעס זייערע געזעור געשטופּט. ערגעצ־ווו לעבנ טירנ פונ קליינע מעל־געוועלבלעכ זײַנענ דאָ אונ דאָרטנ אָנגעפּעלצטע אונ שטאַרק פארבונדע־נע ווײַבלעכ קרעמערקעס געשטאַנענ אונ איר נײַגעריקערהייט מיט די אויגנ נאָכגעקוקט:

„איז זי שוינ, זאָגט מענ, קימאט ווי א קאַלע, מירל?"

זי האָט זיכ לינקס מיט הינטערגעסל, וואָס אינ עק שטאָט, גענו־מענ, אַרײַנגעגאַנגענ דאָרטנ דורכ דער הויז־טיר צו ליפּקינ אינ שטוב אונ זיכ דאָרטנ דערפרעגט:

„ער איז בײַשטאָ אינ דער היים, ליפּקיס?"

ס'האָט זי פונ דאָרטנ מיט גרויס דערעכערעצ ארויסגעבאַגלייט די אַלמאָנע, די מאמע זײַנע, אונ עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט:

„ער לערנט איצט ערגעצ... בײַ זײַנע טאַלמידים לערנט ער איצט ערגעצ".

איז זי פונ דאָרטנ מיט דער אײַנגעטראָטענער סטעזשקע, וואָס ארויס דעמ שטעטל, צו אקושערקע שאַצ אַוועקגעגאַנגענ, געטראָפנ דאָרטנ א שלעסל אפּ דער טיר הענגענ אינ אויסגעהערט די גויע, די שכײנע:

„צו א קימפּעטאָרנ פונ קאַשפּעריווקע האָט מענ זי נעכטנ בײַנאַכט ארויסגערופנ".

זי האָט זיכ אזא מאָרעשכווירעדיקע צוריק אינ שטאָט אומגעקערט, זיכ אָפּגעשטעלט פאַר דער אפּטייק, נאָר וועגנ עפּעס א טראַכט געטאָנ אונ זיכ געלאָזט ווײַטער, דורכגעגאַנגענ גאָר נאָענט פארבײַ איר געווע־זענעמ מעכוטנס שטוב מיט די אויסוויינינקסט בלויע לאָדנס, געכאַפּט אַהינ א קוק אונ געזענ:

קיינ אייניציקע פור איז דאָרטנ פאַרנ גאַנעק ניט געשטאַנענ, אונ

---

* א נאָכגעלאָזטער פראָסט

קיין מענטשן האָבן זיך פאַר איר ניט באַוויזן. א וואוקסיקער פויער א „שליאַכטיטש", וואָס האָט, אַפּאָנעם, א קליינע האַלוואָע אויף דער קומענדיקער זומער־אַרבעט געבעטן, איז גאָר מיט ליידיקע הענט פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען, זיך אָפּגעשטעלט, געטאָן א הילכיקן זיפץ, אָנגערוקט דאָס ווינטערדיקע היטל איבער די אויערן און זיך באַטראַכט, אַז ס'איז אים איצט אַלצייינס, וווּהין ער זאָל ניט אָנקומען, און אַז דערפאַר מעג ער שוין גיין אַהין, וווּהין די אויגן זיינע וועלן אים טראָגן.

זי האָט זיך איינע אַליין אַרומגעדרייט, ביז אין דרויסן האָט טונקל ווערן אָנגעהויבן, און א נאָך מער טונקעלע נאַכט האָט זיך גענומען אויפן שטעטל אָנרוקן. באַגעגנט שוין ניט ווייט פון איר פּאָטערס שטוב דעם געוועזענעם כאַסנס אַכצניאָריקן שוועסטערקינד, וועלכער איז צום פעטער זיינעם מיט טרינקען געגאַנגען און זיך מאָרעשכווירעדיק אין מאַנאָטאָניש שטיל פאַר אים געקלאָגט:

„ער איז א מיוון אויף דער פוסטקייט, וואָס דאָ אין שטאָט האָט זיך הערשן אָנגעהויבן?.. ס'איז פּאַשעט נישטאָ, מיט וועמען א וואָרט אויסצורייידן".

V

קימאַט אַלע באַטאָג איז זי שוין נאָכדעם אין דרויסן בײַ דער שטוב געשטאַנען און געזען:

ס'שטאַרקן זיך די קליינע פרעסט אַקעגן דער מיט־ווינטערדיקער כאַגע „ראָזשדעסטוואָ",[50] און די ברודיק פאַרפרוירענע, אָפּגעדעקטע געגנט קוקט שוין אין מעשעכ פון גאַנצע גרויע טעג צו יענער מאָרעשכווירעדיק פאַרטונקלטער זייט, וווּהין ס'בלאָזט מיט שטאַרקייט דער טמאַלענדיקער ווינט. דאָס שטעטל וואַרט פון דאָרט אויף א נייעם אומגליקלעכן פאַרוואָלקנטן שניי און הערט, ווי גוואַלדיק און טרויעריק ס'רוישן שוין וועגן דעם די אַרומיקע אָפּגעפאַלענע און שטאַרק נאַגנדיקע ביימער:

„ער מוז דאָך ענדלעך אויסברעכן, אָט דער נייער שניי. ער מוז..."

ערגעץ־ווו, אינ פאַרשיידענע שטאָט־ווינקלענ, האָבנ זיכ וואַרעמע אָנגעטאָנענע קינדער אינ כיידער אַרײַנ פונ מיטיק אײנציקווײַז אומגעקערט. זיי זײַנענ געגאַנגענ פּאַמעלעכ אונ פויל, זיכ אַלעמאָל מיט די פּלייצעס צומ ווינט אָפּגעשטעלט אונ זיכ פאַרקלערט:

„זי וועט קומענ, די בלינדע נאַכט... אינגיכנ וועט זי שוינ גערוים קומענ".

אונ פונ דאָרטנ, מיטנ וועג, וואָס פירט אַהער פונ דער מאָרעשבוירעדיק פאַרטונקלטער פעלדער־זײַט, איז שוינ אַלעמאָל אַ נײַער דורכפאָרנדיק־פרעמדער שליטנ אָנגעקומענ, געפירט עמעצנ אַפּ יאָנטעוו, אַ לײַכט געקליידטנ אונ שטאַרק פאַרפרוירענעמ טעלעגראַפיסט, וועלכער איז נאָכ גאַנצפרי מיטנ באַנ אינ די היגע מעקוימעס אָנגעקומענ. די פור האָט זיכ געשליטלט מיט אימ אַלצ ווײַטער אונ ווײַטער אַקעגנ דעמ ברענענדיקנ ווינט אונ אימ אָנ לאָשנ גוטע האַפּטאָכעס צוגעזאָגט:

„אָט באַלד, אָט באַלד: אַ שטאַרק וואַרעמ אונ שטאַרק באַלויכטנ שטיבל, אַ היימ... אַ פרײַנטלעכער שמייכל פונ פויערימ טאַטע־מאַמע מיט אַ לאַנגער אונ פינצטערער דאָרפ־נאַכט — אַ יאָנטעוו".

אַ היימישער ייִד אַ גײַוועניק, אַ יוירעד אונ אַ ליידיקגייער, איז צו איר פּאַמעלעכ אונ אײַנגעהויקערט אַהער צוגעגאַנגענ. ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט מיט פאַרליינגטע הענט אינ די אַרבל, זיכ מיט אַ זיפצ אינ דער ווײַט פאַרקוקט אונ פּאַמעלעכ אָנגעהויבנ דערציילנ וועגנ זײַנ יונגער טאָכטער, מירלס אַ געוועזענער כאַווערטע, וואָס לערנט שוינ דאָס דריטע יאָר אינ פּאַריז:

„שרײַבט זי אימ פונ דאָרטנ, אַז זי וועט אַזוי גיכ אַהיימ ניט קומענ, די טאָכטער זײַנע... ביז זי וועט ניט ענדיקנ, וועט זי אַהיימ ניט קומענ".

דער ייִד האָט זיכ פאַרקוקט אַפנ וועג, וואָס פירט אינ יענעמ היפּשנ אונ ווײַטלעכנ דאָרפ מיט דער צוקער־פּאַבריק, ווו דער טאָמעד פרייִלעכער אונ טאָמעד באַשעפטיקטער נאָכעמ טאַראַבײַ פירט אַ פּריצישנגידישע שטוב, אונ נאָכ מער פּאַמעלעכ גענומענ דערציילנ וועגנ דעמ,

וואָס אָט דעמ נאָכעמ טאראבאייס קיטרער זײַנענ זיכ שוינ אַהינ אינ דאָרפ אָפ באַנגע צונויפגעפאָרנ.

„איז שוינ איצט דאָרטנ אינ דאָרפ דער קלענערער זונ זײַנער, דער פאָליטעכניק, פאראנ, אונ דער יינגל, דער רעאַליסט... אונ נאָכ איינער א יונגער פאָליטעכניק... דעמ זונס, זאָגט מענ, א כאַווער".

אזא בענקשאפט האָט זיכ שוינ איגעמ געפאלענעמ יידנס קאָל גע־הערט, אונ געערדט האָט ער שוינ מיט אזא ווייכקייט וועגנ אָט די צוויי פאָליטעכניקעס, וואָס אינ דאָרפ, גלײַכ ביידע וואָלטנ זיי געווענ ניט אַנדערש, ווי די כאסאַנימ פונ זײַנ ציטערדיקער טאָכטער, וואָס לערנט זיכ שוינ דאָס דריטע יאָר אינ פאריזש. אונ וועגנ איר איז שוינ צולעצט שטיינ דאָ נימעס געוואָרנ, אונ אוועקגעגאַנגענ איז ער ערגעץ ווײַטער וועגנ אָט דעמ זעלבנ דערציילנ, איז זי, מירל, נאָ־כאנג דאָ בא דער שטוב געשטאנענ אונ האָט געטראכט וועגנ זיכ אונ וועגנ די טעג, וואָס גייענ אוועק:

„וואָכעדיק צימ זיכ דאָ איר לעבנ... וואָכעדיק איז עס ביז אָט דער מיט־ווינטערדיקער כאַגע געווענ אונ וואָכעדיק וועט זיכ עס ציענ אַלץ ווײַטער אונ ווײַטער".

ווײַט, ווײַט, קעגניבער דעמ האָריזאָנט האָט זיכ געמאָלט דער פרעמדער דאָרפ מיט דער צוקער־פאבריק, אונ דאָס הארצ האָט גע־נאָגט אונ מאבטלאָז שטיל געצויגנ צו יענע צוויי פריש־פענעמדיקע אונ יונגע פאָליטעכניקעס, וואָס שפּאצירנ איצט דאָרטנ געוויס נאָכ א לאנגנ באטאָגעדיקנ שלאָפ. ס'האָט זיכ אויכ געמאָלט די גרויסע שטאָט, פונואנענ זיי זײַנענ ערשט נעכטנ אראָפגעקומענ. אונ ס'האָט זיכ גע־קלערט:

„עפּעס אנ ארבעט האָבנ זיי אינ יענער גרויסער שטאָט ביז אָט דער גוייִשער כאַגע פארענדיקט... אונ צו א נײַער וועלנ זיי, קומענ־דיק צוריק אהינ, זיכ ווידער נעמענ גרייטנ".

„אונ זי, מירל, וואָס האָט זי ביז אָט דער מיט־ווינטערדיקער כאַ־גע אָפגעטאָנ?"

אינ קרייז־שטאָט איז זי געווענ אונ זיכ דאָרטנ עטלעכע טעג אַרומ־געשלעפט מיט א וואָקסיקנ, נעגידישנ באָבער, וואָס מע רופט אימ שבור־

ליק זײַדענאָווסקי; דאָס גאַנצע שטעטל וויים שוין וועגן דעם — און גאָרנישט וועט פון דעם ניט ווערן.

ס'ווערט איר נימעס אין דרויסן צו שטיין, גייט זי אַרײַן צוריק אין שטוב, לייגט זיך אַוועק בײַ זיך אין כיידער אויפֿן בעט און טראַכט וועגן אָט דעם באָכער אַזוי גלײַכגילטיק און קאַלט:

א וווּקסיקער און יונגער באָכער איז א הויך ביבערן היטל און אין א נײַעם טכוירענעם טולופּ, וואָס באַדאַרף א כאָסן ווערן און האָט א יונגן פֿאָטער מיט געשעפֿטן אויף א האַלבן מיליאָן. דרייט ער זיך אַרום אויף דער פּראָווינציאַליש רוישיקער גאַס פֿון קרײַז־שטאָט, שטעלט זיך אָפּ, באַגעגענענדיק זיך מיט זײַן געוועזענעם העברעיִשן לערער, און דערציילט אים ווייך און לײַנעריש ערנסט, ווי שטאַרק ס'געפֿעלן אים די ווערק פֿון איינעם א יִדישן שרײַבשטעלער, און ווי גוט ס'זײַנען געגן די גרויסשטעטיקע כאַזאָנים:

„ער מיטן העברעיִשן לערער האָבן בײדע מעסיקעסדיקע קוילעס און האָבן אַמאָל צוזאַמען כאַזאָנים נאָכגעזונגען".

רײַכע ייִדן, סאָכרים, וואָס האָבן נאָך אַמאָל זײַן פֿאָטער געקענט, קוקן אויף אים פֿונעם קעגנײבערדיקן בירזשע־טראָטואַר. זיי פֿאַרגעסן א ווײַלע אָן זייערע מיסכאָרים, האָבן אינזינען דעם היפּשן נאָדן, וואָס זיי וועלן זייערע דערוואַקסענע מיידלעך געבן, און שמועסן וועגן אים, שמוליקן, און ייִזנגן זײַן פֿאָטער, וואָס זיי קענען אים נאָך פֿון אַמאָל:

„מ'זאָגט: א גאַנץ פֿײַנער באָכער, אָט דער שמוליק זײַדענאָווסקי".

נאָר ער, שמוליק אַליין, האָט זיך מיט איר, מירל הורוויץ, באַקאַנט און וויל וועגן קיין אַנדערע שידוכים ניט ריידן.

און פֿאַרוואָס געפֿעלט זי אים טאַקע אַזוי שטאַרק, אָט דעם יונגן און רײַכן באָכער?

איצט שליטלט ער זיך געווים ערגעץ ווײַט, ווײַט, צום שטילן עק פֿאָרשטאָט, וואָס בײַ דער ווײַטער גובערניע־שטאָט, שליטלט זיך איינער אַליין אויף דער אייגענער פֿור, וואָס מ'האָט נאָך אים צו דער באַן אַרויסגעשיקט, בענקט נאָך איר, מירלען, און קלערט וועגן דעם, וואָס באַלד וועלן זיך בײַ אים דערפֿרעגן נײַגעריקע פֿאָטער און מוטער;

„ווי־זשע געפעלט דיר מירל הורוויץ?"

„און בכלל: זעט זי עפעס שיינ אויס, אָט די מירל הורוויץ?"

זי קלערט לאַנג וועגנ אימ און וועגנ פיל אַנדערע יונגעלײַט, וואָס זי קענ, געדענקט דעמ ווײַטלעכנ דאָרפ מיט טאַראַביימ שטוב, ווו זי האָט קינדהײַט, צוזאַמענ מיט איר פאָטער, א זומערדיקנ נאָס־רעגנ אַוי בערגעוואָרט, און טראַכט וועגנ דעמ זונ זײַנעמ, דעמ פּאָליטעכניק, און זײַנ כאַווער, דעמ גאַסט. פּלוצעמ ווערט זי אויפגערעגט און בלאַס. דאָס האַרצ הייבט אָנ בא איר צו קלאַפּנ, און געדענקענ געדענקט זי שוינ נאָסנ העלערנ, אָט דעמ בייגעוודיקנ און יונגנ באָכער, דעמ פאַר־שוינ מיטנ פרישנ און לענגלעכנ פּאָנעמ און מיט די קוים־קוימ שפּראָצנ־דיקע וואָנצעס, וועלכער האָט די רעאַל־שול געענדיקט און האָט צוויי מאָל דעמ קאָנקורס ניט אויסגעהאַלטנ. צוריק מיט א יאָר האָט ער צוליב איר דעמ גאַנצנ פרילינג דאָ אינ שטעטל פאַרבראַכט און האָט דערוועקט ליבע־געפילנ בא מיידלעכ, וואָס ער האָט מיט זיי קיינמאָל קיינ וואָרט ניט אויסגערעדט.

אינ די שטילע פרילינג־אָוונטנ איז זי געזעסנ מיט אימ אַפנ היפּשנ בערגל, וואָס אַרויס דעמ שטאָטישנ דאָרפ, געהאַלטנ דעמ קאָפּ אַפ זײַנ אַקסל און אומעטיק געהערט, ווי ער כאַזערט איבער דאָס זעלבע, וואָס ער האָט שוינ איבערגעכאַזערט נעכטנ און אייערנעכטנ:

„וועט זי זיכ מיט איר כאַסנ, וועלוול בורנעס, פאַנאַנדערגײַנ, און ער וועט דעמ פּאָליטעכניקומ ענדיקנ, וועט אַנ אינזשעניער אינ א ווײַטער פאַבריק ווערנ און וועט דאָרטנ מיט איר, מירלענ, אינגאַנצנ אינ א פאַרוואַקסנ שטיבל וווינענ".

נאָר איינמאָל אינ שפּעטנ פרילינג־בײַנאַכטמאָשעס האָט זיכ איר, מירלענ, אַזוי קלאָר פאָרגעשטעלט, ווי אינ צוויי יאָר אַרומ נאָכ דער כאַסענע מיט העלערנ ליגט זי נאָכ דער פאַרנאַכטיקער טיי אַפנ דיוואַנ, וואָס אינ יענעמ פאַרוואַקסענעמ פאַבריק־שטיבל, ליגט דאָרטנ איינע אַליינ אונ טראַכט גלײַכגילטיק און אָנ א שומ ווילנ אינ האַרצנ:

„ער... נאָסנ... ער האָט זיכ שוינ אַזויפיל מאָל פונ דער פאַבריק אַהיימ אַפ נאַכטלעגער אומגעקערט... געווים וועט ער הײַנט אויכ אַהיימ קומענ".

און נאָך אין יענעם זעלבן ביינאַשמאָשעס האָט זי העלערן איבערן שטעטל געזוכט, אים צולעצט געפונען און אים געזאָגט:

„ס'וועט פון דעם גאָרנישט ניט זיין, און ער, העלער... ער מוז נאָך הייַנט פון שטעטל אַוועקפאָרן".

א גאַנצן זומער איז ער שוין נאָכדעם אין צוקער־פאַבריק בא זייַנעם א פעטער געווען, אַרומגעשפּאַצירט דאָרטן איבערן דאָרף מיט נאָכעם טאַראַביים קינדער, געוואָלט האָבן א נעקאָמע אָן איר, מירלען, און דערפאַר דערציילט:

„אניט, איז ער דער ערשטער, מיט וועמען מירל האָט זיך געקושט?"

טאַראַביים וויַיב מיטן מיידל זייַנע דענסטמאָל וועגן דעם געוואָר געוואָרן, און דאָ, אין שטעטל, האָט עס עמעצ איבער אַלע הייַזער צעפּויקט.

שאַבעס פאַרנאַכט האָט זי איינמאָל, ניט וויַיט פון דער אַקושערקעס שאַצם ווינונג, דרייַ שפּאַצירנדיקע שנייַדער־יונגען באַגעגנט, זי האָט זיי דעם וועג אָפּגעטראָטן און געהערט, ווי זיי ווערטלען זיך מיט מיִעסע ווערטער וועגן איר און וועגן נאָסן העלער.

„נאָר איינער, האָט עמעצ פון זיי וועגן דעם כאָסן אירן געזאָגט, בעסער איינן פּראָצענט אין א גוט געשעפט, איידער אַלע הונדערט אין א שלעכטן".

און אויפן צווייטן טאָג, וואָלקנדיק און קיל איז דענסטמאָל אין דרויסן געווען, און זי איז דענסטמאָל געפאָרן מיטן כאָסן אירן אין קרייַז־שטאָט ניט דערפאַר, וואָס זי האָט אהין באַדאַרפט, נאָר גלאַט אַזוי, עמעצן אָפּצעלאָכעס האָט זי געהייסן דעם אָנטרייַבער אַראָפּפאָרן אינעם דאָרף מיט דער צוקער־פאַבריק, וו גאָסן העלער האָט זיך נאָך אַרומגעדרייט, עמעצן אָפּצעלאָכעס זיך דאָרטן פאַר נאָכעם טאַראַביים שטוב אָפּגעשטעלט און אַרייַנגעשיקט אהין דעם אָנטרייַבער פון וועלוועלס וועגן א בורקע אַנטלייַען:

„זיי זייַנען אין אַזעלכע לייַכטע קליידער פון דער היים אַרויסגעפאָרן, האָט זי דאָרטן געהייסן דעם אָנטרייַבער זאָגן, זי האָט מוירע, אַז וועלוועל זאָל זיך, כאָלילע, ניט פאַרקילן".

★

געבליבן האָט זיך איר שוין נאָכדעם א גאַנצע נאַכט נאָכן מאַראַביים דאָרפֿישע שטוב מיטן פֿרעמדן פּאָליטעכניק, דעם גאַסט, וואָס וועגן אים האָט דער שכן, דער יורעד, געגעבן דערציילט. ערגעץ איז זי מיט אָט דעם פּאָליטעכניק אין דער בלאַסער באַשיינונג אַרום דעם נאַקעטן באַרג, וואָס אַרויס דעם דאָרף, געגאַנגען, געשמייכלט צו אים און געהערט, ווי ער זאָגט:

„זי, מירל, האָט שוין אַמאָל א כאָסן געהאַט; ער האָט אים דאָך געזען. ס'אַרא גאַרישן טראָפּ א כאָסן זי האָט שוין אַמאָל געהאַט".

און ווען זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט זי נישט געדענקט, ס'אַרא פּנים ער האָט, אָט דער פּאָליטעכניק, דער גאַסט. זי איז אײַנגעשלאָפֿן צוריק מיט א מעטושטעשדיקער נאַנגדיקער בענקשאַפֿט אין האַרצן און מיט געדריקטע הענט צו דער ברוסט, זיך ווידעראַמאָל אויפֿגעכאַפּט מיט אן אָנדענק פֿון א נײַעם מעטושטעשדיקן חלום, ווו דער פּאָליטעכניק, דער גאַסט, איז שוין מיטן פּנים שטאַרק ענלעך צו נאָסן העלערן געווען, און שוין ניט געוווּסט, נאָך וועמען פֿון זיי דאָס האַרץ בענקט.

נאָכדעם איז איינמאָל אזא שיינער נײַ באַשנייטער טאָג געווען, די זון האָט צוליב דעם גוייִשן יאָנטעוו גוויוער געווען דעם פֿראָסט, און פֿון די שניי־ווײַסע דעכער האָבן טראָפּנס נאָך טראָפּנס געטריפֿט און די בענקשאַפֿט אין האַרצן פֿאַרשטאַרקט. מיט רויטע גאַרטלען אויף די לאַנגע ווײַסע פּעלצן זײַנען די דאָרף־שיקסעס אין מאַרק געשטאַנען, געקנאַקט פֿרייִלעך יאַדערן און געלאַכט פֿון די דאָרף־שקאָצים, וואָס האָבן פֿאַר זייערע אויגן אין א כאַווערישן געשלעג געשפּילט. און דאָרטן, בײַ דער איינציקער הימשער באַקאַליי־קראָם, וואָס אין אָנהייב מאַרק, איז די גאַנצע צײַט מאַראַביים אויסגעפּוצטע פֿור געשטאַנען און געוואַרט אויף זײַנע קינדער, וואָס האָבן זיך אינעווייניק, אין קראָם, געפֿונען און האָבן דאָרטן מיט גרויס אַפּעטיט דעם גאַנצן שאָקאָלאַד אויפֿגעגעסן.

עמעצנס א ווײַב איז אַהער פֿון דער קראָם אָנגעקומען, געטראָגן

א קלומעק מעל צוגעדריקט צום בויך און דאָ, ניט ווײַט פון ר׳ גדאַליע הורוויצעס שטוב, דערציילט:

„זיי זײַנען אזעלכע שיינע יינגלעך, טאראבײַס קינדער, און דאָס מיידל זײַנס... דאָס מיידל איז אויך א גאנץ פֿײַנע".

דאָס דינסטמיידל האָט זיך אהער מיט דער גרויסער פלאש קעראָסין אומגעקערט, זיך אָפּגעשטעלט לעבן מירלען אף די טרעפּלעך פון גאַנעק און איבערגעגעבן דאָס, וואָס זי האָט דאָרטן געזען און געהערט.

„האָט, הייסט עס, דער פּאָליטעכניק, דער גאַסט, צום קרעמער געזאָגט: „בא אײַך אין שטעטל איז פאראן א „בארעשניע" מירל הורוויץ, וואָס האָט ליב מילך־שאָקאָלאד, מוזט איר דאָך צוליב איר אָט דעם שאָקאָלאד האלטן".

דאָס דינסטמיידל איז אין שטוב ארײַנגעגאנגען און דאָרטן געשווינד אָן דעם, וואָס זי האָט געהערט און געזען, פארגעסן. און זי, מירל, איז נאָך לאנג אף די טרעפּלעך פון גאַנעק געשטאנען און די אויגן פון דער קלייט מיט דער אויסגעפוצטער פור ניט געקאָנט אָפּרײַסן. טאראבײַס קינדער זײַנען צולעצט פון דאָרטן ארויסגעגאנגען, זיך אָפּגעשטעלט דאָס שטעטל באטראכטן און שטארק האנאָע געהאט פונעם יינגל, דעם רעאליסט, וואָס האָט אינמיטן מארק א קליינע ציג געכאפּט. דער רעאליסט האָט די ציג געדרייט פארן עק און, פּונדיק בא איר דעם טײַטש פון „סעגל מעמ", זי געצוווּנגען ענטפערן מיט א געציקלטן ווייטעק־געשריי:

„מ־מ־מ־מע־ע־ע־ע..."

אָט האָבן זיי זיך ענדלעך אף דעם שליטן ארויפגעזעצט, לאָזן זיך פאָרן אהיים פארבײַ ר׳ גדאַליע הורוויצעס שטוב און קוקן אלע, אכוץ דעם מיידל, אהער צו מירלען. טאראבײַס זון זאָגט עפּעס אפן אויער דעם כאָוער זײַנעם, דעם פּאָליטעכניק, וועלכער האָט נאָך גאָר א פריש, אויסגעלאָסן קלוגן פּנים. דער לעצטער דרייט שוין דערפאַר אהער פארבײַפאָרנדיק דעם קאָפּ, שמייכלט צופיל מערקזאם און קוקט שוין ארײַן אין מירלס פּנים מיט די זעלבע נײַגעריקע פרעסער־

אויגן, וואָס מיט זיי קוקט מען אַרײַן אין פּאָנעם פֿון אַן אײנזאַם בלאָנדזשענדיקער, גרויסשטעטיקער גאַכט־מיידל:

„אָט דאָס איז זי?“

ס'איז קלאָר:

מ'האָט אים גערוואָס די מײַסע וועגן איר און וועגן העלערן איבער־געגעבן.

און נאָך:

אומרײַנע געדאַנקען האָט שוין, קוקנדיק אַף איר, אָט דער פּאָלי־טעכניק, וואָס מיטן אויסגעלאָסן שמייכלדיקן פּאָנעם.

און איבער עפּעס פֿילט זי נאָך צו זײַן אויסגעלאָסענעם קוק אַ שטילע און טײַוועריקע אופּרייצונג, אַן אויסגעמישטע מיט יעיצעראָרע־געדאַנקען און מיט טיפֿער אינווייניקסטער געפֿאַלנקײַט. די טײַ־וועדיקע אופּרייצונג ווערט פֿאַרשווינדן צוזאַמען מיט דער אָפּלייפֿנ־דער פֿור; נאָר די געפֿאַלנקײַט בלײַבט, פֿאַרשטאַרקט זיך און גייט איבער אין אַן אינווייניקסטער באַראָמעפּוסטקײַט. דערפֿילט זי מיטאַ־מאָל, ווי קליין און געפֿאַלן זי זעט איצט אויס אין די אייגענע אויגן, און ווײַל פֿון זיך אָט דעם געפֿיל פֿאַרטרײַבן, דערמאָנט זיך איבער עפּעס אַנעם פֿאַרשטאָט פֿון ווײַטן קראַנך און אַן אים, שמוליק זײַדינ־גאָווסקין אַליין, שטייט דאָ נאָך לאַנג אַן אײנזאַמע בײַ דער שטוב און טראַכט:

„יעדנפֿאַלס האָט אָט דער שמוליק זײַדענאָווסקי אַן אייראָפּייִש פּאָנעם, און צו באַווײַזן זיך מיט אים צווישן מענטשן איז שוין קלאָר ניט קיין ביזוין. יעדנפֿאַלס האָבן דאָרטן אין קרײַז־שטאָט אַלע אַף אים געקוקט...“

VI

קלאַנגען האָבן זיך אין שטעטל וועגן וועלוול בורנעסן געטראָגן:

ער טוט אַזאַ גוטן שידעך, וועלוול; ער נעמט, זאָגט מען, אַ שיין מיידל, אַ ברונעטן, וואָס האָט אין קרײַז־שטאָט די גימנאַזיע געענדיקט, און האָט ניט לאַנג עמעצן וועגן אים געזאָגט:

„נישקאָשע, ער איז אַ גאַנץ אָנשטענדיקער יונגערמאַן, וועלוול

בורנעמ; ער שטייט בא איר געוויס העכער פונ אלע אירע דיפלאָמירטע באקאנטע, און קיינ כיסאָרנ איז שוינ בא איר קלאל ניט, וואָס די ערשטע קאלע זײַנע האָט אימ ניט געוואָלט".

מירל האָט זיכ אינ יענער צײַט זעלטנ ווענ אפ דער גאס באוויזנ, און קיינער האָט ניט געוווּסט, וועגנ וואָס זי טראכט. איינמאָל האָט זי נאָר דער אקושערקע שאצ וועגנ דעמ געזאָגט:

„מעגלעכ, אז דאָס מיידל, וואָס האָט די גימנאזיע געענדיקט, איז שוינ גאָרנישט אזא נאר..."

און ניט קוקנדיק אפ דעמ, וואָס די אקושערקע איז שטארק אומצופרידנ מיט אָט דעמ שמועס געווענ און איר די רייד איבערגעהאקט, האָט זי נאָכ צוגעגעבנ:

„נאָר יעדנפאלס... יעדנפאלס פילט זי דערינ א באליידיקונג און א פארדראָס און וויל ניט, אז וועלוול זאָל א כאָסנ ווערנ".

נאָכדעמ איז איינמאָל אפנ שטעטל אזא פוסטער און מאָרעשכוידיקער פראָסטיקער דאָנערשטיק געקומענ, און אפ קאפּצאָנישע הײַזער איז דאָ און האָרטנ געלעגנ אזא שווערער און וואָכעדיקער פארגאָכעראָל.

„שאבעס מאכנ, א? טאקע ווידער שאבעס מאכנ?"

יידנ ליידיקגייערס זײַנענ בא די מארק־קלייטנ געשטאנענ און געשמועסט וועגנ דער פריילעכער סודע, וואָס וועט אינאָווגט בא טאָראבייענ אינ דאָרפ פאָרקומענ:

„וואָס זשע? ס'גייט אימ עפעס אָפּ, טאראבייענ?"

און אהינ, צו יענעמ עק שטאָט, וואָס האָט מיט די גויִשע הײַזער געגרענעצט, איז מירל א ווארעמ אָנגעטאָנענע און אומעטיקע שוינ אפ ר' גדאליעס צעלויכצטנ שליטנ און אויסגעדארטע פערד צו טאראבייענ אפ אָט דעמ אָוונט געפאָרנ און געדריקטערהייט געהייסנ דעמ קליינעמ שייגעצ, דעמ אָנטרײַבער, צו דער אקושערקע שאצעס עק־דאָרפישנ שטיבל פארקערעווענ.

זי איז שטארק טריב געוואָרנ פונעמ שלעסל, וואָס זי האָט אפ דער אקושערקעס טיר געטראָפנ, געשטאנענ האָרטנ א ווײַלע מיט א נעפּאלנ געמיט, און איר צולעצט בא דער גויִשער שבײנע איבערגעלאָזט

די אײַנלאַדונג, וואָס טאַראַבײַ האָט איר, דער אַקושערקע, צוגעשיקט, מיט אַ פּאָר צוגעשריבענע ווערטער:

„די אַקושערקע מוז איצט אַהין קומען ניט צוליב טאַראַבײַען, וועלכער רעקאָמענדירט זי צו די אַרומיקע פּריצים, נאָר צוליב איר, מירלען".

זי איז דאָרטן געשטאַנען אַ ווײַלע און זיך געשלאָגן מיט דער דייע:

„עפּעס אַ נאַרישע רײַזע מיט טאַראַבײַס אַ נאַרישן אַוונט. זי וואָלט געוויס גלײַכער געטאָן, ווען זי הייסט איצט פּאַרקערעווען און קערט זיך אום אַהיים".

און נאָכדעם איז זי שוין דעם גאַנצן פּיר־און־צוואַנציק־ווערסטן־דיקן וועג אַזוי אומעטיק און געפֿאַלן געווען, געזען די אַרומיקע פּוסטע פֿעלדער, ווי נידעריק פּאַרוואָלקנטע און קאַלטע הימלען האָבן מיט אַ סאָפּ־ווינטערדיקער מאַרעשבווירע אַראָפּגעקוקט, און געוואָרן בא זיך נאָך געפֿאַלענער און קלענער פֿון דעם, וואָס ווײַט, ווײַט הינטער אירע פּלייצעס האָבן זיך אַהער שוין געשווינד מיטן וועג צו טאַראַבײַען געטראָגן איר געוועזענעם מעכוטנס צוויי פּריצישע פֿורן און האָבן זייער גלעקער־קלאַנג איבער דער פֿעלד־שטילקייט געוואָרפֿן. זי האָט געטראַכט:

„די אַקושערקע שאַץ... זי זאָל כאָטש אַהין קומען, די אַקושער־קע שאַץ".

★

אין אַ האַלבער שאָ אַרום האָבן זי אָט די צוויי געשווינדע לויפֿנ־דיקע פֿורן אָנגעיאָגט און זיך מיט איר אין רעכטער און לינקער זײַט אויסגעגלײַכט. מאָדנע מעוואַטל געווען האָבן זי מיט זייער שווײַגן די מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָפּ אָט די אויסגעפּוצטע פֿורן אין איר רעכטער און לינקער זײַט געשווינד געטראָגן. האָט זי שוין אָפּ זיי נאָר ווי פֿון אַ כאָלעם אַרויסגעקוקט און האָט באַמערקט:

מיט אַ פֿאַרפֿרעמדט פּנים זיצט אָפּ אַן אויסגעפּוצטן שליטן איר געוועזענער כאָסן, און פֿונעם צווייטן שרײַען איבער איר אַריבער זײַנע וואַרעם־אָנגעטאָנענע שוועסטער:

„וועלוועל, דו האָסט מיטגענומען?"

שרײַענ איבער איר אריבער רוקנ אונ באַשעפּטיקט, ווי איבער א לעבנלאָזער זאַכ, כאַפּנ זײַנעמ א שאָקל מיטנ קאָפּ, אנ ענטפער, אונ לאָזנ זי געשווינד הינטער די פּלייצעס.

אונ ווענ אָט די צוויי פורנ האָבנ זיכ שוינ ווײַט, ווײַט צומ האָ־ריזאָנט געטראָגנ אונ דאָרטנ קלענער ווערנ אָנגעהויבנ, האָט זי אָקאָרשט פונ אָט דעמ האַלבדרימלענדיקנ צושטאַנד דערוואַכט אונ האָט דערזענ:

דער קליינער שייגעץ, דער אָנטרײַבער, שטייט די גאַנצע צײַט אַפּ די פּיס, הערט ניט אופּ צו שמײַסנ די אויסגעדאַרטע פערד, וואָס שפּרינגענ שוינ מיט די לעצטע קויכעס, אונ וויל, אַפּאָנעמ, די לאַנג־אנטלאָפענע פורנ דעריאָגנ. זי האָט זיכ געשווינד פונעמ אײַנגעזעסע־נעמ אָרט א כאַפּ געגעבנ אונ פאַרנ אָנטרײַבערס פּלייצעס א שלעפּ געטאָנ:

„ס'איז אנ אומגליקלעכער מעשוגענער ער איז! שוינ לאַנג טרײַבט ער אזוי די אויסגעדאַרטע פערד?"

דער קליינער שייגעץ האָט זיכ פאַרשעמט, אָפּגעשטעלט די שטאַרק פאַרמאַטערטע פערד, אראָפּגעקראָכנ שעמעוודיקערהייט פונעמ שליטנ, אונ עפּשער אַפּ א גאַנצער האַלבער שאָ געגומענ לעבנ אײַ־נעמ פונ זיי אנ איבערגעריסענעמ פאַסטראָמעק צונויפבינדנ.

אונ זי איז שוינ אזוי געפאַלנ אונ אונטערטעניק דאָ אַפּנ שליטנ געזעסנ אונ אימ מוסער געזאָגט:

„זי, מירל, וואָלט געוויס צופרידנ געווענ, ווענ אָט די אומגליק־לעכע פערד פייגערנ אויס ביידע אינ איינ נאַכט. נאָר קאַלזמאַנ זיי זשיפּענ נאָכ אַפּ דער וועלט, באַדאַרפ מענ האָבנ גאָט אינ האַרצנ אונ זיי ניט שלאָגנ".

★

זי איז אָנגעקומענ אינ דאָרפ טבילעס נאַכט, ווענ ליכט האָט מענ שוינ אונ רײַכע גוייִשע הײַזער געהאַט אָנגעצונדנ, אונ ווענ פאַר־שטאַרקט האָט זיכ שוינ פונ רעגנ צו רעגנ די גלײַכגילטיק שטרענגע מאַכשאָווע, וואָס מיט איר האָבנ אָט די באַלויכטענע הײַזער אַפּ איר פרעמדער פור געקוקט:

„די היגע גויִמ זײַנענ רויִק אונ רײַכ, האָבנ אָט די הײַזער גע־וואָלט דערצײלנ, די היגע גויִמ האָבנ לעבנ זיכ, אכוצ דער ערד, נאָכ א רײַכע צוקער־פאבריק, וואָס פונ איר ציִענ זײ שעפע דעמ גאנצנ ווינטער".

א טונקלקײַט פונ סאָפעק טאָג אונ סאָפעק נאכט איז שוינ געלעגנ אפנ לאנגנ געברוקירטנ דאָרף־וועג, וואָס האָט זיכ צוזאמענ מיט א גאנצ פעלד פונ פויערשע דעכער אלצ העכער אונ העכער ארופ דעמ פלאכנ בארג געצויגנ אונ זיכ געענדיקט דאָרטנ, ווו דער הויכער עק הימל איז שטארק רויט געווענ אונ ווו דער רויכ־קוימענ פונ צוקער־פאבריק האָט זיכ, ווי א יאָנטעווודיקער אויסגעשריי־צייכנ, אינ אָט דער רויטקײַט אײַנגעשטעקט. אומגעוויינלעכ פאמעלעכ האָבנ זיכ אהינ די מידע פערד ארופ דעמ פארבויטנ בארג געשלעפט אונ אלעמאָל די קעפ צו דער ערד געבויגנ. אונ אזא טרויעריקע, פרײַטיק־פארנאכטיקע זאכ האָבנ שוינ די ארומיקע הײַזער מיט זייער פרעמדנ בליק דער־וועקט, א זאכ פונ א פארשפעטיקטנ ערעװ־שאבעסדיקנ ייִדנ, וואָס שלעפט זיכ נאָכ מיט זײַנ פור אינעמ געהייליקטנ בײַנאשמאָשעם איבער דער טיפער בלאָטע, וואָס אפ די פעלד־וועגנ, שלעפט זיכ פא־מעלעכ אונ געדענקט:

דאָרטנ אינעמ שטארק באלויכטענעמ בעסמעדרעש, וואָס אינ זײַנ שטעטל, שאָקלענ זיכ שוינ שאבעסדיק שעמערירנדיקע ייִדנ, שאָקלענ זיכ אלע צוזאמענ אונ זינגענ נאָכ דעמ כאזנ:

„הודו לה' כי טוב, כי לעולם חסדו".[53]

☆

מיט שטארק באלויכטענע נײַמאָדישע פענצטער איז גאָבעמ טארא־בײַמ גרויסע שטוב אינ דער ברייט פונעמ עקסטנ דאָרפישנ געסל גע־שטאנענ אונ אָנ לאָשנ איבערגעגעבנ א יאָציקע כקירע־פראגע פונ איר באלעבאָס:

„כ'פארשטיי ניט: אז גאָט העלפט, מ'פארדינט אונ מ'איז געזונט, פארוואָס־זשע זאָל מענ טאקע ניט לעבנ א גוטנ טאָג אפ דער וועלט? פארוואָס זאָל מענ זײַנ ערגער פונ די פריצימ?"

ציכטיק, ריין איז געווען דער פּאַרנטיקער האַלב־קינדלעכדיקער חוש, ווי איר מידע פון האָט זיך פּאַמעלעך אָפּגעשטעלט, דער אָפּגעגעבער גאַנעק, די הויכע ווײַס־געפּאַרבטע טיר מיטן ניקלנעם שילד־בלעטל.

און ווען זי האָט צולעצט אין אָט דער טיר אָנגעקלונגען, איז צו איר באַלד אין א שוואַרץ סורדעטל און אָן א היטל אַרויסגעלאָפן דער קליינוווּקסיקער, טאָמער פריילעכער נאָכעמ טאַראַבײַ און זיך צו איר אויסגעבויגן מיט עלעגאַנטיש צונויפגענומענע פיסלעך:

„יאַסנאַוועלמאָזשנאַ פּאַנאַ הורוויץ האָט פאַרשפּעטיקט אַף גאַנצע צוויי שאָ“.

און, שלעפּנדיק אַלעמאָל די ווײַסע מאַנזשעטלעך פון אונטער די אַרבל, האָט ער שוין נאָכדעם צו איר געפּלאַפּלט די גאַנצע צײַט, בײַם אינעם שטאַרק באַלויכטענעם פאָדערשטיבל האָט איר א פאַרפּוצט דינסטמיידל זיך אויסטאָן געהאָלפן:

„אין דער אײַנלאַדונג שטייט בעפּיירעש, אַז פיר אַזייגער וועלן שוין זײַן אַלע געסט, און איצט זאָל זי זען: זײַן טאַשנזייגער גייט טאָמער ריכטיק און האַלט איצט פּונקט זעקס. איז עס אַפילו פון מירלס זײַט ניט איבעריק שיין, נאָר זי מעג זײַן זיכער: ער איז מיט ר׳ גדאַליען פון טאָמער אָן א גוטער פרײַנט און וועט צו איר בושע ניט פאַרשפּעטיקן אַפילו אַף קיין רעגע“.

זי האָט זיך צורעכט געמאַכט די האָר אַקעגן דעם חיפשן שפּיגל, וואָס אינעם פּאַרוואָרפּענעם ומיט קליידער פאָדערשטיבל, געזען דאָרטן דאָס אייגענע פּנים מיטן דעקאָלטירטן האַלדז און זיך געניית שמייכלען צו טאַראַבײַען, וועלכער איז הינטער אירע פּלייצעס געשטאַנען:

„ער מעג איר גלייבן: זי איז ניט שולדיק...”

אָבער נאָך אינעם ערשטן שטאַרק באַלויכטענעם ביידער, וווהין טאַראַבײַ האָט זי אונטער דער האַנט אַרײַנגעפירט, האָט זי שוין מיטאַמאָל דערפילט די גאַנצע צוזיענדיקע קראַפט, וואָס אין איר גראַציזער און אײַנגעצויגענער אינעם קרעמזוואָלענעם קלייד פיגור. דאָס צופרידנדיקע האַרץ האָט אין איר מיטאַמאָל שיקער ווערן אָנגעהויבן.

„אײגנטלעכ האָט זי קלוג געטאָנ, וואָס זי איז איצט אהער גע־קומענ... אומגעווײנלעכ קלוג...“

אפ א שטול פונעמ נידעריקנ גארניטור איז זי אינ עק צימער אקעגנ טאראבײימ פארביסנ קלוגער פרױ געזעסנ, געפילט אפ זיכ פיל אָנגעווענדטע בליקנ פונ די געסט אונ שמײכלענדיק געענטפערט אפ די אָנפראגנ:

„יאָ... די מאמע אירע איז א שטובזיצערנ, פונ טאָמער אָנ א שטובזיצערנ“.

פונ צײַט צו צײַט האָט זי א קוק אינ דער איבערגעפולטער טיפ פונ בײדער געכאפט אונ געזעגנ:

קעפ צו קעפ בײגנ זיכ, קוקנ צו איר אינ אלאכסנ אונ שעפטשענ זיכ דערבײַ אדורכ:

„ווער?.. מירל הורוויצ?.. פונ וואָסער שטעטל?“

צווישנ צווײ אזעלכע אריבערגעבױגענע קעפ זײַנענ אפ א קאנאפּע, וואָס בײַ דער געשלאָסענער באלקאָנ־טיר, איר געוועזענעמ כאָסנס צווײ שוועסטער געזעסנ אונ שוינ געהאט אזעלכע אָנגעשטרענגטע מעכוטענ־געבדיקע נעז, גלײַכ עמעצער האָט זיכ מיט יעדער רעגע געגרײט צו־גײנ צו זײ אונ זײ דערמאָנענ:

„ער איז דאָכ ערשט מיט צענ יאָר צוריק א קאפצנ געווענ, דער טאטע זײערער“.

אײנער פונ די געסט, א שווער־געבױקער פּאָליאק מיט א שטארק פארגרעבט אונ אומגעגאָלט פּאָנעמ, איז שוינ געווענ שיקער־לאָט, אונ דאָכ געדענקט צו כאפנ אונטער די אױגנ דעמ קלוגנ טאראבײַענ, וואָס דורכ אימ האָט ער ניט לאנג אינ צוקער־פאבריק א שטעלע גע־קראָגנ. פאלנדיק פונ די פיס, האָט ער יעדנ באקאנטנ אונ אומבא־קאנטנ גאסט אָפּגעשטעלט, גאָכדערצײלט טאראבײימ אײנ אונ די זעל־בע כאָכמע אונ איז דערבײַ שיר ניט צעגאנגענ געוואָרנ פונ געלעכ־טער אונ שיקערער היספּײַלעס:

„אָט צע שעלמא, טענ פאנ טאראבײ... שעלמא...“

עמעצער פונ די צוקערפאבריקגעסט, וואָס האָבנ זיכ פאר די ליכט, וואָס אפנ גרינעמ טיש, אינ ווינט שטארק פארטיפט, האָט זיכ גע־

שווינד מיט די קארטנ אינ האנט פונ זײנ שטול א הייב געטאנ אונ אויכ אזוי געשווינד ארײנגעשריענ צום יונגװארג, וואס האט זיכ אינ צווייטנ ביידער פארקליבנ:

„שאמפאניער־ווײנ שפעטער!.. שאמפאניער פונקט צוועלפ אזייגער באנאכט".

אונ דא לעבנ מירלענ איז נאכ אלצ, ווי לעבנ אנ אלטנ גוטנ פרײנטס א קינד, די נעבאמע טאראבײ געזעסנ, געקוקט אפ איר מיט די שווארצע ליגנערישע אייגעלעכ, וואס פאר זיי האט אפילע מורע געהאט דער קלוג פלאפלענדיקער טאראביי, אונ זיכ געפלײסט צו ציענ מיט איר ווײטער דעם וועלטלעכנ שמועס:

„טײנעט זי דא אנומלטנ מיט גיטעלענ, דער מאמע אירער: איר פארט איינמאל אינ א יויוול אינ קרײז־שטאט מיט דער באנ, פארט צווייטע קלאס... אונ מיט וויפל, מישטיינס געזאגט, קאסט צווייטע קלאס טײערער? מיט זעכציק קאפעקעס?"

אונ נאכ:

„צוליב וואס, אשטייגער, נורעט מענ זיכ אונ מ'ווינט דארטנ אינ פוסטנ שטעטל? דא, אינ דארפ... ס'איז דא פאראנ א צוקער־פאבריק... ס'זײנענ דא פאראנ מענטשנ, וואס מ'באגעגנט זיכ מיט זיי... ס'איז דא כאטש פאראנ געשעפט..."

באם ענג־ארומגעזעצטנ טישל, וואס אינ דער איבערגעפולטער מיט פונ ביידער, איז די גאנצע צײט אהער מיט די פלייצעס איר געיונ זענער כאסנ געזעסנ אונ דארטנ ניט געוווסט, וואס צו טאנ מיט די איבעריקע הענט. יעדעס מאל, וואס זי האט דא בעקיוונ איר באסיע כידע־שרײענדיק קאל אופגעהויבנ, האט ער זיכ דארטנ מיט אט די הענט צופיל פונ הינטנ באם קאלנער געטאפט אונ צופיל ארײנגעקוקט אינ פאנעם יענעמ ווקסיקנ אונ יונגנ סויכער, וואס האט זיכ אלעמאל פונעמ בענקל געהויבנ אונ היציק מיט אלע אייוורימ געטײנעט:

„שא! ער האט זיכ פאראיארנ ניט געבעטנ בא ר' נאכעמענ: ר' נאכעמ, לאמיר פארזייענ מער בורעקעס?"

א ביסל ווײטער, באם עק ביידער זײנענ אינ ווײטע, טיפ אויסגעשניטענע וועסטנ א פאר יונגעלײט פונ צוקער־פאבריק געשטאנענ, גע־

וויסט די גאַנצע מישבע, וואָס האָט זיך מיט איר און מיט גאַסנ חע־לערנ פאַבריקנ זומער געטראָפנ, געקוקט דערפאַר מיט שיקערע יעיצע־האַרע־אויגנ אפ איר שמייכלדיקנ פּאָנעם און דעקאָלטירטנ האַלדז און זיך געשעפּטשעט וועגנ איר מיט גיזל־פּע:[56]

„איז אָט מיט וואָס פאַר א שיינער נעקייווע, אַ?"

שמעצער האָט פונ איר געבאָמע טאַראַביי אפ א סאָר אוועקגערופנ, און אליינ איז זי געבליבנ דאָ אפ דעם נידעריקנ גאַרניטור־שטול זיצנ, ביים די יונגעלייט פונ צוקער־פאַבריק האָבנ נאָך אלץ אפ איר געקוקט. זי האָט א מאָדנע צעטראָגענעם בליק אפ דער אייגענער שלאַנקוועקסיקער פיגור געוואָרפנ און זיך געלאָזט גייג ערגעץ־אַהינ, צום זייטיקנ כיידער, ווו מיט אַרונטערגענומענע הענט און מיט אַנ אויסגעצויגענעם פּוס פאַרויס איז אינ א קורצ באַלעבאָסטע־פאַרטעכל געשטאַנענ טאַראַביים באַיאָרט מיידל, טאַניע, געהאַלטנ דעם קאָפּ עט־וואָס אפ א זייט און געוואָלט מעראַמעז זיינ דערמיט, וואָס זי קוקט ניט צו קיינעם און קנאַקט זיך שטילערהייט מיט דער צונג:

„ניט געוואַרט האָט זי אפ אָט דער גאַנצער סימכע, און ניט קיינ אַנטייל קלערט זי אינ איר צו נעמענ".

שמעצער האָט זי, מירלענ, דאָ אינמיטנ כיידער באַם נאָמענ אָנגערופנ, האָט שוינ בא איר דאָס האַרצ א קלאַפּ געטאָנ. נאָר געוועזנ איז דאָס סאַכאַקל א פּאָשעטע יונג און פרומ ווייבל פונ זייער שטעטל, א ווייבל מיט א שטערנטיכל אפנ קאָפּ, וואָס איז נאָך בא איר טאַטנ דעם שויכעט אפ קעסט געזעסנ און זיך דורכנ מאַנ מיט טאַראַבייענ קרוווים אָנגעקערט:

„וואָס האָט זי מירעלענ געוואָלט בעטנ? מירעלע איז, דוכט זיך, אַהער געקומענ מיט דער אייגענער פור, און זי, דאָס ווייבל, זי פילט זיך דאָ אַזוי שלעכט. עפּשער וועט זי אינגיכנ קאָנענ מיט מירעלענ אַהיימ פאָרנ?"

לעבנ טאַניע טאַראַביי איז שוינ דערווייל א וועקסיקער יונגערמאַנ געשטאַנענ, איר געוואָלט אייַנרעדנ, אַז די גרויסע שטעט האָבנ זיינ זייער גרויסנ ווערט, און ליטיש אויסגעהערט, ווי זי בלייבט בא אירנ:

„איז זי פאַריקן סאַפּ־זומער געווען אין אָרעם און דאָרטן עס־
ואמען אפּ זעקס קלאסן געהאַלטן... זי האָט זיך דאָרטן אַזוי שלעבט
געפּילט... זי איז קוים פון דאָרטן אַנטלאָפן".

פלוצעם האָט זיך אַהער מיטאַמאָל פונעם זײַטיקן בײדער דאָס
יונגווארג א לאָז געטאָן, זיך דאָ געגומענ יאָגן נאָך טאַראַבייים קלעד־
נערן יונגל, דעם רעאַליסט, אים געפּאַקט אין מיט קוילעם צוריק נאָך
אים אין זײַטיקן בײדער אַרײַן:

„פאַרוואָס וויל ער ניט דעקלאַמירן? וואָס אַרט אים, אַז ער וועט
עפּעס דעקלאַמירן?"

עמעצער איז צו איר צוגעגאַנגען און פאַר איר אומבאַקאַנ־
טערהייט אפּן רעאַליסט זיך גענומען קלאָגן:

„ער האָט ערשט צוריק מיט א פאָר וואָכן אַזוי גוט דעקלאַמירט;
אפּ אַן אָוונט, וואָס אין קראַכ, האָט ער דעקלאַמירט".

און זי, מירל, זי האָט זיך שוין אַזוי שלעכט געפילט דערפאַר, וואָס
אַהער אין זאָל האָבן זיך שוין איר געוועזענעם כאַסנס נאָרוואָס אָנ־
געקומענע טאַטע־מאַמע געהאַט אַרײַנגעשטעלט, זי איז געשטאַנען איינע
אַליין מיט צוגעדריקטע פּלייצעס צו דער וואַנט, געהאַלטן עטוואָס
אונטערגעהויבן דאָס מאָרעשכוירעדיקע פּאָנעם און געזען:

באַם נאָענטן טישל מיטן פריש אויפגעשטעלטן קיבעד זיצט מיט
נעבאַמע טאַראַבײַ איר געוועזענע שטאַרק גראָבע מעכוטענעסטע,
עמעמט שווער, ווי א פאַריאָגטע און פעטע גאַנדז, און קלאָגט זיך
קרעכצנדיק אפּ איר אַסטמע־פּעלער:

„איז דאָס א „מוקא"[57] דאָס לעבן... א „מוקא".

און א ביסל ווײַטער פון איר רעכטער האַנט שפּרינגט דער פרײ־
לעכער טאַראַבײַ אַקעגן איר געוועזענעם גרויסגופיקן מעכוטן און ווײַל
עטוואָס לוסטיקער מאַכן זײַנע ערנסטע, אַמעראַציש אויסגעיידלטע צורע:

„וואָס־זשע חאָרגט מען זיך אַזוי, ר' אווראָם־מוישע? מיט נאָדנ־
געלט האָבן זיי שוין, דאַנקען גאָט, די קינדער פאַרזאָרגט?.. מע מאַכט
זיי כאַסענע און מ'בלײַבט „דיד דא באבא".[58]

אָט איז טאַראַבײַ אַוועקגעלאָפן אפּ א ווײַלע אַרויסבאַגלייטן א
כאָשעווע גאַסט, און ער, דער שוואַרצער און אויסגעיידלטער אַמאַרעצ,

מיטנ פאפיראס אינ מויל, האט געטאנ עטלעכע שפאנ צו טאראבײנס קלענערנ זונ, דעמ פאליטעכניק, אונ גענומענ פאר אימ זײנ אנ אײגנ קלוג ווארט איבערכאזערנ:

„ער האט דא נארוואס א קאשע געפרעגט... דעמ טאטנ זײנעמ האט ער נארוואס א קאשע געפרעגט“.

דער מיטלוואקסיקער פאליטעכניק מיטנ קורצנ, שטרענג אראפגעלאזטנ שטערנ אונ מיט די געװערדיק אונטערגעקלעפטע נאזלעכער איז שוינ אזא שווײגנדיקער לעצ געוועזנ; ער אלײנ האט מאכאקל שטארק ניט געהאלטנ ניט פונ די אײגענע טאטע־מאמע אונ ניט פונ זײערע צונויפגערופענע געסט. אונ ער, דער אויסגעיידלטער אמארעצ, איז אימ מיט זײנ בקיר־קאשע אינ פאנעמ געקראכנ:

„וואס־זשע איז אײגנטלעכ דער כילעק צווישנ קאשפעריוקער גראפ אונ צווישנ וואסילנ, דעמ לאקײ זײנעמ?“

מירל האט עטלעכע שפאנ צומ אפענעמ אונ שטארק באלויכטענעמ עסצימער געטאנ, זיכ דארטנ געפאלענערהייט מיט א צוגעדריקטער באק צו דער טיר אפגעשטעלט אונ האט געזענ:

פונסנײ גרייט מענ שוינ דארטנ דעמ אומגעוויינלעכ לאנגנ טיש, אונ טעלער צו טעלער קלאפנ שוינ דארטנ אזוי אפט אונ אזוי פרײלעכ אונ דערוועקנ בא עמעצנ א פרישנ אפעטיט. דאס יונגווארג שפאנט דארטנ טײלווײז ארומ אונ שטײט טײלווײז אינ בינטלעכ, אונ די אקושערקע שאצ איז שוינ דארטנ דא, שטײט מיט א פרישפארביק פאנעמ פונ קעלט אקעגנ דעמ פאליטעכניק, דעמ גאסט, רײכערט זײנעמ א פאפיראס אונ שמײכלט:

„זי קענ זײ... אויסגעבונדנ קענ זי זײ, אט די אויסגעלאסענע פאליטעכניקעס, וואס האבנ זיכ ליב ארומ מײדלעכ צו דרײענ“.

פאמעלעכ אונ מאדנע געפאלנ איז מירל צו דער אקושערקע צוגעגאנגענ, זי ארומגענומענ אונ זיכ צו איר מיטנ גאנצנ גופ, ווי א קלײנ קינד, צוגעדריקט; ס׳האט בא איר געציטערט דאס קאל:

„די אקושערקע שאצ שטעלט זיכ פאר, ווי זי איז איר איצט דאנקבאר דערפאר, וואס זי איז איצט אהער געקומענ? זי, מירל, וועט איר שוינ א צווײט מאל וועגנ אט דער דאנקבארקײט דערצײלנ“.

★

מ׳האָט געטרונקענ ווײַנ פונ פאַרשיידנאַרטיקע פאַרכאַסמעטע פלע־שער, וואָס מ׳האָט זיי פריִער פאַמעלעכ אינ די הענט גענומענ אונ שמייכלדיק געלייענט דאָס, וואָס איז אויפ זייערע בלעטלעכ אונ בלײַ־ערלעכ אָנגעשריבנ געווענ.

געטרונקענ האָט מענ די גאַנצע צײַט, בעשאַסנ עסנ אונ נאָכדעמ, ווענ פונעמ אומגעווײַנלעכ לאַנגנ, ווײַס־פאַרשפרייטנ טיש האָט מענ שוינ די אויסגעלייִדיקטע טעלער אַראָפּגענומענ, אונ טאַראַבייס גע־שוועסטערקינד גוטע, א מאָדנע לאַנגער אונ געזונטער מויכער־טווע־ניק, [59] איז שוינ געווענ מעווושעמ, רויט אונ פאַרשוויצט אונ האָט, שטעלנדיק צומ טיש אַלעמאָל נײַע פולע פלעשער, געגוואַלדעוועט מיט אַנ אומגעלומפּערט הויכ קאָל אונ מיט א ניגנ פונ „אטאָ האָרייסאָ“: [60]

„אָט דאָס, דאָס שטעלט דער פעטער נאָכעמ פאַרנ עלטערנ זונ, באָריסנ, וואָס דינט אינ לאָדזער באַנק אונ ווערט, אימירצעשעמ, אינגיכנ ווערנ די־רעק־טאָר!”

„אָט דאָס שטעלט די מומע נעכאַמקע פאַר דער עלטערער טאָכטע־, טאַניענ, וואָס האָט פאַר סוקעס אויסגעהאַלטנ פאַר זעקס קלאַסנ”.

דער רויכ פונ די פיל אויסגערויכערטע פאַפּיראָסנ האָט זיכ געזעצט איבער די לאָמפּנ אונ פאַרטונקלט זייער שײַנ._

א שיקערער דרײַסיק־מײַלערדיקער געמורמל איז שוינ אויסגעמיש־טערהייט געהאַנגענ אינ דער לופט אונ קוימ־קוימ עמעצנס א געשריי מיט א קלאַנג פונ אַנ אָנגעשטויסענער פלעשער דורכגעלאָזט, אונ ער, דער גרויסגופיקער מויכער־טוועניק מיט די לאַנגע פאַנאַנדער־געלאָזענע הענט, האָט זיכ נאָכ אַלצ אויפ האַלדז געריסנ אונ געצוווּנ־גענ וועלטלעכ־לײַטישע מענטשנ זייערע פענעמער פאַרקרימענ:

„אָט דאָס שטעלט דער פעטער פאַרנ קלענערנ זונ, איסאַקנ, וועלכער ווערט, אימירצעשעמ, איבער צוויי יאָר אינזשעניער”.

מיט מירעלענ האָט זיכ באַ אָט דעמ רווישיקנ טיש אזא אומגעריכ־טער צופאַל געטראָפנ:

דער פּאָליטעכניק, דער גאַסט, מיטנ שמייכלדיק אויסגעלאַסענעמ פּאָנעמ, וואָס האָט שוינ לאַכלותנ ניט ניכטער אויסגעזענ, האָט זיכ

ווען איר מיט איינעם פון די יונגעלײַט, וואָס אין די טיף אויסגעשניטענע וועסטן, אדורכגעווונקען:

„מען מען, הייסט עס, אָנהייבן, אַ?"

ער האָט זיך מיט א שמייכל פון א דאָרף־שייגעץ צוגעזעצט צו איר אויפן נאָענטן ליידיקן בענקל, דעסטמאָל ווען זי האָט מיט איר ערנסט טרויעריקן פּאָנעם גלײַכגילטיק צו דער קעגנאיבעריקער שורה מענטשן געקוקט. ער האָט געכאַפּט אין אַלאַכסן אַ נאַריש אויסגעלאַסענעם בליק אויף איר דעקאָלטירטן האַלדז און געטאָן אויך אזא נאַריש אויסגעלאַסענעם הוסט אין דער פויסט, וואָס ער האָט שמייכלדיקערהייט צום מויל צוגעטראָגן:

„א גאנץ ווילער באָכער נאָסן העלער, א שיינער, אַ? געוויס א שיינער?"

עפּעס האָט ער דערציילט וועגן דעם, וואָס דער פוילער נאָסן העלער האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם קאָנקורס, וואָס זיי האָבן זיך צוזאמען געגרייט דערצו; וועגן דעם, וואָס נאָסן העלערס ניטלאַנג געשטאָרבענע שטאָט־מאַמע האָבן אים ניט מער ווי פינף־זעקס טויזנט רובל ירושה איבערגעלאָזט, און וועגן דעם, וואָס ער, דער לײַכטזיניקער און שיינער באָכער, דרייט זיך איצט אָן אַרבעט דאָרטן אין קראכ ארום און וויל טאָן איינעם פון די בייזע שידוכים, וואָס מע רעדט איצט:

„פופצן טויזנט רובל, דערציילט ער, וויל מען אים נאָרן געבן".

מירל האָט צו אים די גאַנצע צייט אפילע איין מאָל איר פּאָנעם ניט אויסגעדרייט, זיך ניט הערנדיק געמאַכט און נאָך אלץ מיט די ערנסט טרויעריקע אויגן גלײַכגילטיק צו דער קעגנאיבעריקער שורה מענטשן געקוקט.

פּלוצעם האָט זי דערפילט, ווי ער, דער האַלב־שיכורער, רוקט זיך צו איר אונטערן טיש אלץ נעענטער און נעענטער מיט זײַן בענקל, לייגט דאָרטן פּאַמעלעך זײַן פוס אויף אירן ארויף און הייבט אים דאָרטן אויך אזוי פּאַמעלעך אָן צו דריקן.

זי איז מיטאַמאָל פארטומלט און שטארק רויט געוואָרן און איז מיט א געשריי פונעם אָרט אויפגעשפּרונגען:

„ניע סמיעט!" [61]

א געפיל פון קאַס און באַליידיקונג האָט אין איר אַלץ אַזוי אופגערעגט און צעראַשט. אין איר פאַרטומלטן מויעך האָבן זיך שוין נאָר שטיקלעך געדאַנקען געפּלאָנטערט, און דאָס האַרץ האָט נאָך אַלץ צופיל געקלאַפּט און נאָך אַלץ צופיל האַנאָע געהאַט פון גרויסן עקל, וואָס מיט אים האָט זי צו אים צולעצט א געשריי געטאָן:

„הוראַק!"

מענטשן האָבן זיך אָפּ דעם געשריי געשווינד פון טיש א הייב געטאָן, געשעפּטשעט האָט זיך, וואַרפנדיק אָפּ איר בליקן, דעם געוועזענעם באַסנס מישפּאָכע, און מיט עמעצן האָט זיך קעגניבער דעם טיש די איראָניש שמייכלדיקע אקושערקע ריידן געשטעלט. נאָר איר איז דאָס אַלץ אַזוי אַלציינס געווען און טראַכטן האָט זי וועגן דעם ניט געקאָנט.

מיט האַרט צוגעדריקטע פּלייצעס צו דער וואַנט איז זי איינע אַליין אין עק ליידיקן זאַל געשטאַנען און זיך ביסלעכווייז אונטערגעגעבן דעם געפיל פון אייגענער געפאַלנקייט:

„ניט געווען קעדיי... אָט דער גאַנצער נאַרישער אָוונט איז שוין עפּשער ניט געווען קעדיי".

ווען עפּעס האָט זי זיך פאַרטראַכט, שטייענדיק מיט האַרט צוגעדריקטע פּלייצעס צו דער וואַנט און אַראָפּקוקנדיק מיט טרויעריק פאַרקלערטע אויגן אָפּ א ווייטן געלן פלעק, וואָס אָפּ דער פּאָדלאָגע:

„ניט דער אָוונט איז דער איקער..."

אָט פילט זי שוין פון אַזא צייט, ווי וואָכעדיק פוסט ס'גויסעט איר באַסיעכידיש לעבן. אַרומדרייענדיק זיך מיט ליפּקיסן, פילט זי עס און טראַכטנדיק שאָענלאַנג וועגן יענעם נעגידישן באָכער, וואָס מע רופט אים שמוליק זיידענאַווסקי, פילט זי עס.

פונעם עסצימער האָט זיך שוין דערווייל אַהער אין זאַל דער גאַנצער שיקערער טומל געהאַט איבערגעטראָגן. אויסגעטרונקענע ברוינע מיט רויט פאַרשוויצטע פּענעמער האָבן דאָ שוין געדרייט אַלע צוזאַמען און עפּעס געוואָלט. באַלאַנגערנדיק די פּיאַנע, וואָס אינעם קעגנ־

בערדיקן זאַל־ווינקל, האָבן זיי זיך איינער צום צווייטן געשטופּט און וועגן טאַניע טאַראַבײַ געשריִען:

„נישקאָשע!.. נישקאָשע!..“

„ס׳וועט איר ניט העלפן“.

דער שיקערער טומל האָט זיך האַרטן אַלץ ניִדעריקער און ניִדעריקער צו דער ערד געזעצט און זיך צולעצט דערוואָרגן מיטן באַלעבאָליש־הייזעריקן קאָל פון טאַראַבייס געשוועסטערקינד, רעבע מויבער־טוועניק:

„שאַט, שאַט! די באַרישניע טאַניע וועט עפּעס שפּילן לעקאָוועד די געסט“.

אין דער שטילקייט, וואָס איז מיטאַמאָל געוואָרן, האָט זיך א וואַרטנדיקע פּויזע אַרײַנגעוואָרפן און נאָך איר די ערשטע שטיל נאָגנדיקע טענער פון בעטהאָווענס ערשטע סאָנאַטע, זיך אַרײַנגעוואָרפן שטיל און ציִענדיק־אָנגענעם, פאַרשעמט פונעם באַרבאַנישן אויסרוף, וואָס איז פאַר זיי געקומען, און שמייכלענדיק וועגן דעם קינדעריש־נאַיוו צו יענע ווייכע באַס־אַקאָרדן, וואָס מיט זיי האָבן זיי זיך שוין פון אַזאַ לאַנגער צייט אַזוי גוט געקענט:

„ווי פילן זיי זיך, די באַס־אַקאָרדן? ס׳ווערט זיי ניט עפּעס מאָרנע עקלדיק פון אָט די אַלע פאַרשווינע וואָס הערן?“

קיינער האָט שוין ניט דערוועגט זיך אָט די נאָגנדיקע שטילקייט איבערצורײַסן, און נאָר פונעם קעגנאיבערדיקן ווינקל, וואָס בײַ דער טיר, האָט זיך נאָך געהערט, ווי ס׳קאָן זיך ניט אײַנשטילן דער באַ־אָרטער שיקערער פּאָליאַק, קריכט דאָרט עמעצן אין פּאָנעם אַרײַן, באַנפּענדיק אונטער די אויגן דעם קלוגן טאַראַבייען, און ווערט שיר ניט צעגאַנגען פון שיקערער היספּיילעס:

„אָט צע שעלמאַ, טען פּאַן טאַראַבײַ!.. שעלמאַ!“

פּלוצעם האָט זיך צווישן אָט דער שטילקייט געלאָזט הערן דאָס קאָל פון מירלס געוועזענער מעכוטענעסטע:

„זע נאַר!? ווו־זשע זײַנען זיי ערגעץ, ר׳ נאַכעמ?“

דאָרטן, אינמיטן זאַל איז אָט די גראָבע ידענע איינע אַליין גע־

שטאַנען און שוין אַזוי צעשטריִיט און באַשעפּטיקט טאַראַבייען מיט די אויגן געזוכט.

„זי באַדאַרף דאָך זיי אַזוי נייטיק האָבן, ר' נאָכעמען".

פון צווישן די פיל מענטשן, וואָס אַרום דער באַלאַגערטער פּיאַנע, איז צו איר אַרויסגעגאַנגען דער געוועזענער כאָסן און זי ליבטיש אָנ א זייט פון זאַל אָפּגעפירט:

„שאַ, קוק זי נאָר אָן!.. וועסט זיי זען שפּעטער א ביסל, ר' נאָ־כעמען".

מירל האָט צולעצט דעם זאַל פאַרלאָזן און זיך אומעטיקערהייט דורך דעם נאָענטן פינצטערן כיידער צום עסצימער געלאָזט גיין. עמעצן האָט זי דאָרטן באַדאַרפט געפינען:

„יאָ, די אַקושערקע שאַצ האָט זי דאָרטן באַדאַרפט געפינען".

נאָר אַריינגעקומען אינעם צווייטן פינצטערן כיידער, האָט זי דאָרטן בא דער טיר דעם געוועזענעם כאָסן מיט זיין פאָטער און מוטער אַרום נאָכעם טאַראַבייען דערזען און זיך מיטאַמאָל א כאַפּ געטאָן צוריק. עפּעס האָט דאָרטן צו טאַראַבייען איר געוועזענער מעכוטן גע־טיינעט:

„אַז יענער גיט מיר די סכוירע... אַז יענער זאָגט מיר: נאַט איַיך דעם נאַרן און ליגט אים אָוועק ווו איר ווילט".

און דאָס ווייב זיינס האָט באַלד אָט די טיינע מיט טרערן אין האַלדז אונטערגעכאַפּט:

„זאָל ער איר לאַנג לעבן, ר' נאָכעם, און זאָל דער נאַדן ליגן בא אים... אַז זיי ווייל שוין מער ניט איינליגן בא פריציִם... אַז זי איז שוין איינמאָל געשטראָפט געוואָרן".

מירל האָט זיך דורך דעם זאַל אין עסצימער געלאָזט גיין, געפו־נען דאָרטן די אַקושערקע אין א מאָדנע פריילעכן האַלבשיקערן צו־שטאַנד און איז געוואָרן שטאַרק אומצופרידן פונעם ווייַנדרייעכ, וואָס האָט זיך פון איר מויל געטראָגן:

„וואָס־זשע? די אַקושערקע שאַצ קלערט שוין גאָר קיינמאָל אַהיים ניט פאָרן?"

*

אונ זיי האָבנ זיכ אָנגעטאָנ אונ זיינענ געפאָרנ אהיימ. געזעסנ ביידע אפ ר׳ גדאליעס אלטנ שליטנ אונ זיכ מיט א רעגלמעסיקנ טרייב געטרוקט אינ דער נאכט אריינ, וואָס ארויס דעמ שלאָפנדיקנ דאָרפ.

שטיל אונ אידיאָטיש צעקראָכנ האָט, טרייבנדיק די פערד, געוויינט דער קליינער שייגעצ אונ זיכ געקלאָגט אפ די געזונטע אויסגעפוצטע קוטשערס, וואָס האָבנ אימ אינ קיכ אונ אינ שטאל איינער צומ צווייטנ געוואָרפנ אונ אימ דערביי פונ אלע זייטנ מיט די פינגער־קנעכלעכ אינ קאָפ געקנאקט.

צופיל געלאכט אונ געפלוידערט האָט דאָס מאָל די אויסגעטרונקענע אקושערקע שאע.

מירל איז געזעסנ לעבנ איר מיט א שטארק געפאלנ געמיט. זי האָט געקוקט אינ יענער זייט, ווו די צוקערפאבריק-לאמטערנעס האָבנ געדולדיק די געמויערטע ראפינאדנ־אמבארעס געהיט, אונ געפילט די פוסטקייט פונ די טעג, וואָס זיינענ אוועק, מיט דער פוסטקייט פונ די, וואָס וועלנ זיכ פונ מאָרגנ אָנ צו ציִענ אָנהייבנ:

„איז שוינ, הייסט עס, אינ עק?.. צו אלצ אנ עק?...“

ווענ זי איז צולעצט אינ שטעטל צו זייער שטוב צונעפאָרנ, שטיל אינ קיכ-לאָדנ אָנגעקלאפט אונ אויכ אזוי שטיל אינוועניק אריינגעקומענ, האָט גיטעלע פונ איר שלאָפצימער דערהערט, ווי זי גייט איבערנ עסצימער אפ די שפיצ פינגער, אונ צו איר פונ דאָרטנ מיט א שטארק פארשלאָפנ קאָל ארויסגעשריענ:

ס׳ליגט דאָרטנ אפנ טיש א טעלעגראמ... פונעמ טאטנ א טעלעגראמ“.

מירל איז צומ טיש צוגעגאנגענ, דעמ לאָמפ ארויסגעדרייט אונ די דעפעש געעפנט:

„ער קומט, ר׳ גדאליע... מאָרגנ באטאָג קומט ער“.

אונ איבער עפעס איז זי ניט אוועקגעגאנגענ צו זיכ אינ ביידער, זיכ מיטנ דעפעש אינ האנט דאָ אפ דער קאנאפע אוועקגעזעצט אונ זיכ וועגנ ר׳ גדאליענ צומ ערשטנ מאָל פאר דער גאנצער צייט פארטראכט:

„אָט האָט זי שוין ניט ליב אפילע אים, דעם טאַטן, איר..."

א גרויס ראַכמאָנעס פילט זי נאָר צו זיין פאַרלאָזטן פעלער, וואָס דאָקטוירים הייסן פון טאָמער אָן קורירן אים, און צו זיינע אומגליקלעכע און פאַרדרייטע געשעפטן.

„ער האָט דאָך, זאָגט מען, שוין אַזויפיל אייגן און פונעם שווער גענאַרשנט געלט איבערגעפירט... מעגלעך, אַז עס שטייט אים איצט פאַר אַ מאַמעשדיקער קראַך... נאָר זי, מירל... זי איז אַליין אומגליקלעך און טויג ניט צו קיין שום אַרבעט".

„זי קאָן אים מיט גאָרנישט העלפן".

בלאָס זינען שוין געווען די לאָדן־שפּאַלטן, ווען זי האָט זיך סאָפּ־קאָלסאָפּ באַ זיך אין ביידער אויסגעטאָן און זיך אין בעט אַרײַנגעלייגט. ערגעץ ווייט אין דער פּרייטיק־פאַרטאָגעדיקער אָנגעשטרענגטער שטילקייט, וואָס אינעם שלאָפנדיקן שטעטל, האָבן שוין געקלונגען אוראַם־מוישע בורנעסעס צוריקגעקומענע און אויסגעליידיקטע פורן און אַרום זיך אַ מעכוטאָנים־שטימונג פון אויס כאַסענע פאַרשפּרייט. און דאָ אין שטוב האָט זיך שוין גיטעלע איבער עפּעס באַ זיך אין ביידער אין אַזאַ פריִען פאַרטאָג אָנגעטאָן און באַם לאָמפּ, וואָס אין עסצימער, אַרומשפּאַנען גענומען.

ס'איז געווען מאָדנע:

אָט די באַיאָרטע, טאָמער שוויַגנדיקע און פאַראַקשנטע בריִע האָט דאָך שוויַגנדיקערהייט די גאַנצע צייט איר צעטראָגענעם מאַן ליב געהאַט און נאָך אים געבענקט. איצט איז זי שוין, אַפּאָנעם, שטאַרק אויפגערעגט פון זיין קומען געווען, געהאַט אַ פאַרוואָגלטע נאַכט און מיט איר אַרומשפּאַנען געוואָלט פאַרקירצן די צייט, וואָס איז נאָך ביז אָט דעם קומען זיינעם געבליבן.

VII

ר' גדאַליע הורוויץ איז דאָפּקע דעם גאַנצן שאַבעס אַזוי צופרידן געווען מיט זיין היים. שאַבעסצונאַכטס האָט ער פרייליך אַריבערגעקוקט איבער די גילדענע ברילן צו היימישע ייִדן און געוועזענע שות־

בים, וואָס זײַנען זיך זען געקומען, האָט זי שוין אפילו צעטראָגנ־ערהייט א שפּיציק ווערטל געזאָגט:

„יאָ, איג אויסלאַנד האָט מען אים שוין גיט אַנדערש ווי פּאַו א באָכער אָנגענומען... שידוכים האָט מען אים שוין דאָרטן אפילו געוואָלט רייחן".

אלײן איז ער אין אויסלאַנד שטאַרק פונעם לייב אראָפּ, באַקומען א פאַרשוואַרצט פּאָנעם פון א ווײַט אָפּגעשיידטן שביון־מיירא [62] און געבראַכט מיט זיך פול פלעשלעך רעפּועס, א קליינע גיקלגע מאַשינקע — אפּ צו לאָזן זיך אין מויל אריין האַמפּ מיט אַן אַנאַליז פון א געפערלעכער און שטילער קרענק. די פלעשלעך זײַנען אין א לאַנג־ווײַליקער שורע אפּן קאַבינעט־פּענצטער געשטאַנען און שוויַיגנדיק דערמאָנט אָן דער גלײַכגילטיקײַט פון די אויסלענדישע פּראָפּעסאָרן:

„וויים איך וואָס?... אניט, האָט בא זיי א מאַמאָשעס א מענטש?"

און וועגן דעם אַנאַליז האָט דער אָרטיקער שטאַרק אָנגענומענער פעלדשער, דער שאַסקן,[63] ערגעץ־ווו בא זײַנע געזונטווערנדיקע כאַלאָים דערציילט:

„אָט, אַפּאָנעם, א ראָש בא ר' גדאַליען; וואָס־זשע דען?"

יידן האָבן זיך טאַקע לעבן ר' גדאַליען געפילט שלעכט און האָבן צופיל געשוויגן. זיי האָבן אויסגעשפּיגן ביגנייווע אָן א זײַט יעדעס מאָל, וואָס עמעצ האָט אָט די קרענק זײַנע באַם נאָמען אָנגערופן, און זיך געוווּנדערט:

„ער הייסט דאָס נאָך א יונגערמאַן, ר' גדאַליע; כ'מיין בעמעס: ער האַלט דאָך נאָך פּאַר כאַמישים".[64]

און ער האָט זיך נאָך אַלץ צו דעם ניט צוגעהערט. צעטראָגענערהייט האָט ער געוואָלט ווײַטער די אומגליקלעכע געשעפטן פירן און עטלעכע אָוונטן נאָכאַנאַנד בא זיך אין קאַבינעט מיטן קאָרעוו זײַנעם, דעם קאַסיר, די אַלטע און גײַע ביכער אונטערגעפירט.

יעדעס מאָל, וואָס ער האָט דאָרטן שפּעט באַנאַכט די אַרבעט איבערגעריסן און איז צוזאַמען מיטן קאַסיר אינעם באַלויכטענעם עסצימער אַרויסגעגאַנגען, האָט ער געהאַט א שטאַרק פאַרטראָגן פּאָנעם

מיט אויכ אזעלכע צעטראָגענע נערוועז רויטע אויגנ, געשווינד געביסנ איינעם א פינגער־קנעכל אונ זיכ אליינ אלעמאָל די געדאנקענ איבער־נעריסנ:

„נו, איז דאָכ שלעכט... איז דאָכ ניטאָ פונ וואָס צו ריידנ".

אונ נאָכדעמ האָט ער זיכ נאָכ אומגעוויינלעכ לאַנג מיט דער קרישמע באַ זיכ אינ שלאָפצימער ארומגעדרייט, ניט אײַנגעהערט, וואָס די אויסגעטאָנענע גיטעלע האָט צו אימ פונ איר בעט ארויסגעטײַנעט אונ האָט אלעמאָל באַ איר געשווינד אונ צעטראָגנ איבערגעפרעגט:

„א? וואָס האָסטו געזאָגט?"

צופיל מאָל האָט שוינ דעמסטמאָל גיטעלע איר צירונג מיט די בריליאַנטענע אוירינגלעכ דערמאָנט, צופיל האָט זי שוינ רב׳ גדליהנ גע־וואָלט אײַנריידנ, אז ס׳איז גלײַכ, זי זאָל מיט זיי א פאָר טאָג צו איר רײַכנ פעטער, וואָס אינ ווײַטלעכנ שטעטל, אונ צופיל גיפטיק האָט זי שוינ אנטקעגנ דעמ קאָרעוו, דעמ קאסיר, געטײַנעט:

„אז זי האָט אימ אָבער געזאָגט... אז זי האָט אָבער צו אימ די גאַנצע צײַט געשריענ: „ער מאכט א צו ברייטנ באלאנס, מאכט ער".

★

ביסלעכווײַז האָט דאָ ווידער דער אַגועצ־מישמאש אופגעוואכט אונ ווידער דערוועקט אינ מירלענ אנ עקל מיט א סינע צו דער שטוב אונ צו די פרעמדע מענטשנ, וואָס האָבנ אינ איר געליאַרעמט. פונ טאָג צו טאָג האָט זיכ אינ איר עפּעס א געדאנק געשטארקט:

„דער אַגועצ־מישמאש... ער וועט שוינ געוויס אויסגיכנ אנ עק נעמענ".

אנ אומגליק וועט, דוכט זיכ, איבער דעמ געשענ מיט אלע שטוב־מענטשנ, מיט די יידנ־נעמאָנים,[65] וואָס אינ קאשפעריווקער וועלדל אונ מערנאָווער מיל, מיטנ קאסיר אונ אפילע מיטנ איבערגעוואקסענעמ מיידל, דער קעכנ, וואָס דינט שוינ באַ זיי דאָס אכטע יאָר.

נאָר איר, מירלענ אליינ, איז דאָס קימאט ווי אלציינס, אונ אינ טאָכ...

אינ טאָכ וועט איר דאָכ פונ דעמ ניט ערגער אונ ניט בעסער ווערנ.

גאַנצע שעהען איז זי מיט אָט דעם געדאַנק בײַ זיך אין בעט געלעגן, געגאַנגען מיט אים זיצן צו דער אַקושערקע שאַץ און זיך מיט אים גיך פֿון דאָרטן צוריק אַהיים אומגעקערט, זיך ניט אומגעקוקט אויף די פֿיל וואַרטנדיקע באַלכוויוועס און צוגעשיקטע בוירעדים, וואָס האָבן מיט זייערע פּאַפּיראָסן דעם עסצימער שטאַרק פֿאַררייכערט, אַרײַנגעקומען צו זיך אין כיידער און דאָרטן ווידער וועגן דעם זעלבן געטראַכט:

„דער אָנזעץ־מישמאַש... ער וועט זיך שוין געוויס אײַנגיבן ענדיקן“.

אין שטוב האָבן זיך אָנגעהויבן ציִען פֿיל שלאָפֿלאָזע גסיסע־נעכט מיט אופגערעגטע אייצעס־זוכערײַען, קיינער, אַחוץ איר, האָט זיך דערנסטמאָל ניט אויסגעטאָן און וועגן דו ניט געטראַכט. האָט זי זיך אַלעמאָל אין איר פֿינצטערן כיידער אופגעכאַפּט און געהערט, אַז אין שטוב שלאָפֿט מען ניט; אַז, כוץ דעם קאַסיר מיט אַוורעמל דעם ראָוו איז דאָרטן פֿאַראַן דער אָרטיקער פּריוואַט־אַדוואָקאַט; אַז מ'סור־דעט זיך דאָרטן פֿאַרזיכטיק און שעפּטשענדיק שטיל, כדי ס'זאָל ניט דערהערן זי מיטן דינסטמיידל, וואָס שלאָפֿט אין קיך, און מ'הערט דאָרטן דעם אַדוואָקאַטס אייצעס:

„דעריקער איז אײַנצאָלן אין דער צײַט די „ראַטעס“ פֿאַר קאַש־פּעריוויקער וואַלד און פֿאַר טערנאָווער מיל; וואָרעם ווײַבאַלד אַלץ איז שוין איבערגעשריבן, הערט מען דעם באַנקס סטראַשונקעס, ווי דעם פּאַראַיאָריקן שניי“.

מיד און קרענקלעך־גרינג האָט זי אין דער פֿינצטער אײַנגעדרעמלט און אין כאָלעם געזען פֿיל פֿרעמדע ליאַרעמדיקע מענטשן, וואָס פֿליען איבער די שטוב, זיך ווידער א ביסל צעשראָקן אופגעכאַפּט און ווידער דערהערט, ווי דער אַדוואָקאַט גיט אייצעס:

„מוז דאָך גיטעלע אַלץ פֿון איר זײַט אויף קאַסירס נאָמען איבערשרײַבן, וואָס פֿאַרשטייט איר דאָ ניט? דעריקער איז דאָ צו האָבן די דריטע האַנט“.

און נאָכמאָל האָט זי דאָ אײַנגעדרעמלט און שוין אין אָנהייב

גרינגנ שלאָפ געהערט, ווי גיטעלע מינטערט דאָרט אלעמאָל ר' גדא־
ליענ:

„גדאליע, גיי שלאָפנ, גדאליע... דו טאָרסט ניט זיצנ, גדאליע".

ר' גדאליע האָט זי ניט געהערט און איז ווײַטער ביזנ ווײַסנ טאָג געזעסנ. ער האָט שוינ טאקע דערפאר אזא שלעכט פּאָנעמ באקומענ, און די שפּיציקע נאָז האָט אונטער זײַנע גאָלדענע ברילנ אויסגעזענ בלאָס, ווי בײַ א מעס.

★

איינמאָל באטאָג, אינ דער וואָכ, וואָס פאר פּורימ, איז דאָס געווענ, איז ער מיט אָט דער בלאָסער נאָז צו מירלענ אינ בײַדער אַרײַנגעקומענ, זיכ ניט ווײַט פונ איר בעט מיטנ פּאָנעמ צומ פענצטער אוועקגעשטעלט און דאָרטנ צעטראָגנערהייט גענומענ ארומטאַפּנ די קלײנינקײַטנ, וואָס אויפנ טיול־באצויגענעמ טואלעט־טישל.

ער האָט זיכ ענדלעכ אָנגעהויבנ פאר איר קלאָגנ אפּ גיטעלע־מיטנ קאסיר:

„אינגאנצנ די צײַט האָט ער זיכ בײַ זיי געבעטנ אינ זײַנע בריוו: לעמאנאשעמ, ריר ניט אָנ מירעלעס פינפ טויזנט רובל... ווי בײַ נאזלאָנימ האָט ער זיכ בײַ זיי געבעטנ..."

אָבער פּונקט אינ דער צײַט, וואָס זי האָט צו אימ איר פּאָנעמ א ביסל אויסגעדרייט און עפּעס געוואָלט בײַ אימ א פרעג טאָנ, האָט אימ די אײַנגעזעסנ־פאראקשנטע גיטעלע פונ עסצימער פיל מאָל צו רופנ אָנגעהויבנ:

„גדאליע, קומ נאָר אהער, גדאליע".

„גדאליע, כ'האָב דיר ,עפּעס געוואָלט זאָגנ, גדאליע".

מעשוגע האָט מענ געקאָנט ווערנ פונ אָט דעמ קאלטבלוטיקנ אײַנגעשפּארטנ רופ, איז ער ענדלעכ אומצופרידנ און א ביסל אויפגערעגט אהינ אוועקגעגאנגענ און איבער עפּעס נאָכ צוגעזאָגט איר, מירלענ, וועלכע איז פונ אינדערפרי אָנ מיט קאָפּווייטעק און געהעכערטער טעמפּעראטור אינ בעט געלעגנ:

„ער וועט נאָכ צו איר אַרײַנקומענ... אינ א האלבער שאָ ארומ וועט ער צו איר אַרײַנקומענ".

אין שטוב האָט מען זיך יענעם טאָג געריכט אַף אַ נײַעם קלאָפּ, אַן אומגליק, און דערפֿאַר בעקיוון דאָס דינסטמיידל ערגעץ־וווּהין אַף גאַנצע עטלעכע שאָ אַוועקגעשיקט. אַ דערוואָרגענער שרעק־געדודער איז דאָרטן די גאַנצע צײַט פֿאָרגעקומען, און דאָס אייגענע און געיאַרשנטע זילבער, וואָס איז אין דער אַלטער גלעזערנער זאַל־שאַפֿע, האָט מען ערגעץ אין אײַלנדיקער שרעק איבערגעטראָגן. און דער אײַנגעשפּאַרטער גיטעלע האָט שוין ר׳ גדאַליע דערלויבט צו איר רײַכן עלטער־פֿעטער, וואָס אין ווײַטלעכן שטעטל, אַ פּאָר טאָג. אַלעמאָל האָט זיך אַהער דערהערט, ווי זי ברענגט דאָרטן ר׳ גדאַליען אַרויס פֿון די קיילים און צווינגט אים, ער זאָל העכער, ווי געוויינלעך, זײַן קאָל אויפֿהייבן:

„נו, נו... וואָס פֿילדערט זי אַזוי?!.. זי וועט נאָך פֿאָרן... פֿאָרן, מיטן קאַשפּעריוקער וואַלד־געמענג וועט זי אַהין פֿאָרן“.

נאָר איר, מירעלען, איז שוין דענסטמאָל אַלץ, וואָס אַרום, אַזוי ווינציק אָנגעגאַנגען.

געשלעפֿערט האָט זי שוין דער צווייטער מעשונעדיקער היץ־דרעמל און געכאָלעמט האָט זיך איר, אַז ס׳איז שפּעט אינאָוונט, אַז אין עסצימער דערציילט ליפּקים ליבקען דער רעבעצן, ווי ער איז דרײַ וואָכן קעסיידער אַף טיפֿוס שלאָף געווען און ווי ער איז איצט אַרײַנגעקומען ניט צו מירעלען, נאָר גלאַט צו איר, ליבקען; און אַז אין דער זעלבער צײַט, וואָס ער רעדט דאָרטן אַזוי, שטייט דאָ, ניט ווײַט פֿונעם בעט איר געוועזענער כאָסן, וועלוול בורנעס, שטייט מיט אַ געפֿאַלן געמיט און מיט גרויס דערכערעץ, קוקט דערפֿאַר ניט צו איר, נאָר אַראָפּ צו דער פּאָדלאָגע, און פֿאַרענטפֿערט זיך:

„ער איז ניט שולדיק, וואָס ער איז צו איר געקומען. זי באַדאַרף אים מוחל זײַן... ער האָט די טעג מיטן מיידל דער ברונעטן כאַסענע און איז געקומען, גלאַט אַזוי איז ער געקומען“.

ווען זי האָט צולעצט פֿון אָט דעם פֿאַרוואָגלטן דרעמל זיך אויפֿגעכאַפּט, האָבן שוין די שויבן ווי שוואַרצע טינט אויסגעזען. אַ שפּעטע באַנאַכט־שטימונג האָט געשוועבט אַרום דעם לאָמפּ, וואָס האָט אײַנגעט ווײַטע בײדער־ווינקל געברענט, און אין דער גאַנצער אויסגע־

שטאָרבן־פּוסטער שטוב איז קיין לעבעדיקער נפֿש ניט געווען. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי דערהערט, ווי ווײַט־ווײַט אין פֿאָדער־שטיבל לויפֿט עמעץ געשווינד פֿון דרויסן אַרײַן, לויפֿט באַלד אויך אַזוי געשווינד מיט אַ פּראַל פֿון טיר צוריק אין דרויסן אַרויס און טוט דערבײַ אין גרויס אײַלעניש אַ געשריי:

„די שאַל!.. גיטעלע האָט פֿאַרגעסן מיטצונעמען די גראָבע שאַל...״

דאָס האָט מען אָקאָרשט, אָפּגענומען, אַלע צוזאַמען אַרויסגעבאַגלייט גיטעלען צו איר פֿעטער, וואָס אין ווײַטלעכן שטעטל, מ׳איז געשטאַנען אין הויף און געקוקט, ווי בײַ דער שײַן פֿונעם אַרויסגעטראָגענעם לאָמפּ זעצט זי זיך צוזאַמען מיטן קאַשפּעריוקער וואַלד־נעמען אַפֿן אייגענעם געשפּאַנטן שליטן.

מירל האָט שוין געדענקט:

אין שטוב איז עפּעס פֿאָרגעקומען... זי, מירל, וויל ניט טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס וועט מיט איר זײַן מאָרגן... און אינדערפֿרי... אינדערפֿרי איז דאָ, דוכט זיך, עמעץ געזעסן און דערציילט:

„וועלוול בערנעס האָט אינגיכן כאַסענע מיט דעם מיידל דער ברונעטן... סאַראַווערנס קלאַפּן שוין אַפֿילע דאָרטן, אַ סוואָרע, מאַנדלען מיט צימרינגן, און ערגעץ־וווּהין קיין אויסלאַנד, זאָגט מען, פֿאָרט דאָס יונגע פּאָרל באַלד נאָך דער כאַסענע אַוועק״.

„קיין אויסלאַנד?..״

ליגנדיק אין בעט, האָט זי געהאַט אַזעלכע גרויסע אָוולדיקע אויגן, גלײַך זי וואָלט איצט זען די ווײַטע פֿינצטערע נאַכט מיטן לאַנגן שנעלצוג, וואָס טראָגט דאָס יונגע פּאָרל ערגעץ־אַהין צו דער גרענעץ צו.

זי האָט געקוקט אויפֿן ברענענדיקן לאָמפּ און האָט געטראַכט:

„ניט שלעכט איז שוין, עפּשער, זיך איצט אײַנצווייען אַזוי צווישן דער נאַכט־פֿינצטער קיין אויסלאַנד טראָגן... נאָר פֿאַר איר, מירלען, איז דאָס איצט אַזוי אוממעגלעך, און ניט דאָס איז דער עיקר... זי האָט וועגן דעם ניט וואָס צו קלערן. גיט גוט איז איר, און די פֿינף טויזנט רובל איקרע... און דאָס ווײַטערדיקע לעבן איקרס, אַך!.. זי וועט זיך שוין בעסער אַזוי אין אַ קבֿיל צוזאַמענציִען און וועט שלאָפֿן, שלאָפֿן...״

און וויפֿל איז זי אזוי אָפּגעשלאָפֿן!

דאָרטן אין עסצימער זײַנען אין מעשעך פֿון דער נאַכט זעלטן־ווען אָפּגעשטאָרבן די איינזאַמע טריט פֿון ר׳ גדאַליעס נערוועזן ארום־שפּאַנען. טײ האָט ער שוין דאָרטן און אפילו איינער אַליין פֿונעם זײַדיקן סאַמאָוואַר אָפּגעטרונקען און די טיר פֿון איר כיידער האָט ער צוליב עפּעס א פּאָר מאָל געפּרוּווט אָן עפֿן טאָן. און זי האָט דאָ נאָך אלץ שלאָפֿנדיקערהייט ערגעץ־ווו אין א פֿינצטערן אוילעם־האַטייהו ארומגעשוועבט און אָנעם וואָכעדיקן פּײַן פֿאַרגעסן. ערשט צו דער דריטער אשמורה צו האָט זי דאָ, ליגנדיק אין בעט, א ציטער געטאָן, דערזען, ווי פֿאַסן נאַכט, שמאָלע און קווים־קווים בלויע קוקן דורך די לאָדן־שפּאַלטן אהער אין כיידער אַרײַן, און ווי בײַ איר אפֿן בעט זיצט ר׳ גדאַליע און פֿאַרענטפֿערט זיך:

„ער האָט זי אויפֿגעוועקט, האָט ער זי... ער האָט זיך עפּעס ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט זי אויפֿגעוועקט”.

שטאַרק שלעכט איז אים געווען, און ניט געוווּסט האָט ער, ווי־אַזוי וועגן דעם מיט מירלען צו ריידן, ער איז דאָ לאַנג אפֿן בעט געזעסן און זיך ווידער געשוימען מיטן גיטעלען אפֿ קאַסיר קלאָגן:

„אז ער האָט זיך בײַ זיי געבעטן, ווי בײַ גאַזלאָנים: ער וויל ניט פֿאָרן קיין אויסלאַנד... אז ער האָט גיט געטאָרט פֿון דער היים אוועק־פֿאָרן...”

פּלוצעם האָט זי צו אים איר פּאָנעם אויסגעדרייט און בײַ אים א פֿרעג געטאָן:

„טאַטע, וויפֿל געלט איז דיר געבליבן?”

און געזען האָט זי באַלד, ווי ר׳ גדאַליע טוט א הייב מיט ביידע אקסלען, הויקערט זיך אײַן מאָהנע, ווי א קליין קינד, וועלכן מ׳וויל א קלאַפּ געבן, און הייבט אָן טײַנען מיט די הענט:

„אז גאָרנישט... א קאָפּעקע ניט”.

„גאָרנ׳יישט?..”

גלאַט אזוי האָט זי עס בײַ אים איבערגעפֿרעגט, און גלאַט אזוי האָט בײַ איר דאָס האַרץ געשווינד צו קלאַפּן אָנגעהויבן. פֿריִער האָט זי עפּעס געוואָלט פֿאַרשטיין און ניט געקאָנט, און נאָכדעם האָט זי

!!!

שוין גאָרנישט ניט געוואָלט, געקוקט אויף אים מיט אומבאַוועגלעכע, עטוואָס דערשטוינטע אויגן און ניט געוווּסט, צוליב וואָס ער זיצט נאָך לעבן איר אויפן בעט.

זי האָט דאָך שוין באַ אים מער ניט וואָס צו פרעגן... זי ווייס דאָך שוין אַלץ. טראַכטן וועגן עפּעס האָט זי מוירע געהאַט, און ניי־מיק, שטאַרק גײַטיק איז פאַר איר געווען ווידעראַמאָל אײַנצושלאָפן. האָט זי זיך טאַקע באַלד נאָך ר' גדליעס אַוועקגיין מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט אויסגעדרייט, דעם קאָפּ מיט פאַרמאַכטע אויגן טיפער אין קישן אײַנגעגראָבן, האַרט צו דער ברוסט די איבערגעפלאָכטע־נע הענט צוגעדריקט און זיך נאָסן העלערס פּאָנעם אין זינען גע־נומען:

„אָט אַזוי... אָט ווערט זי צוריק אַנשלאָפן".

אויפן צווייטן טאָג האָט זי זיך מיט אַ גרייטן און ניט קלאָרן פּלאַן פון שלאָף אויפגעכאַפּט, געלעגן לאַנג אין בעט אין אַ האַלבן־עפּלדיקן צושטאַנד און געוואָלט אָט דעם פּלאַן באַנעמען:

„אַמאָל האָט זי, דוכט זיך, געהאַט די מעגלעכקייט אָט די שטוב צו פאַרלאָזן... וואַרט... סאַרא מעגלעכקייט האָט זי אַמאָל געהאַט?"

ר' גדליע האָט זיך שוין מיטן טאַלעס און טפילין פון דער סאַ־דעגערער קלויז געהאַט אומגעקערט און האָט זיך אָן גיטעלען שטאַרק אײַנזאַם אין דער פּוסטער שטוב דערפילט. ער האָט געטראָפן מירלען איינע אַליין אין בײַדער שטיין און דאָרטן ווידער צעטראָגענערהייט די קליינינקייטן, וואָס אויפן טואַלעט־טישל, גענומען אַרומטאַפּן.

ער האָט איר געזאָגט:

„דער „סודעבנע"...[67] מעגלעך, אַז דער „סודעבנע" זאָל הײַנט אַהער אַרײַנקומען... מ'ווייס נאָך ניט אויף געוויס, נאָר יעדנפאַלס... יעדנ־פאַלס באַדאַרף זי זיך ניט שרעקן".

„אַך, דער „סודעבנע"?.. גוט".

שטיל און ניט אומקוקנדיק זיך צו אים האָט זי עס געענטפערט. און באַלד האָט זי אויף זיך דעם סאַק מיטן שוואַרצן שאַרף גענומען און איז פון שטוב אַוועקגעגאַנגען.

„ווּהין וועט זי איצט גיין? אַלצײַנס".

דעריקער איז, וואָס זי קאָנ מער אינ אָט דער שטוב ניט בלײַבנ, אונ עטלעכע טעג...

„עטלעכע טעג קאָנ זי אָפּלעבנ אפילע בא דער אקושערקע שאַצ".

★

אונ זי האָט עטלעכע טעג אָפּגעלעבט אינצווייענ מיט דער אקושערקע שאַצ. געלעגנ דאָרטנ ס'ראָוו אינ בעט אנ אומעטיקע מיט א פאַרשטאַרטנ טרויער אינ די בלויע אויגנ, געקוקט מיט זײ ערגעצ־וווּהינ, צו דער ערדענער פּאָדלאָגע אונ געשוויגנ. אונ אַמאָל האָט זיכ געמאַכט, אז, נישט אויפהייבנדיק די אויגנ פונ דער פּאָדלאָגע, האָט זי, ליגנדיק אינ בעט, אָנגעהויבנ ריידנ צו דער אקושערקע אויס־געצויגנ אונ שטיל, ווי אינ אָוול:

„דרײַ אונ צוואַנציק יאָר האָט זי אָפּגעלעבט דאָרטנ אינ שטוב".

ניט די שטוב טוט איר באַנק אונ ניט די יאָרנ... וואָרעמ די יאָרנ, וואָס האָט זי דענ געקאָנט מיט זײ טאָנ? אונ די שטוב...

„מענטשנ, וואָס ווערנ געבוירנ אינ אזעלכע שטיבער, קאָנענ ניט לאַכנ, אָט ווי זי, מירל".

אונ אַמאָל האָט זיכ געמאַכט, אז די אקושערקע האָט זיכ געמוזט אינ שטעטל צו א געווינערנ אראָפּכאַפּנ אונ זיכ דאָרטנ א פּאָר שעה אָפּזאַמענ. זי האָט געדענקט, אז זי האָט געלאָזט מירלען, אונ האָט זיכ געאײַלט אהיימ, אונ ווענ זי איז געקומענ צוריק, האָט זי געזענ:

מיט איבערגעפלאָכטענע הענט אונטערנ קאָפּ ליגט מירל אינ בעט אויפנ אייגענעמ אָרט, ווו זי האָט זי געלאָזט. זי קוקט נאָכ אלצ ערגעצ־וווּהינ צומ באַלקנ אונ הייבט פּלוצעמ אָנ צו ריידנ שטיל וועגנ דעמ, וואָס זי האָט דאָ די גאַנצע צײַט געטראַכט.

„אזעלכע מענטשנ ווי זי, מירל... אָדער זײ ווערנ זינגערנס אינ די שאַנטאַנענ, אָדער זײ נעמענ זיכ דאָס לעבנ".

דער אקושערקע איז פונ אָט די ווערטער געוואָרנ מאָדנע; זי האָט זיכ באַלד באַלעבאַטעווענ אינ שטוב גענומענ אונ אָנגעהויבנ צונויפ־זוכנ די קליינע נאָזטיכלעכ:

„ווי קלערסט, מירל? ס'וואָלט, דוכט זיכ, לאָכלוטנ ניט איבעריג

געוועג, ווענ זי, די אקושערקע אליינ, נעמט זיי איצט, בימכילע, אָט די טיכלעכ איבערוואשנ?"

נאָר מירל האָט זיכ דערינ ניט איינגעהערט אונ ווידער דאָס אי־ריקע ווייטער גערעדט:

„קענ זי אָבער פאר די שאנטאנ־הייזער ניט זינגענ אונ ניט לאכנ".

אונ קעדיי צו באגיינ זעלבסטמאָרד...

דאָ האָט זי, ליגנדיק אינ בעט, איר שלאנקנ אונ בייגיקנ קערפער אזוי שטארק ארומגעבויגנ, אז אינ פּנים האָט זיכ איר דאָס גאנצע בלוט ארייננעגאָסנ, אנטפּלעקט די הענט ביז צו די אקסלענ. זיי פאַ־מעלעכ פונ אלע זייטנ באטראכט אונ זיי אויכ אזוי פאמעלעכ גע־נומענ גלעטנ:

„אזעלכע שיינע הענט... זיי טוענ איר באנק יעדעס מאָל, וואָס איר קומט אויס וועגנ זעלבסטמאָרד צו טראכטנ".

דענסטמאָל האָט זיכ די אקושערקע פּלוצעמ דערמאָנט, אז זי האָט פארגעסנ אינ שטעטל א קעסטל סארדינענ קויפנ. זי האָט אוועקגעוואָרפנ די איינגענעצטע טיכלעכ אונ זיכ נאָכאמאָל געלאָזט אהינ לויפנ:

„ס'ארא פארשטאָפטנ קאָפּ זי האָט די לעצטע צייט באקומענ... מירל וועט האָבנ באַ איר פּאָשעט פונ הונגער אויסגייג".

ליגנדיק אזוי איינמאָל אינ שטאָט, האָט זי ניט פארגעסנ זיכ אויכ אָפּ א רעגע צומ פּראָוויזער־געהילפ סאפיאנענ ארייננצוכאפּנ אונ דאָרטנ פונ מירעלעס וועגנ א נייעמ, נאָרוואָס אויסגעשריבענעמ בוכ נעמענ. נאָר מירל האָט זיכ שוינ אזוי גלייכגילטיק צו אָט דעמ נייעמ בוכ באצויגנ, אויכ אזוי גלייכגילטיק אימ אינ די הענט גענומענ אונ, ליגנדיק אינ בעט, מאָנאָטאָניש די ערשטע צוויי פראזנ איבערגעלייענט. אונ באלד האָט זי דעמ בוכ פונ די הענט ווי א לעיוצלעכ ארויסגעלאָזנ, ווידער מאָדנע אומעטיק צומ פענצטער גענומענ קוקנ אונ אויכ אזוי אומעטיק צו ריידנ אָנגעהויבנ:

„אלע האָבנ זיי ליב אָנצוהייבנ זייערע ביכער פונ עמעצנס א טרוי־עריקנ פרילינג אונ דערמיט יעדנ די אייגענע יעסורימ פארשטארקנ".

אונ נאָכ א פּויזע, א זיפצ, ווידער וועגנ דעמ זעלבנ:

..ווענ אפנ הארצנ איז גרינג איז מענ זיי דאָס מויכל אונ מ'לייענט

זיי. נאָר ווען מ׳געפינט זיך אין אזא גערדריקטער שטימונג, ווי אירע איצט, זעט שוין אין זיי אוים יעדע פּראזע, ווי אַן איינגעגעסענע פליג, וואָס שטעלט זיך אלעמאָל אָפּ דער נאָז און רייצט זיך: „אָבער ס׳איז דיר שלעכט... שלעכט... שלעכט“.

נאָר אמאָל איינאָוונט האָט זיך געמאכט, אז די אקושערקע האָט גענומען דאָס קליינע און אוראלטע „Dicta sapientium“[68] וואָס אַן אלטע פּריצע א קאַטאָליקן האָט איר גיט לאנג אוועקגעשאָנקען, זיך מיט דעם לעבן מירלען אין בעט געזעצט, גענומען לעזן דעם ווי מיט טרערן אויסגעפלעקטן און שטארק פארגעלטן קאפּיטל, און איר איין פּאָסעק נאָך דעם צווייטן לויט דער איבערזעצונג פארטייטשט:

Omnis felicitas mendacium est...

ביידע מיידלעך זיינען מיטאמאָל ענלעך צו שיוועזיוצערנס געוואָרן, און געדוכט האָט זיך שוין, אז זיי לייענען איצט איינע פאר דער צווייטער דעם פּאָסעק איַעוו און טרייסטן זיך: אָט זיינען נאָך גרע סערע צאָרעס ערגעץ־ווו אָפּ דער וועלט פאראן.

און דאָך איז מאכמעס אָט דעם לעזן א ביסל היימלעכער דאָ אינעם באלויכטענעם ביידער געוואָרן, און די גערדריקטע שטימונג איז פונדאנען אָפּ א ווײַלע פארשוונדן. די אקושערקע שאצ האָט זיך שוין אפילע שמייכלדיקערהייט א פּאפּיראָס באַם קעסטל הילזן געמאכט, זיך אים רייבערן צוריק אין בעט לעבן מירלען געזעצט און זיך אָן איר באקאנטן, דעם בעלעטריסט, דערמאָנט:

„האָט ער איר איינמאָל געזאָגט:

גליק קאָן מען שוין געפינען נאָר בא קאָמיוואָיאזשאָרן; ס׳וואָלט זייער פארדראָסיק געווען, נאָר ס׳איז דערביי נעכאָמע פאראן: זיי, די קאָמיוואָיאזשאָרן, זיינען שטענדיק מיט קאָרטן־שפּיל פארנומען און ווייסן וועגן דעם גיט“.

און ביידע זיינען זיי א ווײַלע שוויַגנדיק געבליבן און אזא נעקאָמע געהאט אָן אָט די קאָמיוואָיאזשאָרן:

„זיי ווייסן באָטש וועגן זייער גליק ניט“.

מירל האָט שוין אפילע נאָכדעם א שמייכל געטאָן:

„עטא כאָראָשאָ“.

נאָר אייגנטלעך איז שוין אָט דער שמייכל אַזוי שוואַך און מאָדנע בא איר אַרויס. צופֿיל ענלעך איז ער שוין געווען צו אַ קרים, וואָס קומט אַמאָל פֿאַר טרערן.

VIII

אין שטאָט האָט מען דערווײַל וועגן איר זווינען בא דער אַקושערקע שאַץ צו ריידן ניט אויפֿגעהערט. בא אַווראָם־מוישע בורנעם אין שטוב האָט מען צופֿיל דערפֿון האַנאָע געהאַט און פֿרייִלעך געלאָפֿן אַקעגן יעדן נײַ־אַרײַנקומענדיקן גאַסט, וואָס האָט וועגן דעם עפּעס נײַעס געקאָנט דערציילן:

„נו, וואָס הערט זיך? וואָס איז ער עפּעס נאָך געוואָר געוואָרן?“.

ר׳ גדליע האָט זיך בא זיך אין שטוב שיר נישט געעקט און זיך וועגן דעם אַלעמאָל געהאַלטן אייצעס מיטן מעקורעוו דעם קאַסיר.

„ער וועט אים זאָגן דעם עמעס: ער וואָלט שוין געוואָלט דערלעבן די שאָ, ווען גיטעלע וועט צוריק אַהיים קומען; זי, גיטעלע, איז דערצו אַ מענטש און קאָן געפֿינען עפּעס אַן אייצע... וואָס, ניט אַזוי?“

און אַרומגעלאָפֿן איז ער הערבײַ אין אַזאַ צעטראָגענער שרעק איבער דער שטוב און גערוקט האָט ער דערבײַ אַהין און צוריק די גילדענע בריל איבער דער נאָז:

„ווער ווייס? עפּשער איז קעדײַ געבן גיטעלען אַ טעלעגראַם, זי זאָל וואָס גיכער אַהיים קומען?“

נאָר אינגיכן איז שוין אַזאַ שיינער און זונענדיקער עסטער־טאָנעס געווען. די לופֿט האָט שוין אין אים מיט אַזאַ ווינטערדיקער וואַרעמקייט געשמעקט, און דער פֿראָסט איז שוין געווען אַזוי קליין און שוואַך, קוים געהאַלטן גאַנץ דעם שנייִקן בלאַנק־ווײַסן אויבערפֿלעך, וואָס אַף די אַרומיקע פֿעלדער, און געשפּרונגען איבער אים אַנטקעגן דער זונען־שײַן מיט פֿיל זילבערנע און דימענטענע פֿונקען.

באַטאָג איז צו דער אַקושערקע שאַץ געקומען אַ פֿור פֿון אַ דאָרפֿישער פּריצע און איר אַ בריוו געבראַכט:

„מ'וויל זיך מיט איר מעיאַשעו זײַן, און אויב זי איז ניט פֿאַר־נומען, בעט מען זי קומען".

שטילערהייט האָט די אַקושערקע געוואָלט לײַדיק די פֿור צוריק אָפּשיקן און שוין אַפֿילע צוליב דעם אַ בריוו דער פּריצע געהאַט אָנגעשריבן. נאָר מירל האָט זיך פּלוצעם וועגן דעם דערוויסט און איז מיטאַמאָל שטרענג געוואָרן:

„ניין... די אַקושערקע וועט באַלד אַהין פֿאָרן".

און ווען די אַקושערקע האָט טײַנען אָנגעהויבן, האָט זי נאָך אַ רוגזעדיק בלאַס פּנים באַקומען און זיך איבער עפּעס געשטעלט די אומרויִקע גלעזער און שאַלן איבערוואַשן.

„אויב די אַקושערקע פֿאָרט ניט, טוט זי זיך באַלד אָן און גייט אַוועק פֿונדאַנען".

אַ רעמעז איז אין אָט דעם שטומען גלעזער־וואַשן געווען סײַ דער־רופֿ, וואָס זי איז אַ באַסיעכיקע, סײַ דערופֿ, וואָס זי קען וואָרט האַלטן און ערגעץ־וווּהין פֿונדאַנען אַוועקגיין; און כּוץ דעם: ס'איז עפּעס גלאַט אַזוי געווען שטאַרק מאָדנע זי בײַ אָט דער אַרבעט אָנצוקוקן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זיך שוין די אַקושערקע ערגעץ ווײַט־ווײַט אַרויס דעם שטעטל אַקעגן דער האַרעם־מײַדעוודיקער זון גע־שליטלט, און מירל איז שוין צוריק אומעטיק באַרויִקט אויפֿן בעט גע־לעגן. זי האָט מאָנאָטאָניש שטיל געבעטן זיצן דעם גאַרוואָס אַרײַנ־געקומענעם פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיראַנען און אים אויך אַזוי שטיל אויף זײַנע אָנפֿראַגן געענטפֿערט:

„יאָ, פֿריער ווי אײַזאָונט וועט די אַקושערקע אַהיים ניט קומען".

דער פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיראַנ איז, ווי טאָמיד, געווען נערוועז, ערנסט און שטרענג. ער האָט געקוקט מיט זײַנע בולעטע פֿאַרבלאָזע אויגן ניט צו איר, נאָר ערגעץ־וווּהין אין אַ בײַדער־ווינקל, געטראַכט, אָפּאָנעם, צום שלעכטן וועגן דער אַקושערקע און געשוויגן. אַ שווערע פּוסטקייט איז נאָך זײַן אַוועקגיין דאָ אין בײַדער געבליבן. די שטיל־קייט האָט זיך געשטאַרקט, ס'האָט זיך געהערט, ווי נאָענט קעגנאיבער דעם פֿענצטער לויפֿן אַרום צוויי שיקסעלעך אין שטויב, יאָגן זיך איינע נאָך דער צווייטער און לאַכן, יאָגן זיך און לאַכן.

מירל האָט זיך צולעצט אַפֿן בעט אופגעזעצט, זיך פֿאַרטראַכט און זיך מיטערהייט פֿאַרקוקט אַפֿן פּירעקיקן זונען־פֿלעק, וואָס האָט זיך פּאַמעלעך געשפּילט אַף דער מיט פּאָדלאָגע.

פּלוצעם האָט זי זיך גענומען אָנטאָן, פֿאַרשלאָסן דער אקושערקעס האַלבע שטוב און איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. ס'איז געווען אַרום האַלב פֿיר אַזייגער באַטאָג, און די זון האָט נאָך נאָענט פֿון דאָרעמ־מיזרעכדיקער זײַט געשײַנט, און דער קליינער פֿראָסט האָט נאָך אַקעגן איר שײַנענדיקן יאַם מיט פֿיל זילבערנע און דימענטענע פֿונקען אַרומגעטאַנצט. און די היפּשע שיקסעלעך, וואָס אין די שטיוול, זײַנען נאָך איינע דער צווייטער נאָכגעלאָפֿן, זיך געיאָגט און געלאַכט, געיאָגט און געלאַכט. מירל איז געגאַנגען לינקס און אַראָפּ, צום שטעטל צו. געגאַנגען פּאַמעלעך און זיך פֿון צײַט צו צײַט אין די זײַטן אומגעקוקט.

ס'איז געווען אַזוי פֿריש און לעבלעך. ערגעץ ווײַט, אין אַ גרויסער רוסישער שטאָט, האָט שוין געוויס אַ יונגע מוטער איר דרײַיאָריק קינד צום ערשטן מאָל מיט דער דערציִערן שפּאַצירן אַרויסגעשיקט און דאָס קינד איז צוריק אַהיים געקומען אַן אַנטציקטס מיט פֿאַרביק רויטע בעקלעך, מיט אַ פֿריש שמייכלדיק פּנימל און מיט אַן אייגנציק נײַמאָדנעם וואָרט:

„מאַמאַ, וועסנאַ!.. וועסנאַ!" [70]

און דאָ אין שטעטל זײַנען לעבן דער שול, וואָס איז אַ ביסל נידעריקער פֿון אַפּטייק, עלטערע און ייִנגערע פֿאַסטנדיקע ייִדן אין אַ קליין בינטל געשטאַנען; זיי האָבן געהאַט געדולד צו וואַרטן אַפֿן עסטער־טאָנעסדיקן „וויחל" [71] און זײַנען געווען אַנטציקט פֿון ייִנגלעך ווײַסע־בעוורעניקעס, וואָס האָבן פֿאַר זייערע אויגן איינער אַפֿן צווייטן מיט שניי געוואָרפֿן.

די ייִדן האָבן זי דערזען און האָבן אַ ווײַלע אָן די ייִנגלעך פֿאַרגעסן. זיי האָבן געוווסט:

„זי, מירל הורוויץ, האָט דעם פֿאָטערס שטוב פֿאַרלאָזן און וווינט דאָרטן... בײַ דער אקושערקע שאַץ וווינט זי".

און זי איז פּאַמעלעך און מיד געגאַנגען ווײַטער אַראָפּ מיטן

שטעטל. זי האָט פֿאַרהאַלטן אַ ביסל די טריט פֿאַר איר געוועזענעם מע־כותנס שטוב מיט די אויסוויינקסטע בלויע לאָדנס און האָט געזען:

פֿאַרן פֿאַרנטיקן גאַנעק מיט דער פֿאַראַד־טיר שטייט איר געווע־זענעם באָסנס פּיר, און פֿון דער הינטער טיר, וואָס פֿירט אין קיך, פֿאַרטראָגט זיך אַהער אַלעמאָל אַ רייעך פֿון פֿרישע צוקער־געבעקס מיט רעגלמעסיקע קלעפּ פֿון אַ פּאָר אומרויִקע מעשענע שטייסלעך און דערמאָנען אָן אַ נאָענטער, לאַנג־דערוואַרטער כאַסענע:

„אַ שעמעוודיק לײַטישער איז דער כאָסן... און די קאַלע... זי איז אים ווערט... ווערט... ווערט..."

און ס'איז געוועזן מאָדנע:

אין איר, מירלען, האָט דאָס אַלץ קיין בענקענדיקע געפֿילן נישט דערוועקט און נישט אַרויסגערופֿן קיין פֿאַכעד פֿאַרן קומענדיקן לעבן.

מיט אַ נעפּלדיקן און קאַלטן באַשלוס האָט זי זיך אַלץ נעענטער צום פֿאָטערס שטוב געריקט. מיטן זעלביקן קאַלטבלוטיקן באַשלוס איז זי אַרײַנגעקומען אַהין אין פֿאָטערס שטוב. פּוסט און האַלב פֿינצטער איז דאָרטן אין די כאַדאָרים געווען, און קיינער האָט זיך דאָרטן נישט געפֿונען, ווער ס'זאָל זי באַמערקן. איז זי, די שלאַנקע און אומעטיקע, געבליבן האָרטן שטיין בײַ דער טיר, און געדוכט האָט זיך איר שוין, אַז זי לעבט נישט ווי אַלע מענטשן, נאָר זי גייט איינע אַליין אַרום בײַ דער זײַט פֿון לעבן, אַפֿן אוילעם־האַטייהו. און פֿלאָנטערט זיך דאָרטן פֿון קליינערהייט אין אַ לאַנגן פֿאַרוואָגלטן כאָלעם, וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און קיין סאָף:

„אָט איז זי שוין, דוכט זיך, איצט צו עפּעס צוגעקומען און וועט עפּעס טאָן, און עפּשער איז זי נאָך צו גאָרנישט נישט געקומען און וועט גאָרנישט נישט טאָן. איינע אַליין וועט זי נאָך ווײַטער אַרומ־בלאָנדזשען, ווי אין אייביקער כאָלעם פֿון טויהו וואָוויהו און וועט אין ערגעץ נישט אָנקומען".

„און אָט שטייט זי ווידעראַמאָל אין אָט דער שטוב, וווּ זי איז שוין אַזויפֿיל מאָל געשטאַנען, און גייט דאָ פֿאַמעלעך פֿון איין כיי־דער אין צווייטן. ווי אַמאָל, הערשן איצט דאָ די כווישעכדיקע ביינ־

אשמאָשעסן, שטאַרקן זיך און גייען איבער אין נעפּל. נאָר אַמאָל זײַנען דאָ געווען מענטשן, און איצט איז דאָ קיינער ניטאָ. פֿון איין ביידער אין צווייטן זײַנען אָפֿן די טירן; אַ שוואַרצע פּוסטקייט זעט זיך ערטערווײַז אין יענע ווינקלען, וווּ ס'זײַנען פֿון טאָמיד אָן געשטאַנען אייניקע זאַכן פֿון אַלטן ווייכן מעבל. זי, מירלען, באַמערקט דאָ קיינער ניט. קיינער שטעלט זי ניט אָפּ און ווערט מיט איר קומען ניט פֿריילעכער. עפּעס איז דאָ שוין, דוכט זיך, שפּעט און נאָך אַלעמען. נאָר די מענטשן? וווּהין זײַנען זיי פֿונדאַנען אַהינגעקומען, די מענטשן?“

פּלוצעם האָט זי אינעם האַלב־פֿינצטערן קאַבינעט אײנעם אַליין ר' גדאַליען דערזען. דאָס צוזאַמענגעצויגענע האַרץ האָט צו אים אַ שטאַרקן ציי געטאָן, און אַליין האָט זי מיטאַמאָל אָן איר נעפּלדיקן באַשלוס פֿאַרגעסן. אײַנגעהויקערט און שטאַרק פֿאַרקלענערט איז ער דאָרטן געזעסן צו איר מיט די פּלייצעס, דער קאָפּ עטוואָס פֿאַרוואָרפֿן אַרונטער און דאָס מויל אָפֿן, ווי בײַ אַ פֿיש, און אָנגעשטעלט אַנטקעגן דעם רעפּוערדאַמפּ, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פֿונעם אויסלענדישן ביקלנעם מאַשינדל. אין דער שפּעטער ביינאַשמאָשעסדיקער לופֿט האָט דאָס מאַשינדל אַנטקעגן אים מיט אַ קליינעם בלוי־גרינגלעכן פֿלאַם געברענט, און מיט אָט דעם בלוי־גרינלעכן פֿלאַם איז זײַן פּנים קוים־קוים באַלויכטן געווען, אויסגעזויגן נאָס און באַדעקט מיט פֿיל שווייסיקע דאַמפּ־טראָפּנס.

ער האָט געענדיקט דעם דאַמפּ לאָזן און דאָס מאַשינדל אויסגעלאָשן. דאָס נאַסע פּנים האָט ער זיך מיט דער פֿאַטשיילע פֿאַמעלעך אויסגעווישט, און זי האָט ער נאָך אַלץ הינטער זיך ניט דערשפּירט. נאָר זי איז שוין אַזוי צעבראָכן געווען. טרערן זײַנען איר געשטאַנען אין האַלדז, און געגאַנגען איז זי שוין צו אים מיט פֿאַמעלעכע טריט און מיט אַ ראַכמאָנעס צו אַ פֿאָטער, וועלכער איז מעגולגל געוואָרן [72] אין אַ קליין אומבאַהאָלפֿן קינד.

„וואָס פֿון אים איז געוואָרן!?“

און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי שוין געשטאַנען מיט אים לעבן פֿענצטער. זי האָט אים דאָס פּנים געווישט, געקושט אין שטערן און געזען, ווי ער דרייט זיך פֿון איר אַלעמאָל מיט אַ שוואַכן קוויעכ

צום פֿענצטער אַוועק, ציטערט מיטן גאַנצן אײַנגעהויקערטן קערפּער און כליפּעט שטיל אין זיך, ווי מוירע האָבנדיק, ער זאָל די סלונע פֿונעם מויל ניט פֿאַרלירן:

„עפּ־עפּ־עפּ־עפּ־עפּ־עפּ... פֿאַרוואָס קומט דאָס אים?... עפּ־עפּ־עפּ־פּפּ... בײַ די עלטערע יאָרן — עפּ־עפּ־עפּ־עפּ...”

ער האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, ווען דאָס דינסטמיידל איז פֿון גאַס געקומען און אַ לאָמפּ דאָ אין קאַבינעט און אין עסצימער אָנגעצונדן. דערנאָכדעם איז מירל אין עסצימער אַרויסגעגאַנגען, באַגעגנט דאָרטן דעם קאַסיר, און, קוקנדיק גלײַך אין זײַן פּנים, זיך לעבן אים אָפּגעשטעלט:

„ווי קלערט ער: ווען מ׳רעפּעטירט באַלד זײַדענאַוואַסקין, וואָלט נאָך דער קנאַסמאָל געקאָנט זײַן הײַנטיקן שאַבעסצונאַכטס? יאָ? טאָ וועט זי אים בעטן, ער זאָל באַלד אָט די רעפּעטיש באַזאָרגן”.

„נאָר זאָל ער וואַרטן... עפּעס האָט זי אים, דוכט זיך, נאָך געוואָלט זאָגן און האָט פֿאַרגעסן... ניין, ניין... זי האָט זיך שוין דערמאָנט. ער מעג גיין די רעפּעטיש באַזאָרגן... זי האָט זיך שוין דערמאָנט... דער שליסל... דער שליסל פֿון דער אַקושערקעס פֿאַרשלאָסענער שטוב איז בײַ איר געבליבן, זי מוז אים איצט אַליין גיין אָפּטראָגן”.

★

אין אַנדערהאַלבן שעה אַרום, ווען זי האָט זיך צוריק אַהיים אומגעקערט, האָט זי שוין די שטוב שטאַרק באַלויכטן געטראָפֿן. ר׳ גראַליע איז נאָך אין דער כאַרעגערער קלויז בײַ דער מגילה געווען, און אין עסצימער, באַם ווײַס פֿאַרשפּרייטן טיש מיט די ברענענדיקע ליכט, איז געשטאַנען די נאָרוואָס אָנגעקומענע ניטעלע, געהאַט אַ פֿאַרפּלאָמט און פֿילפֿאַרביק פּנים. טראַכטנדיק עפּעס נאָך וועגן דעם, מיט וואָס זי האָט זיך פֿון איר רײַכן עלטער־שוועסטער אומגעקערט, האָט זי געהערט, ווי דער פֿרום־אַרומגעגאַרטלטער ייִד לייענט פֿאַר איר די מגילה:

„בימים ההם ומרדכי יושב בשער המלך”.

מיט א ווונק האָט זי דאָ מירלענ אָפּגעשטעלט, געוואָלט בײַ איר עפּעס פֿרעגנ, נאָר מוירע געהאַט אויסצורײדנ. און איר אַפֿנ באַשרײַבענעמ שטיקל פּאַפּיר, וואָס אַפֿנ טיש, אָנגעוויזנ:

„נו־אָ.. אדרעס... נו... א קוק געבנ, צי געשריבנ טויוו [74] ווײַדער־גאָווסקים אדרעס".

און איבער עפּעס האָט מירל, איבערלעזנדיק דעמ אדרעס, איר גאָרנישט ניט געענטפֿערט. אוועקגעגאַנגענ צו זיכ אינ ביידער און זיכ דאָרטנ אינ דער פֿינצטער אינ בעט געלייגט.

ס'איז געווענ אזוי נישט צומ גלייבנ:

אינ שטאָט האָט נאָכדעמ עמעצער געשוואָרנ, אז אינ יענעמ זעלבנ אָוונט, ווענ די אקושערקע האָט זיכ אהיימ אומגעקערט, האָט זי זיכ באַגעגנט לעבנ איר אויסגעלאָשענער שטוב מיט וועלוול בורנעסעס וואַרטנדיקער פֿור. ער, וועלוול בורנעס אליינ, איז דאָרטנ אינ דרויסנ אקעגנ דער לעוואָנע געשטאַנענ פֿאַר איר עפּשער צענ מינוט אָנ א היטל און פֿונ אונטערגעבײַט קוימ־קוימ געקאָנט עטלעכע ווערטער אויסריידנ:

„ער האָט געקלערט זענ דאָ מירלענ, האָט ער געזאָגט, ער האָט געוואָלט... איבערגעבנ עפּעס, האָט ער איר געוואָלט... נאָר אייגנטלעכ... די אקושערקע שאַצ באַדאַרפֿ, אייגנטלעכ, אַפֿ אימ קיינ פֿאַריבל ניט האָבנ".

★

אינ צוויי טעג ארומ האָט זיכ א פֿינפֿ־און־דרײַסיק־יאָריקער באָכער אָפּגעשטעלט מיט זײַנ פֿור לעבנ ר' גדאליעס שטוב און זיכ דערפֿרעגט בײַ אוורעמל דעמ ראָװ, וועלכער איז אימ פֿונ דאָרטנ אנטקעגנ ארויסגעגאַנגענ:

„אָט דאָ וווינט ר' גדאליעס טאָכטער, מירל הורוויץ?"

דער ראָװ האָט געקוקט מאָדנע אַפֿ אימ און אַפֿ זײַנע פֿעלד־פֿעבלש־גרויסע וואָנצעס, איז אימ נאָכגעגאַנגענ צוריק אינ פֿאָדער־שטיבל ארײַנ און האָט געזענ, ווי ער טוט דאָרטנ אויס דעמ טולופּ און פֿאַרוואַרעמט די נאָז מיט די וואָנצעס פֿונ דער קעלט. דער ראָװ

האָט געכיינט, אַז דאָס איז זיידענאָווסקיס א ניי־צוגעשיקטער שאַ־ליעכ, וואָס האָט א שייכעס צומ שידעכ און צו די טנאָימ. און ער, דער פינפ־און־דרייסיק־יאָריקער באָכער, וואָס האָט נאָכנ העלערנ א פעטער אָנגעקערט און האָט אינ צוקער־פאַבריק געדינט, איז שוינ נאָכ־עמ לאַנג געזעסנ מיט מירלענ אינ דעמ שטילנ זאַל און זי דאָרטנ ביז פאַרנאַכט אָפנ גרויסשטאָטישנ שמייכער גענודעט. רוסיש האָט ער גערעדט שלעכט, ווי א דאַנטיסט, אַרויסגעזאָגט א „ס" אָפנ אָרט פונ א „ש", און האָט דערציילט, אַז דער „פלעמיאַניק זיינער, נאָכנ העלער, פרעגט זיכ נאָכ אינ יעדנ בריוו אָפ איר, מירלענ:

„ער בעט אינ יעדנ בריוו, מ'זאָל געוואָר ווערנ, וואָס זי מאַכט".

דערפאַר, וואָס אָט דער באַיאָרטער באָכער איז שוינ קיינ איבע־ריקער כאָכעמ ניט געווענ; דערפאַר, וואָס קיינ באַרדאָס איז אָפ אָט דעמ גאַנצנ קליינשטעטלדיק נאַרישנ וויזיט ניט פייניק געווענ, איז איר, מירלענ, שרעקלעכ לאַנגווייליק געווענ מיט אימ דאָ אינ זאַל צו זיצנ, און געהערט האָבנ זי סיי זיינע מייסעס וועגנ נאָכנ העלערנ סיי די בליקנ פונ כשאַד, וואָס מיט זיי איז גיטעלע אַלעמאָל אַהער צו דער טיר צוגעגאַנגענ. זי האָט זיכ געהילט אינ שאַל און געוואָלט, ער זאָל גיכער אַוועקגיינ, און אַז ער איז צולעצט אַוועקגעגאַנגענ, איז איר שוינ געווענ שטאַרק נימעס די שטוב, דער קאָנסמאָל, וואָס צו אימ גרייט מענ זיכ, איר גאַנצ קינפטיק לעבנ, מיט גיטעלעס פראַגע:

„וואָס האָט ער געוואָלט, אָט דער יונגערמאַנ?"

גיטעלענ האָט זי געענטפערט עפעס בייז און אויפגערעגט:

„זאָל זי געשווינד א ביטער אויפזעצנ און אימ נאָכשיקנ פרעגנ, וואָס האָט ער געוואָלט".

און אַליינ איז זי אַוועקגעגאַנגענ צו זיכ אינ צימער, זיכ אויס־געטאָנ און זיכ טכילעס נאַכט געלייגט שלאָפנ. צומ קאָנסמאָל איז נאָכ געבליבנ עטלעכע טעג: עפעס האָט נאָכ ביז יענער צייט געקאָנט געשענ, און זי איז נאָכ לאַבלוטנ ניט געווענ מעכוייעוו צו טראַכטנ וועגנ אימ, דעמ נעגידישנ באָכער, וואָס הייסט שמוליק זיידע־

נאָווסקי, און וועגן דעם אומאָנגענעמען נײַעס, וואָס מיט איר וועט פֿאָר־קומען.

פֿאַרן שלאָף האָט זי נאָך אומגעריכט וועגן העלערן א טראַכט געטאָן, און נאָכדעם האָט זיך איר שוין א גאַנצע נאַכט געכאָלעמט זײַן לענגלעכער פּאָנעם, וואָס מאַכט אים ענלעך צו א רומענער. ערגעץ איז ער איינער אליין ארום צען אזייגער געגאַנגען דאָרטן, אינעם קראַב, דער גובערניע־שטאָט, ווו ער געפֿינט זיך, געגאַנגען צו זײַ־נעם א באַוער, וואָס וווינט אין צווייטן עק שטאָט, און אינזינען געהאַט דעם גאַנצן וועג אָט דעם באַוערס וואַרעמען און באַלויכטע־נעם צימער.

זיצן וועט מען דאָרטן קאָנען לאַנג בײַ א גלאָז טיי און דערציילן וועט מען דאָרטן קאָנען פֿאַרטראַכט און מיט גרויס בענקשאַפֿט:

„איז א שטעטעלע ערגעץ ווײַט, ווײַט פֿאַראַן, און א מיידל, וואָס הייסט מירל הורוויץ, לעבט דאָרטן אין אָט דעם ווײַטן שטעטעלע. האָט זי מיך אמאָל ליב געהאַט, אָט די מירל הורוויץ... שטאַרק האָט זי מיך אמאָל ליב געהאַט“.

זײַן פּאָנעם האָט זיך שוין נאָכדעם געדענקט אין מעשעך פֿון גאַנצן ווינטערדיקן טאָג, זיך געדענקט מעטושטעשדיק און פֿאַרפֿינצ־טערט־ליב און געצויגן צו זיך די מאַכשאָווע מיטן האַרצן. נאָר אין שטוב האָט זיך שוין אזוי שטאַרק דער פּאָענטער קאָסמאָל געפֿילט. און געהערט האָט זיך צו איר אין צימער, ווי מ'רוקט אין די אָרומי־קע באַדאָרים די טישן, ווי עמעצער קלאָגט זיך און רעכנט אויס:

„וואָס מיינט איר? אויב די זשדענאָווסקיס וועלן קומען מער ווי איינדרײַען, וועט מען זיך מאַקע מוזן א ביסל מוטשען“.

האָט זי מער ניט געוואָלט אינזינען האָבן נאָכן העלערס פּאָנעם און זיך געפּלײַסט טראַכטן וועגן דעם, וואָס שמוליק זשדענאָווסקי האָט אַן אייראָפּייִשן אויסזען:

„זי האָט שוין אמאָל אפֿילע וועגן דעם געקלערט... ארומגייענדיק מיט אים אין קרייז־שטאָט, האָט זי וועגן דעם געקלערט“.

IX

זיי זײַנענ אָנגעקומענ פרײַטיק באַטאָג, די מיטליאָריקע פאָטער און מוטער, וואָס וווינענ אינעם שטילנ עק פאָרשטאָט פונ ווײַטנ קראָכ, מיטנ עלטסטנ קינד, דעמ באָסנ, און געבראַכט האָבנ זיי מיט זיכ א לײַטישנ האַלב-אַרויסגעוויזענעמ שמייכל פונ אינווייניקסטער צופרידנ-קײַט מיט א זיבנ-יאָריק באָסנ-שוועסטערל, א „מיזינקע". דער שמייכל איז נאָכדעמ אזא פאַרפירערישער געוואָרנ; ער האָט זיכ דאָ באַוויזנ אפילע אפ די פענעמער פונ ווילד-פרעמדע שטאָט-יידנ, זיי געמאַכט פאַר אזעלכע גוטע, גוטע און זיי געצוווּנגענ אײַנ און דעמ זעלבנ בייכל אומטאָג:

„אז זיי, די מעכוטאָנימ אלײנ, האָבנ זיכ גאָר ליב... אז זיי האָבנ נאָכ גאָר אמאָל אינ סאַדעגערע נעטשומאַקעוועט און געפעלנ זיכ נאָכ אדאיעמ איינער דעמ צווייטנ בעסער ווי די באָסנ-קאַלע".

און דאָס זיבניאָריקע מיידעלע האָט, ווי א גרויסע, צו אָפט די קליידעלעכ געביטנ און זיכ צופיל אפ דער מוטערס בענקל געדראַפעט יעדעס מאָל, וואָס טאַטע-מאַמע האָבנ דערציילט, וויאזוי זי האָט זיכ אינ וואָגאָנ צווייטנ קלאַס מיט אנ אלטנ גענעראַל אויסגעטײַנעט.

„די עלטערע, האָט די מעכוטענעסטע וועגנ איר דערציילט, ענדיקט הײַנטיקס יאָר די גימנאַזיע; זי האָט קיינ צײַט ניט און באַדאַרפ לער-נענ. און זי, די קלענסטע, האָט מענ מיטגענומענ; זאָל זי נאָכ א ביסל הוליענ".

און, אַרײַנקוקנדיק דעמ קינד אינ פענעמל אַרײַנ, האָט זי געפינקלט מיט די קליינע שוואַרצע אויגנ אזוי געשווינד, ווי א קורצזיכטיקער נאַכט-פויגל, געוואָרפנ א מיעסנ בשאָד אפנ שוואַרצנ פינטל, וואָס באַמ קינדס נעזל, און האָט זי בעשאַס-מעשע אפ איר הייזעריקלעכנ קאָל געפרעגט:

„נו, ווי געפעלט זי דיר עפעס, די קאַלע? האָסט זי שוינ געזענ?"

גיטעלע איז לײַטיש שווײַגנדיק געזעסנ אקעגנ איר און האָט זי אָנגעקוקט:

א הויכע, א דארע און עטוואָס מידע ייִדענע, האָט א מאט־טונקל און לענגלעכ באלעבאָסטע־פּאָנעמ, א קליינעמ, שטארק טעמפּנ מויעכ מיט אומגעווינלעכ גרויסע הענט און פיס. די היפּשע יערושע־שפּילקע, וואָס אפ איר שאָטענעמ פּאריק איז, אפּאָנעמ, א טײַערע, א ברילי־אנטענע, נאָר זי אַליינ האָט ניט וועגנ וואָס צו ריידנ, שמייכלט דער־פאר צופיל פונ אינווייניקסטער צופרידנקײַט און הייבט אָנ אַלעמאָל דערציילנ גאָר, גאָר פונ אָנהייב:

„נו, און אז די טעלעגראַמ איז אָנגעקומענ פּונקט פּורימ צו דער סודע... און אנ אָנדערהאַלבנ מיניאָנימ ייִדנ זײַנענ שטענדיק בא דער סודע פאראנ, האָט ער, יאַנקעוו־יאָסל, הייסט עס, מינאסטאמ באלד א קאָמאנדעווע געטאָנ: ווײַנ! גראָבט אויס ווײַנ! (ער האָט דעמ ווײַנ אינ קעלער פארגראָבנ נאָכ דאָס יאָר, וואָס שמוליק איז געבוירנ געוואָרנ) נו, קאָנ מענ זיכ שוינ פאָרשטעלנ...”

א ביסל ווײַטער, באמ געעפנטנ בוכ, וואָס אפ דער קליינער בי־כער־עטאזשערקע, איז דער שלאנק־וויקסיקער פיר־און־צוואנציק־יאָריקער באָסנ מיטנ מעקורעוו דעמ קאסיר געשטאנענ. ער האָט געהאט דערעכ־ערעצ פארנ קאסירס צוויי מעליצע־בריוולעכ, וואָס זײַנענ צו זיי אינ שטוב אָנגעקומענ, אימ געערכנט פאר א מאסקל און אימ דערפא־אפנ קאָל געלאָזט הערנ, ווער ס'איז אזוינס אכאד האָאָמ.

„איר פארשטייט? ער קאָנ אײַכ אָפּשווײַגנ א גאנצ יאָר, אכאד האָאָמ”.

ער האָט געהאט נאָכ גאָר'א יונג בלאָנד־רויטלעכ פּריש ארומגע־שוירנ בערדל. דאָס בערדל האָט, אויספעלנדיק די אויערנ, זיכ מיט שאטענע קאָפּ־האָר צונויפגעגאָסנ און זיכ געצויגנ ארומ פּאָנעמ, ווי א שטרענג־גלײַכע רעצוע.[75] און דאָכ איז ער שטארק ענלעכ געווענ צו זײַנ מיטלוויקסיקנ און געפּאקט־קרעפטיקנ פאָטער, צו אָט דעמ ריִרעוו־דיק־מונטערנ מיטליאָריקנ ברונעט, מיט דער היפּשער שטארק שווארצער און ניט געריִרטער באָרד און מיט די פרישע, ווי מיט לאַק אָפּגע־שמירטע, שווארצע אויגנ. אָט דער פרייִלעכער מעכוטנ האָט אָפּנ און ברייטהארציק ר' גדאַליענ באמ טיי־טרינקענ ארומגענומענ, זיכ מיט אימ דערבײַ שיר ניט צעקושט און שוינ עפּשער דערפאר אזוי פּלוצעמ

און אַזוי פֿריילעך ווי זײַן זאַפּטיקער ברוסט־שטים צו ניטלען אַריבערגעשריען:

„מעכוטענעסטע! איר וועט אָנקוקן, ס'אַרא אַ זעקס טאָרטן, אַ מאַטאָנע, מיר האָבן אײַך צו פֿירן געבראַכט".

מ'האָט זיך געגרייט גיין דאַווענען.

לעבן דער מעכוטענעסטע איז שוין דערווײַל געזעסן ליבקע די רעבעצן מיט דער שוויגער אירער, איר גאַסט, אַ ייִדענע מיט אַ פּאַשעט פּנים, מיט יונג אַרויסגעפֿאַלענע פֿאָדערשטע ציין און מיט אַ זײַדן טיכל אויפֿן קאָפּ. די ייִדענע האָט גוט געוווּסט, וווהין די צעהאַקטע קיך־הענט אַהינצוטאָן, און האָט געוואָלט אויסבאַהאַלטן דעם גראָבן האַנט־פֿינגער, וואָס פֿון אים איז בײַ איר שוין יאָרנלאַנג אַ זעקסטער אַ'טווינגישט אויסגעוואַקסן. און דאָ לעבן מעכוטן האָט זיך שוין אַווּרעמל דער ראָוו שמייכלדיק געדרייט אַ געקרײַזלטע פּייע. ער האָט האַנאָע געהאַט, וואָס דער מעכוטן טראָגט שאַבעס אַ שוואַרץ זײַדענעם, עטוואָס פֿאַרקירצטן סורדוט, און פֿון דעם, וואָס אַפֿ דער וועלט זײַנען נאָך ביכלאַל לײַטיש־פֿרומע ייִדן פֿאַראַן, און האָט דערפֿאַר אויך אַזוי שעמעוודיק און שטיל אַ זײַטיקע סוואָרע אַרויסגעזאָגט:

„אין קלויז וועלן מינאַסטאַם די מיספּאַלעלים" העלפֿן, אַז רעב יאַנקעוו־יאָסל זאָל זיי פֿאַרן אָמעד אַ טפֿילע שענקען... זיי געדענקען ראָך נאָך, מינאַסטאַם, זײַן יאָמים־נויראָימדיק דאַווענען אין סאַדעגערע".

און דער וועלטלעכער מעכוטן האָט, דרייבערנדיק דעם לעצטן פֿרײַטיק־פֿאַרנאַכטיקן פּאַפּיראָס, קלומערשט אַ שטרענג פּנים באַקומען:

„ווער? ער וועט דאַווענען פֿאַרן אָמעד? כאַסוועכאָלילע".

ער האָט געוואָלט, מע זאָל אים בעטן.

פּלוצעם האָבן זיך אַלע אין ביידער מיטאָמאָל פֿון די ערטער אַ הייב געטאָן. דער מעכוטן האָט אָנעם ראָוו פֿאַרגעסן און זיך פֿונדערווײַטנס גענומען וועלטלעך נייגן אַקעגן מירלען, וועלכע האָט זיך אין אַ לאַנג גרוי־זײַדן קלייד צום ערשטן מאָל אין עסצימער באַוויזן. אירע בלויע אויגן האָבן צו די געקומענע מעכוטאָנים געשמייכלט, און דאָס נאַרוואָס אָפּגעוואַשענע פּנים איז געווען אַזוי אויסגעמאַטערט בלאַס און האָט אויסגעזען עטוואָס עלטער ווי אינדערעמעס.

דעם פרעמדנ אויג האָט זיכ שוינ טאַקע געדוכט, אַז זי איז ניט קיינ טמימעסדיק מיידל, נאָר עפעס אַנ אומגעוויינלעכ לײַדנשאַפטלעכ ווײַבל, וואָס לעבט שוינ דרײַ־פיר יאָר מיטנ מאַנ, וואָס זי האָט אימ שרעקלעכ ליב אונ גיט זיכ אימ איבער מיט גרויס געטרײַשאַפט אונ אָנ שומ כעזשבנ, אַז איבער דעמ זעט שוינ איר איידל פּנימ אויס אַזוי מיד אונ אויסגעמאַטערט בלאַס, ניט קוקנדיק דערויפ, וואָס זי האָט אימ נאָרוואָס לאַנג מיט שטאַרק קאַלטע וואַסער געפרישט אונ אימ אַלערליי סגולעס געטאָנ.

דער מעכוטנ האָט זיכ ניט אײַנגעהערט, וואָס זי האָט, שמייכלענ־דיק מיט די אָפּגעפרישטע בלויע אויגנ, צו אימ געזאָגט. ער האָט זיכ צו ר׳ גדאַליענ האַלב אויסגעדרייט:

„וואָס, דאַוונענ גיינ? יאָ, ער איז גרייט".

אונ ווענ ער האָט זיכ ווידער צו איר מיטנ פּנימ אומגעקערט, האָט זי שוינ אָנ אימ געהאַט פאַרגעסנ. זי איז געשטאַנענ באַמ פענצ־טער אַקעגנ שמוליקנ אונ צו אימ מיט די זעלבע אָפּגעפרישטע בלויע אויגנ געשמייכלט:

„איז זי, נאָכ דעמ, ווי ער איז פונ קרײַז־שטאָט אַוועקגעפאָרנ, נאָכ איינ מאָל דאָרטנ געווענ אונ זיכ איינע אַליינ איבער די פוסטע גאַסנ אַרומגעדרייט. ווענ איז דאָס געווענ? אָט וועט זי זיכ דערמאָנענ, ווענ דאָס איז געווענ".

נאָר אַליינ האָט זי שוינ וועגנ עפעס אַנדערש געטראַכט אונ זיכ בעשומאויפנ ניט געקאָנט דערמאָנענ, זיכ פּלוצעמ נאָכאַמאָל צו זיכ אינ ביידער אַרײַנגעכאַפּט אונ האָרטנ ווידער עפעס געטאָנ דעמ בלאַסנ פּנימ, זיכ פונ דאָרטנ צוריק אומגעקערט אינ עסצימער אונ פאַר־געלייגט שמוליקנ, וואָס איז צוליב איר דאַוונענ ניט געגאַנגענ:

„ער האָט גיט קיינ כיישעק אָנטאָנ דעמ טכוירענעמ טולופּ אונ זיכ מיט איר א ביסל איבערנ שטעטל דורכגיינ?"

דאָ אונ דאָרט האָט זיכ שוינ נאָכדעמ א מיידל אינ א שאַל לעבנ דער הויז־טיר פונ איר פאָטערס שטוב פאַרהאַלטנ אונ געזענ, ווי זיי שפּאַצירנ ביידע איבערנ שטעטל, פאַרלאָזנ די פאָדערשטע גאַס אונ לאָזנ זיכ אַוועק צו די הינטערגעסלעכ מיט די באַליכטענע באַטע־

מעדראָשים, ווו מ'איז מעקאַבל שאַבעס. אַרום און אַרום די באַטע־
מעדראָשים האָבן פענצטער אויסגעקרימטע, מיט ליים אַרומגעשמירטע,
די פּלעמלעך פון זייערע שאַבעס־ליכט דער שפעטער לופט באַווייזן,
צווי מיידלעך, קאַלעס, זיינען דאָרטן צו זייער כאַוועדטע דער שכיינע
צוגאַסט געקומען, געשטאַנען אַלע דריי לעבן אַזאַ מין פענצטער און
זיי, מיידלעך מיט באָסן, נאָכגעקוקט, געוואָלט זען שמייכלען אין פּאָנעם
און נישט געקאָנט. און אַ יונג ווייבל, וואָס איז צופעליק אין דרויסן
געשטאַנען, האָט געזען, ווי מירל שטעלט זיך אָפּ מיטן באָסן פאַר דער
ליימיק פאַרשמירטער טיר פון ליפּקיסעס שטוב און ווייזט אים אָן:

„אָט דאָ וווינט אירער גאָר אַ נאָענטער גוטער פריינט; ער הייסט
ליפּקים און איז אַ סטודענט. נאָר ער איז זייער אַן אָרעמער און הינקט
אַ ביסל אָפּ אַ פוס".

★

שאַבעס אינדערפרי איז מען אין שטאָט געוואָר געוואָרן, אַז ר'
גדאַליעס מעכוטן וועט דאַוונען פאַרן אָמעד. צו מוסעף [77] איז שוין די
אַסאַטענער קלויז געווען פול געפּאַקט מיט די באַלעבאַטים פון ביידע
באָטעמעדראָשים און פון דער גרויסער, באַלמעלאָכישער שול. העגרנדיק,
ווי ער, דער מעכוטן, פאַרענדיקט פּאַמעלעך איין מישעבייִרעך [78] און גייט
אויך אַזוי פּאַמעלעך איבער צום צווייטן, איז מען אין די הינטערשטע
שורעס אָפּ די שפּיץ פינגער געשטאַנען, אַרויסגעזען פון אַלמעמאָר־הייך
נישט מער ווי דעם שפּיץ פון זיין גאָלדענער אַטאָרע [79] און געטראַכט
וועגן אים, דעם גרויסשטעטיקן מיטליאָריקן גוויר: דאָרט אין מיזרעך־
וואַנט איז דער זון זיינער, דער כאָסן, אין איין שורע מיט ר' גדאַלי־
יען געשטאַנען, און ער אַליין האָט געהאַט אַ שטאַרקע, אָנגענעמע
שטים און האָט געדאַוונט:

„ווי גאָר די גרויסע כאַזאָנים האָט ער געדאַוונט".

אין דער לופט, וואָס איבער די קעפּ, איז געהאַנגען די מידע מו־
סעפדיקע שטימונג. ס'האָבן געשוויצט אין דער הייך די געמויערטע
ווענט פון דער קלויז, ס'האָט פון מיזרעך מיט אַ הייליקער שאַבעסדי־
קער מידקייט אַראָפּגעקוקט דער פאַרהאַנגענער אָרנקוידעש, און פון

דער אלמעמאר־הייב האט נאך אלץ געשימערט דעם שאמעשס פאנעם, און געקלאפט האט ער פאר יעדער טפילע, קעדיי די שטילקייט צו פארגרעסערן.

ארויסגעגאנגענ פון קלויז איז מען שפעט, ארום איינס אזייגער, דערפילט די ניכטערע פארכאלעשטע הערצער און זיך געיילט אהיים. און נאכדעם האט שוין דאס גאנצע שטעטל געלעבט, ווי אין א שאבעסדיקן כאלעם, געדענקט די מעבוטאנים מיטן כאסן, וואס געפינען זיך בא ר' גדאליען אין שטוב און דעם קנאססמאל, וואס וועט דארטן אינאוונט פארקומען.

ווארעמ אנגעטאנענע מיידלעך האבן זיך טאקע איבעריקס יאנטעוודיק אין אט דעם ווינטערדיקן שאבעס געפילט און האבן צופיל ארומגעשפאצירט ארופ און אראפ מיט דער לאנגער גאס, וואס צו איר גייען ארויס די פארנטיקע פענצטער פון ר' גדאליעס שטוב. און נאר דארטן, אין אנהייב מארק, איז מאדנע אומעטיק און ווי פארלאזן געשטאנען מיט אירע בלויע לאדנס די גרויסע שטוב פון מירלס געוועזענעם מעכוטן אווראם־מוישע בורנעס. ס'האט זי געקרענקט יעדער פריילעכער ניגן, וואס אסטאנער כסידים זינגען בא ר' גדאליען. קיינער איז אין איר ניט ארייננעקומען, קיינער איז פון איר דעם גאנצן שאבעס ניט ארויסגעגאנגען, און ארויסגעקוקט האט זי, ווי פון אונטער א שווערן כיירעם. וועלוול בורנעס אליין איז דארטן געווים אפ אט דעם שאבעס ניט געווען און געלעגן ערגעץ־ווו בא זיך אפן פולווארק. נאר אין שטאט האט מען דאך שוין סײַוויסײַ געוווסט, אז ער גייט זיך פאנאנדער מיט זײַן צווייטער קאלע און אז דאס, וואס ער אליין דערציילט יעדן, אז זײַן כאסענע איז אפגעלייגט געווארן אף שאבעס־נאכמו [80] איז אויב נאר לעפאנעם.

★

שאבעסצונאכטס איז ר' גדאליע הורוויצעס שטוב געווען שטארק באלויכטן און איבערגעפולט מיט פיל ארטיקע און פרעמד־שטעטלדיקע געסט גווירים.

ס'האבן אין פארערשטיבל פון אט די געסט שטארק האנאע געהאט אייניקע פון ר' גדאליעס שרעקלעך פארארעמטע מעשולאכים, געוועזן

צופרידנ, וואָס ר׳ גדאַליע האָט נאָכ גוטע פּרײַנט, אונ שוינ דערפאַר, נאָכ יעדנ נײַ־אַרײַנגעקומענעמ גוויר, אַזוי פרײלעכ אײנער צומ אַנדערנ די האַנט נאָכ אַ ציגאַר אויסגעשטרעקט:

„וואָס זאָגסטו אַפּ אָט דעמ־אָ?.. אויב ניט קײנ קאַפּצנ, אַ? גיב אַ ציגאַר".

ס׳איז געווענ ענג אַרומ דעמ גרויסנ קײַלעכדיקנ טיש, וואָס האָט זיכ דאָרטנ ביז די פאַנאַנדערגעעפנטע טירנ פונ דעמ באַלויכטענעמ זאַל געצויגנ. אויבנ־אָנ לעבנ בײדע מעכותּאָנימ איז מיט אַ פרישנ פּאָנעמ פונ קעלט געזעסנ דער פרײלעכער נאָכעמ טאַראַבײ. ער איז נאָרוואָס מיט זײַנ אײגענער פור אַפּ די תּנאָימ געקומענ אונ זיכ שוינ ניט גע־שעמט אַלײנ דערצײלנ דעמ מעכותּנ יאַנקעוו־יאָסלענ, אַז ער איז ר׳ גדאַליענ אַ דווירעש־טויוו, [81] אונ איז דערפאַר געקומענ אַפּ זײַנ טאָכ־טערס תּנאָימ, אַפילע אומ שאַבעסצונאַכטס. ער איז אַהער געפאָרנ ביז 10 אַזײגער באַנאַכט, געבלאָנדזשעט אַפילע ערגעץ־ווו אינ דער פינצטער, וואָס הינטער אַ שלאָפנדיק דאָרפ, אונ איז פאָרט געקומענ. איצט האָט ער שוינ דאָ געליאַרעמט מיט זײַנ פרײלעכנ פּליעסק, מיט זײַנ קונציקנ שפּרונג־אונטער אונ מיט זײַנ יאַציקער שײַלע, וואָס מיט איר האָט ער אַלעמאָל דעמ מאָדנע אומעטיקנ ר׳ גדאַליענ געמינטערט:

„וואָס זשע דענ? ער פּאַרשטײט ניש׳ט: ר׳ גדאַליע מאַכט תּנאָימ באַ אַ קינד, אונ ער, טאַראַבײַ, וועט דערבײַ ניט זײַנ?"

ר׳ גדאַליע איז פונ באַטאָג אָנ געווענ שטאַרק אומעטיק אונ גע־פאַלנ אונ ניט געוווּסט, וואָס מע רעדט צו אימ. זיצנדיק לעבנ דעמ מעכותּנס לינקער האַנט, האָט ער די גאַנצע צײַט געשוויגנ, געהאַט אַנ אַראָפּגעלאָזענעמ קאָפּ מיט יאָרדישע געדאַנקענ אונ געוווּסט, אַז אָט די אַלע געסט זײַנענ זיכ שוינ איצט אַהער צונויפגעפאָרנ ניט צוליב אימ, ר׳ גדאַליע דעמ אָנזעצער, נאָר צוליבנ רײַכנ מעכותּנ, יאַנקעוו־יאָסלענ, וואָס האָט באַ אַ האַלבנ מיליאָנ אונ קנאַקט אַפּנ גווירישנ שטײגער. אַז ער, דער גײַוועדיקער אונ מונטערער מעכותּנ, ווײסט דערפונ, אונ קוקט זיכ דערפאַר צו אימ ניט אומ. אונ זײ, די געסט, האָבנ דערפאַר אַפּ אימ, ר׳ גדאַליענ, רחמאָנעס אונ לאָזנ אימ אויפ צורו.

ער האָט זיך שוין אַפֿילו אַ ביסל דערשראָקן פֿאַר גיטעלען, וועלכע איז צו אים פּלוצעם נאָך זײַנע שליסעלעך צוגעגאַנגען. אײַנגעהויקערטערהייט האָט ער זיך אויף די פֿיס אויפֿגעשטעלט, ניט געוווּסט, ווּ ער איז אין דער וועלט, און האָט לאַנג מיט טאַפּנדיקע הענט אַרומגעשאַרט פֿון איין קעשענע אין דער צווייטער.

מירל האָט דאָס געזען פֿון דער ווײַט. דאָס האַרץ האָט מיט גרויס האַכמאָנעס צו אים אַ ציִ געטאָן, איז זי צו אים צוגעגאַנגען.

„אָט זײַנען זיי דאָך, די שליסעלעך... בײַ דיר אין אייבערשטן טאַש ליגן זיי“.

זײַן אומעטיקער אויסזען האָט זי צעבראָכן. פֿון טאָמער אָן האָט זי געגלייבט, אַז ער, דער פֿאָטער איר, איז אַ שטאַרקער און קען טאָן אַלץ, קעדיי צו זײַן שטאָלץ, ניט צו פֿאַרלירן זיך. און איצט האָט זי אים צום ערשטן מאָל דערזען אין אומבאַהילפֿיקן מיט אַן אויסזען פֿון אַן עמעסן פֿאַרלוירענעם יוירעד. אומעטיק און אונטערטעניק שטיל איז זי געזעסן לעבן גיטעלען מיט דער מעכוטענעסטע און געהערט, ווי אָט די קורצזיכטיקע ייִדענע וויל ניט ריידן קיין לאָשנהאָרע אויף זייער געשווסטערקינד אידאַ שפּאָליאַנסקי, וואָס וווינט אין איין גובערניע-שטאָט מיט איר און פֿעלשט דאָרטן אָנעמען מאַן. זי הייבט אָן דערציילן, אַז זי אַליין האָט איינמאָל אידאַן געזען אין טעאַטער מיט אַן אָפֿיצער און מיט אַ נאָכשלעפּנדיקן פּאָליטעכניק, נאָר פֿאַרכאַפּט זיך און וויל עס פֿאַרגלעטן:

„איז זי דאָך די באַרימטע פֿאַרשוין, אידאַ, און דער מאַן אירער אַבראַם איז געווען אַ פֿײַנער יונגערמאַן. ער האַנדלט, הוכט זיך, מיט דער אינטענדאַנטסטווע און איז כאַראָשימווײַז אין דער היים נישטאָ. נאָר די שטוב זייערע... די שטוב, זאָגט מען, איז שוין אַ הײַנטיקע... גאָר, גאָר אַ פֿרײַע“.

אַרום די גרויסע געגרייטע טישן מיט די פֿיל ברענענדיקע ליכט האָבן זיך שוין די „געוואַשענע“ געסט געהאַט צוריק אוועקגעזעצט. זיי האָבן דאָרטן באַלד נאָך „האַמויצע“ [82] גענומען שמײַכלען מיט די שאַבעסצונאַכטיקע פּנעמער, טרינקען לעכאַיִם און ריידן, קלינגען מיט די קעלישקעס, ווידער טרינקען און ווידער ריידן. דער שמועס האָט

זיך געטראָגן איינציִיטיק פון זעכציק קינדעריקע און טרינקענדיקע מײַלער, און דאָס אַלץ האָט דאָך ניט געשטערט, אַז זי, מירל, זאָל זיך, ווי פריִער, איינזאַם פילן, אַז זי זאָל געדענקען די גרויסע גובערניע־שטאָט, וווּ זי וועט מיט שמוליקן אין דרײַ צי אין פיר צימערן וווינען, און זאָל זיך פאָרשטעלן די גאַסן, וואָס דאָרטן איז זי שוין אַמאָל קינדווײַז מיט ר׳ גדאַליען געווען.

„ערגעץ וועלן זיי שוין דאָרטן אין אַ זומער־פאַרנאַכט אַזוי אײַנ־צווייען גיין, גיין פּאַמעלעך און ניט האָבן וועגן וואָס צו ריידן, זיך אומקערן אַהיים און דאָרטן ווידער ניט האָבן וועגן וואָס צו ריידן".

שטאַרק גוט אָפן האַרצן וועט שוין ניט זײַן סײַ פון אָט דעם פאַרנאַכטיקן שפּאַציר סײַ פונעם אומקערן זיך אַהיים. נאָר זי, מירל הורוויץ...

„וואָס האָט זי שוין געקאָנט מיט זיך מאַכן?"

דער האַלב־שיכּורער גערויש איז געוואַקסן. פאַרשיידענע אויסגע־שרייען האָבן דערוואָרגן אַלעמאָל עמעצן אַן אַנדערנס אָנגעהויבענעם ניגון, און דער מונטערער מעכוטן יאַנקעוו־יאָסל האָט געטרונקען אַזוי פיל און מיט אַזאַ אַקשאָנעס, גלײַך ער וואָלט וועלן פאַרטרינקען דעם געדאַנק, אַז ער האָט אַ שידעך געטאָן מיט אַ קאַפּצן, וואָס האָט ניט לאַנג אָנגעזעצט און פאַרמאָגט שוין ניט אַ פּרוטע. [83] אַלעמאָל האָט ער דאָרטן מיט זײַן קרעפּטיקער פויסט אָפן טיש געקלאַפּט, פלעשער זײַ־נען אומגעפאַלן און זיך צעגאָסן, דער העניקלאָמפּ האָט זיך געזעצט, און ער האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט, זיך אַפילע איין מאָל נישט אומגע־קוקט צו ר׳ גדאַליען און געשריִען צו אורעמל דעם ראָוו:

„ר׳ אורעמל ראָוו! איך הייס טרינקען!.. גלײַך מיט מיר הייס איך טרינקען".

מירל איז נאָך אַלץ געזעסן אין צווייטן עק בײַדער און האָט גע־שוויגן. מינוטנווײַז האָט זיך געדוכט, אַז אָט דער גאַנצער גערויש קומט פאָר ניט צוליב איר, נאָר צוליב אַ צווייטער מירל, וואָס איז מיטן קנאַסמאָל שטאַרק צופרידן, און זי, די עמעסע מירל, זעט דאָס אַלץ נאָר פון דער זײַט און האָט דערצו קיין שײַכעס ניט. און ווען זי האָט פון אָט די מינוטן דערוואַכט, האָט זי שוין געגלייבט, אַז ס׳איז נאָך אַ

גרויסער סאָפּעק, צי זי וועט אמאָל כאסענע האָבן מיט אָט דעם שמו־
ליקן, וואָס ער זיצט אויבנאָן און וואָס צו אים טרינקט מען לעכאַיִם,
אז דערפאר איז שוין נאריש סײ דאָס, וואָס מ׳פרייט זיך מיטן קנאָס־
מאָל, ווי מיט עפּעס א וויכטיקער געשעעניש, סיי דאָס, וואָס זי האָט
זיך אײַנגעצווינגען אין אָט דעם נײַעם גרוי־זײַדענעם קלייד און זיצט דאָ
צווישן אָט דעם נארישן אוילעם, ווי עפּעס א געשלייערטע ליאליע. און
אָט האָט זי צוריק מיט עטלעכע שאָ געזען אין שפּיגל, וואָס בא איר
אין כיידער, די אייגענע אנטפּלעקטע הענט מיטן לאנגן ענג־אײַנגעצווי־
גענעם גאָרסעט און שטארק געוואָלט, אז לעבן איר זאָל זיך געפינען
יענער זעלבער נאָסן העלער, וואָס זי האָט אים שוין אמאָל פון זיך מע־
שאלייעך געווען. איז דאָך שוין אָט דער ווילן אויך ניט מער ווי א נא־
רישקײַט געווען, וואָרעם אָט דעם נאָסן העלערן האָט זי שוין אמאָל גע־
זאָגט:

„נו, גוט, זי וועט מיט אים כאסענע האָבן. און וואָס וועט זי
טאָן נאָכדעם?“

און זי, מירל הורוויץ, אליין:

„זי איז שוין, דוכט זיך, א דערוואקסענער מענטש, און שלעכט
איז איר שוין, דוכט זיך, אויך, ווי גאָר, גאָר אן ערנסטן מענטשן,
נאָר אליין איז זי נאָך אלץ א „דער רועכ־וויים־וואָס“, און אין קאָפּ
קריכן איר נאָך צײַטווײַז אזעלכע נארישע געדאנקען“.

זי האָט זיך אינגאנצן אופגעכאפּט איבערן שיקערן טומל, וואָס
איז שוין באם קיילעכדיקן טיש פול געווען מיט ווילדע געשרייען, מיט
כאזאַנישע „מי שעבייר֞כס“ און איבערגעריסענע געזאנגען. עמעצער
האָט דאָרטן שוין צײַט עטלעכע מינוטן מיט אזא אקשאָנעס איר גאָר־
מען ארויסגעשריען.

דאָס האָט זיך איר האלב־שיקערער מעכוטן יאנקעוו־יאָסל וועגן
עפּעס מיט נאָכעם טאראבײ פארוועט, געקלאפּט מיט א גלאָז אין טיש,
עס צעבראָכן, געקלאפּט א צווייט גלאָז און ווידער געקלאפּט:

„מירל!!! כ׳היים צוגיינ אהער, היים איך, מירל!!!“

אן עקלדיקן פארדראָס האָט דאָס שרײַען אין איר ארויסגערופן. זי
איז געשטאנען אהין מיט די פּלייצעס און זיך ניט אָפּגערופן. זי האָט געזען:

צווישנ א ביינטל יידנ מיט אנגעשטרענגטע אויערנ שטייט שמוליק אינ דער מיט פונ ביידע, זינגט פאר זיי א יאמימ־נוראימדיק שטיקל, האט דערביי א נאריש פּנים אונ מאכט מיט די הענט, ווי א חזנ.

פריער האט זיך איר שטארק געוואלט, ער זאל איצט דא אינ שטוב ניט זיינ, אונ זי זאל אימ ניט זענ, נאר באלד האט זיך אינ איר די אומעטיקע גלייכגילטיקייט געשטארקט, אונ קיינ ווילנ איז שוינ אינ איר הארצנ ניט געווענ. א ווײַלע האט זי אפ אימ פונדערווייטנס געקוקט אונ זיך געוווּנדערט אפ זיך אליינ:

„צוליב וואס האט זי אימ באדארפט, אט דעמ באכער?.. אונ בײַ־ כלאל, וואס וועט זי מיט אימ טאנ אלע אירע יארנ?"

אונ פּלוצעמ האט זי דאס ארט, וואס אינ עק עסצימער, פארלאזנ, אוועקגעגאנגענ צו זיך אינ ביידער, זיך דארטנ געשווינד אויסגעטאנ, זיך אויך אזוי געשווינד אינ בעט געלייגט אונ דעמ לאמפּ אויסגעלאשנ.

גיטעלע האט שוינ נאכדעמ א פאר מאל צו איר אינ טיר גע־ קלאפּט אונ זיך צולעצט אהינ אופגעריגט אריינגעריסנ:

ס'איז דאך פּאשעט א ביזויענ... ווער טוט עס אזוי? ס'איז דאך פּאשעט ניט שיינ".

אונ זי איז דארטנ גלייכגילטיק אינ בעט געלעגנ אונ א ביסל בא־ רוגעזדיק אפּגעענטפערט:

„ווער האט דאס איר געזאגט, אז ס'איז ניט שיינ?"

זי האט געוואלט אײַנשלאפנ אונ ניט געקאנט, אינ שטוב איז נא־ אזוי לאנג דער שיקערער טומל געשטאנענ; טישנ מיט בענק האט מענ דארטנ אקארשט פונ עסצימער ארויסגעטראגנ, אונ טאנצנ האט מענ דארטנ פונסניי אנגעהויבנ, האט זי זיך דא אינ בעט לאנג געדרייט פונ איינ זײַט אפ דער צווייטער אונ איז געווענ בארויגעז אפ זיך אליינ:

„סײַוויסײַ וועט פונ דעמ גארנישט ניט זיינ, צו קיינ כאסענע וועט דאס ניט צוקומענ, אונ זי, מירל... זי איז ניט מעכוייעו צו טראכטנ וועגנ אימ, וועגנ אט דעמ באכער, וואס זינגט אינ עסצימער א יא־ מימנוראימדיק שטיקל אונ מאכט דערביי מיט די הענט, ווי א כאזנ".

ג

די מעכוטאָנימ האָבנ דאָ פאַרבראַכט נאָכ אײנע אַ שלאָפלאָזע נאַכט און זיכ געסוידעט אינ זאַל מיט ר׳ גדאַליען און מיט גיטעלען.

די נאַכט פונ זונטיק אַפ מאָנטיק איז דאָס געווענ, און אינ שטוב איז קײנער ניט געשלאָפנ. אַרומ פיר אַזײגער באַנאַכט האָט מענ אויכ מירלען אינ זאַל אַרײַנגערופנ. מ׳האָט צו איר אַרופגעקוקט פונ די ני־דעריקע שטולנ, וואָס אַפ זײ איז מענ די גאַנצע צײַט געזעסנ, אינ די מעכוטענעסטע האָט באַ איר געפרעגט:

„נו, ווי געפעלט עס איר, אָט דאָס, וואָס מ׳וויל אָפשטעלנ די כאַסענע אַפ שאַבעס נאָכ שוועס?"

מירל איז געשטאַנענ אַנטקעגנ און האָט געשוויגנ. ביז שאַבעס נאָכ שוועס, האָט זיכ איר געדוכט, איז נאָכ אַזוי ווײַט, פיל מײַסימ קאָנ מענ ביז יענער צײַט אָפטאָנ, קעדײ די כאַסענע צעשטערנ. זי האָט געוואָלט, אַז די מעכוטאָנימ מיט שמוליקנ זאָלנ צומ ניכסטנ פונ שטוב אַוועקפאָרנ און האָט געענטפערט:

„גוט, זאָל זײַנ שאַבעס נאָכ שוועס".

זי איז נאָכדעמ אָפגעשלאָפנ דעמ גאַנצנ נעפלדיקנ און ברודיק לעבלעכנ פרימאָרגנ, געשלאָפנ די גאַנצע צײַט, וואָס מ׳האָט נאָכ די מעכוטאָנימס גאַנצפריִענדיקנ אַוועקפאָרנ די ברודיק פאַרלאָזטע שטוב געראַמט, און נאָכ דעמ, ווענ אינ די כאַדאָרימ איז שוינ ווידער ציכ־טיק, רײנ און שטיל געווענ, און ר׳ גדאַליע מיטנ קאַסיר זײַנענ שוינ געווענ אַוועקגעפאָרנ אינ קרײַז־שטאָט, ווײַל ס׳האָט זײ מיט אַ דרע־פעש אַרויסגערופנ דעמ קאַשפּעריווקער גראַפס אויסלענדישער אײדעמ.

די אויגנ אירע האָבנ זיכ אײנ מאָל געהאַט אָקעגנ דער פּוסטער בײדער־לופט אָנ עפנ געטאָנ. זי האָט ניט געוואָלט געדענקענ, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומענ, האָט זי זיכ באַלד צוריק פאַרמאַכט און ווידער דרעמלענ אָנגעהויבנ:

„סײַוויסײַ... און פונ וואָס איז דאָ שוינ פאַראַנ צו קלערנ?"

ס׳איז מער ניט:

„ווענ זי קאָנ, לעמאָשל, אזוי אָפשלאָפנ אלע אירע יאָרנ אונ אָנע־
כעזשבנ פונ איר אייגענעמ לעבנ פארגעסנ".

אונ אָט האָט זי, לעמאָשל, אמאָל א מייַסע געהערט:

א מייַסע מיט אנ אויסגעריגטנ, שטארק פארהאָרעוועטנ זעלנער, וואָס האָט זיכ איינגעמיטנ ווינטער צו זייַנע קליינשטעטלדיקע עלטערנ אומגעקערט, זיכ דאָרטנ באלד שלאָפנ געלייגט אונ איז אָפגעשלאָפנ דעמ גאנצנ ווינטער. אויפגעכאפט האָט ער זיכ אָקאָרשט אינ די וואַ־רעמע טעג, וואָס פאר פייסעכ, אונ דערזענ: ער ליגט אינ דרויסנ צווישנ בעטגעוואנט, וואָס מ'האָט אנטקעגנ דער זונ לופטערנ ארויסגע־טראָגנ; ערגעצ נאָענט באקט מענ מאצעס, אונ אינ שטוב וואשט מענ די פענצטער אונ מ'שאבט די ווענט.

★

ווענ זי האָט א צווייט מאָל די אויגנ אָקעגנ דער פוסטער כיידער־לופט אָנ עפנ געטאָנ, איז שוינ געווענ ארומ פיר אזייגער באטאָג. כ'איז געווענ שטיל אינ די ארומיקע כאדאָרימ, אונ געהערט האָט זיכ ווי ווייַטראָווייַט לעבנ דער קיכ געגעצט אפנ קאָל די אויסגעשלאָפענע גיטעלע, ווי עמעצ דערציילט דאָרטנ פאר ליבקע דער רעבעצנ וועגנ דעמ גוטנ אייַנדרוק, וואָס די מעכוטאָנימ האָבנ געלאָזט דאָ אינ שטעטל, אונ נאָכדעמ פארעדט מענ זיכ אלע צוזאמענ אונ מ'שמועסט וועגנ דעמ אומגעריכטנ יאָנטעוו, וואָס קומט איצט פאָר בא דער אקו־שערקע שאצ אפנ דאָרפ:

„איר באקאנטער, דער העברעיִשער פאָעט, פארברענגט שוינ דאָרטנ בא איר דעמ צווייטנ טאָג; די פאראיאָריקע לערערנ פאָליע קומט צוליב דעמ אזוי פרי אפ פייסעכ פונ איר קאָנדיציע, אונ דער אָרטיקער העברעיִשער לערער שאבאד איז שוינ צוויי מאָל געגאנגענ אהינ זיכ מיט דער אקושערקעס גאסט באקענענ אונ אימ ביידע מאָל אינ דער היימ ניט געטראָפנ".

אלצ, פונעמ קנאסמאָל ביז די באסענע אָפשטעלנ מיט די מעכו־טאָנימס גאנצפריִענדיקנ אוועקפאָרנ, איז שוינ געווענ אזוי ווייַט א־נעמ אָווער, וואָס הינטער די פלייצעס ניט צו גלייבנ איז געווענ, אז

אָפּגעטאָנ האָט זיכ עס אָקאָרשט היינט גאַנצפרי. ס'האָט זיכ געמאָלט, ווי דער צוג מיט די מעכוטאָנימ אונ מיט שמוליקנ טראָגנ זיכ שוינ ווייט, ווייט איבער יענע היימלעכע סטאַנציעס, וואָס גיבנ שוינ איבער שטומע גרוסנ פונ דער ווייטער גובערניע-שטאָט. אונ מאָרגנ איז אויסגעקומענ, וואָס זי איז בעעמעס פאַר אימ, שמוליקנ, א קאַלע געוואָרנ, וואָס אינ גאַנצנ שטעטל ווייס מענ וועגנ דעמ אונ וואָס די מעכוטאָנימ וועלנ שאַבעס באַ זיכ אינ דער היימ א קידעש מאַכנ, אונ איר נאָמענ וועט מענ דאָרטנ באַ לעכאַימ-טרינקענ דערמאָנענ.

אויפהייבנדיק זיכ פונ בעט, האָט זי געדענקט, אַז זי באַדאַרפ עפּעס טאָנ: א בריוו באַדאַרפ זי צו שמוליקנ אינ גובערניע-שטאָט אָנשרייבנ אונ צו וויסנ באַדאַרפ זי אימ געבנ, אַז פונעמ קנאַסמאָל וועט גאָרנישט ניט ווערנ. נאָר אַליינ איז זי געווענ אַזוי רויִק, אונ אַזאַ אָנגענעמע פוילקייט האָט זי אינ זיכ דערפילט איבערנ געדאַנק, וואָס שמוליק איז דאָ אינ שטוב שוינ מער נישטאָ. זי האָט זיכ באַלד געזעגנדיק צוריק אינ בעט אַרייַנגעלייגט אונ זיכ פאַרטראַכט וועגנ דעמ, וואָס דער איקער שלעכטיקייט איז שוינ פאַרביי אונ וואָס אַפ מעוואָטל זיינ די טנאָימ, איז נאָכ געבליבנ גענוג צייט.

„ביז שאַבעס נאָכ שווועס איז איר דערויפ נאָכ צייט געבליבנ“.

★

אינאָוונט איז גיטעלע צו איר אינ כיידער אַרייַנגעקומענ אונ איר א בריוו אויסגעשטרעקט:

„ס'איז אָנגעקומענ אַפ איר, מירעלעס, נאָמענ, מיט דער פּאָטשט איז עס אָנגעקומענ“.

דער בריוו איז געווענ פונ נאָסנ העלערנ אונ אָנגעהויבנ האָט ער זיכ מיט די ווערטער, וואָס מיט זיי, דוכט זיכ, האָבנ שוינ אַזוי פיל בריוו זיכ אָנגעהויבנ:

„הייסט עס, אַז זי איז שוינ א קאַלע, מירל“.

דער בריוו איז איר גימעס געוואָרנ נאָכ פונ די ערשטע ווערטער, האָט זי אימ לעבנ זיכ אַוועקגעלייגט, אימ נאָכאַמאָל געפּרוווט לעזנ:

„אַפ אימ, העלערנ, האָט מענ איר דאָכ אַזוי פיל רעכילעס אָנגעפירט“.

נאך קיין געדולד ניט געהאט, אים ווידער אויפגעקלייבט און איז שוין טאקע אזוי לעזן ניט געענדיקט.

דער בריוו איז שוין נאכדעם די גאנצע צייט געלעגן פאנאנדערגע־עפנט אפן בענקל, וואס לעבן איר בעט, און ווען זי איז אייגמאל אהער פון דרויסן אריינגעקומען, האט זי דערזען:

גיטעלע טוט זיך מיטאמאל א רוק פון איר בעט און גייט געשווינד פון ביידער ארויס, און דער בריוו... ער ליגט ניט ווי פריער אפן בענקל, נאר א ביסל ווייטער אפ דער פאדלאגע. זי וואלט, דוכט זיך, געמעגט געווען שווערן, אז די נייגעריקע גיטעלע האט דעם בריוו גע־לייענט.

★

גיטעלע האט זיך שוין טאקע נאכדעם צופיל געסווידעט מיט ר' גדאליען, וועלכער איז איינמאל באנאכט אהיים געקומען.

„אז זי האט אים אליין געלייענט, דעם בריוו, אז ער שרייבט איר פארט „דו", שרייבט ער איר".

ר' גדאליע האט זיך צו דעם ניט געוואלט צוהערן און איז אפ איר, גיטעלען, באדייגעז געווען:

„ער ווייס, וואס זי דולט אים דעם קאפ, דולט זי אים... וואס איר קאן זיך דארט אויסווייזן!"

אזוי פארנומען און באשעפטיקט איז ער שוין געווען מיטן פלאן, וואס עס האט אים אויפגעגעבן דעם גראפס אויסלענדישער איידעם, וועלכער איז אהער אראפגעקומען און האט קאשפעריוקע בא דער באנק אויסגעקויפט:

„סאכאקל אכט טויזנט רובל — נעמט ער צו אים, ר' גדאליען, פאר א שוטעפ צום גרויסן וואלד, מאכט אים פארן באלעבאס און רעכנט אים אפן פרייז, וואס עס גיבן די סאכרים פון קרייז־שטאט. ער, ר' גדאליע, קאן עפשער דורך דעם געראטעוועט ווערן, קאן ער..."

און גיטעלע האט אים גאר אלץ צורו ניט געלאזט:

„ער מיינט, אפנעם, אז ער איז שוין מיט איר פארטיק, מיט דער

טאַכטער מיט זײַנער?.. אַט זאָל ער זען: זי זאָגט, זי וועט ניט פֿאָרן אין קרייַז־שטאָט זיך גייען די כאַסענע־קליידער. בעשומויפֿן, זאָגט זי, וועט זי אהין ניט פֿאָרן".

★

א שאבעס, וואָס פֿאר שאבעס־האַנאָדל, האָט געבלאָזן א קליין פֿארפֿייסעכדיק ווינטל.

געטריקנט און גרוי געוואָרן זײַנען די שניי־הויפֿנס, וואָס האָבן דאָ און דאָרטן פֿון צווישן דער בלאָטע ארויסגעשטעקט, און ס'איז ניט קלאָר געווען, וועמעס יאָגמעניו צוליב עם קלינגט פֿאר זון־זעצן־זיך אין קלויסטער.

באַם גאַנעק פֿון איר פֿאָטערס שטוב איז שאָען־לאַנג געשטאַנען אווראָם־מוישע בורנעסעס מיידל, די שטובזיצערן, געשטאַנען אײַנגעהילט אין דער מוטערס שוואַרצער שאַל און געקוקט, ווי ס'גייען גוייִם פֿונעם דאָרף, וואָס איז איין עק שטאָט, צום קלויסטער, וואָס איז צווייטן. די גוייִם גייען פֿאמעלעך, האלטן זיך הארט לעבן די יידישע הײַזער, וואָס אין דער לאנגער גאס, זוכן סטעזשקעס און ווילן ארוים טרוקן.

און ארום־און־ארום מערט זיך שוין דערווײַל אזוי שטארק די פֿוסטקײַט פֿונעם קומענדיקן זומער. דער פֿראָווזער־געהילף סאַפֿיאַן קאָן זיך קיין אָרט אין דער פֿוסטער אַפּטייק ניט געפֿינען און לאָזט זיך גיין איבערן שטעטל, שטעלט זיך אלעמאָל אָפּ און וויל זיך צוריק אומקערן. ער באַגעגנט צולעצט אווראָם־מוישע בורנעסעס מיידל, לאָזט זיך מיט איר גיין אָפּ דער פֿריש אײַנגעטראָטענער סטעזשקע, צו די גוייִשע הײַזער, קוקט ניט צו איר און רעדט דאָך אזוי ערנסט, ווי מאַמעש פֿאר א בארדאס.

„ליפֿקים, זאָגט ער מיט רישעס, איז שוין דאָ נישטאָ; ער איז סאָפֿקאָלסאָפֿ קליגער געוואָרן און האָט זיך דאָרטן אין קראַנק געשמאַק צו זײַנע לימודים גענומען. און מירל הורוויץ... מירל זיצט שוין די צווייטע וואָך אין קרייַז־שטאָט און נייט זיך דאָרטן כאַסענע־קליידער. „קאָק עטאָ סמעשנאַ". [85]

אווראָם־מוישע בורנעסעס מיידל פֿילט שוין זיך לעבן אין

שלעכט און האָט אים ניט וואָס צו ענטפערן, זי ווייס. זי אליין קריכט זיכ הינטער זײַנע פּלייצעס מיט דער נאָז. און אפ דער גאַנצער שטאָט זאָגט מען, אז ער האָט ליב די אקושערקע, וואָס בא איר פארברענגט איצט שוינ דאָרטנ עטלעכע טעג איר באקאַנטער, דער העברייִשער פּאָעט.

און ער קוקט נאָכ אלץ מיט נערוועזע אויגנ ערגעץ־אהינ פאר זיכ אינ רעדט ווײַטער דאָס זײַניקע.

„ווערמענ, מיינט מירל, וואַרט זי: זיכ, צי די שטאָט?"

פּלוצעם דערזעענ זיי א וועקסיקנ און ברייטפּלייציקנ באָכער, וואָס שפּאַנט אהער פונ דער זײַט, פונ די גוייִשע הײַזער. זיי בלײַבנ שטיינ און קוקנ אפ אים פונדערווײַטנס:

ער זעט אויס, ווי א יונגער פאַרמעגלעכער דאָקטער, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג דעמ אוניווערסיטעט געענדיקט אינ פארנעמט זיכ נאָכ ניט מיט פּראַקטיק.

ס'איז קלאָר, אז דאָס איז ער, דער אקושערקעס גאַסט, און ס'איז אוממעגלעכ צו טרעפנ, וווהינ ער גייט איצט.

מירל הורוויצ איז שוינ דאָכ די צווייטע וואָכ אינ דער היימ ניש־טאָ. און אינ אַנהייב שטאָט, וואָס אהינצו דערנעענט ער זיכ, איז דאָכ קיינער נישטאָ, אכוצ דעמ קלייגעמ בינטל יידנ, וואָס ווארטנ אינ דרויסנ אפ דער שאבעס־האגאָדלדיקער מינכע.[56] ער קוקט צו די יידנ פונדערווײַטנ. די יידנ קוקנ צו אים אנטקעגנ, אלע שווײַגנ, נאָר ווענ ער גייט איבער, באקומענ די יידנ שמייכלענדיקע פּענעמער, קוסנ אים נאָכ אינ די פּלייצעס און שמועסנ זיכ וועגנ אים אדורכ:

„וואָס, זאָגסטו, שרײַבט ער?"

„ביכלעכ?"

„נו, מאכטייסע, פארוואָס דען ניט? זאָל ער שרײַבנ".

XI

ס'איז שוינ געווענ לאכלוטנ א טרוקענער, עטוואָס קילער טאָג, ווענ מירל האָט זיכ איינמאָל פאר זונ־זעצנ־זיכ צוריק פונ קרײַז־שטאָט אומגעקערט און געטראָפנ אינ די מאַראָרימ א פארפּייסעכדיקנ גערו־

דער. דאָס מעבל איז דורכויס געווען אָפּגערוקט פון אָרט, אָנגעוואָרפן און איבערגעדעקט מיט ווײַסע לײַלעכער. גיטעלע האָט זיך פאנאנדער־געצאָלט מיטן אַלטן פּאַרבער, וואָס האָט די באַלקנס אָפּגעווײַסט, און מיט די צוויי גויעס, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג די פענצטער מיט די טירן געזייפט. זי האָט אָט די גויעס אָנגעזאָגט קומען אַפּ מאָרגן אויך. און אין שטוב איז שוין דערווײַל ציִעס געווען:

ר׳ גדאליע האָט זיך נאָך גאַנצפרי געהאט אומגעקערט פון גובער־ניע־שטאָט, ווו אים האָט זיך אײַנגעגעבן צו ווערן אַ שותּף מיטן גראפס איידעם אינעם גרויסן קאשפּעריוועקער וואלד. גיטעלען האָט ער שוין אין מעשעב פון טאָג עטלעכע מאָל וועגן אָט דעם נײַעם גליק־לעכן געשעפט דערציילט. און איצט האָט ער זיך שוין מאַכמעס דעם מעיאכעד געווען[87] מיטן קאסיר בא זיך אינעם צוגעראמטן קאבינעט. דער קאסיר איז דאָרטן פּאַרטראַכט באַם טיש געזעסן, און ער האָט זיך לעבן אים ארומגעדרייט אין די פּוטערנע שיך, און אַלעמאָל אָפּגעשטעלט מיט די פּלייצעס צו דער ניט־געהייצטער הרובע און פון דאָרטן צו אים, דעם קאסיר זײַנעם, איבער די גילדערנע ברילן אריבערגעקוקט:

„וואָס ניין? מ׳קאָן רעכענען, אַז דער רעווער פון וואלד זאָל באַ־טרעפן אַ גאַנצן גוויר“.

און נאָך:

„ער שפּילט זיך מיטן מאַטעריאַל, וואָס מ׳קאָן ארויסשלעפּן פון די מיטלסטע דרײַ הונדערט דעסיאַטינן!“

דערפאר, וואָס ר׳ גדאליען האָט זיך איצט אײַנגעגעבן די שטוב צו באַרויִקן און זײַנע געשעפטן צו פאַריכטן; דערפאר, וואָס ער איז איצט שוין מיט די געשעפטן שטארק פארטאָן געווען און האָט וועגן קיין אנדער זאַך ניט געקלערט, האָט זיך איר, מירלען, מיטאמאָל צו דוכטן אָנגעהויבן, אַז קיינער באדארף עס איצט שוין דאָ אין שטוב ניט, אָט דאָס, וואָס זי איז אַ קאַלע געוואָרן און לײַדט דערפון, אַלע קלערן שוין וועגן דעם אַזוי ווינציק, פּונקט ווי ווינציק ס׳האָט וועגן דעם צוריק מיט עטלעכע וואָכן געקלערט זי אַליין, און דער־פאר זײַנען איבעריק די כאַסענע־קליידער, וואָס זי האָט זיך איצט אין

קרייז־שטאָט אָנגענומען, דאָס, וואָס זי איז אַהין געפֿאָרן, מיט דעם, וואָס זי איז דאָרטן אַכט טעג אָפּגעזעסן:

„זי האָט זי ניט באַדאַרפֿט, אָט די „געמאַכטע“ נעסיע אין קרייז־שטאָט; זי האָט פֿון אָנהייב אָן באַדאַרפֿט זאָגן, אַז דער קנאַסמאָל איז געווען אַ נאַרישער און אַז קיין כאַסענע וועט קיינמאָל ניט זיין“.

דער קאַסיר איז שוין אין קאַבינעט ניט געווען, און אַ לאָמפּ האָט שוין דאָרט געברענט. ר׳ גדליע איז דאָרטן איינער אַליין באַם טיש געזעסן און האָט אין דער שטיל די כעזשבוינעס פֿון זיין נייעם וואַלד גערעכנט. און זי האָט נאָך אַלץ אַרומגעשפּאַנט באַ זיך אין כוידער און זיך געפֿילט דאָרטן עטוואָס פֿרעמד נאָך די אַכט טעג, וואָס זי איז ניט געווען אין דער היים. זי האָט זיך דאָרטן ניט געקאָנט צורוען ניט צום בעט און ניט צום טיש און האָט געדענקט, וואָס זי וועט באַלד טאָן:

„אַהין, צו ר׳ גדליען אין קאַבינעט, וועט זי אַריינגיין און וועט אים זאָגן: „ס׳באַדאַרף דאָס איצט שוין געוויס קיינער ניט האָבן אָט דעם נאַרישן קנאַסמאָל. די כאַסענע וועט דאָך סיי־ווי־סיי ניט זיין, טאָ זאָל נעמען דערצו אַן עק“.

זי האָט וועגן דעם געטראַכט לאַנג, אַרומדרייענדיק זיך באַ זיך אין כיידער און זיך געלאָזט גיין צו ר׳ גדליען אין קאַבינעט. ס׳זיינען שוין אַפילע באַ איר די ערשטע ווערטער צוגעגרייט געווען:

„איך באַדאַרף מיט דיר וועגן עפּעס רייִדן“.

נאָר דאָרטן, באַ ר׳ גדליען אין קאַבינעט, איז מיט איר עפּעס געשען, און שווער איז איר מיטאַמאָל געוואָרן ווייטער אַ וואָרט אַרויסצולאָזן. ר׳ גדליע האָט זיך אין אָנהייב צו איר ניט אומגעקוקט, געוואָרפֿן אומגעניט אַפֿן „שטשאָט“ און דערצו איבערגעכאַזערט די ציפֿער אַפֿן קול. און ווען ער האָט צולעצט אָט די אַרבעט איבערגעריכט, און צו איר דאָס פּנים אויסגעדרייט, האָט זיך איר מיטאַמאָל אַ וואָרף געטאָן די רויִקייט, וואָס האָט זיך צו אים פֿאַר די לעצטע עטלעכע טעג אומגעקערט. איצט איז אָט די רויִקייט זיינע שוין אָנגעהאַנגען נאָר אָן איר. ניט מער ווי אייניקע מינוטן האָט עס נאָך געקאָנט געדויערן. געענדיקט איז געווען, אַז זי זאָל נאָר אַ פּאָר ווערטער אויסרייִדן,

אונ ער זאָל זיכ ווידער דערפילנ אומגליקלעכ אונ זאָל בלײַבנ זיצנ, זי אנ אָוול, וואָס עס איז אפ אימ א מאָפּאַלע געקומענ.

א ווײַלע איז זי דאָרטנ אנטקעגנ אימ געשטאַנענ אונ אפ אימ געקוקט. אונ נאָכדעמ האָט זי, ניט ענטפערנדיק אפ זײַנ שײַלע, דערקאַבינעט פאַרלאָזנ אונ זיכ אומגעקערט אינ די אופגערודערטע כאַדאָרימ. זי האָט עס אָפּגעלייגט אפ שפּעטער מיט א שטיקל צײַט, געווענ אפ עמעצנ בארויגעז אונ זיכ אַלײנ געטרייסט:

„סײַוויסײַ וועט די כאַסענע קיינמאָל ניט זײַנ. ס'וועט שוינ געווים אײַנגיכנ געמענ צו די טנאָימ אונ עק“.

★

אינאָוונט איז זי געזעסנ צווישנ די היימישע געסט, וואָס בא דער אקושערקע שאַצ אינעמ באַלויכטענעמ שטיבל, אונ זיכ דאָרטנ צומ ערשטנ מאָל עלנט אונ פרעמד דערפילט.

אכוץ דער לערערנ פאָליע מיט דער אקושערקע שאַצ זײַנענ דאָרטנ אויכ געווענ דער ציגײַנעריש שוואַרצער העברעיִשער לערער אײַזיק שאַבאַד מיט דער טאָכטער פונעמ אָרטיקנ גײַוועדיקנ יווירעד עסטער פינקל, א וווּקסיק מיידל מיט א לענגלעכ אונ אומעטיק פּאָנעמ, וואָס לערנט שוינ דאָס דריטע יאָר אינ פּאַריז.

דער באַווײַבטער לערער האָט שוינ לאַנג מיט קיינעמ, אכוץ זײַנע קליינע טאַלמידימ, קיינ אסאָקימ ניט געהאַט, אונ מיד איז ער געווענ נאָכנ טאָג אַרבעט. ער האָט ווי געדרעמלט שטיל אינ א זײַט אונ האָט צומ דריטנ מאָל געוואַרט אפ דער אקושערקעס גאָסט, דעמ העברעיִשנ פאָעט, וועלכער איז נאָכ פאַרנאַכט פונ שטוב אוועק אונ האָט שוינ אײַנגיכנ באַדאַרפט צוריק קומענ.

די מיידלעכ האָבנ אימ ניט באַמערקט. אַלע דרײַ זײַנענ זיי אומעטיק געזעסנ לעבנ מירלענ אפ דער סאָפקע, וואָס לעבנ דער ניט געהייצטער הרובע. אונ אַלע האָבנ זיי זי, מירלענ, ווי איגנאָרירט. באַליידיקנ זי האָט קיינע פונ זיי ניט געוואָלט, נאָר צו ריידנ מיט איר האָבנ זיי שוינ אויכ ניט געהאַט וועגנ וואָס.

עסטער פינקל האָט דערציילט וועגנ דער פּראָפעסיע, וואָס דער פּאַריזשער אוניווערסיטעט וועט איר געבנ אינ אכט באַראָשימ אַרומ:

„ביכלאַל קאָן זי האָפן: דאָס לעבן וועט זי שוין ווי־נישט־איז דורכ־
שטופּן, און גליק... וועגן איבעריקע גליקן געוווינט מען זיך אָפּ אין
פּאַריזש צו טראַכטן".

עסטער פינקלס לעצטע ווערטער האָבן, דוכט זיך, געהאַט עפּעס א
שײַכות צו מירלען. קיינער האָט עס אָפּ געוויס ניט געוווּסט, נאָר אין
דער שטילקייט, וואָס דורכויס ארום דעם ברענענדיקן לאָמפּ, האָט זיך
שוין געדענקט עפּעס אַן אומעטיקע און שטילע מײַסע; א מײַסע מיט
א פאַרצווייוואָכעדיקן שאַבעספּאַרנאַכט, ווען בײַ ר' גראַליען אין שטוב
זײַנען די מעלאַוואָגים מיטן באַסן געווען, און ניגונים האָבן דאָרטן
די אַסאַטענער כסידים באַם בײַנהאַשמאָשעסדיקן שאַלעסודעס,[88] גע־
זונגען. אין איינס שורע האָבן דענסטמאָל די דרײַ מיידלעך ארומגע־
שפּאַצירט אקעגן דער מײַרעוודיקער הימל־סרייפּע, וואָס ארויס דעם
שטעטל. יעדע פון זיי האָט געדריקט א בענקענדיקער טרויער, און צו
א באַשלוס זײַנען זיי דענסטמאָל וועגן מירלען געקומען:

„א מיידל, וואָס קאָן זיך איצט געפינען אין דער בײַנהאַשמאָשעסדי־
קער שטוב, ווו כסידים זינגען ארום איר כאַסן, וואָס זי האָט אים דער־
קענט דורך א שאַדכן... וועגן וועמען איז שוין דאָ, בעעצעס, פאַראַן צו
טראַכטן?"

ערשט ארום נײַן אזייגער אינאָוונט האָט זיך אהער אומגעקערט
דער אקושערקעס גאַסט, דער העברייִשער פּאָעט, הערץ. ער איז אין
זײַן טונקל־בלויען אָנצוג געזעסן אויבנאָן און געקוקט אראָפּ צו דעם
גלאָז טיי. ס'האָט צוזאַמען מיט זײַן פּאָנעם געשמייכלט דער גרינער
אַפּגלאַנץ, וואָס אין זײַנע קליינע טיף־אַרײַנגעגראָבענע אויגן, און דער־
ציילט האָט אָט דער שמייכל וועגן זיך אַליין:

„בין איך, הייסט עס, דאָפּקע א קלוגער און גלייב אזוי וויכטיק
אין סענטימענטאַליטעט און אפילע אין אייגענעם טאַלאַנט. נאָר איצט
וועט איר מיך גראָד, בעשאַס איך האָב געמאַכט א נאַרישקייט: פאָרנדיק
קיין אויסלאַנד, בין איך אראָפּגעקומען צוזאַמט צו א גאַנץ פּאַשעט
מיידל, וואָס אינטערעסירט מיך עפּשער נאָך וויכטיקער ווי אײַך".

די שטילקייט, וואָס אין ביידער, איז מאַכמעס זײַן קומען געוואָרן

שווער און חריקנדיק. די מיידלעך האָבן געשוויגן און דערפאַר אויסגעזען ערנסטער און לייטישער ווי אין דער וואָר. און עסטער פינקל איז שוין אַף די פיס געשטאַנען, זיך אָנגעטאָן און זיך געלאָזט גיין אַהיים. איר האָט נעכטן די אַקושערקע פאַרציילט, אַז הערצ האַלט שטאַרק ניט פון קורסיסטקעס, איז זי איצט באַם אַוועקגיין באַרויגעז געוועזן און האָט געדענקט:

זי אַליין קען האָב שוין אויך אין פּאַריזש עמעצ ווענען פון די יידישע און רוסישע פּאָעטן, קיינער פון יענע האַלט זיך ניט אַזוי גנוועדיק, ווי אָט דער ווקסיקער פאַרשוין, וואָס מיט די קורצע און ליכטיקע קאָפּ־האָר.

דער העברייִשער לערער איז שוין דערווייל צופיל וואַכנדיק און באַריידעוודיק געוועזן, ער האָט געהאַלטן אין דער מיט פון אַ וויכטיקן שמועס און האָט בעשומויפן ניט געקאָנט פאַרשטיין:

„פאַרוואָס זאָל זיך הערצ באַציִען אַזוי קאַלט צו די אייגענע שירים, וואָס אין פאַרשיידענע כרעסטאָמאַטיעס?“

הערצ האָט זיך לאַכלוטן צו זײַנע רייד ניט צוגעהערט. ס'איז דערפאַר אַף אים, דעם לערער, אַ ראַכמאָנעס געוועזן. נאָר ער האָט עס ניט געפילט און געטײַנעט, אַז דאָס, וואָס ער דערציילט, איז אַ פאַקט:

„ער קאָן מאָרגן ברענגען אַהער צען—פופצן טאַלמעטוירעיינגלעך, וואָס דעקלאַמירן אויסנווייניק הערצס שיר „עם עלות השחר“.

הערצ האָט זיך אופגעהויבן פון טיש אין זײַן גאַנצן הויכן וווקס און האָט גענומען אַלײמשפּאַנען איבערן כיידער. דער גרינער אָפּגלאַנצ האָט שוין מער אין זײַנע אויגן ניט געשמייכלט. ער האָט איצט געוואָלט עפּעס טאָן און ניט געקאָנט איבער שאַבאַדן מיט מירלען, וואָס אינטערעסירן אים ניט. ער האָט גענומען שעפּטשען דער אַקושערקע אַפן אויער און זי געבעטן, זי זאָל אים באַפרייען פון שאַבאַדן, וועלכער נודעט אים. דענסטמאָל איז מיט מירלען עפּעס געשען. עפּעס האָט זי פאַרדראָסן, האָט זי זיך מיטאַמאָל פון אָרט אופגעהויבן און האָט דעם לערער שאַבאַד די רייד איבערגעשלאָגן:

„שאַבאַד איז ניט קיין באַלן צוזאַמען מיט איר באַלד אַהיים גיין?“

*

און אויסגעקומען איז האָב סאָפּקאָלסאָפּ, אז באַגלייט האָט זי אַהיים ניט דער לערער שאבאד, נאָר דער אקושערקעס גאַסט הערץ, וועלכער האָט ניט געוואוסט וועגן וואָס מיט איר צו רייזן. אין דער פינצטערער לופט, וואָס ארום דעם פארפייסעכדיקן שטעטל, איז געווען קיל און שטיל, און טעקלונגען האָבן דערפאַר צופיל אין די אויערן די לעצטע ווערטער, וואָס מיט זיי האָט שאבאד זיך צו איר, מירלען, געווענדט:

„אָט דער באָסן אירער... דער באָסן, זאָגט מען, קען גאַנץ גוט העברעיש“.

די פינצטער האָט געמעקט די לאַנגע איינגעטראָטענע סטעזשקעס מיט מירלס ביינקער פיגור, וואָס צו איר האָט זיך הערץ אלעמאָל אומגעקוקט; א פיגור פון א פארמעגלעכ מיידל א קאלע, וואָס איז ענג איינגעצויגן אינעם שווארצן הארבסט־רעקל, שווייגט, קוקט ניט צו אים און טראָגט מיט זיך דעם סאָד פון איר אומבאקאנטן באסיעכידישן לעבן.

ער האָט צולעצט געפרעגט:

„בא איר באַדאַרף, דוכט זיך, זיין איינגיכן באסענע?“

דערנסטמאָל האָט זיך אין מירלען געשטאַרקט די אָנגעקליבענע געפאַלנקייט, און אויך אזעלכע געפאַלענע געדאַנקען האָבן איר אָנגעהויבן אין קאָפּ צו קומען:

„די באסענע... מ'ווייס גאָר ניט... ס'איז נאָך ביכלאַל א ספק:...“

זי האָט אָט די ווערטער ניט געוואָלט זאָגן, און זיך צו אים ניט אומגעקוקט, נאָר ער האָט א צווייט מאָל זיין שיילע איבערגעכאזערט. האָט זיך אין איר מיטאמאָל עפּעס אָנגעצונדן, און זי האָט געזאָגט עטוואָס אופגערעגט און שווער:

„זי וויל אים עפּעס בעטן... ער קאָן איר געוויס טאָן אָט די קליינע טובע און נאָך א ביסל שווייגן; ס'איז שוין ניט ווייט צו די ערשטע שטאָטהייזער, און זי וועט שוין באַלד קיין מוירע ניט האָבן אליין צו גיין“.

איצט איז אים שוין געווען עפּעס נייגעריק אין איר, און דער רייכער אַפּגלאַנץ האָט שוין ווידער אין זיינע אויגן געשמייכלט. ע-

האָט זי באַגלייט ווײַטער פונ די ערשטע שטאָט־הײַזער, צוגעקומענ גלײַכ מיט איר ביזנ גאַנעק פונ איר פאָטערס שטוב. נאָר זי האָט זיכ שוינ מער צו אים ניט אומגעקוקט. זי איז באַלד פאַרשווּנדנ געוואָרנ אינ די אָפענע טירנ פונ פאָטערס גאַנעק אונ אים ניט געזאָגט קיינ „גוטע נאַכט”.

★

אפ מאָרגנ באַטאָג האָט זיכ מירל אומגעקוקט פונעמ צווייטנ שטאָט־ווינקל, וואָס בײַ דער פּאָטשט, אונ האָט דאָרטנ איינעמ אַליינ הערצנ באַגעגנט. זײַנ פּנימ האָט זיכ איר איצט שוינ געדוכט באַקאַנט פונ לאַנג. ער איז דאָרטנ געשטאַנענ בײַ דער זײַט פונ וועג, געקוקט אפ אַנ אָרעמער שטוב, ווו מ'האָט מאַצעס געבאַקנ, אונ זיכ לאַנג צוגעהערט צו איר אינווייניקסטנ טומל.

אַז ער האָט דערזענ מירלענ, האָבנ בײַ אים די אויגנ צו שמייכלענ אָנגעהויבנ. ער איז צו איר צוגעגאַנגענ אונ האָט געזאָגט:

„ער האָט געכטנ אײַנאָווענט וועגנ איר געטראַכט אונ פיל מיט דער אַקושערקע גערעדט — אימ געפעלט, וואָס זי האָט אים נעכטנ געהייסנ שווײַגנ”.

אַ ווײַלע איז זי געשטאַנענ אַנטקעגנ אים אונ האָט אים אָנגעקוקט: ער האָט מיט זײַנע ווערטער געמאַכט אַנ אײַנדרוק פונ אַ מענטשנ, וואָס ווייס שוינ געוויס עפּעס מער פונ אַנ אַנדערנ וועגנ מענטשנ אונ וועגנ לעבנ, יעדנפאַלס קלערט ער אַליינ אַזוי אונ שרײַבט וועגנ דעמ ביכער. נאָר מיט איר, דעמ קאַלע־מיידל, וואָס ער האָט דאָ אינ שטעטל באַגעגנט, קלערט ער אַפילע ניט וועגנ דעמ צו ריידנ. דעריבער ווערטלט ער זיכ שוינ נאָר אויבערפלעכלעכ אונ גרינג. ער דערפילט, ווי ס'ווירקנ אפ אים אירע בלויע אויגנ מיט זייער טרויער, טוט ער דערפאַר אַ שמייכל אונ כאַזערט נאָכאַמאָל איבער:

„ער מיינט עס ערנסט: אימ געפעלט, וואָס זי האָט אים נעכטנ געהייסנ שווײַגנ”.

שפּאַנענדיק פּאַמעלעכ אינ איינ שורע מיט אים, האָט זי געדענקט, אַז דאָס גייענ איצט אַראָפּ צומ מאַרק צו ער, הערצ, וועמעס שירימ מ'כאַזערט מיט די טאַלמעטוירע־יינגלעכ אפ אויסווייניק, אונ

זי, מירל הורוויץ, שמוליק זיידעגאָווסקיס קאַלע, וואָס אַף איר האָט באַר דער לערער געבעטן איבגעוונט פֿאַר הערצן אין די אויגן אָנ-געוויזן:

„אָט איז דער באַבנס אירער... דער באַסן, זאָגט מען, קען גאַנץ גוט העברייִש".

זי האָט ניט געוואָלט, ער זאָל זיך פֿילן העכער פֿון איר, און געענטפֿערט האָט זי, וואָס ער דערמאָנט באַבאַמאָל זײַנע געבעטיקע שײַלע און רעדט נאָך אַלץ מיטן פֿרײַערדיקן ווערטלדיקן טאָן. א ווײַלע האָט זי געשוויגן און געהערט, ווי ער פֿאַרענטפֿערט זיך:

„ער האָט דאָך געבעטן מיט זײַנע שײַנע באַרגישטע געמיינט"...

און פּלוצעם האָט זי אים די רייד איבערגעשלאָגן און גענומען דער-ציילן וועגן דעם, וואָס דאָ אין שטעטל איז פֿאַראַן איינער א פֿראָ-ווינזער סאַפּיאַן.

„ער האָט ליב שײַנע ליטעראַטור, אָט דער סאַפּיאַן; ער האָט אויך געלייענט זײַן, הערצס, מײַסעלע וועגן דער „טויטער שטאָט" און האָט געזאָגט: „דאָס בילד מיט דער ליאַלקע, האָט ער געזאָגט, איז צו אויבערפֿלעכלעך און צו גראָב און קיין פּאָעזיע איז דערין נישטאָ".

זיי זײַנען שוין געשטאַנען גאָר נאָענט באַם גאַנעק פֿון ר' גדאַליעס שטוב. הערצ האָט זיך געשווינד אַף איר אומגעקוקט. זײַן פּנים איז פּיטאַמאָל רויט געוואָרן און שעמעוודיק צו שמייכלען אָנגעהויבן.

„הערט!" האָט ער מיטן פֿריערדיקן שמייכל זיך ווערטלען גע-וואָלט אָנהייבן.

נאָר זי האָט אים שוין איר האַנט געהאַט אויסגעשטרעקט. זי האָט זיך מער צו אים ניט אומגעקוקט און איז אַרופֿגעלאָפֿן אַף די טרעפּלעך פֿון איר פֿאָטערס גאַנעק.

★

א שייגעצל פֿון דאָרף האָט איר נאָכדעם געבראַכט א צעטעלע, ווו ס'זײַנען געווען אונטערגעשריבן די אָקושערקעס מיט הערצן. מ'האָט זי געבעטן, זי זאָל קומען אַף טיי. זי האָט דאָס שייגעצל אָפּגעשיקט אָן שום ענטפֿער און איז אַליין דעם גאַנצן טאָג געבליבן אין דער היים.

פאַרנאַכט האָט זי זיכ אומגעקערט פונ דער אַרטיקער צעלניק־קלייט, ווי זי האָט ניט געפונענ דעמ מינ סכוירע, וואָס זי האָט באַדאַרפט. זי איז געגאַנגענ אײנע אַלײנ אונ האָט געזענ, ווי ווײַט, ווײַט איבער די גוייִשע הײַזער רויטלט זיכ אַ גאַנצע זײַט פונ הימל, אונ ווי מיטנ וועג, וואָס ציט זיכ פונ אונטער אָט דער רויטקײַט אינ שטעטל אַרײַנ, קומענ אָנ די אַקושערקע מיט הערצנ. זי האָט ניט געוואָלט וועגנ זײַ טראַכטנ. איז זי נאָכדעמ לאַנג געלעגנ בײַ זיכ אינ כיידער אונ אינ זינענ געהאַט זיכ מיט די טנאָיִמ, וואָס זי באַדאַרפ מעוואַטל זײַנ:

„וויאַרומ וואָלט זי, לעמאָשל, נאָכ ביז פײַסעכ געקאָנט צו אָט די טנאָיִמ אָנ עק מאַכנ?"

צו איר אינ כיידער איז דאָכ אײנ אַ ווײַלע אַרומ די אַקושערקע אַרײַנגעקומענ אונ געפרעגט:

„מירל איז ניט אַ באַלנ צו גײנ אַ ביסל שפּאַצירנ?"

די אַקושערקע האָט צופיל געשמייכלט, צי דערפאַר, וואָס אינ דרויסנ האָט אַפ איר הערצ געוואַרט, צי דערפאַר, וואָס ער האָט איר האַרטנ געטאָנ אינ טויט אַרײַנ, זי זאָל אַרײַנגײנ אונ זאָל רופנ מירלענ. זי האָט זיכ דאָ נאָכ אינ אַ נאַרישער לאַגע דערפילט דערפאַר, וואָס מירל האָט געענטפערט קאַלט, אַז זי וויל ניט גײנ, זיכ אַפ אַ ווײַלע דאָ פאַרהאַלטנ אונ גענומענ פלאַפּלענ וועגנ זיכ אונ וועגנ הערצנ, וועלכער האָט זיכ באַטאָג פונ שלאָפּ אויפגעכאַפּט אונ האָט שמייכלענדיק וועגנ איר, מירלענ, געזאָגט:

„ער בענקט נאָכ איר... וויאַזוי רופט מענ זי? נאָכ דער „קלײנ־שטעטלדיקער טראַגעדיע" בענקט ער".

מירל איז געווענ עטוואָס בלאַס; זי האָט ווי דערשטוינט אַפ דער אַקושערקע געקוקט אונ איר גאָרניִשט ניט געזאָגט, נאָר נאָכ דעמ, ווענ די אַקושערקע איז שוינ דאָ ניט געווענ, האָט זי נאָכ לאַנג געדענקט אימ, דעמ העברעיִשנ פּאָעט הערצנ, אונ געקלונגענ האָט נאָכ אַלצ אינ די אויערנ דאָס וואָרט, וואָס ער האָט וועגנ איר געזאָגט:

„אַ „קלײנשטעטלדיקע טראַגעדיע"".

זי האָט ניט געוווּסט, אינ וואָס שטעקט די באַלײדיקונג מיטנ פאַרדראָכ, וואָס זי פילט: צי אינ דעמ, וואָס פאַר אימ, הערצנ, האָט

קלוימערשט ניט געפּאַסט איר נאָמען צו געדענקען, צי איינעם וואָרט גופא, וואָס ער האָט וועגן איר געזאָגט:

א „קליינשטעטלדיקע טראַגעדיע".

זי האָט געטראַכט, אַז ער מיטן וואָרט זיינעם גייען זי גיט אָן, זיך געוואָלט דערמיטן גרינגער מאַכן און באַשלאָסן וועגן אים, הערצן:

„סטיוויסטע איז די גאַנצע מעשׂה א נאַרישע. און זי, מירל... זי האָט עפּעס אַנדערש איינגעזען און וועט שוין געוויס מער זיין פּנים ניט אָנקוקן".

★

האָט זיך אָבער הערצ אַף מאָרגן צופיל איבערן שטעטל גערדייט און איז עטלעכע מאָל דורכגעגאַנגען גאָר נאָענט פאַרביי ר' גדליע הורוויצעס גאַנעק. מירל האָט געזען דורכן פענצטער, ווי פאַרבייגייענ־דיק דרייט ער אַלעמאָל דעם קאָפּ אַהער צו דער שטוב. זי האָט ניט פאַרשטאַנען צוליב וואָס ער טוט עס. איינמאָל האָט זי אַפילע מיט די אַקסלען א צי געטאָן און זיך געוואונדערט:

„וואָס ער וויל?"

פאַרנאַכט האָט זי זיך דאָך איבער שאַל איינגעהילט און איז אַפן גאַנעק אַרויסגעגאַנגען, גלאַט אַזוי האָט זי עס געטאָן. און ער האָט זי פונדערווייטנס דערזען און איז מיט אַן ערנסט פּנים צום גאַנעק צוגעגאַנגען:

„איצט מוז ער מיט איר א פּאָר ווערטער ריידן. ניט מער ווי א פּאָר ווערטער. זי קאָן זיך אָנטאָן און מיט אים א ביסל גיין?"

זי האָט געפילט, אַז עס איז נאַריש, אָט דאָס, וואָס זי גיט נאָך, גייט אַריין אין שטוב, טוט זיך אָן און לאָזט זיך מיט אים גיין איבערן שטעטל.

„יעדנפאַלס האָט דאָס געפּאַסט פאַר א זיבעצניאָריק מיידעלע, ניט פאַר איר, מירלען, וואָס האָט עפּעס אַנדערש איינגעזען".

א ווײַלע זיינען זיי אַזוי איבערן שטעטל געגאַנגען, געשוויגן און איינער צום צווייטן ניט געקוקט. און אויסגעקומען איז דאָך אַזוי, אַז זי, מירל, האָט די ערשטע צו ריידן אָנגעהויבן. זי האָט צו אים איר אופגערעגט פּנים אויסגעדרייט.

„א „קלײנשטעטלדיקע טראַגעדיע“, רופט זיך, אַזױ האָט ער װעג: איר נעכטנ געזאָגט?“

הערצ איז שעמעװדיק רויט געװאָרנ, אונ אינ זײַנע אויגנ האָט װי־דער דער גרינער אָפּגלאַנצ צו שמײכלענ אָנגעהויבנ. אינ זײַנ קאָפּ האָט זיך שוינ נאָכאַמאָל געהערט דער נעכטיקער װערטלדיקער טאָנ:

„באַראַפּ דאָב מירל װיסנ, װאָס ער האָט מיט דעם געמײנט...“

מירל איז בלאַס געװאָרנ אונ האָט אַפּ אים א קוק געטאָנ: נײנ. אָט דער מענטש איז געװענ פאַרסאַמט מיט די װערטלעכ פונ דער אקושערקע אונ פונ איר אַלטער באָבענ. האַלטנ האָט מענ אים באַ־דאַרפט שטײַפ אינ די הענט, אַנדערש האָט ער געקאָנט די גאַנצע צײַט לײצאָנעס מאַכנ פונ זיך, קעדײַ כאָטש אײנ רעגע לײצאָנעס מאַכנ פונ יענעם.

„ער, הערצ אלײנ... ער איז דאָך אויך ניט מער װי א „קלײנ־שטעטלדיקע טראַגעדיע“.

זי האָט מער ניט געװאָלט הערנ, װאָס ער זאָגט, אונ אים איבער־געשלאָגנ:

„הערט! װי רופט מענ אײַך? איר זײַט ניט א באַלנ זיך באַ־קענענ מיט אײַער קריטיקער?“

אונ, ניט אומקוקנדיק זיך מער צו אים, האָט זי גענומענ רופנ דעם פּראָװיזער־געהילפ סאַפּיאַנ, װאָס זי האָט אים פֿאַרערװײַטנ דערזענ.

★

זונטיק באַטאָג, א טאָג פאַר ערעװ פּײסעכ, איז מירל איבער דעמ ערעװ־יאָנטעװדיקנ גערודער אַפּ לאַנג פונ שטוב אַװעקגעגאַנגענ אונ האָט עטלעכע שאָ אַרומגעשפּאַצירט ערגעצ װײַט אַרויס דעמ שטעטל. פאַרנאַכט, װענ זי האָט זיך אַהײמ אומגעקערט, האָט מענ איר אינ שטוב דערצײלט:

הערצ איז אינ משך פונ צװײ שאָ באַ איר אינ כײדער געזעסנ אונ האָט אַפּ איר געװאַרט.

אַפּנ טואַלעט־טישל איז געלעגנ זײַנס א צעטל:

„ער פאַרט הײַנט אַװעק. א שאַד, װאָס ער האָט זי ניט געטראָפּנ

אונ זיכ אָפּ איר ניט געקאָנט דערוואַרטנ. אויב ער וועט נאָכאַמאָל אהער אינ שטעטל קומענ, וועט דאָס זײַנ אויסשליסלעכ צוליב איר, מירלענ".

פונ אונטנ איז געווענ אָנגעצייכנט זײַנ אדרעס.

ער האָט, הייסט עס, אפילע אָט דאָס צעטעלע שוינ אויכ פאַרענדיקט מיט א ווערטל — מיט א ווערטל, וואָס האָט צוויי מײַנונגענ אונ קאָנ אַמאָל איבערגיינ אינ אנ עמעס.

„אויב ער וועט נאָכאַמאָל אהער אינ שטעטל קומענ, וועט דאָס זײַנ אויסשליסלעכ צוליב איר, מירלענ".

ניט קלערנדיק מער וועגנ דעם, וואָס זי טוט, האָט זי זיכ צוריק אָנגעטאָנ, אוועקגעגאַנגענ צו דער אקושערקע שאַצ אונ זיכ דאָרטנ אָפּגעשטעלט פאַר דער טיר, וואָס איז פונ חרויסנ געווענ געשלאָסנ.

„איז ער שוינ, הייסט עס, אוועקגעפאָרנ, הערצ?"

אונ נאָכדעם איז זי אינ דער פינצטער פונ טכילעס נאַכט איינע אליינ צוריק אהיים געגאַנגענ אונ האָט שוינ געפילט די פוסטקייט פונ די טעג, וואָס וועלנ זיכ ווידעראַמאָל צו ציִענ אָנהייבנ:

„איז ער שוינ, הייסט עס, אוועקגעפאָרנ, הערצ?"

אונ נאָכדעם איז שוינ דאָ אינ שטעטל ניט געווענ מער, מיט וועמענ א וואָרט אויסצורייד, אונ די נאַכט פונ בריקעס-קאַמעץ[80] האָט זיכ געדרוקט אָפּ די טונקל-באַלויכטענע הײַזער. אונ געדענקט האָט זיכ ער, הערצ, וואָס טראָגט זיכ שוינ מיטנ צוג ערגעצ־ווײַטינ צו דער גרענעצ צו:

„אָט, ווענ ער זאָל זיכ נאָכ דאָ געפינענ... ווענ זי באַגעגנט אים, לעמאָשל, איצט אומקערנדיק זיכ אהיים..."

איבנאַנצנ גוט וואָלט איר דערפונ געווינ ניט געוואָרנ, אָבער דער אומעט וואָלט שוינ עפשער אויכ ניט געווענ אזוי גרויס. ער, הערצ, האָט געוויס געהאַט בעיאַד זי צו פאַרשטיינ אונ איר דערמיט עטוואָס גרינגער מאַכנ. נאָר אים איז דאָס לאַכלוטנ ניט געגאַנגענ אינ לעבנ, אונ געזאָגט האָט ער וועגנ איר א ווערטל:

„א „קליינשטעטלדיקע טראַגעדיע", האָט ער וועגנ איר געזאָגט".

איבנאַנצנ די מײַסע איז שוינ עפשער קירצער, נאָר דאָכ פאַר-

דרייסט: ער האָט זי געקענט פארשטיינ, נאָר ער האָט ניט געוואָלט און האָט זיכ געווערטלט:

„באדארפ זי דאָכ וויסנ, וואָס ער האָט מיט דעמ געמיינט...“

א ווײַלע איז זי בא זיכ אינ פינצטערנ ביידער געלעגנ און האָט וועגנ דעמ געטראכט. צולעצט האָט זי זיכ אויפגעהויבנ, אָנגעצונדנ דעמ לאָמפ און זיכ געזעצט צו אימ א בריוו אָנשרײַבנ:

„די „קליינשטעטלדיקע טראגעדיע“ האָט פײַנט מענטשנ, וואָס ווערטלענ זיכ. ווארפט אָט די ווערטלעכ אפ א ווײַלע אוועק און הערט אויס: בא מיר באדארפ זײַנ כאסענע אינ אכט וואָכנ ארומ“.

אינ שטוב איז געווענ שטיל און קיל, דערפאר, וואָס מ'האָט א גאנצנ טאָג די פענצטער געהאלטנ אָפנ, און אינ דרויסנ האָט גע-הירזשעט לעבנ א קלייט עמעצנס א צוגעבונדענער רײַטפערד. אינ אייניקע פונ די ארומיקע, אפ פייסעכ צוגעקליבענע כאדאָרימ איז גע-ווענ פינצטער, קעדיי קיינער זאָל אינ זיי קיינ כאָמעצ ניט פארטראָגנ. ס'האָט זיכ געהערט, ווי מיט א ליכט אינ האנט שפאנט איבער זיי ארומ ר' גדאליע און איז בודעק כאָמעצ, האלט נאָכ דער בראָכע און ער רעדט צו גיטעלענ אפנ לאָשנ קוידעש עפעס וועגנ א פלעדערוויש און וועגנ ברעקלעכ. ערגעצ ווײַט אינ עס־צימער האָט זיכ צוליב עפעס געהייצט אינ דער הרובע, און געהערט האָט זיכ אהער, ווי ס'קלאפט דאָרטנ דאָס אינווייניקסטע טשוהונענע טירל, רירט זיכ איבערנ שא-און ציט זיכ געשווינד אהינ און צוריק:

„פאכ־פאכ־פאכ... פאכ־פאכ־פאכ... פאכ־פאכ־פאכ...“

מירל האָט זיכ פארטראכט, האלטנדיק די פענ אינ האנט, און זיכ פארקוקט אינ פלאמ פונ לאָמפ.

„מעגלעכ, אז איר וועט שוינ קיינ קויעכ ניט בלײַבנ אָט די כא-סענע ניט צו דערלאָזנ“.

קיינ קויעכ וועט איר ניט בלײַבנ, ניט דערפאר, וואָס זי באדארפ אָט די כאסענע, און ניט דערפאר, וואָס עמעצער אנ אנדערער בא-דארפ זי, נאָר דערפאר, וואָס איר איז שוינ אלציינס, און זי פילט

שוין א שטארקן עקל יעדעס מאָל, וואָס זי טראַכט מעוואַטל זײַן אָט די צווייטע טנאָים אויפֿע.

און דאָך, פֿון צײַט צו צײַט פֿילט זי נאָך אַזאַ שטאַרקע בענקשאַפֿט נאָך ליבע, ליגט זי דאָ בײַ זיך אויפֿן בעט און טראַכט:

„מענטשן לעבן דערווײַל, דערנסטמאָל ווען זי ליגט דאָ אײנע אַלײן אָן אַ זײַט. זי זעט פֿון דער ווײַט, ווי זיי לעבן".

זי ווייסן שוין, דוכט זיך, פֿון אַזאַ לאַנגער צײַט, אַז ליבע איז ניט דער איקער. יעדערער פֿאַר זיך ווייס דאָס, און זאָגט ניט אויס. און דאָך, דער איקער אַלײַן, ווו איז ער? עפּשער איז פֿאַרט פֿאַראַן אַזאַ ווינקל אין לעבן, וווּ מ'קאָן וועגן אים אַ פּאָר ווערטער הערן?

ווען זי האָט שרײַבן געענדיקט, איז שוין געווען אַרום צען אַזייגער אינאָוונט. זי האָט דעם אָנגעשריבענעם בריוו און די הענט גענומען, אים נאָכאַמאָל איבערגעלייענט, זיך אַ פּאָר מאָל איבערן בייִדער אַדורכגעגאַנגען, זיך נאָכאַמאָל אָפּגעשטעלט בײַם טיש, ווידער גענומען דעם בריוו אין די הענט און אים פֿאַרטראַכטערהייט צעריסן אויף פֿיל קליינע שטיקלעך:

„ס'אַרע נאַרישער בריוו! און ביכלאַל, וואָס קער זי זיך אָן מיט הערצן, זי זאָל אים בריוו שרײַבן?"

צעטראָגענערהייט האָט זי דערזען אויפֿן טואַלעט־טישל די עטלעכע בריוו, וואָס זײַנען אָנגעקומען פֿון שמוליקן, ווען זי איז אין דער היים ניט געווען. פֿיר שטיק זײַנען זיי געווען. און אַלע — געפּאַקטע און אויף איר נאָמען געשריבענע, זי האָט איינעם פֿון זיי געעפֿנט און געזען:

ער איז געשריבן די ערשטע האַלב העברעיִש, די צווייטע האַלב ייִדיש, הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „אהובת נפשי" [90] און ענדיקט זיך מיט צוויי לידיקע געפֿינטלטע שורעס.

זי האָט די בריוו פֿאַרכאַסמעטערהייט דאָ אויפֿן טואַלעט־טישל געלאָזט און זיך געלאָזט אין עסצימער גיין. דאָרטן האָט זי געטראָפֿן דעם קאַסיר בײַם טיש זיצן און אים געזאָגט פֿאַר ר' גראַליען און זיטעלען אין די אויגן:

„וואָס האָט זי אים געוואָלט בעטן? דאָ זײַנען איר עטלעכע בריוו

פונ שמוליקנ אָנגעקומענ, זאָל ער אזוי גוט זײַנ ענטפערנ: זי מירל האָט ניט ליב קײנ בריוו צו שרײַבנ, אונ ביכלאל... זי בעט אימ ביכלאל, ער זאָל איר מער אזוי פיל פאקעטנ ניט שיקנ".

XII

אפ די אַנדערע טעג פּײסעכ איז אראָפּגעקומענ שמוליק.

אראָפּגעקומענ איז ער פלוצעמ, קימאט ווי אומגעבעטנ, געגאנגענ מיט ר' גדאליענ דאווענענ אינ סאדעגערער קלויז אונ זיכ שוינ געפילט אינ שטוב הײמיש אונ גוט, ווי א נײַער אײדעמ, וואָס עסט דעמ ערשטנ כוידעש קעסט.

אינ שטעטל האָט מענ אימ פאר א שײגעצ געהאלטנ. יאָנטעווּ־דיקע ווײַבער האָבנ וועגנ אימ געשמועסט:

„ער איז האָב אזא גוטער.. ער האָט פּאָשעט קײנ גאל ניט".

אונ מירל האָט געטראכט, אז ער דערוועקט שוינ אינ איר ניט אפילע קײנ יעיצערהאָרע־געפילנ, אונ געקוקט האָט זי שוינ אפ אימ גלײַכגילטיק אונ גלאט אזוי. זײַנ היפש פּאָנעמ איז איצט געווענ באַקאנטער אונ גלעטער ווי פריִער, דאָס קלײנע, צארטע אונ גלײַכ אר'מ־געשווירענע בערדל — רויטער, די וואָנצעס — שיטערער אונ לענגער, אונ די פּולבלעכע נאָז — מיִעסער דערמיט, וואָס זי צעשפּרײט זיכ נאריש בא די נאָזלעכער, אונ מיטנ קוימ־קוימ מערקזאמענ שמאָר, וואָס איז איר, דער נאָז, אפ אײביק פונ די קינדער־יאָרנ פארבליבנ.

ס'האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז ער רעדט שלעכט רוסיש אונ וויל דאַפקע אפ דער שפּראכ מיט דער אקושערקע שאצ ריידנ; אז ער האלט פונ שלאָפנ באטאָג אונ האָט ליב צו דערצײלנ לאנגע, אומינטע־רעסאנטע וועלט־מײַסעס, וואָס פונ זײ באשלאָגט זיכ דעמ צווײטנ מיט א קאלטנ שווײס.

אײנמאָל האָט ער אינ זאל אזא מינ לאנגע מײַסע דאָס צווײטע מאָל דער אקושערקע דערצײלט. פלוצעמ האָט ער באמערקט אפ איר פּאָנעמ עפּעס א באהאלטענעמ איבערפלי־שמײכל, פארפּלאָנטערט זיכ אונ ניט געוווּסט, מיט וואָס די מײַסע צו ענדיקנ. מירל איז דאָרטנ בא דער זײַט געזעסנ אונ האָט געפילט אנ עקל צו אימ, צו זײַנ אוי־

בערפֿלעכלעכער געשאָמע און צו דער לאַנגער אומגעטערעסאַנטער מײַסע, וואָס ער דערציילט זי שוין דאָס צווייטע מאָל. זי האָט ניט געוואָלט וועגן דעם טראַכטן און זיך אָנגעהויבן דערפֿרעגן בײַ דער אַקושערקע וועגן הערצן:

„ווי קלערט די אַקושערקע: ער וועט שוין טאַקע אַהער מער ניט אַראָפּקומען, הערצן?"

נאָר שמוליק האָט די ליטעראַריש באַקאַנטע פֿאַמיליע דערהערט און זיך אין שמועס אַרײַנגעמישט:

„יאָ, ער האָט געלייענט זײַנע ביכער; ער קען אַפֿילו זײַנעם אַ געשוועסטערקינד, אַן אַפּיקוירעס אַ ראָוו".

מירל איז פֿון זײַן אַרײַנמישן זיך געוואָרן אונטערגעצונדן. ס'האָט זיך געוואָלט אים זאָגן, אַז ער דערציילט אַ ליגן; אַז ער פֿאַרשטייט ניט דאָס, וואָס ער האָט געלייענט. אָבער זי האָט זיך אָפּגעהאַלטן, אָפּגעטראָגן מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם כּעס צום פֿענצטער און איז דאָרטן געשטאַנען, ביז זי האָט זיך באַרויִקט.

זי האָט געטראַכט:

„וועלוול בורנעס — ער איז געוויס מער פֿאַרגרעבט פֿון אים, שמוליקן, נאָר דאָך... קיין עקל רופֿט ער יעדנפֿאַלס ניט אַרויס".

אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען שמוליק האָט זיך איר איינמאָל איבערן שטעטל נאָכגעשלעפּט, האָט זי דערזען פֿאַר אַווראָם־מוישע בורנעסעס שטוב וועלוולס וואַרטנדיקע פֿור. זי האָט זיך צוגעשטעלט און, ניט קוקנדיק צו שמוליקן, געזאָגט:

„ער איז איצט דאָ אין שטעטל, דער געוועזענער כּאָסן אײַערער? ווען ער האָט ניט אַזעלכע נימעסע טאַטע־מאַמע וואָלט זי איצט מיט גרויס פֿאַרגעניגן צו אים אַרײַנגעגאַנגען".

און ס'איז געווען אַזוי פֿאַרדראָסיק.

אים, שמוליקן, האָט עס לאַבלוטן ניט אָנגערירט — אַזאַ וואַ־טעריקער איז ער שוין געווען, און אַזאַ אויבערפֿלאַך־קאַלטע געשאָמע איז שוין אין אים געזעסן. געבנדיק אַ קליינעם שמאָר מיט דער נאָז, האָט ער באַלד ווײַטער גענומען דערציילן, וויאַזוי זיי, ער מיט מירלען, וועלן וווינען ניט צוזאַמען מיטן פֿאָטער אין דער גרויסער אַלטע.

שטוב, זײ װעלנ װױנענ אינעמ קלײנעמ, ניט לאנג אויסגעמויערטנ פליגל, װאָס שטײט אינ עק סאָד און גײט ארויס מיט די פאָרנטיקע פענצטער צו דער שטילער גאס פונ פאָרשטאָט.

רײדנדיק האָט ער זיך געפילט מיט איר שטאַרק הײמיש און זי אונטער דער האַנט אָנגענומענ. נאָר זי האָט, ניט קוקנדיק צו אים, זיך באַפרײַט, זיך עטװאָס אָפּגערוקט און באַקומענ א שטרענג פּאָנעמ.

„זי האָט פײַנט, אַז מ'האַלט זי אונטער דער האַנט... פונ טאָמער אָנ האָט זי עס פײַנט, און האָט אים שוינ עטלעכע מאָל װעגנ דעמ געזאָגט".

זי האָט געשװיגנ דעמ גאַנצנ װעג און צו אים ניט געקוקט.

אינ דער הײמ האָט זי זיך דערמאָנט, אַז שמוליק װעט שוינ געװיס אײַנגיכנ אַװעקפאָרנ, און האָט דערפילט, װי ס'װערט איר מיט־אַמאָל גרינגער אינ מויעכ און אינ האַרצנ. זי איז נאָכדעמ געשטאַנענ אינ דער טכילעס־נאַכטיקער פינצטער, װאָס בײַ איר אינ כײדער, גע־קוקט אינעמ טונקעלנ פענצטער און געטראַכט װעגנ דעמ:

„ר' גדאליע װעט שוינ אַליכ געװיס אַפּ גאַנצע װאָכנ אײגעמ נײַעמ קאַשפּערװיקער װאַלד אַװעקפאָרנ".

אינ שטוב אַרײַנ װעט זיך צוריק די פאַרפײַסעכדיקע שטילקײַט אומקערנ; און זי, מירל:

„זי װעט דאָ שוינ װידער קאָנענ בלײַבנ אײנע אַלײנ... יעדנפאַלס כאָטש אײנע אַלײנ".

★

ס'איז שוינ געװענ מאַמעש א הײסער זומערדיקער פרימאָרגנ, און א צעגליטע מיזרעכדיקע זונ האָט פונ קאַיאָר אָנ אנטקעגנ די פאָרנטיקע אָפענע פענצטער געשװינדלט, הײס געמאַכט די שױבנ מיט די שאַ־לאַװאַניעס און געשפּילט מיט איר שײַנ אױפ די פּאָדלאָגעס און אױב די װענט.

בײַ ר' גדאליען אינ שטוב איז מענ דעמסטמאָל פריִער װי אַלע־מאָל אופגעשטאַנענ און געגרײט שמוליקנ אינ װעג. צו מירלענ אינ פינצטערנ כײדער האָט זיך געהערט, װי אינ עסצימער טרינקט מענ טײ מיט מילכ, װי ניטעלע פרעגט דאָרטנ בײַ שמוליקנ, װוהינ זי זאָל

אױף דאָס פֿוטערנעבעקס אַרײַנלײגן, װי ס׳קומט אַהין אַרײַן פֿאַר דאָװנען אװרעמל דער דאַװ און זאָגט װעגן שמוליקן אױפֿן קאָל:

„אַפֿילע, אַז ער װעט אַרױספֿאָרן צװעלף אַזײגער, װעט ער דאָך אױך צום צוג אָנקומען".

אין הױף האָט מען געװאַשן די ברישקע, פֿאַרװאָרפֿן די פֿערד האָבער און באַשטעלט אַ גוּדרונגענעם באַלעגאָלע, װאָס מיט אים האָט ר׳ גדאַליע באַלד נאָך שמוליקן געזאָלט אין קאַשפּעריװקער װאַלד אַװעקפֿאָרן.

װען מירל איז אױפֿגעשטאַנען, איז שױן געװען שפּעט, אַרום צען אַזײגער. אַ גאַנצע האַלבע זײַט שטוב איז שױן געטאָן קורצע פֿאַרנטיקן שאָטן פֿאַרכאַפּט געװען, אַ װינטל, אַ קװיט־קװיט בלאָזנדיקס, האָט אַהין דורך די אָפֿענע פֿענצטער אַרײַנגעדרונגען און שװאַך מיט די לאַנגע פֿאָרהאַנגען גערודערט.

מירל האָט אָפּגעטרונקען טײ אין עסצימער באַם טיש, װוּ ס׳זײַנען געזעסן ר׳ גדאַליע מיט אװרעמל דעם דאַװ. שמוליק האָט זיך דאָרטן לאַנג און די טפֿילין אַרומגעדרײט. ער האָט געדענקט, אַז אין כעשעב פֿון די לעצטע צװײ טעג האָט מירל צו אים קײן װאָרט ניט אױסגערעדט, זיך געפֿילט שלעכט און באַלײדיקט, געקוקט, װי זײַנע פּיס שפּאַנען איבער דער פּאָדלאָגע. סאַמאָקל אײנמאָל האָט ער אין אַלאַכסן צו איר די אױגן אױסגעדרײט און האָט געזען: זי קוקט ניט צו אים, נאָר צום בעקאָװעדיקן מעכאַניק, דעם דײַטש, און הערט, װי ר׳ גדאַליע זאָגט צום קאַסיר:

„דרינגט ער, אַז די זעג־מאַשין איז גלײַכער אַװעקצושטעלן באַם קלײנעם יאַר, דאָרטן... נאָך דער זעקס־און־אַכציקסטער דעסיאַטין".

★

אין אַ װײַלע אַרום איז ער שױן אָן די טפֿילין צו איר אין כײדער אַרײַנגעקומען און זי דאָרטן געטראָפֿן אײנע אַלײן באַם אָפֿענעם פֿענצטער.

זי איז געשטאַנען צו אים מיט די פּלײצעס און זיך ניט אומגעקוקט. ער האָט באַלד באַקומען אַ פֿולן מױעך מיט פּוסטקײַט. זײַן פּאָנעם איז געװאָרן געלער פֿון רעגע צו רעגע. ער האָט אָפּ עפּעס געװאָרט.

פּלוצעם האָט זיך מירל צו אים אויסגעדרייט און האָט גענומען פֿאַר אַ בײַשפּיל די לעצטע צוויי טעג:

„אָט אַזעלכע טעג קאָן ער האָבן פֿון איר פֿיל, פֿיל... ער וועט זיך פֿילן מיט איר אומגליקלעך אַלע זײַנע יאָרן".

און וואָס נאָך? זי, מירל, האָט אים ניט ליב און קאָן מיט אים ניט כאַסענע האָבן... זי פֿאַרשטייט בכלל ניט, נאָך וואָס באַדאַרף ער זי. ער קאָן נאָך גרויס טאָן מיט זיך אַ גוטן שידעך. זי ווייסט ניט קלאָר, וואָס פֿאַר אַ פֿרוי ער וויל. נאָר אָט זײַנען, לעמאָשל, דאָ אין שטעטל בורנעסעס צוויי מיידלעך פֿאַראַן:

„וועמען פֿון זיי ער וואָלט ניט נעמען, וואָלט אים שוין געווען בעסער געווען, ווי מיט איר, מירלען".

ווען זי האָט זיך נאָך אַ היפּשער פֿרישע גאַנצמאָל צו אים אויסגעדרייט, זײַנען שוין בײַ אים אין די אויגן געשטאַנען טרערן. צוויי טראָפּנס זײַנען פֿאַמעלעך פֿון זיי אַרויסגערונען און זיך פֿאַמעלעך איבער דער נאָז געשלעפּט און די נאָז האָט זיי דערפֿילט און געענטפֿערט אויף זייער נאַסן קריכן מיט אַ שטילן שמאָר אַרויס.

מירלען איז מיטאַמאָל גרינגער און פֿרײַ געוואָרן, און אַ מאַכשאָווע איז בײַ איר געשווינד וועגן זײַן וויינען אַדורכגעלאָפֿן:

„הייסט עס, אַז ער האָט שוין בײַ זיך געפּוילעט..."

זי האָט אויף זיך באַלד דעם שוואַרצן שאַרף אַרופֿגעוואָרפֿן, זיך געלאָזט אַוועקגיין און פֿון דער טיר צום לעצטן מאָל אויף אים אַ קוק געטאָן:

„הייסט עס, אַז זיי גייען זיך פֿאַנאַנדער... זי ווינטשט אים אַלץ בעסטע און וויל אים צום לעצט בעטן איין זאַך: זאָל ער דאָ אין שטוב קיין ראַש ניט אָנמאַכן און זיך ביז סאָף פֿירן אַזוי, גלײַך ער איז נאָך איר כאָסן. קיינעם, בעט זי אים, זאָל ער איצט דאָ אין שטוב וועגן דעם ניט זאָגן. אירע פֿאָטער און מוטער באַדאַרפֿן עס געוואָר ווערן שפּעטער, ווען ער, שמוליק, וועט שוין דאָ ניט זײַן... זי אַליין האַלט אים געווען פֿאַר אַ לײַטישן מענטש און גלייבט, אַז ער וועט עס פֿון אירטוועגן טאָן".

אָנגעבאָמערקט פֿאַר אַלע שטובמענטשן האָט זי זיך דורך דער

הינטערשטער קיכ־טיר אינ דרויסנ ארויסגערוקט אונ איז אוועקגע־גאַנגענ צו דער אַקושערקע שאַוצ.

זי האָט דאָרטנ מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט, די צײַט פונ פאָרנ צום צוג זאָל איבערגײנ. געלעגנ בײַ דער אַקושערקע אינ בעט אונ געטראַכט:

„איז שוינ, הייסט עס, אנ עק... סאַפּקאַלסאַפּ פּאַטער געוואָרנ פונ אים, שמוליקנ, אונ פונ די טנאָים, וואָס האָבנ זי צו אים צוגעבונדנ“.

XIII

ווענ מירל האָט זיכ פונ דער אַקושערקע אַהײם אומגעקערט, איז שוינ געווענ אַרום דרײַ אַזײגער באַטאָג. קורצע טונקעלע שאָטנס זײַ־נענ דורכויס לעבנ די הײַזער געלעגנ אונ האָבנ צוזאַמענ מיטנ גאַנצנ שטעטל געצויגנ די לאַנגווײַליקײט פונעם נודנעם אונ הייסנ טאָג.

אַרום אונ אַרום ר' גדליע הורוויצעס שטוב איז געווענ אַזוי שטיל אונ רויק. א מאַזער האָט געדרימלט הינטער איר אײנעם בלאָטיקנ גרוב, וווהינ מ'האָט דאָס קיכ־וואַסער געגאָסנ, אונ די טיר פונ פאָרנ־טיקנ גאַנעק איז געווענ געשלאָסנ פונ אינעווײניק, ווי אום שאַבעס. מ'איז דאָרטנ, אַפּאַנעם, געשלאָפנ באַטאָג.

מירל איז אַרײַנגעקומענ אינ הויף אונ האָט זיכ אַרומגעקוקט. די בריטשקע, וואָס שטייט טאָמעד אונטערנ קלײנעם שופּדעכל, איז שוינ דאָרטנ ניטאָ, די שטאַל איז אויכ געשלאָסנ אונ לײדיק.

„הייסט עס, אַז די פור האָט טאַקע שמוליקנ צו דער באַנ אָפּ־געפירט, ר' גדליע איז שוינ אויכ אינ קאַשפּערוווקער וואַלד אוועק־געפאָרנ, אונ קײנער איז אינ שטוב, אַחוץ גיטעלענ, ניטאָ, איר, מירלענ, ווילט זיכ שוינ איצט אַזוי אַהינ, אינ אָט דער שטילער שטוב, ווו ס'איז קײנער ניטאָ“.

אינ דער קיכ, וואָס בײַ איר אינ כײַדער, וועט זי לאַנג ליגנ אַזאַ אײנ אָרט, אינ וועט דאָרטנ אינ דער שטיל טראַכטנ וועגנ זיכ אונ וועגנ דעם, וואָס זי איז שוינ צוריק פרײַ, אונ אינ איר לעבנ קאָנ נאָכ עפּעס געשענ.

870—11

אָבער נאָכ אינ עסצימער האָט זי שוינ איר טאָעס באַמערקט אונ מיטאַמאָל פאַרגעסנ, וואָס זי האָט פריער מיט א רעגנ געטראַכט.

די שטוב איז געווענ פול מיט סוידעס אונ מיט איבערגעשראָקענעמ טומל, וואָס מ'האָט באַרבאַרג פונ דער שטאָט אינ פונ די מענטשנ, וואָס זײַנענ געווײנט אַהער אַרײַנצוקומענ.

מ'האָט זי גערופנ אינ דעמ פאַרמאַכטנ זאַל, וו מ'איז געזעסנ אַרומ דעמ פאַרוויינטנ אונ דערשלאָגענעמ שמוליקנ אונ אימ צו פיל געבעטנ, ער זאָל אויסטרינקענ זײַנ קאַלטע גלאָז טיי. איבעררײדנ האָט מענ דאָרט מיט איר געוואָלט פאַר שמוליקנ אינ די אויגנ, אונ א פאָר לײַטישע שײַלעמ זײַנענ שוינ פאַר איר אָנגעגרייט געווענ. נאָר זי האָט אַהינ ניט געוואָלט גייג. זי האָט זיכ פאַרשלאָסנ בא זיכ אינ ביידער, זיכ דאָרטנ געפילט שטאַרק געדריקט אונ שלעכט אונ געטראַכט:

„איינגעטלעכ איז זי, מירל, געווענ אַזוי נאַריש אונ קינדעריש נאַיוו... ווי האָט זי אפילע געקאָנט קלערנ, אַז אַלצ וועט זיכ ענדיקנ אַזוי גיכ אונ אַזוי גרינג?..“

★

מ'האָט זיכ די גאַנצע צײַט געהאַלטנ אייצעס אינ דעמ פאַרמאַכטנ זאַל, פונוואַנענ שמוליק איז זעלטנ אַרויסגעגאַנגענ.

אַזורעמל דעמ ראָוו האָט מענ אינ מיט די אייצעס אַרײַנגעמישט, דעמ קאַסיר האָט מענ פונ שטוב ניט אַרויסגעלאָזט, אונ אַרויסגערופנ האָט מענ מיט א דעפעש יענעמ גוטנ פרײַנט פונ זײַדענאָווסקיס הויזגעזינד, וועלכער איז אַהער פאָבריקנ ווינטער צוגעשיקט געוואָרנ.

אינאָוונט איז ר' גדאַליע צו מירלענ אינ ביידער אַרײַנגעקומענ אונ האָט בא איר געפרעגט:

„וואָס וויל זי? זי קאָנ זאָגנ, וואָס זי וויל?“

מירל האָט געהאַט אַנ ערנסט פּאָנעמ. זי האָט געענטפערט באַרוי־גיג אונ קאַלט:

„זי וויל גאָרנישט... זי וויל, מ'זאָל זי לאָזנ צורו“.

ר' גדאַליע האָט זיכ אומגעקוקט צו דער טיר, וואָס פירט אינ זאַל אַרײַנ, אונ האָט געזאָגט וועגנ שמוליקנ שטיל, גלײַכ ער וואָלט מורא האָבנ, עמעצער זאָל אונטערהערנ:

„יענער וויל ארויסרופן אהער די עלטערן זײַנע... ס׳איז פּאָשעט א ביזיון פאר דער שטאָט".

און נאָך:

„עפּשער מיינט זי, אז די געשעפטן זײַנע האָבן שוין געליקלעך צו גיין אָנגעהויבן? עפּשער קלערט זי, אז די פופציק פּראָצענט, וואָס ער האָט אין קאָשפּעריוקער וואַלד, וועלן אים קלעקן מער, ווי אָפּ אויסצוצאָלן די כובות און אָפּצולעבן מיט גרויס כבוד א פּאָר שטילע יאָר?"

ער איז דאָ א ווײַלע געשטאַנען און האָט געטראַכט וועגן זײַנע לעצטע ווערטער.

ער זאָגט איר נאָכאַמאָל: זיי, ער מיט גיטעלען, נעמען פון זיך אַראָפּ די אחריות... זאָל זי טאָן, ווי זי פאַרשטייט.

ס׳איז געווען קלאָר: זיי, די פּאָטער־און־מוטער אידע, האָבן שוין געטאָן צוליב איר אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט. איצט מאַכן זיי זיך באַלעבאָס אָפּ זיך אַליין און זאָגן:

„טו וואָס דו ווילסט".

איר איז נאָך ר׳ גדליהס אוועקגיין געוואָרן נאָך שווערער, ווי פריער, און שרעקן האָט זי אָנגעהויבן איר קומענדיקע איינזאַמקייט:

„זיי, ר׳ גדליה מיט גיטעלען, וועלן זײַן די איידעס פון אָט דעם אומענדלעך עלנטן לעבן; זיי וועלן וועגן דעם קיינמאָל ניט רײדן, נאָר זיי וועלן טראַכטן: „נו, וואָס קאָנען זיי העלפן?"

באַנאַכט האָבן זיך איר געבאָלעמט די באַרויִקטע בענעמער פון שמוליקס עלטערן, וואָס האָבן זיך דאָ אין שטוב שאַנלאַנג אין איין פּאַקן געהאַלטן און צו קיינעם ניט געוואָלט א וואָרט אויסריידן. פּלוצעם איז זי מיטן טאָגליכט אויסגעוואַקסן לעבן פענצטער און האָט דערזען זייער איינענע אָפּפאָרנדיקע פור. אויבנאָן זײַנען דאָרטן געזעסן אַוראָם־מוישע בורנעס מיטן ווײַב, און צווישן זיי איז שמוליק געווען אײַנגעוויקערט־אײַנגעדרייט, שמוליקס קאָפּ איז געווען אַראָפּגעלאָזן, זײַנע אַקסלען האָבן געציטערט פון אײַנגעהאַלטענעם כליפּען, און זיי, אַוראָם־מוישע בורנעס מיטן ווײַב, האָבן ביידע געשטאַרבעט

דעמ קליינעמ שייגעצ, דעמ אָנטרײַבער, אונ אימ געאײַלט, ער זאָל טרײַבנ וואָס געשווינדער צו דער באַנ.

ווענ זי האָט זיכ גאַנצפֿרי פֿונ שלאָפֿ אויפֿגעכאַפּט, האָט זי קווי־דעמאָל אַ טראַכט געטאָנ, אַז שמוליקס עלטערנ זײַנענ נאָכ דאָ אינ שטוב ניטאָ. חער דריקנדיקער קאָשמאַר האָט איר נאָכלאָזנ אָנגעהויבנ, אינ זי געלעגנ אינ בעט, געקלערט, אַז ס'איז נאָכ געבליבנ צײַט אַפֿ צו כאַפּנ צוריק, אונ זי, מירל... זי קאָנ זיכ נאָכ באַטראַכטנ אונ באַ־שליסנ באַ זיכ כאַסענע האָבנ מיט שמוליקנ ניט אַפֿ אייביק, נאָר אַפֿ דערווײַל, ביז אַ צײַט.

★

מירל איז צוריק שאַלעמ געוואָרנ מיט איר כאָסנ, אונ די כאַסענע איז נאָכאַמאָל אָפּגעשטעלט געוואָרנ אַפּ שאַבעס נאָכ שוועס.

מ'האָט געשמועסט ווענ די שפּאָגל־נײַע טנאָימ, וואָס מירל האָט פֿונסנײַ מיטנ כאָסנ אויסגענומענ:

„לעבנ מיט איר, ווי אַ מאַנ מיט אַ ווײַב, זאָל ער זיכ ניט ריכטנ. אונ זי, מירל...

זי מעג אוועקגיינ אַפּ אייביק פֿונ אימ אונ פֿונ זײַנ שטוב אינ יעדער צײַט, וואָס איר וועט זיכ פֿאַרוועלנ".

ווענ וואָס איז דאָ שוינ שײַעכ געווענ צו קלערנ?

שמוליק זײַדענאָווסקי האָט געוויס נאָכ איצט אויכ געקאָנט דעמ גליקלעכסטנ שידעכ טאָנ. אויב ער האָט באַ זיכ געפֿוויעלט לעבנ מיט מירלענ אייביק, ווי אומ יאָנקיפּער, איז דאָס שוינ נאָר געווענ דערפּאַר, וואָס זי איז אימ שוינ עפּשער ניט ווינציקער, ווי וועלוול בורנעסנ אײַנגעבאַקנ אינ האַרצנ געווענ. אָבער די מײַסע אַלײנ איז דאָכ שטאַרק אינטערעסאַנט אונ טשיקאַווע געוואָרנ, אונ קעדײַ איז פֿונסנײַ געווענ צו באַלאַגערנ טיר אונ פֿענצטער אונ צו זענ, ווי אַפֿ דאָס פּאָרל שפּאַצירט איבער דער לאַנגער גאַס — אַ פּאָרל, וואָס וועט לעבנ ניט ווי מאַנ אונ ווײַב, נאָר עפּעס מעשוגע אונ אַנדעריש, ווי קיינ פֿאַרפֿאָלק האָט נאָכ ביז הײַנטיקנ טאָג דאָ אינ שטעטל ניט געלעבט.

שמוליק האָט שוין איצט איבער עפּעס אַלעמען אויסגעזען, ווי אַ הייליקער מאַנצבל. פאַר באַקאַנטע האָט ער נאָך, ווי פריִער, דערציילט לאַנגע, גוטע מעשׂיות, נאָר זײַן קאָל איז שוין געווען שטיל, ווי בא אַ יוירער, דאָס פּאָנעם אומעטיק, און געדוכט האָט זיך, אַז ער פאַסט. מענטשן האָבן געפילט צו אים אַ ראַכמאָנעס און האָבן באַקלאָגט זײַן מאַזל:

„מאַלט אײַך: ס'איז אַזאַך־און־ווי צו אים אויך... ער איז נעבעך אויך גוט אַרײַנגעפאַלן“...

און מירל האָט זיך נאָך שפּאַצירנדיק איבערן שטעטל אַזוי שטרענג מיט אים געפירט, ער האָט שוין אַפילע ניט דערוועגט זיך זי אונטער דער האַנט אָנצונעמען.

און אינמיטן דער גאַס האָט זי איינמאָל עפּשער אַף אַ האַלבער שאָ־צײַט אָן אים פאַרגעסן און האָט זיך אָוועקגעשטעלט ריידן מיט בראָכע דער שוסטערן, וואָס בא איר האָט זי אַמאָל זעקס כאַדאָשים צײַט געוווינט.

„יאָ, האָט זי צו דער בראָכען גאַנץ ערנסט געזאָגט, אײַער שטוב פּאַסט אײַך, איך מוז זי געווים נאָך הײַנטיקן זומער איבערבויען“.

אַרום און אַרום זײַנען לײַט אַף זייערע גאַנקעס געשטאַנען און האָבן געגאַפט:

„גוואַלד געשריִען: אָט דאָס טוט מען, בעשאַס מע גייט שפּאַצירן מיט אַ כאָסן?“

און זי האָט נאָך געהייסן, בראָכעס מאַן זאָל קומען שמוליקן אַ מאָס אָפּ אַ פּאָר שיך אָראָפּנעמען, און האָט אָט דער שוסטערן נאָך געשריִען אָפּן קאָל:

„נישקאָשע, אײַער מאַן איז אַ גוטער באַלמעלאָכע, ער נייט געווים ניט ערגער פון די שוסטערס, וואָס אין די גרויסע שטעט“.

XIV

שמוליק איז נאָכהער אַף גאַנצע אַכט טעג דאָ אין שטוב פאַרבליבן. ער האָט געהאַט אַ דערשלאָגענעם אויסזען און אָפּגעלייגט זײַן נעסיע פון טאָג אַף טאָג.

ווענ ער איז אהיים אוועקגעפאָרנ, האָט זיכ דאָ אינ שטוב שוינ שטארק די נאָענטע באסעיע געפילט, און אינ קיכ האָט שוינ א זײַ־לעבדיקנ מעסלעס אינ אויוונ געברענט. מער פונ א האלב טוצ ווײַבער האָבנ דאָרטנ געשווינד מיט די נאסע פארקאטשעטע הענט געררודערט, געשיילט מאנדלענ, געקלאפּט אייער, געשטויסנ צימרינג — און אלצ אונטער דער השגחה פונ א פרעמדער הייזעריקער סארווערנ, א יידענע אינ בלויע ברילנ, וואָס האָט גערעדט ווינציק, ווי א גוטיידישע אלמאָנע, און געטאָנ געשווינד, ווי פאר צענ.

ר׳ גדאליע איז, ווי פריער, גאנצע וואָכנ אָפּגעווענ אינ קאשפּעריוור־קער וואלד.

אינ שטוב האָט שוינ דערווײַל באלעבאטעוועט גיטעלעס פרעמד־שטעטלדיקע אָרעמע קרויווע, און די פּאָרנטיקע באדאָרימ זײַנענ שוינ פיל געווענ מיט דער היפּשער קאָמפּאניע ווײַבערשע שנײַדערס, וועלכע זײַנענ מיט מירלס האלב־אופגענייטע קליידער פונ קרײַז־שטאָט אראָפּ־געקומענ און האָבנ זיי דאָ אינ שטאָט פארענדיקט.

אינ שטאָט גלייבט מענ נאָכ אלצ ניט, אז מירל האָט בעממעס באסענע, און א שמועס מאכט מענ נאָכ וועגנ דעמ בא אווראָמ־מוישע בורנעסנ אינ עסצימער:

„ווארט און האָט ביטאָכנ, זי וועט נאָכ אימירצעשעמ זײַדענאָווס־קינ אויכ די טנאָימ אָפּשיקנ".

צו ר׳ גדאליענ אינ שטוב קומענ שוינ פונ א צײַט ניט ארײַנ ניט די אקושערקע שאצ און ניט דער פּראָוויזער־געהילפ סאפיאנ. בײדע שפּאצירנ זיי אלע טאָג אראָפּ דעמ שטעטל, ווערנ אלצ מער פאר־פרעמדט צו מירלענ און געפינענ שוינ אינ איר קיינ אינטערעס ניט.

„און מיט וועמענ זאָלנ זיי זיכ טאקע דאָ אינטערעסירנ? זיי האָבנ קיינמאָל קיינ באסענע־מיידל ניט געזענ?"

און מירל אליינ ווייס שוינ, אפּאָנעמ, אויכ, אז זי איז די לעצטע צײַט שטארק אראָפּגעפאלנ; ווייס עס, בעשאס זי שטייט א גאנצנ באַ־טאָג אינעמ שטילנ, מיט וועש פארוואלגערטנ ביידער; ווייס עס, בע־שאס זי לייגט אָפּ די וועש צונויפ און בייגט זיכ דערמיט אינעמ אָפּע־

נעם נאָדל־קאַסטן. אַרום און אַרום איר גייט זיך רעגלמעסיק פֿאָרויס די ערעוו־באַסעגעדיקע אַרבעט, און אינמיטן דער שטילקייט, וואָס אין די קילע באַראַקן, הערט זיך פֿון צײַט צו צײַט דער הייזעריקער קלאַנג פֿון דער גרויסער שנײַדערשער שער. ס'פּרוּווט אָט די שטילקייט אויפֿרודערן איינער פֿון די באָכערים־אַרבעטער, וואָס זיצט אָנגעבויגן איבער זײַן נײ־מאַשין און דרייט זי אונטן געשווינד מיט אַ פֿוס. אומגעריכט פֿאַר אַלעמען טוט ער פּלוצעם אַ זינג מיטן גאַנצן קאָל:

אוי, מײַן געליבטע!
אין אַ ווײַטן וועג
פֿאָר איך אַוועק.

און נאָכדעם הערט זיך שוין נאָר דאָס איינזאַמע קלאַפּן פֿון דער געשווינד שטעפּנדיקער מאַשין, הערט זיך לאַנג, הייזעריק און בייז און ווערט צולעצט פֿאַרשוויגן. אינעם קעגנאיבערדיקן ווינקל גרייט זיך שוין שטעפּן אַ צווייטע מאַשין. און הינטער אָפֿענעם פֿענצטער הענגט דערווײַל אַרײַן דאָס לעבעדיקע שטאָט־ווינטל, בלאָזט פֿאַמעלעך אויף אַ פֿאָרהאַנג הויך, הויך ביז צום באַלקן און באַווײַזט, אַז אינעם סאָפּ־אַפּרעליקן דרויסן זײַנען די הימלען עטוואָס פֿאַרטונקלט, און אַז ווײַט, ווײַט, אין די גויִישע פֿעלדער בליִען שוין צײַט עטלעכע טעג די ביימער.

מירלען רופֿט מען אין זאַל אַרײַן אַ קלייד מעסטן. אַ שטיק צען שנײַדער־יונגען פֿאַרגעסן דאָרטן מיטאַמאָל אָן זייערע אָנגעהויבענע נאָדלען, גלאָצן אויס די אידיאָטישע אויגן און קוקן אויף אירע נאַקעטע פּלייצעס און הענט. און זי שטייט אינעם נײַפֿאַרסטריגעטן קלייד אַקעגן גרויסן שפּיגל און געדענקט:

„אָט איז זי, מירל, עפּעס געווען און האָט עפּעס שטאַרק ניט געוואָלט... און איצט איז זי געגאַרנישט און געפֿאַלן, און ווייס לאַבלוטן ניט, וואָס מיט איר וועט זײַן ווײַטער, און מעסטן מעסט זי זיך אַליין, מישטיינס געזאָגט, אָט די באַסעניע־קליידער אירע“.

פּלוצעם ווערט זי אויפֿגערעגט און בייז און שטופּט אָפּ פֿון זיך דעם שנײַדער, וואָס בעט זי שטיין גלײַך:

„וואָס וועט ער איר דערציילן מייסעס, דער שניידער? אז די גאנצע פלייצע קנייטשט זיך, און דאָס גאנצע קלייד איז באַגראָבן אין דער ערד".

★

און איינמאָל באַטאָג איז זיך אַזוי אַף ר' גדאַליע הורוויצעס גאנ׳ק געשטאַנענע איינע פון די קרייז־שטאָטיקע מיידלעך שניידערינס און האָט דאַרטן אין דרויסן געפּרעסט אַ ניי זיידן קלייד. דאָס מיידל האָט דאָרטן אַלעמאָל גענומען דעם הייסן אייזן אין האַנט, געשפּריצט דאָס וואַסער מיטן מויל און געהערט, ווי אין שטוב כאַפּט אוים איין מאַשין בא דער צווייטער דאָס שטעפּן. ווייט, ווייט אַרום דער מיזרעכדיקער שטאָט־בריק זיינען פאַמעלעך איינע נאָכן צווייטן אָפּגעשטאָרבן די רעגלמעסיקע קלעפּ פונעם שמידישן האַמער, און אין שטעטל איז געווען שטיל. פּלוצעם האָט זיך פון יענעם זעלבן ע׳ שטאָט געלאָזט הערן דאָס קלינגען פון אַ פּאָר פרעמד־שטעטלדיקע גלעקער, און אַן אומבאַקאַנטע בעלאַגאָלישע פור האָט זיך אַהער אַלץ נעענטער און נעענטער גענומען רוקן. אַ פרעמדער וווקסיקער באָבער איז אויבנאָן אַף אָט דער פור געזעסן און האָט פאַרביי־פאָרנדיק ניט אַראָפּגעלאָזן קיין אויג פון ר' גדאַליע הורוויצעס שטוב. דאָס מיידל האָט אַף אַ ווײַלע פאַרגעסן אָן קלייד, וואָס זי פּרעסט, באַגלייט פור מיט די אויגן ביז צו די ערשטע גויִשע סעדלעך און זיך באַרויִקט:

„מיסטאָמע אַ פרעמדער... מיסטאָמע נאָר אַדורכגעפאָרן".

נאָר אין אַ ווײַלע אַרום איז עמעצער גאַנץ רויִק אַהער אין שטוב אַרייַנגעקומען און דערציילט שטיל, ווי אָן לונג און לעבער:

„צו דער אַקושערקע, זאָגט מען, איז ווידעראַמאָל געקומען דער פאַרפּייסעכדיקער גאַסט".

מעסטנדיק אַ ניי קלייד, איז דענסטמאָל מירל געשטאַנען אַנטקעגן שפּיגל מיט נאַקעטע אַקסלען און מיט אַ הייס פלאַמענדיקן פּאָנעם.

„ווער? האָט זי מיטאַמאָל באַקומען ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטע דערשטוינטע אויגן, ווער, זאָגט מען, איז געקומען?"

און נאָך איידער מ'האָט איר געענטפערט, האָט זי שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן אינעם עלטסטן שניידער, וואָס איז לעבן איר אַף די

נגי געשטאַנענ און זי פונ אַלע זײַטנ אַרומגעשפּיליעט מיט שפּילקעס. זי האָט געשווינד פונ זיכ דאָס ניט־דערמאָסטענע קלייד אַראָפּגעריסנ און זיכ געכאַפּט צוריק צומ וואָכעדיקנ קאָפּטל.

דער שנײַדער איז געוואָרנ אויסער זיכ, אויסגעדרייט דאָס פּאָנעמ צו די צוויי אַרבעטער, וואָס זײַנענ צוליב אָט דעמ קלייד אָנ אַרבעט געבליבנ, און האָט אָנגעהויבנ ווישנ דעמ שווייסיקנ שטערנ.

„מאַלט אײַכ, מירעלעס קאַפּריזנ... ער קענ זײַ שוינ פונ גאַנצ לאַנג. נאָר איצט איז ער געווענ זיכער, אַז מ׳וועט דינסטיק אינ אָוונט די אַרבעט ענדיקנ און מ׳וועט פרײַטיק גאַנצפרי קאָנענ אַהיימ פאָרנ״.

נאָר בײַ מירעלענ האָבנ שוינ געציטערט די ליפּנ, בײַם די פינגער האָבנ אַפ זיכ געשווינד דאָס קעלנערל פונ קאָפּטל פאַרקנעפּלט:

„וואָס וויל ער פונ איר, דער שנײַדער? זי ווייס לאַכלוטנ ניט, וואָס ער וויל״.

זי איז געשווינד פונ זאַל אַרויס און אינ גרויס אומגעדולד גענומענ אַפ עמעצנ וואַרטנ. יעדעס מאָל, וואָס די דרויסנטיר האָט אַ קלאַפּ געטאָנ, איז זי פונ איר בײַדער אינ עסצימער אַרײַנגעלאָפנ און אויפגערעגטערהייט געשיקט דאָס דינסטמיידל אַ קוק טאָנ אינ פּאָרשטיבל.

„אונו, ווער? ווער איז אַהינ אַרײַנגעגאַנגענ?״

★

און פאַרנאַכט איז שוינ בײַ איר די שטימונג געווענ אַזוי געפאַלנ און דאָס פּאָנעמ אומעטיק און מיד.

קיינער איז צו איר אַהער ניט געקומענ.

איינע אַליינ איז זי געזעסנ אַפ די טרעפּלעכ פונ גאַנעק, זיכ געהילט אינעמ זומערדיקנ שאַל און געקוקט, ווי די פאַרגייענדיקע זונ רויטלט נאָכ האָ און דאָרטנ די שפּיצנ פונ די שטרויענע דעכער. ערגעצ־ווו האָט אינאָוונט אַ וואַכ, וואָס פאַר אַ „בענ־זאָכער״, באַדאַרפט פאַרקומענ. האָט מענ אַהינ געטראָגנ פונ מאַרק אַ פערטל־עמערדיקע שטאָפּ ווײַנ. דער ווײַנ האָט זיכ געכליאַפּעט אינ דער גרויסער פלאַש, געשימערט אַקעגנ דער פאַרגייענדיקער זונ און אויסגעזענ צופיל לויכטער און רויט. ס׳האָט זיכ געמאָלט די שטוב, ווו אָט די וואַכ וועט אינאָוונט פאַרקומענ; ס׳האָבנ זיכ געמאָלט די געגרייטע טישנ, די

יידנ מיט די באשײנטע פענעמער, וואָס וועלנ ארומ זײ זיצנ און וועלנ לעבאָיִמ טרינקענ. און ווײט, ווײט ארויס דעמ שטאָטישנ דאָרף האָט זיכ געמאָלט א צווייטע גוייִשע האלבע שטוב, וואָס וועט הײנט ביז שפּעט אינ דער נאכט זײנ באלויכטנ, זיצנ וועלנ האָרטנ די אקושערקע מיט הערצנ, זיצנ וועט דאָרטנ אויכ דער פּראָוויזאָר-געהילפ סאפּיאנ. און אלע וועלנ זײ, רײדנדיק וועגנ פארשיידענע איניאָנימ, וויסנ, וואָס עס איז געשטאנענ אינעמ בריוו, וועלכנ זי, מירל, האָט באלד נאָכ פּייסעכ אוועקגעשיקט. נאָר יעדער באזונדער וועט וועגנ דעמ קיינ וואָרט ניט דערמאָנענ און יעדער באזונדער וועט געדענקענ ערגעצ-ווּ בא זיכ אינ מויעכ:

„וועגנ וואָס איז דאָ שײעכ צו רײדנ?.. א נארישע מײסע מיט א בריוו. נאָר, נאָר א נארישע מײסע מיט מירלס א בריוו...“

★

אפ מאָרגנ גאנצפרי האָט די אקושערקע געכאפּט א פרעמד פערד און וועגל, געפלויגנ מיט דעמ איבעריגנ שטעטל און אליינ אָנ-געטריבנ.

ווײבער האָבנ דאָס געזענ מיט זונ-אויפגאנג, בעשאס זײ האָבנ זייערע בעהיימעס אינ טשערעדע געטריבנ.

מ׳איז געוואָר געוואָרנ:

א גאנצע נאכט האָט מענ געשיקערט אינ דעמ אקושערקעס עק-דאָרפישנ שטיבל. געטרונקענ האָבנ דאָרטנ פיל: הערצ, די אקושער-קע אליינ, דער באלעבאָסטעס זונ, דער אויסגעדינטער סאָלדאט און נאָכ עפּעס א לערער פונ נאָענטנ שטעטל, א אָפּגעפּליקטער אכט-און-דרײסיק-יאָריקער פארשוינ אינ א בלוי העמדל, וואָס האָט שוינ אמאָל געהאט כמיכעס אפ ראבאנעס מיט א שויכעטס א טאָכטער פאר א ווײב און איז איצט פארליבט אינ א פארמעגלעכנ קרעמערס א מיידל, וואָס איז נאָכ קיינ זיבעצנ יאָר ניט אלט.

אויסגעטרונקענ, איז דאָרט הערצ שטארק בארויגז געוואָרנ, וואָס מ׳מאכט מיט אימ א שמועס וועגנ מירלענ, און האָט וועגנ איר גע-טאָנט האלב אפ לייצאָנעס, האלב אפ דער עמעסנ:

„ער פֿאַרשטייט ניט, וואָס מ׳וויל, זי איז טאַקע ניט מער ווי אַן איבערגאַנגספּונקט, און זײַן וועט פֿון איר גאָרנישט. אָבער א מיידל איז זי דאָך".

באַלד האָט מען וועגן דעם גערעדט בײַ ר׳ גדאליע הורוויצן אין שטוב. עמיצער האָט אויסגעמאָלט, ס׳אַרא פּאָנעם די אַקושערקע האָט געהאַט, בשעת דאָס פֿערד און וועגל איז מיט איר איבערן שטעטל געפֿלויגן. א צווייטער האָט פֿון בויזעק וועגן געפֿרעגט:

„כ׳בעט אײַך: וויפֿל איז זי אַלט, די אַקושערקע?"

מירל האָט עס געהערט, זוכנדיק עפּעס אונטער די בעטן וועש און קליידער, וואָס אַרום איר. זי האָט אַפּ א רגע צו זוכן אויפֿגע־הערט און אײַנגעשטעלט די אויגן אויף דעם, וואָס דערציילט.

פֿאַרנאַכט האָט זי זיך אין גאַס מיט דער אַקושערקע באַגעגנט. ביידע מיידלעך האָבן זיך א ווײַלע געקוקט אין די פּנימער, ניט געהאַט וועגן וואָס צו ריידן, און געפֿילט, אַז זיי האָבן איינע די צווייטע פֿײַנט.

מירל האָט געזאָגט:

„זי האָט געהערט, הערצל איז געקומען".

און די אַקושערקע האָט געשמייכלט שלעכט, ווי א שניידערס א טאָכטער, בעשאַס זי איז זיך אָן עמעצן נייקעם.

„יאָ, האָט זי געזאָגט, נאָך זונטיק איז ער געקומען".

א פּויזע.

„לאַנג וועט ער דאָ פֿאַרברענגען?"

„עטלעכע טעג".

א צווייטע פּויזע.

„די אַקושערקע ווייס ניט, פֿאַרוואָס הערצל האָט איר, מירלען, אַפֿן בריוו ניט געענטפֿערט?"

דענסטמאָל איז דער אַקושערקעס שמייכל מיטאַמאָל געוואָרן אַזאַ שטעכנדיקער, און דאָס געלעכטער אַזאַ נאַרישעס און גיפֿטיקעס, גלײַך מירל וואָלט בײַ איר עפּעס געוואָלט צונעמען און קאָן ניט.

„זי פֿאַרשטייט ניט, וואָס מירל „וויאַזשעט" זיך צו הערצן,

יענעמ ליגט געווים מער ניט אינזינענ נאָר זי, מירל, מיט אירע בריוולעכ".

אונ מירל איז אנטקעגנ איר געשטאנענ אונ האָט אינ איר פּאָר־נעמ געקוקט.

אהיימ איז זי שוינ געגאַנגענ גיכער ווי אלעמאָל, אונ האָט עס ניט באַמערקט. אינ פאָדערשטוב האָט צו איר עפּעס געזאָגט דער עלטסטער שניַידער, אונ זי האָט ניט געהערט; געלעגנ נאָכדעמ לאַנג באַ זיכ אינ כיידער אונ האָט עס ניט געדענקט.

פלוצעמ האָט זי זיכ אופגעכאַפּט, געשווינד פארקנעפּלט אפ זיכ דאָס זומערדיקע אויבערשט, זיכ ניט אומגעקוקט צומ עלטסטנ שניַידער, וואָס האָט זי ווידער געוואָלט אָפּשטעלנ, אונ האָט פלינק אוועקגעשפּאַנט ארופ צו דער אקושערקע שאצס עק־דאָרפישנ־שטיבל.

ווענ זי האָט זיכ פונ דאָרטנ צוריק אהיימ אומגעקערט, איז שוינ געווענ ארומ צענ אזייגער אינאָוונט. מיט א פלאַמעדיק פּאָנעמ איז זי אריַינ צו זיכ אינ כיידער, געבליבנ שטיינ, געוואָלט זיכ עפּעס דערמאָנענ אונ זיכ גענומענ דערפרעגנ באַ דעמ נייטערנ־מיידל:

„דאָס מיידל געדענקט נישט, וואָס פאַר אַנ ארבעט זי, מירל, האָט היַינט באַטאָג געהאט צו טאָנ?“

אונ באַלד איז זי אוועק אינעמ עקסטנ היפּשנ כיידער מיט די טונקעלע לאָמפּנ, ווו ס׳האָבנ נאָכנ טאָג ארבעט געדרימלט זיצנדיק די אָנגעהאָרעוועטע שניַידער. זי האָט זיכ דאָרטנ געהייסנ נעבנ מעסטנ יענצ ניט־פארענדיקט קלייד, וואָס מ׳האָט עס איבער איר נאָכ באַטאָגנ אוועקגעלייגט, אונ איז געוואָרנ שטארק אומצופרידנ מיטנ שניַידער דעמ באַלעבאָס, וועלכער האָט געוואָלט אפ מאָרגנ איינער אליינ אינ קריַיז־שטאָט אָפּפאָרנ. דאָס פּאָנעמ אירס האָט שטארק געפלאַמט, בעשאס זי האָט אפ זיכ אנטקעגנ שפּיגל דעמ גאָרסעט צורעכט געמאַכט, אונ זי האָט געטיַינעט:

„קומענדיקנ מאָנטיק פאָרט מענ ארויס אפ דער כאַסענע, זי וועט זיכ אפילע מיטנ צוגעפּליַינ די קליידער אפ קיינעמ, אכוצ דעמ עלטסטנ שניַידער, ניט פארלאָזנ".

איר האָט זיכ געוואָלט, אז ארומ איר אינ שטוב זאָל ווערנ וואָס

מיער טאַראַם; זי איז געלאָפֿן צו ר׳ גדאַליען אין קאַבינעט, אים אַהער געבראַכט און אים געצוווּנגען, ער זאָל דאָ אױפֿן אָרט אירע ווערטער פֿאַר די שנײַדער איבערכאַזערן:

„אויב די שנײַדער וועלן נעמען אַרבעטן באַנאַכט, וועט מען זיי אַ ביסל סכירעס מוחל זײַן״.[99]

XV

נאָך אײַנגיבן איז שוין געקומען אַזאַ שײנער טאָג פּרײַטיק, וואָס דעמלט האָבן די שנײַדערישע מאַשינען דאָ שוין מער נישט געקלאַפּט. די גאַרדינען זײַנען דאָ שוין אױף אַלע פֿענצטער געהאַנגען. און די שטוב האָט מען צום לעצטן מאָל אין גרויס אײַלעניש גענומען צו־קלײַבן.

ערעוו שאַבעס־פֿאַרשפּיל איז דאָס געווען.

אַרום דרײַ אַזייגער באַטאָג שטייען זיך אַזוי לעבן ר׳ גדאַליעס שטוב די צוויי גרויסע גוייִשע פֿורן, וואָס צו זיי ברענגט די שנײַדער אין אײַלעניש זייערע מאַשינעס מיט די פּאָר נאַרישע מאַנעקענען. און דער צעטראָגענער ר׳ גדאַליע אַלײן קומט בעשאַס מײַסע אָן פֿון׳ן גרויסן קאַשפּעריווקער וואַלד און שמייכלט פֿריילעך צום שטעטל. אַראָפּקריכנדיק פֿון זײַן פֿור, עפֿנט ער ברייט דעם טײַסטער און באַווײַזט די שנײַדער דאָ, אַז די פֿריש־אָפּגעוואַשענע גאַנעק־טרעפּלעך, אַז ער איז נאָך אימשטאַנד גוויריש פֿאַר זײַן טאָכטערס כאַסענע־קליידער צו באַצאָלן. פֿון גליק שימערט בא אים דאָס פּנים, און, לאָזנדיק זיך אױף דער ניט־אויסגעשפּאַנטער פֿור אין מער־בעצ אַרײַן פֿאָרן, פֿאַרגעסט ער דאָך ניט זיך אָפּצושטעלן לעבן אוורעמל דעם ראָוו און אים מיט זיך מיטנעמען.

אין מאַרק זײַנען געשטאַנען ייִדן, געקוקט, ווי די שנײַדער וואַרפֿן זיך געשווינד אַרײַן אין די גרויסע וועגן, געזען, ווי זיי שמײַסן גע־שמאַק אַוועק מיטן וועג אין קרײַזשטאָט, און זיך וועגן זיי גוטמו־טיק אַדורכגעשמייכלט:

„זיי וועלן אַרײַנשמײַסן אין שאַבעס, די שנײַדער״.

„אױף אַ פּאָר שעה וועלן זיי געווים אין שאַבעס אַרײַנשמײַסן״.

אונ נאָכדעמ איז שוינ געווענ אזוי שטיל אינ שטעטל אונ אי-
ר' גדאליעס צוגעקליבענער שטוב.

ס'זייַנענ דאָרטנ אפּ די פענצטער געהאָנגענ די ראָזע גאַרדינענ, ס'זייַנענ געלעגנ איבערגעשפּרייט די סאַמעטענע סטעזשקעס אונ האָבנ ארויסגערופנ א בענקשאַפט נאָכ פרעמדנ גליק.

ליגט זיכ אזוי א סטעזשקע אינ זאַל אפּ דער רייַנער פּאָדלאָגע, ליגט מיט איר גאַנצער אויסגעצויגענער לענג אונ איז זיכ מיסקאַנע אינ א צווייטער סטעזשקע, וואָס ליגט ערגעץ ווייַט אינ א צווייטער באַסענעדיק צוגעקליבענער שטוב.

„די קאַלע איז אינ יענער שטוב געליקלעכ, קלערט, דוכט זיכ, אָט די סטעזשקע".

טוט זיכ קווימ, קוימ א ריר דער לאַנגער פּאָרהאַנג, וואָס אפּנ פענצטער, אונ ווייל, דוכט זיכ, אומעטיק צוגעבנ:

„זי האָט ליב דעמ באָסנ, יענע קאַלע".

אונ מירל איז נאָכ אלצ געשטאַנענ אנטקעגנ קליינעמ שפּיגעלע, וואָס בײַ איר אינ כיידער, אונ זיכ אָנגעטאָנ פּאַשעט, ווי אפּ אלע שאַבעס.

ס'איז געווענ שטיל אינ די אַרומיקע כאַראָמענ; ס'האָט זיכ גע-פילט א בענקשאַפט נאָכנ באַסיעכידישנ לעבנ, וואָס גויסעסט, אונ ס'האָט זיכ ניט געוואָלט טראַכטנ וועגנ שמוליקנ, וואָס גרייט זיכ אינ דער פאָרשטאָט פונעמ ווייַטנ קראַכ צו דער זעלבער באַסענע, וואָס זי. סיוויסיי איז דאָכ אָט די גאַנצע באַסענע שוינ מער ניט געווענ, ווי אפּ קאַטאָוועס, ביז א צייַט אונ אפּ דערווייל. מער ווי אַנ אַנ-דעריש מאָל איז זי דערינ געווענ איבערצייַגט איצט ערעוו שאַבעס-פאַרשפּיל, זיכ געפילט וואָכעדיק, ווי אינ די טעג פונ גאַנצ יאָר אונ זיכ שוינ אפילע, ווי אינ א פּאָשעטנ פרייטיק, געלאָזט גיינ עפּעס קויפנ אינ אפּטייק.

גלייענדיק אהינ איינע אליינ מיט דער גאַס, וואָס ארופּ צו-שטעטל, האָט זי געדענקט, אז זי איז עלנט אונ איז דאָכ עפּעס ווי פּאַראָקשנט אינ אָט דער עלנטקייַט, אונ באַדאַרפ איצט ניט קיינע-, קיינעמ; אז פונ צייַט צו צייַט קלערט זי נאָכ, אז אינ איר לעבנ

בעלט אנ „איקער״, אונ סאכאקל מיט איינ מינוט שפעטער גלייבט זי שוינ נישט סײַ אינ זיכ סײַ אינ אַט דעמ „איקער״, קוקט זיכ ארומ אונ זעט, אז קיינער גלייבט ניט.

אונ פלוצעמ איז זי רויט געוואָרנ אונ זיכ דערמאָנט, אז אַט די זעלבע ווערטער האָט זי געשריבנ אינעמ בריוו, וואָס אפ אימ האָט הערצ ניט געענטפערט. ארופשפרינגענדיק אפ די טרעפלעכ פונ אפטייק, איז זי שוינ געווענ אזוי אינקאם אפ זיכ אליינ.

„עפעס א מינ נארישער בריוו... אונ ביכלאל ווער האָט אימ באַדארפט, אַט דעמ בריוו?״

אונ אינ א ווײַלע ארומ, ווענ זי איז צוריק פונ אפטייק ארויסגעגאנגענ, איז שוינ די ווײַטע אונ רויטע זונ געהאנגענ אינ מײַרעוו — ווערטיקאל, ווי א גרויסע פײַערדיק־גאָלדענע מאטבייע, אונ אינ אָנהייב ערעוו־שאבעסדיקנ שטעטל איז איינער אליינ געשטאנענ הערצ. פונ זײַנע קליינע ארײַנגעוואָרפענע אויגנ האָט ווי שטענדיק ארויסגעשמייכלט דער גרינער אָפגלאנצ, אונ אליינ האָט ער אײַנגעבויגענערהייט געקוקט אפ די יידנ, וואָס זײַנענ שוינ צוריק פונ מערבעצ געקומענ, שטייענ דאָ אונ דאָרטנ לעבנ זייערע פאנאנדערגעעפנטע טירנ אונ גרייטנ זיכ גיינ צו קאבאָלעס־שאבעס, הערצ פאָנעמ איז אינגאנצנ געווענ אײַנגעטונקט אינ דער שײַנ פונ דער אונטערגייענדיקער זונ; ער האָט אויסגעזענ א גאָלדענער. ער האָט דערזענ מירלענ. געטאָנ צו איר עטלעכע שפאנ אונ איר אָנגעוויזנ אפנ שטעטל:

„זאָל זי א קוק טאָנ. מאמעש א שאבעסדיקער הימל; שאבעסדיק זעענ אויס אפנ מײַרעוודיקנ בארג אפילע די ארומיקע גרינע פעלדער״.

מירל האָט מעכאניש א קוק געטאָנ צומ בארג אונ האָט האָרטנ גאָרנישט געזענ, אכוצ דעמ מידנ גוי, וואָס דעראקערט צו נאכט זײַנ פעלד. א היפש צעאקערטער פאס האָט זיכ דאָרטנ שוינ געצויגנ איבערנ גאנצנ רעליעפ פונ גרינעמ בארג אונ אימ ארומגענומענ, ווי מיט א ברייטנ שווארצנ גארטל. זי האָט גאָר ניט געוווסט, צי הערצ ווערטער האָבנ אַנ איראָנישנ זינ, צי ניינ, אונ האָט געקוקט אפ אימ מיט דערשראָקנ־דערשטוינטע אויגנ:

„ביכלאַל ווייס זי גיט, וואָס ער וויל פון איר, אַז דער פאַרשוין, און קענען אים מיטן סייכל ניט טויפעס זיין.[93]

און באַ אים האָבן די אויגן נאָך איראָנישער צו שמייכלען אָנגעהויבן. ער האָט זי באַטראַכט, ווי אַ קלוגיטשקער, און געפרעגט האָט ער שוין באַ איר, אָפּאָנעם, גלאַט אַזוי, פון כוויזעק וועגן:

„זי האָט אַמאָל געטראַכט וועגן יידן?“

איין מירלען האָט געזאָגט עפּעס טיף, אינווייניק. זי איז געווען בלאַס פון אופרעגונג, ניט געקוקט צו אים, געהאַלטן האַרט צונויפגעדריקט די ליפּן און געטעמט שווער און צו אָפט.

„ווער האָט נאָך אים געשיקט?“

איבער עפּעס האָט זיך איצט געדענקט דאָס צעטעלע, וואָס ער האָט פאַרן ערשטן אוועקפאָרן באַ איר אין כיידער געלאָזט. „אויב ער וועט נאָכאַמאָל קומען אַהער אין שטעטל, וועט האָס זיין אויסשליסלעך צוליב איר, מירלען“. און באַלייידיקט האָט דערפאַר שטאַרק און טיף אַט די איצטיקע מעשונעדיק־קאַלטע און דערווייטערטע באַציונג זיינע מיט רייידן אַפּ איר אונטער די אויגן ערגעץ דאָרט באַ דער אקושערקע אין שטוב. ניין, עפּעס איז שוין אין יענעם צעטעלע געווען ערגערס, ווי אַ ווערטל.

ער האָט זיך געלאָזט זי באַגלייטן אַראָפּ מיטן שטעטל און געזאָגט:

„ער האָט דאָ צוריק מיט עטלעכע טעג איר פאָטער געזען...“

נאָר זי האָט אים באַלד די רייד איבערגעהאַקט:

„פאַראַן מענטשן, וואָס מוזן באַלייידיקן מיט יעדן וואָרט, וואָס זיי רייידן אַרויס. די איינציקע גוטע זאַך, וואָס זיי קאָנען טאָן, איז שווייגן... און זי, מירל, זי האָט אים שוין איינמאָל געבעטן וועגן דעם“.

און, ניט אומקוקנדיק זיך מער צו אים, דעם פאַרשעמטן, האָט זי זיך געשטעלט רייידן מיט דער אקעגנגעקומענער יידענע, וואָס איר האָט ר׳ גדאַליע ערשט צוריק מיט עטלעכע טעג אַריינגעשיקט דעם לעצטן כוויוו מיטן פראָצענט און האָט פאַרגעסן באַ איר די קוויטלעך אָפּצונעמען. באַ דער יידענע האָט געשימערט דאָס שמייכלדיקע

גוטע פּנעמ, וואָס אונטערנ ליכטיק־זײַדענעמ שאַבעסדיקנ טיכל, אונ געצירט האָט זי ר' גדאַליענ אונטער די אויגנ:

„אניט קענ מענ דענ אָפּשאַצנ זײַער האַרצ, ר' גדאַליעס? אניט האָט זי ניט געזאָגט פֿריִער, אַז זײ וועלנ, כּאָלילע, ניט אָנרירנ יענעמס אונ וועלנ ניט שולדיק בלײַבנ קײנעמ א קאָפּעקע?"

אונ הערצ איז דאָ נאָכ געשטאַנענ אונ זי נאָכ נאָכדעמ אַראָפּ ביז צו דער שטוב באַגלײט.

„הערצ, האָט ער, שמײכלענדיק מיט זײַנ רויט־שמעוודיק פּאָנעמ, געוואָלט פֿאַרפֿירנ מיט איר א וועלטלעכנ שמועס, ער קענ מײדלעכ, וואָס ווערנ צוציִענ פּונקט מיט אײנ מאָמענט פֿריִער, אײדער זײ האָבנ כאַסענע..."

זי האָט ניט געוואָלט הערנ אונ אימ די האַנט אויסגעשטרעקט.

„זאָל ער איר מוחל זײַנ, זי באַדאַרפֿ אַרײַנגײנ אינ שטוב".

צוליב עפּעס האָט ער נאָכ געזאָגט:

„ער האָט געמײנט, אַז זי איז איצט פֿרײַ; די אַקושערקע וועט ערשט שפּעט אינאָוונט אַהײמ קומענ... ער האָט אַרויס די סעדלעכ פֿונ האָרפּ א וועלטנ שײנ אָרט באַמערקט".

אונ זי האָט אימ דאָ אײנעמ אַלײנ געלאָזט, אַרײַנ אינ שטוב אונ פֿונ שטוב צו זיכ אינ כײדער. דאָרטנ האָט זי אַקאָרשט אינ א ווײַלע אַרומ דערפֿילט, אַז ס'ציט צוריק צו אימ, אַז זי וויל נאָכאַמאָל זענ אימ, וועלכער האָט זיכ אײנער אַלײנ צו דער אַקושערקעס וווינונג אומגעקערט, אונ האָט מיט אימ וואָס צו רײדנ. צווישנ די פֿיל געדאַנקענ, וואָס בא איר אינ מויעכ, זײַנענ אַרופֿגעשווומענ אײנציקע אונ זיכ אַלעמאָל איבערגעכאַזערט:

„מאָנטיק פֿאָרט זי אַרויס אַפֿ דער כאַסענע... הערצ איז דאָרטנ אײנער אַלײנ לעבנ דער שטוב, ווו ס'איז איצט ניטאָ די אַקושערקע".

אונ אַלײנ איז זי נאָכדעמ אינ דרויסנ אַפֿנ גאַנעק געשטאַנענ, געשטאַנענ לאַנג, ביז ס'איז שוינ אינגאַנצנ פֿינצטער געוואָרנ, ביז ייִדנ האָבנ אָנגעהויבנ צו גײנ פֿונ דאַווענענ, אונ ר' גדאַליע איז אַהער אינ זײַנ זײַדענער קאַפּאָטע מיט א פֿרײלעכ אונ שימערירנדיק פּאָ־

נעמ אפ די טרעפּלעך ארופגעקומענ און האָט איבערגעכאַזערט צוויי מאָל:

„גוט שאבעס, גוט שאבעס".

★

זונטיק פאר מיטיק האָט זיך הערצ ווידער אינ שטעטל ארומ־געדרייט און איז סאָפּקאָלסאָפ איינער אליינ ארײַנגעקומענ צו ר' גדאליע הורוויצ אינ שטוב.

ס'איז געווענ מאָדנע:

אינ עסצימער באמ טיש זײַנענ האָרטנ דעמסטמאָל געזעסנ מער פונ א האלבנ מיניענ יידנ, גוטע פריינט, און אוורעמל דער ראָוו איז האָרטנ אויך געווענ און האָט געטרונקענ צו ר' גדאליענ לעכאַיִמ:

„אשעמי־סבאָרעכ זאָל העלפנ, מ'זאָל ארויספאָרנ בעשאָלעמ און מ'זאָל קומענ בעשאָלעמ".

„לעכאַיִמ! גאָט זאָל געבנ אינ א שאָאָ טויווּאָ אומוצלעכעס".[94]

פונ די ארומיקע כאדאָרימ האָט זיך געהערט, ווי מ'פּאקט קערב און מ'פארקלאַפּט קעסטלעכ, און ווי גיטעלעס פרעמדשטעטלדיקע קרוווע קלינגט מיט די שליסלעך און שרײַט צו עמעצנ ארויס דורכנ אָפענעמ פענצטער:

„קומט מאָרגנ צוועלף אַזייגער; האלב איינס וועלנ מיר שוינ זײַנ ארויסגעפאָרנ".

פּלוצעמ האָט זיך געעפנט די טיר, און ארײַנגעשטעלט האָט זיך איינער אליינ הערצ. א געזונטער און וויקסיקער באָכער, וואָס קיי־נער פונ די יידנ קענ אימ ניט און וואָס פרעגט זיך נאָכ אפ מירלענ.

די יידנ האָבנ אימ אָנגעקוקט; אָנגעקוקט האָט אימ אויך ר' גדאליע. פאריסנ די שפּיציקע נאָז מיט די גילדענע ברילנ און גע־קלערט וועגנ אימ, ווי וועגנ עפּעס א קלעזמער־יונג, וואָס איז געקומענ אהער אינ שטעטל א כאסענע באשטעלנ, און איז איצט פארבלאָנ־דזשעט געוואָרנ ניט אינ יענער שטוב, וווּהינ ער האָט באדאַרפט.

און הערצ האָט נאָכ נאָכדעמ גענומענ שמייכלענ צו מירלענ, וואָס

האָט אין זאַל אויך זיך קאָל דערהערט און האָט זיך אָן איבער־געשראָקענע בא דער טיר באַוויזן.

איקענען א האַלבע שעה האָבן זיי געערעדט דאָרטן, קעגנאיבער דער געשלאָסענער טיר פון זאַל. ווען זיי זיינען בײדע צוריק פון זאַל אַרויס, האָט בא מירלען פון אויפרעגונג געברענט דאָס פּנים. זי האָט צו אים ניט געקוקט, און ער איז רויק געשטאַנען פאַר איר און האָט געשמייכלט צו זיך אַליין.

אױף די טרעפּלעך פון גאַנעק האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און דורכ־געלאָזט א פּאָר יידן, וואָס האָבן זיך שוין מיט ר׳ גדאַליען געהאַט אָפּגעזעגנט.

מירל האָט געקוקט צום זומערדיק־בלויען הימל, וואָס איבערן שטעטל, זי האָט געזאָגט קאַלט און אים, הערצן, אַפּצעלאָכעם:

„זי איז אַזוי צופרידן, וואָס די לעצטע טעג זיינען שיינע און לויטערע; דער טאָג פון איר חופּה וועט שוין געוויס אויך זיין א שיינער".

און ער האָט נאָר א מער מערקזאַמען שמייכל געטאָן, געגעבן צו איר א שאָקל מיטן קאָפּ און זיך פּאַמעלעך אַוועקגעלאָזט צוריק, צו די עקזאַמענישע שטיבלעך.

★

און אין שטאָט האָט מען נאָך דערציילט, אַז מאָנטיק, א פּאָר שעה פאַרן אַרויספאָרן, איז מירל איינע אַליין אַרום און אַרום דעם שטעטל צו דער אַקושערקע שאַץ אַוועק, ניט געטראָפן דאָרטן קיינעם און איז געוואָר געוואָרן בא דער גויע, דער באַלעבאָסטע:

„הערץ איז נאָך נעכטן אינאָוונט קיין אויסלאַנד אַוועקגעפאָרן און וועט שוין מער צוריק ניט קומען".

פון בורנעסעס הויז זיינען נאָך גאַנצפרי די פאָטער און מוטער אין קריישטאָט געווען אַוועקגעפאָרן.

באַטאָג, ווען ר׳ גדאַליעס שטוב איז שוין געווען פּוסט און געשלאָסן, איז עמעצער אַהער צו בורנעסעס קינדער געקומען און האָט פאַרזי־כערט, אַז די אַרטיקע שניידער, וואָס מ׳האָט זיי מירלס קליידער ניט

געגעבן גייען, האָבן וועגן הערצן און מירלען אַן אַנאָנימען בריוו צו שמוליקס פֿאָטער און מוטער אָנגעשריבן, און אַז דער בריוו וועט אַהין אָנקומען פּונקט דעם „פֿריילעכן שאַבעס".

אין אוראָם־מוישעס עסצימער איז שוין דעגסטמאָל געווען איבעריק פֿריילעך בא טיי טרינקען, און די פּאָטאָגראַפֿשטשיכע, די רויזענבוימעכע, איז דאָרטן מיט איר גיטאַרע געזעסן, און די קליינע קינדער האָבן צופֿיל אין די אַרומיקע כאַהאָרים געפּילדערט. מ'האָט צורעצט געלאָזט אָט די קליינע קינדער לויפֿן אַפֿריער און מ' איז אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירן איבערן שטעטל. די לופֿט האָט זיך געדוכט פֿרייער, דאָרטן בא ר' גדאַליען אין שטוב איז שוין קיינער נישט געווען.

אָבער דורכגייענדיק פֿאַרבײַ אָט דער געשלאָסענער שטוב, איז אַלעמען מיטאמאָל געוואָרן עפּעס מאָדנע אומעטיק פֿון אירע אויסווייניק געשלאָסענע לאָדנס און פֿון איר אינווייניקסטער פּוסטקייט. אַן אַנגעפּעלצטער גוי, אַ סטרוזש, איז דאָרטן געזעסן אױף די טרעפּלעך פֿון גאַנעק אינמיטן העלן טאָג און געהיט איר פֿאַרנטיקע געשלאָסענע טיר. און זי, די שטוב אַליין, האָט אַ לאָשן דערציילט וועגן די אַוועקגעפֿאָרענע און וועגן דעם היפּשן אין ווײַטן וואָקזאַל, וווּ ס'וועט מאָרגן פֿאָרקומען מירלס כופּע.

ס'האָט זיך געמאָלט דעם פֿאַרבײַגייענדיקן מענטשישן מוחעך:

דאָרטן, אינעם ווײַטן געברוקירטן שטעטלע, וואָס איבערן רעלסנשנור, ציט זיך איצט דער זעלבער שטילער זומערדיקער באַטאָג, וואָס דאָ; קלעזמער שפּילן דאָרטן צום אָנבײַסן, וואָס בא כאָסנס צאַד, און מירל גרייט זיך אַהין גיין און טוט זיך אָן אינעם נײַעם זײַדענעם קלייד, וואָס מיטן שלעפּ.

ווען עמעצער פֿון די שפּאַצירנדיקע האָט פֿאַרגעלייגט זיך אומקערן און בעסער גיין צו די דעמבענע וועלדלעך, האָבן זיך שוין אַלע אַהין געלאָזט פֿויל, אַן שום ווילן. פּלוצעם האָט בורנעסעס קלענער מיידל דערזען פֿונווײַטנס די פֿור, וואָס האָט זיך נאָרוואָס לעבן זייער פֿאַראַדגאַנעק אָפּגעשטעלט. זי האָט קיין סייכל ניט געהאַט און האָט אויסגעשריען אױפֿן קאָל:

„זע נאָר, וועלוולס פור!.. וועלוול איז געקומענ!“
אַלע שפּאַצירנדע האָבנ דאָכ שוינ געוווסט, פאַרוואָס וועלוול איז אינ די לעצטע אָנדערהאַלבנ כאַדאָשימ אפילע איינ מאָל אהער אינ שטעטל נית געקומענ.

דאָס עלטערע מיידל האָט זיכ באַלד איינע אַליינ געשווינד אהינ אוועקגעלאָזט, אריינגעקומענ אינ עסצימער אונ דערזענ:

וועלוול שטייט האַרטנ אייגער אַלייִנ אינ זייִנ ליכטיקנ פאָרכאַלאַט, שטייט מיט אנ אַראָפּגעלאָזטנ קאָפּ, קוקט אַראָפּ צו זייִנ אויסגעצויגע־נעמ פינגער אונ שאַרט מיט אימ דאָס וואַסער, וואָס איז פונ נאָכ ניי טרינקענ אפ דער טיש־קלעיאָנקע פאַרבליבנ.

טראַכטנדיק וועגנ אימ אונ וועגנ מירלענ, האָט דאָס מיידל גאַריש אויסגעשריִענ:

„זע נאָר — וועלוול!..“

זי האָט זיכ מיט אימ געוואָלט דערפרייענ. נאָר ער האָט איר גאָרנישט נית געענטפערט אונ דעמ אַראָפּגעלאָזטנ קאָפּ נית אופגע־הויבנ.

א ווייִלע איז געווענ שטיל. די שוועסטער האָט זיכ געפילט שלעכט. זי איז צו איינעמ פונ די פענצטער צוגעגאַנגענ, פאַרהייבנ דעמ פאָר־האַנג, אונ האָט לאַנג אונ אומעטיק אַרויסגעקוקט אינ דרויסנ. צולעצט האָט זי נאָכאַמאָל צו אימ איר פּאָנעמ אויסגעדרייט:

„וועלוול, האָט זי געפרעגט, דו וועסט דאָ נעכטיקנ?“

דענסטמאָל האָט ער אָקאָרשט אופגעהערט מיטנ פינגער דאָס וואַ־סער צו שאַרנ, באַהאַלטנ ביידע הענט אינ די זייִטנ־קעשענעס פונ פאָר־כאַלאַט אונ, נית קוקנדיק צו איר, איבערגעפרעגט:

„א?.. וואָס?.. ניינ, ער פאָרט צוריק אהיימ“.

אונ באַלד איז ער צוריק פונ שטוב אַרויסגעגאַנגענ אונ זיכ אײַנ־געזעצט אפ דער פור.

די שפּאַצירנדע קאָמפּאַניע האָט געהערט, ווי ער זאָגט דעמ אָנ־טרייִבער:

„צוריק אהיימ... אפנ פולווארק“.

און באַרדעם איז מען שוין דאָ גלאַט אַזוי געשטאַנען און גע־קוקט:

די פערד מיט דער גרינגער רעסאָרן־ברישקע טראָגן זיך געשווינד צוריק צווישן די לעצטע הייזער פון שטאָט, און וועלוול זיצט דאָרטן עטוואָס איינגעבויגן אויבנאָן, זיצט מיט די פּלייצעס אַהער און קוקט זיך אַפּילע איין מאָל ניט אום.

צווייטער באנד

(ע״ לג 3—4)

דריטער בוך

1

„שמוליק, גיי דיר אוועק!"

שמוליק שטייט איבער איר מיט א האלב־אָפֿן מויל, לאַכט אונטער און רייניקט זיך די ציין פֿון נאָכן עסן. אין דרויסן וואַרט שוין אַף אים די אייגענע געשפּאַנטע פֿור, וואָס וועט אים אין מעשעך פֿון גאַנצע דריי שאָ אין פֿאַטערס גוראַלניע אַרײַן אָפּפֿירן.

ער טרעט סאַפּקאָלסאָפּ אַפּ פֿון דער קאַנאַפּע, וואָס מירל ליגט אַפּ איר, שפּײַט אויס באַשעפּטיקט בא דער טיר, טשמאָקעט עפּעס ארויס פֿון צווישן די ציין און זאָגט איר א ליגן:

„פּריטיק, מירעלע, פּריטיק".

פּרײַטיק וועט ער פֿאַרפֿרי פֿון דער גוראַלניע קומען. ער וועט זײַן אין שטאָט און וועט ברענגען, פֿאַרוואָס מע שיקט ניט צו דעם גרויסן שטייזייגער.

זײַן ליגן איז אַן איבעריקער, אינטערעסירט זי ניט און רופֿט ארויס אין איר אַן עקל. זי וויל אַפּ אים ניט קוקן. זײַן גאַנצע אָפּגעלאָזענע פֿיגור, דאָס רויטלעכע בערדל, וואָס ער האָט שוין צוואָכן ציַיט ניט אָרומגעשוירן, דערמאָנט איר, אַז צוריק מיט א כוידעש צײַט האָט זי זיך אים אָפּגעגעבן אָן שום ליידנשאַפֿט און ווילן; אַז ער, שמוליק, האָט שוין באַקומען פֿון איר אַלץ, וואָס ער האָט באַדאַרפֿט, און איז דערפֿאַר געוואָרן רויִקער, אָפּגעלאָזענער און נײַמעסער. אָט איז נעכטן א טאָג שאַבעס געווען, און אין די ווײַסע אַרבל

אינ ער דעמ גאנצנ באטאג אפגעשלאפנ אפ דער נידעריקער קאנאפע, וואָס אינ קליינעמ פירעקיקנ קאבינעט. איינער פונ זײַנע מוטערס יונ־גע קרויווימ האָט אימ דאָרטנ פאר זונ־זעצנ געוועקט אונ געקיצלט, האָט ער זיכ אינ א קנויל צוזאמענגעצויגנ אונ זיכ באמ יונגנ קאָ־רעוו אפגעבעטנ:

,,ניישט... קיצל ניט... כ'בינ דאָכ שוינ אנ אלטער ייִד".

אונ זי, מירל, האָט געמיינט, אז זי האט כאסענע אפ קאטאָוועס, אינ האָט מיט אימ קאלעווײַז א טאנײַ אויסגענומענ:

,,לעבנ מיט איר ווי א מאנ מיט א ווײַב זאָל ער זיכ גאָרניט ריכטנ".

אונ פיל קאלע־מיידלעכ, וואָס ווייסנ ניט, וואָס זיי ווילנ, האָבנ ווי זי געמיינט, אז זיי האָבנ כאסענע אפ קאטאָוועס, אפ דערווײַל, אונ האָבנ מיט זייערע ניט געראָטענע כאסאנימ דעמ זעלבנ טאנײַ אויסגענומענ.

ס'דערהערט זיכ סאפקאָלסאָפ דער גערויש פונ שמוליקס אפפאָרנ־דיקער בריטשקע, אונ ס'ווערט עטוואָס גרינגער, וואָס ער פאָרט אוועק אפ א גאנצער וואָכ, אונ נאָכדעמ איז שוינ אזוי טרויעריק אונ שטיל אינ אלע פיר ניי־אויסגעמעבלטע כאדאָרימ, אונ ס'הערט זיכ, ווי אינ קיכ צעוואשט מענ אפגיכ דאָס געפעס. טעלער צו טעלער פאלנ דאָרטנ צו מיט א וויינענדיק טויבנ קלאנג, גלײַכ ס'טוענ זיי ווי די קלעפ, וואָס זיי כאפנ.

גלאט אזוי גייט זי ארויס צו איר גרויסנ האלב־אויסגעגראָבענעמ, האלב־פארטריקנטנ גאָרטנ, שטעלט זיכ אָפ אונ קוקט:

אלצ איז שוינ דאָרטנ געל, פארטריקנט אונ שמעקט מיט שפעט־זומער, אָפגעפליקטע ווײַנשלבוימער ציִענ זיכ פונ איר קליינעמ פליגל ביז צו דעמ שווערס גרויסנ ווײַס־אָפגעקאלכטנ הויז אונ סוידענ זיכ וועגנ מאָרעשכווירעדיקע הימלענ, אינ קילנ אָנהייב עלעל, אונ פונ דאָרטנ, פונ ווײַטנ סאָכווינקל, וואָהינ ס'גייט ארויס די גלעזערנע ווערעאנדע פונ שווערס שטוב, שטעקט די שוויגער ארויס דעמ קאָפ דורכ אנ אָפגערוקט פענצטער אונ שרײַט:

,,מירעלע! דעמ האלבנ פונט טיי... האָסט געליִענ א האלב פונט טיי, פארוואָס האָסטו ניט אינזיינענ אָפצושיקנ?"

ניט אין האַלבן פֿונט טיי גייט איר, דער שטאַרק רײַכער ייִדענע, נאָר ס׳פֿאַרדריסט זי, און זי וויל אויסלערנען:

„אַ ווײַבל באַדאַרף איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל געדענקען: אַז מ׳אַנטלײַט, מוז מען אין זינען האָבן אָפּצוגעבן".

מירל ענטפֿערט ניט. די שוויגער איז איר מיִעס. זי דרייט זיך אַוועק צום פּאָסאַד פֿון איר פֿליגל און זעצט זיך דאָרטן צו אַף די טרעפּלעך פֿון גאַניק.

אַן אויסגערוטער איזוואָזטשיק אַף איין פֿערד רוקט זיך פֿונדאַנען באַמעלעך צו דער לאַנגער קייטנבריק, צו דער פֿילגאַסיקער גובערניע־שטאָט און צו איר האַלבן מיליאָן באַשעפֿטיקטע מענטשן, וואָס ברומען דאָרטן אַ קײַלעכדיקן מעסלעם דעם גערויש פֿון זייער וואָכעדיקן טומל. און זי זיצט און קוקט דעם איזוואָזטשיק נאָך:

„וואָס וואָלט זי, אַשטייגער, איצט געקענט געמען טאָן?"

ווײַט, ווײַט אַפֿן געבראָקירטן וועג, קעגניבער דעם צווייטן פֿינסטע פֿאַרשטאָט־עק רוישט נאָך עמעצנס אַ לויפֿנדיקע פֿור. ס׳הויבט זיך: ניט קיין רעדער קלאַפּן דאָרטן, נאָר אַ טרוקענער באַסקאָל [95] האַלט זיך דאָרטן אין איין באַזערן:

„מאָרגן וועט דאָס זעלבע פֿאָרקומען... איבערמאָרגן וועט דאָס זעלבע פֿאָרקומען".

און אַנטקעגן קלעטערט אַן אַלטער האָן אַפֿן שטײַנערנעם, ערטערווײַז אָפּגעפֿאַלענעם פּאַרקאַן פֿון פּוסטן קלויסטער־הויף און עפֿנט זײַן פּיסק:

„קו־קו־רי־קו־ו".

און שאַ, שטיל. אויסגעשטאָרבן מיט אַ טשערעדאַנק אַלע געמיינע און פֿײַנערע הײַזער, וואָס אין זאַמדיקן עק פֿאַרשטאָט. ס׳זעט זיך שוין קיין מענטש נישט אַרום, און ס׳געדענקט זיך אַ מײַסע פֿון אָנהייב זומער, פֿון צוריק מיט צוויי באַראָשים:

געווען דאָ ר׳ גדליה מיט גיטעלען; פֿאַרבראַכט בײַם שווער אין שטוב דעם רוישיקן „פֿרײַלעכן שאַבעס", זיך געפֿילט שלעכט און עלנט, דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן ניט, מיט וואָס זיך אויסצושטעלן, און זיך אַלע ווײַלע איינער דעם צווייטן אַף סודעס אין אַ זײַט אָפּגערופֿן. געזעסן נאָכדעם, ווי פֿרעמדע, צווישן די פֿיל רײַכע שטאָט־

געסט, וואָס זײַנען אפּ דער מעלאַווע־מאלקע [96] געקומען אהער, אינ איר מיט שמוליקס נײַ אויסגעמעבלטנ פליגל; אונ אוועקגעפּאָרנ זײַנען זיי פונדאנענ שטיל, מיט א פארבאָרגנ געפיל פונ א פּאָר דערווײַטערטע קרוויוומ־יאָרדימ.

איצט זײַנען זיי שוינ אזוי ווײַט פונדאנענ מיט זייער געפאלנקײַט, מיט זייער גאנצנ פוסטנ שטעטעלע אונ מיטנ גאנעק, וואָס בא אימ איז די טיר טאָמיד געשלאָסנ. דערמאָנט מענ זיך אָנ זיי, דוכט זיך ניט אנדערש, נאָר זיי שלאָפנ דאָרטנ באטאָג, אונ אינ די ארומיקע באדאָרימ איז שטיל, אונ די ווענט לאנגווײַליקנ זיך דאָרטנ אונ טראכטנ: „שוינ באסענע געמאכט מירעלענ, שוינ באסענע געמאכט”.

איצט האָט זי זיך שוינ אָפּגעגעבנ שמוליקנ, אונ גיינ גייט זי שוינ אָפּט צו איר היגער געשוועסטערקינד, אידא שפּאָליאנסקי, דער ווײַבלעכ־אויסגעלאסענער שטאָט־פארשוינ, וואָס איז רײַכ אונ פעלשט אָנעמ אוועקגעפּאָרענעמ מאנ. אונ אינ סאמע צענטער פינ דער גובערניע־שטאָט האָט זי, מירל, שוינ פיל מאָל זיך ארומגעדרייט אונ באגעגנט האָט זי זיך שוינ האָרטנ מיט גאָסנ העלער, וואָס וויל דאָ אינ קראכ א קאָפּעקע־צײַטונג ארויסגעבנ. שפּעט אינאָוונט האָט זי זיך איינמאָל פונ אידענ אהיימ אומגעקערט, דורכגעגאנגענ די צענטראל־גאס אונ האָט דאָרטנ אימ, נאָסענעג, צומ ערשטנ מאָל אינ די פּלייצעס דערזענ. אינ א נײַעמ אינ ברייטנ הארבסט־מאנטל איז ער געשטאנענ אפּ א פוסגאַנג, לעבנ א הויכנ עלעקטרישנ לאמטערנ, וואָס האָט שוינ באמ אויסדראָג, לעבנ א הויכנ עלעקטרישנ לאמטערנ, וואָס האָט שוינ באמ אויסלעשנ געהאלטנ, אונ האָט גערעדט מיט א לײַטישנ באיאָרטנ קריסט וועגנ זײַנ לאנג־פארטראכטנ קאָפּעקע־בלעטל:

„פּאָנימאיעטע, [97] אָבער דער ערשטער נומער מוז דאָכ דערשײַנענ ניט שפּעטער פונעמ פופצנטנ”...

זי איז געווענ צעטומלט אונ האָט ניט גערעדנקט, ווענ זי האָט גאָר נאָענט לעבנ זיך דערזענ אימ, זײַנ לענגלעכ מאט־טונקל אונ פריש פּאָרנעמ מיט די פריש געגאָלטע באקנ אונ וואָנצעס, וואָס האָבנ אויסגעזענ שטארק שווארצ, ווי בא א רומענער.

„סאָפּקאָלבאָפּ, האָט ער שטייענדיק אקעגנ איר אינ אופרעגונג געזאָגט, זיי האָבנ זיך, סאָפּקאָלסאָפּ, נאָכאמאָל באגעגנט”.

בא איר האָט דאָס האַרצ געפּרוווט טאָג עטלעכע גיכע אָפּגעריסענע קלעפּ. דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז דאַפּקע געווענ נאַריש און האָט דערוועקט אינ איר א געדאַנק:

„ער איז נאָכ אַלצ ניט קליגער געוואָרנ, נאָסנ".

נאָר אַרומ און אַרומ אימ האָט שוינ די לופט געשמעקט מיט די פאַרצוויייאָריקע פרילינג־אָוונטנ, וואָס בא איר אינ שטעטל, מיט פייכטנ גראָז פונעמ גרינעמ בערגל, וואָס אַפ אימ זײַנענ זיי אַרומ די גויִשע הײַזער ביז שפּעט אינ דער נאַכט געזעסנ.

באַנאַכט האָט זיכ איר געכאָלעמט, אַז זי איז יינגער מיט צוויי יאָר, און אַז זי האָט אימ ליב, נאָסענען. און נאָכדעמ האָט זי שוינ אַלע גאַנצפרי געצויגנ צומ רוישיקנ שטאָט־צענטער און ווײַטער, צו יענער שטילער, פאַרוואַקסענער גאַס, ווו נאָסנ האָט אַפ איר אינ אָנהייב אָוונט באַדאַרפט וואַרטנ.

באַטאָג האָט זי שוינ געדענקט, אַז ס'איז נאַריש אָט דאָס, וואָס זי ציט צו אימ. זי איז געזעסנ אַפ די טרעפּלעכ פונ גאַנעק, געקוקט אַפנ פוסטנ עקספּאַרשטאַט און געטראַכט, אַז זי אַליינ איז שוינ אַמאָל העכער פונ אָט דעמ געפיל געשטאַנענ און האָט אַליינ אָט דעמ נאָסענענ פונ זיכ מעשאַלייעכ געווענ; דענסטמאָל האָט זי עפּעס געוואָלט, און איצט איז דאָס לעבנ אירס פוסט, און שמוליקנ האָט זי זיכ שוינ אָפּגעגעבנ, און אַפ אייביק האָט זי זיכ שוינ אָפּגעריסנ פונ ר' גדאַליִען מיט גיטעלענ.

און פאַרנאַכט איז אַפנ האַרצנ נאָכ אומעטיקער געוואָרנ. און דער מויעכ מיט די געפילנ זײַנענ שוינ געווענ ווי פאַרנעפּלט פונעמ איבערגעלעבטנ טאָג, און געדענקט האָט זיכ, אַז מענטשנ זײַנענ ערגעצ גליקלעכ. לינקס, אינ עק אײַזערנעמ פּאַרקנ, וואָס רינגלט אַרומ דעמ שווערס שטוב, האָט דענסטמאָל קימאַט שטענדיק אינ איינ צײַט א קלאַפּ געטאָנ דאָס אויטאָמאַטישע טירל, און אַרויסגעגאַנגענ איז פונ דאָרטנ פאַרפוצטערהייט שמוליקס קלענערע שוועסטער ריקל, א וועקסיק נײַנצנ־יאָריק מיידל, וואָס האָט אָקאָרשט פאַריקנ זומער די גימנאַזיע געענדיקט, זעט אויס עלטער, ווי אַפּאַנעמעס, פאַרשפּרייט אַרומ זיכ א געפיל צי פונ מידקײַט, צי פונ גלײַכגילטיקײַט, און איז

אײַנגאַנצנ מיטנ גרויסנ הוט אונ מיטנ פּארקעט, וואָס זײַנענ בײַדע א ביסל אָנגערוקט אפּ א זײַט, ווי געמאכט געוואָרנ נאָכנ גרויסשטאָטישנ פאסאָנ. לעבנ מירלענ שטעלט זי זיכ אָפּ שווער, ווי אנ ענג געשפּאנטע אינ איר לאנגנ גאָרסעט מיטנ נײַעמ גרויסשטאָטישנ אָנצוג, אונ דערצײלט, אז זי גײט איצט פּאָרנ מיטנ טראמוויי אינ שטאָט:

„מירל, באדארפּ דאָרטנ גאָרנישט האָבנ?"

מירל האָט געקוקט אפּ איר פונ אונטנ ארופּ אונ האָט זי באטראכט:

א וווּקסיקע, א שלאנקע, האָט א מאט־טונקל פּאָנעמ מיט אויכ אזעלכע מאט־טונקעלע אויגנ, שווײַגט ס׳ראָוו אונ וויל ניט הערנ וועגנ די שידוכים, וואָס מ׳רעדט איר. ס׳דוכט זיכ, אז זי רעדט קײנמאָל ניט קײנ קלוגע זאכ נאָר דערפאר, וואָס זי איז צופיל מיד. נאָר אינ עמעצנ איז גאָר בא איר דער קאָפּ, ווי בא איר מוטער, צופיל טעמפּ, אונ ס׳ווערנ אינ אימ זעלטנ ווענ מאכשאָוועס געבוירנ. אונ א כשאד איז דאָכ פּאראנ, אז אָט דאָס מײדל איז דא אינ שטאָט עפּעס געוואָר געוואָרנ וועגנ איר, מירלענ, אונ וועגנ העלערנ אונ וועט עס הײַנט מאָרגנ בא דער שווִיגער אינ שטוב דערצײלנ.

איבער אָט דעמ לעצטנ געדאנק טוט בא מירלענ א קלאפּ דאָס הארצ אונ ווערט באלד ווי פארשטאָרבנ. צומ אָנהײב קוקט זי, ווי ריקל הערווײַטערט זיכ אונ ווערט פארשווּנדנ, אונ נאָכדעמ גײט זי ארײַנ אינ שטוב אונ טוט זיכ לאנג אָנ בא זיכ אינ שלאָפצימער. זי גײט אוועק צו יענער זײַט פארשטאָט, וווּ ס׳קלינגט אלעמאָל א נײַ־אָנגעקומענער טראמוויי־וואגאָנ, זעצט זיכ אינ אימ ארײַנ, בעשאס ער איז שוינ באלויכטנ, אונ טראָגט זיכ אינ אימ איבער דער לאנגער אײַזערנער בריק, וואָס פירט אינ שטאָט ארײַנ.

ס׳איז א שטילער, פינצטערער אונ שטארק אויסגעשטערנטער עלעל־אוונט, אונ די לעוואָנע איז אפנ הימל ניטא. פונ אונטנ, איבערנ ברײטנ אויבערפלאכ פונעמ מעכטיקנ פליסנדיקנ טײַכ, גליטשנ זיכ דא אונ דאָרטנ אויסגערוטע, שוואכ באלויכטענע שיפנ. זיי שטעלנ זיכ אָפּ, גיבנ א פײַפ, רוקנ זיכ צוריק אונ גיבנ אָפּ א שטומענ גערוס פונ די

מענטשנ, וואָס זײַנענ אינ זיי נאָכ באַטאָג אַהער אינ גובערניע-שטאָט אָנגעקומענ:

„עט, עט, עט!... זיי האָבנ זיכ שוינ אויסגעשלאָפֿנ, אָט די מענטשנ, אונ מוזנ שוינ איצט אוואַרע זיכ אינ טעאַטער, אינ קלוב, צי אינ די שטאָט-סעדער".

אונ אַנטקעגנ פֿינקלט דער שטאַרק באַלויכטענער באַרגיקער קראַב, מיגעט מיט זײַנע מיליאָנענ געדיכטע אונ שימערע פֿײַערנ אונ וואַרפֿט אָפּ אַהער דעמ גערויש פֿונ זײַנ טכילעס-נאַכטיקנ טומל. ער הערט זיכ אַהער יעדעס מאָל, וואָס דער וואַגאָנ שטעלט זיכ אָפּ, אָט דער טומל — ער איז ענלעכ צומ קוואַקענ פֿונ צענ טויזנטער טײַכ-זשאַבעס אונ דערמאָנט אָנ דער ווײַטער אונ שטילער גאַס, ווו ס'וואַרט שוינ ערגעצ ער, נאָכנ העלער.

☆

דער פֿרי באַלויכטענער טראַמווײַ-וואַגאָנ איז שוינ שטענדיק געווענ פֿול געפּאַקט מיט מענטשנ, וואָס זיצנ לײַטיש אָפּ זייערע ערטער אונ שווײַגנ. יעדער פֿונ זיי האָט מיט זײַנ שווײַגנ געוואָלט מעראַמעז זײַנ, אַז ער באַמערקט ניט דעמ צווייטנ, אונ יעדער פֿונ זיי איז דאָכ אויס־געקומענ קאָמיש אונ האָט ניט מער ווי געמאַכט אַנ אײַנדרוק פֿונ אַ קאַפּריזער בריע, וואָס איז גאָרוואָס אָפּ דער לינקער זײַט פֿונ שלאָפֿ אויפֿגעשטאַנענ.

זי, מירל, האָט בעצעמ אָט די אַלע ברויומ באַדאַרפֿט אָפּ קאַ־פּאָרעס, נאָר ערגעצ-ווו, הינטער אירע פּלייצעס האָבנ זיכ שוינ שטענ־דיק געפֿונענ אַ פּאָר אָנגעזעענע פֿאַרשטאָט-באַלעבאַטימ, וואָס האָבנ זיכ איינער צומ צווייטנ אַ בייג געטאָנ אונ זיכ וועגנ איר, מירלענ, דורכגעשעפּטשעט:

„יאַנקעוו-יאָסל זיידענאָווסקיס שנור"?"

זיי האָבנ געהערט באַ זיכ אינ דער היימ, אַז זיידענאָווסקיס שנור איז עפּעס אַזעלכע, וואָס צו איר גלוסטנ שטאַרק יונגלײַט. האָבנ זיי זי איצט געוואָלט זענ מיט די אייגענע אויגנ אונ האָבנ דערבײַ געהאַט אַ געוויסנ טאַמ.

„שפּעם אַ וועלט זאָגטן ס'איז קעדײַ צו וויסן דעם געשמאַק פֿון אַ וועלט".

האָט זיך אויך איינמאָל געמאַכט, אַז אַן אָפּיצער, וואָס איז אַנטקעגן מיט זײַן פֿרוי געזעסן, האָט זיך אָפּ איר גאַנץ לאַנג פֿאַרקוקט, זיך, אַפּאַנעם, דערמאָנט אָן זײַן ערשטער ליבע און שוין צו גלייבן אָנגעהויבן, אַז ער האָט בעטאָעם מיט זײַן ווײַב כאַסענע געהאַט. מירל האָט אינסטינקטיוו דערפֿילט זײַן בליק און געעפֿנט אָפּ אים די הופּשע אומעטיקע אויגן, וואָס קוקן פֿון אונטער די שוואַרצע ווִיעס פֿון זייער שטענדיקן טרויער אַרויס און דערציילן, וויאַזוי דאָס אייגענע לעבן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. ביידע, דער אָפּיצער און מירל, זײַנען רויט געוואָרן, און זי האָט נאָך דערצו דערפֿילט דעם האַרטן גאָרסעט, וואָס ליגט שטײַף אַרום אירע זײַטן, זיך פֿון אָרט אופֿגעהויבן און געגאַנגען זיך אַוועקשטעלן אָפּן קליינעם גאַנעק פֿון וואַגאָן.

ווען זי איז סאָפּקאָלסאָפּ אַרופֿגעגאַנגען אָפּן אָנהייב פֿון דער ברייטער און שטאַרק רוישיקער צענטראַל־גאַס, האָבן דאָרטן די עלעקטרישע לאַמטערנס שוין אומעטום געפֿינקלט מיט זייערע הופּשע בלאַנק ווײַסע פֿײַערן, זיך צונויפֿגעגאָסן מיט דער שײַן פֿונעם בלאַסן בײַנאַשמאָשעס און געלויכטן צוזאַמען, ווי אום יאָנטעוו. ווײַט, ווײַט אין דער טיפֿעניש פֿון דער שנור־גלײַכער גאַס איז אָט דער יאָנטעוו פֿאַרגעקומען. ער האָט אויסגעזען פֿון דאָרטן, ווי אַ כופּע מיט ליכט, וואָס רוקט זיך אַהער און קומט אָן פֿון ערגעץ אַ פֿאַרקישעפּטער רוישיקער מעלוכע, און געדוכט האָט זיך, אַז מ'קלאַפּט דאָרטן שטאַרק אין פֿיל גרויסע אומגעלומפּערטע ברומענדיקע פּויקן.

אַנטקעגן, אָפּן רעכטן ברייטן טראָטואַר האָבן זיך באַגעגנט פֿאַרפּוצטע באָכערים, וואָס קוקן פֿרויען אין די פּענעמער אַרײַן, רײַך געקליידטע ווײַבלעך, וואָס גאַרן צו פּעלשן אָן זייערע מאַנען און ווייסן ניט וויאַזוי, און גאַנצע מאַכנעס פֿון פּריצײַטיקע סטודענטן מיט קורסיסטקעס, וואָס זענען טאָמעד אויס צעטראָגן און, געפֿינענדיק זיך אָפּ איין גאַס, מיינען זיי, אַז זיי פֿאַרשפּעטיקן עפּעס אָפּ דער צווייטער.

אָט האַקט זיך דער טראָטואַר איבער מיט דער שטילער גאַס, וואָס

מיטן לאנגן בולוואר אינדערמיט. דארטן וווינט איר געשוועסטערקינד אידע שפאליאנסקי. נאר זי גייט גלייך ווייטער. אנטקעגנ גייענ נאך אלע פיל מענטשנ, יאנטעוודיקע, שווארצ געקליידטע, אלע זיינענ זיי איר פרעמד. נאר אט הייבט זיכ שוינ אנ די גאס איינצווישטילנ, מענטשנ באגעגענענ זיכ שוינ ווינציק, און זי גייט שוינ לינקס אפ דער צווייטער שטילער, פארוואקסענער גאס. די דריטע גאס איז שוינ א שטילערע, א מער פארוואקסענע, און אפ דער פערטער — ברענענ שוינ נאר פאשעטע האלב-טונקעלע לאמטערנס, און לעבנ איינער פונ זיי ווארט שוינ אפ איר פונ לאנג נאכנ העלער און לאזט זיכ אינ אומגעדולד איר אנטקעגנ.

ער האט געמיינט, אז זי וועט שוינ ניט קומענ, און איז דא שיר פונ זינענ ניט ארויס. איצט האט ער מוירע, אז ס'איז איר קיל, און איז צופרידנ, וואס זי לאזט, ער זאל זיינ בריטנ הארבסטמאנטל אפ זייערע ביידנס פלייצעס ארופווארפנ. ס'ציטערט שוינ בא אים אפילע די רעכטע האנט, וואס מיט איר נעמט ער ארום אונטער אט דעמ הארבסטמאנטל די טאליע פונ איר, שמוליק זיידענאווסקים יונגנ ווייבל. די האר אירע, זאגט ער, שמעקנ ניט מיט פארפומענ — נאר מיט זייער אייגענעמ רייעכ. און זי איגנאנצנ, די באסיטבידע און מעפונעקעם. ער גדענקט זי דאכ נאכ פונ איר קליינעמ שטעטל.

און זי שווייגט און גערענקט, אז ס'איז שוינ ניט אפ לאנג, אט דאס, וואס ס'ציט זי צו אים, און זי דרייט זיכ מיט אים ארום.

זי קוקט אפ די צוויי פארמעגלעכע מיידלעכ, וואס קומענ אנ אנטקעגנ. ביידע זיינענ זיי, אפאנעמ, גרויסשטאטיק-געבוירענע און ווייסנ וואס א שיינער באכער באטייט; די מיידלעכ קוקנ אפ העלערנ און שמייכלענ, גייענ אפ עטלעכע שפאנ, דרייענ די קעפ אהינטער און שמייכלענ ווידער. און זי הערט שוינ ניט, וואס העלער פלאפלט ווענג זיכ און ווענג זיינ קאפעקע-צייטונג, און טראכט, אז ס'איז ניט פאר איר אט דאס ארומדרייענ זיכ מיט העלערנ:

פאר זיי, פאר אט די צוויי גרויסשטאטיק געבוירענע מיידלעכ, איז דאס עפשער א זאכ, נאר פאר איר, מירל הורוויצ...

870—13

זי האָט שוינ אַלײנ אַמאָל אָט דעמ נאָסענענ פֿונ זיכ מעשׂה־לײעב געווענ.

און עפּעס אַנדעריש פֿעלט איר; מײדלווײַז האָט זי שוינ אַפֿילע אָנגעהויבנ צו פֿאַרשטײנ, וואָס איר פֿעלט, נאָר איצט איז זי פֿאַר־טומלט געוואָרנ אינ אָט דער טומלדיקער גובערניע־שטאָט, ווו זי האָט זיכ ניט לאַנג באַזעצט, און ער וועט זיכ שוינ באַלד פֿעלנ, אָט דער טומל...

געווים וועט ער זיכ שוינ אינגיכנ פֿעלנ.

II

פֿונ טאָג צו טאָג האָט ער זיכ מער געלאָזט דערקענענ.

ער, דער פֿאַרצווײַפֿלטער נאָסנ העלער, איז נאָכ אַלץ געווענ גרינג אױפֿ דער דײַע און האָט מיט זײַנ פֿוסטקײַט, ווי אַלעמאָל, דערמאָנט אָנ אַנ אַרויסגעטריבענעמ, גרויסשטאָטיקנ גימנאַזיסט.

מירלענ איז אַזוי ווינציק אָנגעגאַנגענ זײַנ פֿלאַפֿלערײַ מיט דעם, וואָס ער איז צוריק מיט פֿיר באַדאָשימ א באָסנ געוואָרנ דאָ אינ שטאָט פֿאַר א רבֿ און קראַנק מײדל—א יעסוימע, און וויל איצט דעמ שידעכ אָפּלאָזנ.

נאָר אײנמאָל אינאָוונט האָט ער גלײַכ אָנגעהויבנ פֿאָדערנ, זי זאָל זיכ געטנ מיט שמוליקנ און זאָל באַטענע האָבנ מיט אימ, נאָסנ העלער, וואָס וועט מאַכנ גליקלעכע געשעפֿטנ אינ זײַנ קאָפּעקע־צײַטונג, און וואָס פֿאַר אימ האָט מענ דאָ אינ גובערניע־שטאָט דערעכערעצ.

איר איז דאָס געווענ מיִעס, און ער האָט געהאַט צו איר טײַנעס, פֿאַרוואָס זי הערט ניט, וואָס ער רעדט, און טראַכט וועגנ עפּעס אַנ־דעריש:

„בא קײנעמ אינ די אויגנ זעט ער דאָכ ניט אויס אַזוי קלײנ און נאַריש, ווי בא איר, מירלענ".

זי האָט אימ דערויף גאָרנישט ניט געענטפֿערט; זי האָט נאָר אױפֿ אימ א מאָדנעמ קוק געטאָג און האָט אויפֿגעהערט צו קומענ צו אימ פֿאַרנאַכט אױפֿ דער שטילער פֿאַרוואַקסענער גאַס.

*

פונ דענסטמאָל אָנ האָט זי זיכ שוינ ווידער גאַנצע טעג געגודעט אפ די טרעפּלעכ פונ איר געמויערטנ גאַנעק אונ געדענקט, אַז זי האָט זיכ די לעצטע צײַט אַראָפּגעלאָזנ אונ טאָר עס מער אפ ווײַטער ניט דערלאָזנ:

„מיידלווײַז איז זי האָב שוינ געווענ געשטאַנענ אפ א דערעכ אונ האָט מיט שמוליקנ כאַסענע געהאַט נאָר אפ דערווײַל, ביז א צײַט".

זי האָט באַדאַרפט עפּעס טאָנ, קעדיי צו באַפרײַענ זיכ פונ איר איצטיקער לאַגע, אונ האָט ניט געוווּסט וואָס.

ס'איז געווענ קלאָגעדיק אפנ האַרצנ.

טעג האָבנ זיכ נאָכ דערצו אויכ געצויגנ אַזעלכע פאַרכוישעכטע, עלעלדיקע, אומעטיקע; פאַרוואָלקנטע הימלענ האָבנ פונ נאָכמיטאָג אָנ שטומ אַראָפּגעקוקט צומ פוסטנ אונ זאַמדיקנ עק־פאַרשטאָט, אונ גע־וועקט האָבנ צו עפּעס די פאַרבײַגײענדיקע מענטשנ מיט די רעגלמע־סיקע פאַרנאַכטיקע קלעפּ פונ דער שווינגערס אײַזערנ פאַרקנ־טירל:

„וואַרט... מע מוז זיכ פאַמעלעכ פאַנאַנדערקלײַבנ אונ באַטראַכטנ: וואָס דאַרפ טאָנ ווײַטער א מיידל, וואָס איז געוואָקסנ א באַסיעבירע בײַ ר׳ גדאַליע הורוויץ, אונ האָט שוינ עפּעס געהאַט אָנגעהויבנ צו פאַרשטיינ, אונ האָט שוינ כאַסענע געהאַט נאָר אפ קאַטאָוועס, אפ דערווײַל".

פונ העלערנ איז איר אײנמאָל אומ שאַבעס אָנגעקומענ א בריוו, אַז ער האָט זי ליב, אונ זײַנ לעבנ איז אימ אָנ איר פוסט; אַז זײַנ קאַלע, וואָס איז שוינ וועגנ דעמ געוואָר געוואָרנ, איז נאָכ דינסטיק אָנ זײַנ וויסנ אַוועקגעפאָרנ צו איר ברודער קיינ לאָדזש אונ זיכ גע־הייסנ רײַדנ שידוכימ; אַז הײַנט איז שאַבעס אונ אינ דער צײַט, וואָס בײַ איר, מירלענ, אינ דער היימ וועט זײַנ דער מאַנ, אונ געסט וועלנ זיצנ בײַ זיי אונ פאַרברענגענ, וועט ער זיכ, ווי אַלע פאַרנאַכט, אײַ־נער אַלײנ אַרומדרייענ אפ דער שטילער גאַס, אונ די היימ זײַנע וועט אימ זײַנ נימעס, אונ ער וועט זיכ עקנ פונ גרויס מאַטערניש אינ ווײַט טראַכטנ:

„עפשער... עפשער וועט זי פאָרט צו אים א צי טאָג, און זי וועט קומען?"

דער בריוו האָט זיך געוואַלגערט לעבן איר א ניט־דערלייענטער, און אַליין איז זי געלעגן אפ דער קאַנאַפּע מיטן פּנים און געהאַלטן די הענט אונטערן קאָפּ.

דאָס גאַנצע באַגעגעניש מיט העלערן — א באָכער, וואָס האָט ניט קיין עלטערן און קיין שוועסטער און ברידער און וואַלגערט זיך שוין דאָס צווייטע יאָר ערגעץ אין א געדונגענעם צימער, וואָס אין שטאָטצענטער, האָט זיך איר איצט שוין געדוכט אזוי איבעריק נודנע און גראָיש. ס'האָט זיך געמאָלט, ווי ער לאַנגווײַליקט זיך איצט דאָרטן אפ דער ווײַטער און שטילער גאַס, לעבן דעם איינציקן שאַבעסדיק־געשלאָסענעם ייִדישן קלייטל; ווי ס'איז אים דאָרטן פּוסט אפ דער נעשאָמע, און ס'איז אים נימעס זײַן געדונגענער בײַדער, ווו ער קאָן שוין לאַנג ניט אײַנזיצן. און ס'איז שוין געווען אזא בידעש אפ זיך אַליין:

„זי, מירל הורוויץ... נאָך וואָס האָט זי זיי באַדאַרפט אַט די גענג, וואָס זי איז צו אים טאָג בא טאָג אין שטאָט אַרײַן געגאַנגען?"

★

אין יענעם שאַבעס איז שמוליק ווידער אָפּגעשלאָפן דעם גאַנצן באַטאָג מיט די ווײַסע אַרבל אין זײַן קליינעם קאַבינעט, און ווידער האָט אים דאָרטן פאַר זונ־זעצן געוועקט און געקיצלט איינער פון זײַנע מוטערס יונגע קרוווים:

„שמוליק!.. עפן אופ די אויגן... ס'ברענט די גוראַלניע, שמוליק!"

מירל האָט זיי ניט געקאָנט פאַרלײַדן, אַט די יונגע שמייכלדיקע קרוווים, און האָט צו זיי קיינמאָל קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. דורכגייענדיק פאַרבײַ דער אָפענער קאַבינעטטיר, האָט זי אהין אַפילע קיין קוק ניט געטאָן. נאָר שמוליק איז שוין דאָרטן געלעגן אפ דער קאַנאַפּע מיט אָפענע אויגן. ער האָט זיך געצויגן מיט זײַן גאַנצן פאַרשלאָפענעם גוף און צו איר ווייך און גוטהאַרציק געשמייכלט:

„מירעלע, וועסט גיין צום טאַטן, מירעלע?"

זי האָט גלײַך אַריבערגעשפּאַנט אין עסצימער אַרײַן און זיך צו

אים ניט אומגעקוקט, מיט א פּאָר שאַבאָסימ צוריק האָט זי אימ אָפּ אָט דער פראַגע געענטפערט: „ער וועט טרעפנ אַהינ אָנ איר". ער איז ניט קליינ געווענ אָט דעמ ענטפער צו געדענקענ אונ איר מער דעמ קאָפּ ניט דולנ.

שפּעטער, ווענ שמוליק האָט שוינ מיטנ פאָטער צו דער שאַבעסדי־קער מינכע געהאַט אויסגעשפּאַנט, האָט זיכ פּלוצעמ צו איר אינ עמ־צימער דערהערט א שאַרפער קלונג פונעמ נייעמ פאַראַד־גלעקל, עמעצנס א געשווינדער שפּרונג אַריינ מיט אויכ אַזעלכע געשווינדע אָפּ־פראַגנ וועגנ שמוליקנ:

„ניטאָ? ווענ קומט ער? אוועקגעגאַנגענ אָפּ שאַליעסודעס צומ פאָטער?"

געווענ איז דאָס שמוליקס געשוועסטערקינד מאָנטשיק דער גרוי־סער. ער איז לעקאָווער שאַבעס געווענ אָנגעטאָנ אינ א שפּאָגל נייעמ גרויענ אָנצוג מיט אויכ אַזעלכע שפּאָגל־נייע געלאַקירטע שיכ. אונ איינגאַנצנ מיט זיינ סאָלדיש־צעטראָגנ פּאָנעמ אונ גרויסשטאָטיקדי־עוודיקנ גופ, האָט ער זיכ געריסנ צוריק אינ טומלדיקנ קראַכ־צענטער אַריינ, פונוואַנענ ער איז נאָרוואָס אַראָפּגעקומענ, גלייכ ס'וואָלטנ אימ דאָרטנ פאַרגעשטאַנענ ניט קיינ שווינדלערישע פּאַרדינסטנ, נאָר גאָר עפּעס א נייע אינ ווינטיקע נאַכט־אַווירע. ס'האָבנ שוינ אפילע בא אימ מער ווי טאָמער געגלאַנצט די צעטראָגענע גרויסע, שוואַרצע אויגנ. אונ דאָכ איז ער דאָ א היפּשע ווײַלע אָנ א היטל לעבנ מירלענ גע־זעסנ, זיכ באַצויגנ צו איר, ווי צו א ניי צוגעקומענער קרויווע, מיט וועמענ ער וויל היימיש ווערנ, האָט לאַנג דערציילט וועגנ זיכ מיט שמוליקנ, וועגנ דעמ ליטווישנ מעלאַמעד, בא וועמענ זיי האָבנ קינד־ווייז באַמ פעטער יאָסלענ אינ שטוב געלערנט, אונ וועגנ די טײַבע־רעכ. וואָס זיי פלעגנ דענסטמאָל האָדעווענ אינ אָט דעמ פליגל, ווו ס'וווינענ איצט מירל מיט שמוליקנ.

אונ איינמאָל האָבנ זיי דאָ שוינ צוויי פּאָר טײַבעלעכ מיטאַמאָל גע־האַט. האָבנ זיי גענומענ פונ איינ פּאָר אָנ „ער" אונ פונ דער צווייטער פּאָר א „זי", זיי פאַרשלאָסנ אינ אָט דעמ קליינעמ ביידער, וואָס איז איצט שמוליקס קאַבינעט, אונ האָבנ געוואָלט זענ, וואָס דערפונ

וועט ארויס. מירל קאָן האָם גלייבן!? אזעלכע שנעקן!? ער, מאָנטשיק, איז נאָך רענסטמאָל קיין צען יאָר ניט אלט געווען.

ס'איז געווען צו דערקענען, אז דער איינפאל, פארשפארן אין אייןביידער א פרעמדן „ער“ מיט א פרעמדער „זי“, איז געווען זיינער, מאָנטשיקס — ער האָט פאָרגעגעבן, און שמוליק האָט אויסגעפירט. ס'האָט שוין טאקע דערפאר פון אים געשמעקט מיט פיל אָפגעטאָגענע גרויסשטאָטיקע אווירעם. נאָר ס'האָט אויסגעזען, אז פיל אווירעם שטייען אים נאָך פאָר, דעריבער איז ער נאָך אזא קרעפטיקער, אזא דירעוודיקער און אזא צעטראָגענער.

מירל האָט קימאט ניט געהערט, וואָס ער האָט דערציילט. ליגנדיק אף דער קאנאפע, האָט זי געקוקט אף אים מיט גרויסע אויגן און האָט געדענקט, אז זינט זי לעבט, האָט זי נאָך, דוכט זיך, עפעס אזא מין פארשוין ניט געזען. איינמאָל, אין די ערשטע טעג פון איר אָנקומען, האָט ער זי, מירלען, אין שטאָט אף דער סאמע רוישנדיקער גאס באגעגנט און זי דאָרטן עטלעכע קווארטאלן באגלייט. האָט זי געזען, אז ער האָט פיל, פיל קריסטלעכע און יידישע באקאנטע, אז ער איז קימאט מיט זיי אלעמען אף „דו“, און אז צו אייניקע פון זיי שרייט ער אפן קאָל:

„קום ארײַן צו מיר הײַנט אינאָוונט, איך באדארף דיך האָבן“.

„זײַ עלף אזייגער אין דער היים, דו הערסט? פונקט עלף“.

און בא דער שוויגער אין שטוב האָט מען פון אָט דעם צעטראָגענעם באָכער געהאלטן אן אווילעם אומלויע. יעדעם מאָל, וואָס ער האָט זיך צו זיי פון שטאָט אראָפגעכאפט, האָט מען אים ארומגעשטעלט און באשאָטן מיט שײַלעס:

„מאָנטשיק, פארוואָס ביסטו ניט געקומען שאבעס?“

„מאָנטשיק, די מומע פערל האָט דיר צוגעשיקט פון ווארשע א מאטאָנע, האָסט געזען?“

„מאָנטשיק, דו וועסט פאָרן מיט אונדז זונטיק אין גוראלניע?“

אלע זיידענאָוווסקיס האָבן אים מאכמעס עפעס איבעריק ליב געהאט, און אלע האָבן זיי ניט געדענקט, אז זיי האָבן שוין פיל מאָל דערציילט וועגן אים יעדן ניי צוגעקומענעם מישפאָכע-מענטשן, און

האָבנ פונסניי אַלע מיטאַמאָל דערציילט, אַז ער איז אַ קלוגער, אַ דורכ־געטריבענער, אַז אַ קאָפּ האָט ער פונ קינדהייט אָנ אַ זעלטענעמ, אונ אַז קענענ קענ ער אַ סאַכ, אַ סאַכ, כאָטש ער האָט נאָכ באַ אַכצנ יאָר די ניט דערענדיקטע קאָמערצ־שול אָוועקגעוואָרפנ אונ האָט מיט זיינ קלוגנ קעפּל פאַרדרייט עפּעס אַ מאָדנע געליקלעכנ סאָכרישנ אַר־טעל, ווו ער איז נאָכ אַראַיעמ באַלעבאָס. איצט האָט ער שוינ אײנ קראַנ אַ נאָמענ, אַ קרעדיט מיט אַ גרויס באַקאַנטשאַפט, אונ מענטשנ קומענ צו אימ אָפט פרעגנ סאָכרישע אײצעס. ווענ ס'לאָזנ זיכ אימ דאָ אויס דיבורימ אונ אָוועקצוגיינ איז ער שוינ גרייט, אונ דאָס היטל האַלט ער שוינ אינ האַנט, דערמאָנט ער זיכ פּלוצעמ אָנ אײי־נעמ פונ אָט די אײצעס־פרעגערס אונ פאַרהאַלט זיכ נאָכ אַ ווײַלע:

„איז צו אימ אָט דאָ איצטיקע וואָכ געקומענ פרעגנ אָנ אײצע אײנער אַ יונגערמאַנ אונ האָט געזאָגט, אַז ער איז מירלס אַ באַקאַנ־טער, אַ שײנער איז ער, אָט דער יונגערמאַנ, גאָר, גאָר אַ שײנער; אַ ביסל ענלעכ אַפ אַ רומענער. וואַרט, ווי איז די פאַמיליע זײַנע?.. העל... העל... העלער, העלער. ער וויל דאָ אַרויסגעבנ אַ רוסיש קאָ־פּעקע־בלעטל אונ האָט דערופ סאַכאַקל דרײַ טויזנט רובל. עט!.. ס'וועט ניט גײנ, ס'איז קײנ געשעפט ניט".

באַ מירלענ האָט נאָר צום אָנהײב אַ קלאַפּ געטאָנ דאָס האַרצ אונ אינ באַלד געוואָרנ ווי פאַרשטאַרבנ:

אָט דער מאַנטשיק האָט די לעצטע מײַסע געקאָנט דערצײלנ גלאַט אַזוי, צופעליק. נאָר ס'האָט אויכ געקאָנט זײַנ אינ דעמ עפּעס אַ מיינ... פונ דער שווינער האָט מענ אימ, לעמאַשל, געקאָנט אונטער־שיקנ.

אַ היפּשע ווײַלע נאָכ מאַנטשיקס אָוועקגײנ איז זי נאָכ קאַלט אונ רויִק אַפ איר אָרט געלעגנ. ס'איז איר שוינ אַפּילע געווענ אַ כידעש אַפ זיכ אַלײנ. נאָר פּלוצעמ האָט זי אָנגעהויבנ פאַרדרײסנ, וואָס ער, העלער, גײט אַרומ צווישנ איר מאַנס קרוווימ אונ רעדט וועגנ איר, מירלענ. זי האָט מער ניט געוואָלט וועגנ אימ טראַכטנ אונ זיכ גע־שווינד ווי מיט קאַמ געצוומענ אָנטאָנ, קעדײ צו גײנ אַפ יענער שטו־לער גאַס, וווּ ער וואַרט אַפ איר:

„ניינ... ס'מוז אמאָל נעמענ אנ עק; איר עקלט שוינ פונ דער גאנצער מײַסע. זאָל ער אופהערנ אפ איר, מירלענ, האָפענונגענ צו האָבנ".

*

נאָכנ העלער האָט, ווי טאָמער, געווארט אפ איר לעבנ דער געשלאָסענער פאָטשט־אָפטיילונג, וואָס אפ דער שטילער גאס, געטראכט, אז זי וועט שוינ ניט קומענ, אונ זיכ געעקט. אלע ווײַלע האָט ער געקנייטשט מיט די אויגנ אונ זיכ אײַנגעקוקט אינ יענעמ ווײַטנ עק־גאס, פונוואנענ די נידעריקע אונ ווײַטע זונ האָט נאָכ אהער געבאקט, געצונדנ די פארגעלטע בלעטער, וואָס אפ די ארומיקע ביימער, מיט די דעכער פונ די נאָענטע הײַזער. צײַטנווײַז איז פונ דאָרטנ געגאנגענ א מענטש א באלויכטענער מיט דער רויטלעכ פארגעלטער זונעשײַנ, א גילדענער — ניט מירל איז דאָס געווענ. ווענ ער האָט זי סאפקאָלסאָפ פונ דאָרטנ אָנקומענ דערזענ, האָט ער זי שוינ ניט אינגאנצנ דערקענט אונ ניט געגלייבט, אז דאָס איז זי. ער האָט געדענקט, אז ער באדארפ איר עפעס דערציילנ וועגנ זיכ, וועגנ די טעג, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, וועגנ דעמ, וואָס ווײַטער קאָנ זיכ מער מיט אימ אזוי ניט ציענ. ס'האָט געצויגנ צו איר שלאנקער פיגור אונ צו איר פאָנעמ; ס'האָט זיכ געוואָלט וויינענ.

נאָר, צוקומענדיק צו איר, האָט ער דערזענ, אז איר פאָנעמ איז אומעטיק שטרענג אונ פארפרעמדט, אונ האָט מיטאמאָל פארגעסנ, וואָס ער האָט איר זאָגנ געוואָלט. א ווײַלע זײַנענ זיי אזוי אָנ לאָשנ איינער אנטקעגנ צווייטנ געשטאנענ. מירל האָט געקוקט אפ אימ, דענסט־מאָל וועג זײַנ קאָפ איז געווענ אראָפגעלאָזנ. זי האָט גארנישט ניט געזאָגט. ער האָט געהערט: זי האָט א לאנגנ אונ שטילנ אָטעמ געטאָנ אונ זיכ פאמעלעכ געלאָזט שפאנענ. ער האָט אויכ עפעס ווי א זיפצ געטאָנ אונ זיכ פאמעלעכ געלאָזט נאָכ איר. איצט איז שוינ געווענ קלאָר, אז זי איז צו אימ געקומענ דאָס לעצטע מאָל. ער האָט געציטערט מיטנ גאנצנ גופ. ווענ ער וואָלט געוועג אָנהייבנ ריידנ, וואָלטנ עפשער בא אימ די ציינ געווענ געקלאפט. ער האָט געקוקט ניט צו

איר, נאָר אַנטקעגן, צו דער געשלאָסענער פּאָטשט. דער דאַך איז אַף איר נאָך מיט דער לעצטער זונענשײַן באַלויכטן געווען; אין איינעם אַ פענצטער איז דאָרטן אַ שויב געווען אויסגעזעצט; זי איז געווען פון אינווייניק פאַרשטעלט מיט אַ בלוי פּאַפּיר. דאָ האָט ער אָקאָרשט נאָכאַמאָל אַף מירלען אַ קוק געטאָן און האָט באַמערקט, אַז זי איז פאַר די לעצטע טעג שטאַרק פון פּנים אַראָפּ, און אונטער די אויגן איז באַ איר שוואַרץ; אַז געווען איז זי געווים די גאַנצע צײַט פאַרשפּאַרט באַ זיך אין שטוב און געליטן האָט זי דאָרטן פון געדאַנקען, וואָס האָבן צו אים, העלערן, קיין שײַכעס נישט. ס'האָט אים פאַרדראָסן, האָט ער געזאָגט:

„וואָס־זשע רעדן? ער איז דאָך באַ איר גאָרנישט...“

מירל האָט ניט געענטפערט.

זיי האָבן פאַרקערעוועט לינקס און זײַנען געגאַנגען אַראָפּ באַרג מיט דער ברייטער און פאַרקרימטער גאַס, ווו די געברוקירטע שטיינער זײַנען געווען גרעסער, ווי אומעטום, איבער די וואַסערן, וואָס רינען איבער זיי אין די יערלעכע רעגנצײַטן. און נאָכדעם האָבן זיי דערגרייכט דעם עק פון אָט דער פאַרקרימטער גאַס, וואָס איז אויך געווען דער עק פון שטאָט; און נאָכדעם זײַנען זיי בײַדע געזעסן דאָרטן אין עק אַפן בענקל, וואָס אַנטקעגן דער לאַנגער איינגאָרנדיקער און גרויס־פענצטערדיקער גיס־פאַבריק. די ווײַטע מערעווזײַט האָט איר רויטן אונטערגאַנג־פײַער אין די פענצטער פון אָט דער עלעקטריש־באַלויכטענער גיס־פאַבריק אָפּגעשפּיגלט, און רעכטס האָבן זיך שוין אין אָט דער רויטקײַט געטונקט די הויכע, גרינע בערג מיט די לייםגרובער, וואָס לאָזן ניט, די שטאָט זאָל זיך ווײַטער בויען. אַ געפּענטעטע פערד האָט זיך דאָרטן אַפן באַרג לעבן דער אַלט־פאַרלאָזטער ווינט־מיל אַפן פאַרוויטלטן גראָז געפּאַשעט, און אַ שייגעצל אין ווײַסע לײַוונטענע פלודערלעך איז דאָרטן אין עק געשטאַנען און אַף דער שטאָט אַראָפּגעקוקט. פּלוצעם האָט גאָסן דערפילט, אַז ער ווערט אויפגערעגטער פון רעגע צו רעגע, און אַז ער הייבט אָן צו ריידן, נאָך איידער דער מויעך ווייסט, וואָס פאַר אַ ווערטער ס'וועלן באַ אים פון מויל אַרויסגיין:

„ער ווייס... איינ זאכ ווייס ער. ער וויל, אייגנטלעכ, בא איר פרעגנ..."

מירל האט אים דערשטוינט אָנגעקוקט אונ ניט געוווּסט, וואָס ער וויל.

ער האט נאָכ אַלצ דעמ פאָדעמ פונ זיינע געדאנקענ אָנכאפּנ ניט געקענט. ס'האט אים געדוכט, אז מירל קוקט אפ אים ווי אפ אנ אידיאָט, וואָס פּלאַפּלט. איז ער נאָכ מער אופגערעגט געוואָרנ, אונ פאַרדראָסנ האט אים אפ איר אזוי שטארק — דער פאַרדראָס האט אים געהאָלפנ, ער זאָל מיטאמאָל בא זיכ שטארק ווערנ אונ זאָל מיט־אמאָל, אומגעריכט פאר זיכ אליינ, ארויסזאָגנ דאָס, וואָס ער וויל.

„אָט וואָס ער וויל וויסנ: מירל האט אים ליב? זי קאָנ דאָכ דאָס ניט אָפּלייקענענ. פרעגט ער בא איר איינ זאכ: פארוואָס וויל זי זיכ ניט געטנ מיט איר מאנ אונ כאסענע האָבנ מיט אים, העלערנ?"

מירל האט אים אויסגעהערט, א קנייטש געטאָנ מיט די אקסלענ אונ גענומענ אראָפּקוקנ צו די פאסקעלעכ, וואָס זי האט מיטנ שירמ־שטעקל אפ דער ערד אויסגעדרייט:

„נו, אונ נאָכדעמ, נאָכ דער כאסענע..."

„נאָכדעמ?"

גאָסנ העלער האט ניט פארשטאנענ, וואָס זי מיינט מיט דעמ.

„נאָכדעמ... נאָכדעמ וועלנ זיי אוועקפאָרנ קיינ אויסלאנד... ביכ־לאל נאָכדעמ..."

מירל האט ווידער מיט די אקסלענ א קנייטש געטאָנ אונ זיכ פונ בענקל אופגעהויבנ.

העלער האט עפּעס געוואָלט אופּווייזנ, נאָר זי האט עס געוווּסט אופריער. ס'איז געווענ נימעס צו הערנ, האט זי אים קאלטבלוטיק אָפּגעשטעלט:

„זי האט פיינט א סאכ צו ריידנ".

נאָר העלער איז שוינ אויסער זיכ:

„נו, ווי־זשע לעבט זי, לעמאָשל, שוינ פיר כאדאָשימ צייט מיט איר בארישנ מאנ? אינ שטאָט לאכט מענ פונ אים... אימ אינ די אויגנ לאכט מענ פונ אים..."

ער איז אנשוויגנ געוואָרנ נאָר דערפאַר, וואָס מירל האָט צו אימ איר פאָנעם אויסגעדרייט: ער האָט געזענ: נאָכ מער פאַרפרעמדט, ווי פריִער, איז אָט דאָס פאָנעם געווענ, עס האָט אפ אימ אומעטיק געקוקט, אונ ווי א ציטער איז, דוכט זיכ, איבער אימ דורכגעגאַנגענ.

זי האָט געזאָגט:

„עטלעכע מאָל האָט זי אימ געבעטנ, ער זאָל ניט ריידנ וועגנ איר מאַנ אונ זאָל זי צורו לאָזנ... דער מאַנ אירער איז א גוטער... ער טוט, אלקאָלפאָנעם, קיינעם קיינ שלעכטס ניט”.

ס'האָט זי פאַרדראָסנ אפ זיכ; ס'האָט זיכ געדוכט, אז פיל, פיל ווייבלעכ האָבנ שוינ די זעלבע ווערטער וועגנ זייערע נארישע מאַנענ געזאָגט צו יענע יונגעלייט, מיט וועמענ זיי דרייענ זיכ ארומ אפ די שטילע גאַסנ.

„יעדנפאַלס איז ער, העלער, ניט ווערט, מ'זאָל איבער אימ די מיינונג וועגנ איר מאַנ בייטנ”.

זי האָט ניט געוואָלט טראַכטנ וועגנ אָט די לעצטע ווערטער, וואָס זי האָט צו אימ מיט קאָם פאַרנ אוועקגיינ געזאָגט. זי האָט זיכ מער צו אימ ניט אומגעקוקט אונ זיכ געפלייסט אָנ אימ פאַרגעסנ. גייענדיק מיט רעגלמעסיקע גיכע טריט, האָט זי געהאַט א געווייגלעכ אומעטיק פאָנעם, געוואָלט פאַרטרייבנ פונ זיכ די אופרעגונג אונ שטאַרקנ אינ זיכ די געדאַנקענ:

„האָט זי שוינ, הייסט עס, מיט אימ, מיט העלערנ, פאַרענדיקט. אונ איצט... וואַרט... עפעס מיט נאָכ עמעצנ האָט זי, דוכט זיכ, באַדאַרפט פאַרענדיקנ... יאָ. מיט זיי, מיט די זיידענאָווסקיס, מוז זי שוינ אינגיכנ אָנ עק מאַכנ”.

זי באַדאַרפ איצט אהיימ קומענ אונ זיכ באַלד פאַר אָט דער אַרבעט נעמענ.

III

ס'איז געווענ שפעט אינאָוונט, ווענ זי האָט זיכ נאָכ עטלעכע שאָ ארומדרייענ צוריק אהיימ אומגעקערט אונ איז אינ עק פאָרשטאָט צו איר שטיבל צוגעקומענ. פונ די אויסגעלאָשענע פענצטער האָט אָנ

איר מיטאָמאָל פֿוסטקײַט אַ בלאָז געטאָן, און קיין כיישעק איז שוין ניט געבליבן דעם שלאָפֿנדיקן דינסטמיידל אָנצוקלינגען און אין די פֿינצטערע כאַראָמען אַרײַנצוקומען. פֿון קעגניבער דעם פֿינצטערן סאָד האָבן אַרויסגעקוקט די שאַבעסצונאַכטיקע באַלויכטענע פֿענצטער פֿון שווערס גרויסער שטוב. מ'האָט באַראַפּט אַהין אַרײַנגיין; מ'האָט דאָרטן באַהאַרפֿט נאָכאַמאָל עפּעס זען, קעדיי צו איבערצײַגן זיך נאָך אַמאָל דערין, וואָס זי טראַכט:

„ס'איז פֿאַר איר קיין געשעפֿט ניט, אָט דאָס, וואָס זי איז נאָך ביז הײַנט ניט אַוועק פֿון זיידעגאָוואָסקיס שטוב".

און זי איז אַהין סאַפּקאָלסאָפּ אַרײַנגעגאַנגען, געזעסן דאָרטן לאַנג אין עסצימער און זיך געגודעט, ניט אויסשטענדיק פֿון זיך דאָס גאַס־קאַפּטל און ניט אויסריידנדיק צו קיינעם אַ וואָרט.

ווי אַלעמאָל, האָבן זיך אַהין אויך דעם שאַבעסצונאַכט קימאַט די גאַנצע מישפּאָכע קרויווים צוזאַמענגעקליבן. זיי זײַנען געזעסן אויף די אַלטע און נײַע בענקלעך, וואָס אַרום דעם לאַנגן פֿאַרשפּרייטן טיש און לעבן גרויסן „בופֿעט"; געשטאַנען בינטלעכווײַז לעבן גלעזערנעם הויך אַוועקגעשטעלטן יערושע־שאַפֿקעלע, אָדער זיך געוואַלגערט אויף דער גרויסער און ברייטער קאַנאַפּע, וואָס איבער איר איז נידעריק געהאַנגען דאָס איינציקע אויסגעניטע בילד.

פֿון קליין ביז גרויס האָבן אָט די קרויווים שמוליקן ליב געהאַט, אים געהאַלטן פֿאַר אַן אומגעוויינלעך גוטן און ווייכהאַרציקן, זיך געשפּילט מיט אים, ווי מיט אַ קליין געראָטן קינד. אַלע האָבן זיי געוווּסט, אַז מירל איז אַ שיינע, אַ פֿײַנע, נאָר אַלע זײַנען זיי פֿון איר ניט אינגאַנצן צופֿרידן געווען, און זיך געהאַלטן פֿון איר עטוואָס וויַיט, טאָמער געוואָרן צווישן זיך, אַז מירל איז ניט די, וואָס אויף איר האָבן זיי מיט שמוליקן די לעצטע עטלעכע יאָר געוואַרט, און ניט געקאָנט פֿאַרגעסן אָן אַן אָרטיק שטאַרק רײַך מיידל — איטע מוריינים, וואָס פֿייגערט נאָך אַדאַיעם נאָך שמוליקן אַוועק.

„אַ מאָשל, אַז דער אַלטער מוריינים אַליין האָט אָקאָרשט אָט דאָ אַנומלטן געזאָגט: שמוליקן האָט ער בעדייע געהאַט אויסצוצאָלן צוואַנציק טויזנט רובל".

געווענ איז אויכ צווישנ די קרויווימ די עטוואָס פאַר־פרעמדטע געוועזענע קורסיסטנ, מיריאַמ, א וווקסיקע, א שיינע אונ גרויסגופיקע, מיט אנ אָוואַר פונ א געזעצט קלוגער רעוואָליוציאָנערנ; אָקאָרשט צוריק מיט אָנדערהאַלבנ יאָר האָט זי כאַסענע געהאַט פאַרנ פאַרטיי־כאַווער, אינזשעניער, ליובאַשיצ, געהאַט מיט אימ א קינד, אָנגעהויבנ באַלד נאָכ דעמ ערשטנ קימפּעט פּעט ווערנ, צופיל שמייב־לענ אונ נאָכאַמאָל גיינ צומ פעטער יאַנקעוו־יאָסלענ אינ שטוב. זי האָט אויכ, ווי אַלע קרויווימ, געזאָגט, אז זי איז צו שמוליקנ פונ טאָמע אָנ גיט גלייכגילטיק, צופיל האַרציק צו אימ געשמייכלט אונ געהא... אינ איינ דערציילנ וועגנ איינעמ פונ זיינע גוטהאַרציקע קוריאָזנ:

„טרעפט זי זיכ מיט שמוליקנ פאַר א וואָכנ דריי אפנ גרויסנ וואָקזאַל אונ באַקאַנט אימ דאָרט מיט זייער קאַרעוו נאומ קלוגער. נאומ איז געפאַרנ פונ כאַרקאָוו, ווו ער האָט אָקאָרשט הינטיקס יאָר אפ דאָקטער געענדיקט"...

דער קוריאָז איז באַשטאַנענ דערינ, וואָס שמוליק איז נאַיוו, ווי א קינד, אונ האָט א גוט האַרצ. דאָס ערשטע מאָל האָט מענ אימ באַקאַנט מיט אָט דעמ יונגנ דאָקטער דעמ קאָרעוו, וועמענ ער האָט, זינט ער לעבט, אפילע איינ מאָל ניט געזענ, אונ ער איז מיטאַמאָל געוואָרנ צו אימ היימיש אונ איז צו אימ ניט אפ קאַטאָוועס צוגעשטאַנענ:

„נאומ, קומט אראָפּ צו מיר אפ שאַבעס, נו, נאומ! שטעמפּלט אפ דעמ בילעט, נאומ".

פונעמ באַלעבאָס קאַבינעט, מיטנ באַלעבאָס א פּאַפּיראָס אינ מויל, איז אַרויסגעגאַנגענ א מיטליאָרקער ייד, א שאַרכנ, א הויכער, א האַלב־פרומער, אינ א צו ברייטנ סורדוט, מיט א שמאָל לענגלעכ בערדל אונ שאַבעסדיק צופרידנ פּאָנעמ, אונ מיט א טעווע פּאַרצושטעלנ זיכ מער אידיאָטיש, ווי ער איז אינ עמעסנ. ער האָט באַמ גרויסנ טיש געכאַפּט א פּאָר ווערטער פונעמ שמועס, וואָס מ'האָט דאָרטנ געפירט, אונ זיכ באַלד גענומענ שווערנ אפנ קאָל:

„וואָס? קורסיסטקעס? זאָל ער אזוי א גוט יאָר האָבנ אויסגעבעטנ, ווי זיי פּיינערנ שוינ ניט קאַלעס צו ווערנ, צומ אָנהייב מאַכנ זיי דער־

פונ קלוימערשט אנ אָנשטעל אונ מאכנ כוזזעק, נאָר אז זיי זעענ עפּעס אפ דעם עמעס, באקומענ זיי כיישעק אונ הערנ אופ צו לאכנ... ווי ער איז א ייִד".

אקעגנ שמוליקס שוועסטער, ריקלענ, זײַנענ אָט די שמועסנ געגאנגענ. דאָרטנ אויבנאָנ באם טיש. איז די שוויגער מיטנ שאַל אפ די אקסלענ געזעסנ אונ האָט נאריש געפינקלט מיט די אויגנ. פריִער א ביסל, פאר מירלס אָנקומענ, האָט זי זיכ געקלאָגט פאר דער געוועזענער קורסיסטנ מיריאָמענ אפנ אויער:

„אָבער די זאכ אַליינ איז האָכ א כידעש... זי גייט אלע טאָג אונ שטאָט ארײַנ, מירל, פארוואָס זאָל זי אמאָל ניט רופנ מיט זיכ שמוליקנ?"

איצט האָט זי שוינ דערציילט א באַיאָרטער ייִדענע וועגנ די צוויי קורסיסטנס, וואָס האָבנ זיכ אינ שטאָט בא פעטער אזריעל־מייערס טאָכטער א כיידער אָפּגעדונגענ:

„דערציילט זי, דעם פעטער אזריִעל־מייערס טאָכטער, אז אָפט קומט צו אָט די קורסיסטקעס שפּעט אינאָוונט א סטודענט אונ בלײַבט בא זיי נעכטיקנ".

אונ א ביסל ווײַטער, אינ דער מיט פונ גרויסנ כיידער, איז געשטאַנענ דעם באַלעבאָס ייִנגסטער ברודער, שאָלעם זיידענאָווסקי, א טאָמער אומצופרידענער, מאט־טונקעלער יונגערמאנ, מיט אַנ אויסזענ פונ א באַיאָרטנ יעשיוועבאָכער, וואָס האָט זיכ נאָרוואָס די פּייעס מיטנ סורדוט אונטערגעקירצט, ער איז דאָרטנ געשטאַנענ איינער אַליינ, געקוקט אפנ גאַנצנ אוילעם פאָרזיכטיק אונ געדולדיק, ווי פונ א זײַט, אונ האָט דערבײַ גײַוועדיק געשוויגנ. אַליינ איז ער ניט לאַנג, נאָכנ טויט פונ זײַנע פאנאטישע עלטערנ, געבליבנ ניט מער, ווי א האַלב־אפּיקאָרסישער פאַרגיפטיקטער מאַכיקל, כאַסענע געהאַט צוליב נאָרנ מיט אנ איבערגעוואַקסנ דאַר־גופיק מיידל, וואָס ער האָט זי דרײַ יאָר צײַט ניט געוואָלט, זיכ באַזעצט מיט איר אינעם נאָענטנ שטעטל, ווו ס'וווינט א גוטער ייִד, אונ האָט האָרטנ געמוזט א סקלאַד פונ ברעטער עפענענ. פילט ער איצט צו געלט א טיפע סינע מיט א געיאָרשנטער קרעמעריש־קרענקלעכער ליבע, גלייבט ניט, אז עמעצער איז א־

דעם פאכ בעסער פונ אים, אונ טראגט דערפאר ארומ אינ זיכ אנ אומגעוויינלעכ שלעכטע מיינונג וועגנ דער גאנצער יידישער יוגנט:

„אז בא אונדז קאנענ ניט זײַנ קײנ געזונטע טיפנ“...

צו מירלענ האט ער זיכ פונ אנהייב אנ באצויגנ שלעכט אונ פײַנט־לעכ, גלײַכ ער וואלט איר בעשומווײַס ניט קאנענ מויכל זײַנ, וואס זי האט כאסענע געהאט מיט זײַנ ברודערס גארישנ שמוליקנ. ער האט דעם גאנצנ אוונט צו איר ניט געקוקט, געפילט, ווי ס'רעגט אימ דאכ איר שײַנ אומעטיק פאנעמ מיט די פארזארגטע בלויע אויגנ, צוגע־גאנגענ צולעצט צומ יונגנ ליובאשיצ דעמ סטודענט, וואס איז ניט ווײַט פונ מירלענ געזעסנ, אונ אימ דערציילט מיט אזא טאנ, גלײַכ ס'וואלט זיכ האנדלענ וועגנ א צופאל, וועלכער איז נארוואס פאר זײַ־נע אויגנ אפ אײנער פונ די רוסישע שטאטגאסנ געשענ:

„יא... גייענ זיי בא אונדז קלײנערהייט ארומ, אט די יוגנטלײַט, אונ טראכטנ: איכ וועל זײַנ א בעג־מילעכ... ס'ווארט ערגעץ אפ מיר א באסמאלקע“...

ס'איז אנגעקומענ פונ שטאט מאנטשיק. אנגעקומענ א פארשפע־טיקטער, א צעטראגענער מיט אנ אויסזענ פונ א מענטשנ, וואס איז אהער ארארגעפאלנ פונ יענער וועלט. נארוואס זיכ בא אימ עפעס גאר א לוינענדיק געשעפטל פונ אונטער די הענט ארויסגעגליטשט, איז בא אימ דער קאפ נאכ אינ שטאט געווענ אונ האט געזוכט אײַצעס, וויאזוי אט דאס געשעפט מאצל צו זײַנ, אונ די אויגנ האבנ אויסגעגלאצ־טערהייט אינ לאמפ ארײַנגעקוקט. ער האט טאקע צומ אנהייב ניט בא־מערקט, ווי הינטער זײַנע פלייצעס שטיקנ זיכ אונ שטופנ זיכ אײנע צו דער צווייטער די יונגע קרויוועס, ווי ס'טוט אימ פונ דארטנ אלע־מאל אנ אנדערע א שטילנ שלעפ פארנ רעקל, אונ ווי עמעצער רוקט אימ מארגאנצ־שאלעכצ הינטערנ קאלנער. ווענ ער האט זיכ סאפקאל־טאפ אומגעקוקט, האבנ זיי שוינ אלע אפנ קאל פונ אימ געלאכט, אינ גאר די געוועזענע קורסיסטנ מיריאם ליובאשיצ האט זיכ געפלײַסט האבנ אנ ערנסט פאנעמ אונ האט געטריבנ קאטאוועס:

„פע, מאנטשיק!.. שוינ עפשער א האלבע שעה, זינט איכ פרעג בא דיר עפעס... וואס הייסט, דו ענטפערסט ניט?“

־ענסטמאָל האָט זיכ מאַנטשיק אַקאָרשט דערמאָנט, אַז ער איז הונגעריק, אונ זיכ אָנגעהויבנ ווונדערנ:

„וואָרט, קיינ טיי האָט ער פאַרנאַכט געוויס ניט געטרונקענ. אָבער מיטיק?.. וואָס איז דאָס פאַר א מייסע? ער קאָנ זיכ בעשומויפנ ניט דערמאָנענ, צי ער האָט היינט געגעסנ מיטיק, צי ניינ".

מ׳האָט פונ אימ ווידער געלאַכט אונ אימ עסנ געגעבנ. האָט ער געכאַפּט א פּאָר בימ שטייענדיק, זיכ ווידעראַמאָל פאַרטראַכט, גענומענ פונ שאָל אינ דער האַנט די גלאָז טיי אונ איז מיט איר אוועק שפּאַצירנ איבערנ ביידער.

אויבנאָנ באַמ טיש האָט מענ נאָכ אַלצ גערעדט וועגנ „קורסיסט־קעס". עמעצער האָט אונטערגעהערט, ווי ציניש די צוויי קורסיסטנס, וואָס קווארטירנ באַמ פעטער אַזריעל־מייערס טאָכטער, האָבנ צווישנ זיכ גערעדט, נאָכ דעמ ווי דער סטודענט, וואָס נעכטיקט באַ זיי, איז איינמאָל גאַנצפרי פונ זיי אוועקגעגאַנגענ. די שוועסטער האָט זיכ פאַר קרימט אונ הילכיק אויסגעשפּיגנ, אונ באַ די מאַנצבלעס האָבנ זיכ דערפונ די טשוועדיקע געפילנ צעפּלאַקערט, אונ ניט קיינ שיינע מייסעס האָט מענ איינעמ דעמ צווייטנ אָנגעהויבנ דערציילנ. עמעצער האָט אָפּ־גערופנ שמוליקנ אָנ א זײַט אונ זיכ גענומענ מיט אימ סוידענ וועגנ א קליינוווקסיק, שטאַרק לײדנשאַפטלעכ ווײַבעלע, א קורסיסטנ, וואָס האָט אינ קורסק א מאַנ א וואָיאַזשאָר געלאָזט אונ איז שוינ דאָ אינ שטאָט פונ עמעצנ טראָגעדיק געוואָרנ. באַ שמוליקנ האָט זיכ פונ אָט דעמ סאָד דאָס פּאָנעמ צעברענט, אונ פאַרגעסנ האָט ער אָנ די מענטשנ, וואָס פילנ אָנ דעמ גרויסנ עסצימער; ס׳האָט זיכ געהערט, ווי ער פרעגט דאָרטנ אַפנ קאָל:

„טאַקע דאָ? אינ שטאָט?"

נאָר אינ פינצטערנ קאָרידאָר, וואָס צווישנ קאַבינעט אונ עסצימער, האָט זיכ שוינ דערווייל געלאָזט הערנ די קלינגעוודיקע ברוסט־שטימ פונעמ מיטליאָריקנ אונ קרעפּטיקנ באַלעבאָס, דעמ ברונעט:

„הייס באַלד שפּאַנענ די פור, באָרעכ! דו האָסט נאָכ צומ צוג א שאָ מיט א פּערטל".

אינ ביידער איז מיטאַמאָל געוואָרנ שטיל. וועג אַפ דער שוועל

האָט זיכ באַוויזנ זײַנ לעבעדיקע פיגור, האָבנ שוינ אַלע צו אים מיט דערעכערעצ געקוקט, ווי ער ליגט דאָרטנ, מאַנטשיקנ זײַנ האַנט אויפ אַקסל אַרופ און טוט צו אים שמייכלדיק א ווונק:

„טראַסקעסט, אַ?”

קיינער האָט ניט געוווּסט, צי אַט דאָס וואָרט „טראַסקעסט” איז געזאָגט געוואָרנ אַפ דער עמעס, צי אַפ לעצאָנעס. די אויגנ האָבנ בא אים ווי שטענדיק געגלאַנצט, גלײַכ ער האָט זיי נאָכוואָס מיט לאַק אָפּ-געשמירט, און זײַנ גאַנצע פיגור האָט ווי איבערגעכאַזערט אָנ לאָשנ: דאָס, וואָס אַלע האָבנ שוינ לאַנג וועגנ אים געוווּסט, און וואָס ער אַליינ האָט וועגנ זיכ קיינמאָל ניט געזאָגט:

„בא א האַלבנ מיליאָנ געלט... אַ? א נאָמענ אַפ דער גאַנצער סווי-ווע... און אַליינ עפּעס אויכ ניט אַבי ווער... עפּעס פונ די זיידע-נאָווסקים!”

מירל האָט אַפ אים געקוקט פונ קעגנאיבער דעם טיש, ווו זי איז נאָכ אַלץ אָנגעטאָנענערהייט געזעסנ. אַט דער ייִד, וואָס האָט זיכ ווערטלענ ליב געהאַט, געפאָרנ אַדראַיעם אַפ יאָנקיפּער קיינ סאַדיגערע און צו יעדנ לאַנגנ שאַלעשודעס ניט אַנדערש, ווי א גאַנצנ מיניענ באַדאַרפט, האָט אינ אירע אויגנ צײַטנווײַז אויסגעזעהנ, ווי א פּאָשעטער איבערגעטאָנענער זשוליק. ס'איז רעכט געווענ צו גלייבנ, אַז, נישט קוקנדיק אַפ זײַנ ייִדיש פירעכצ, בלײַבט ער אָפט אונטערוועגנס אומ-געטרײַ זײַנ אייגנ ווײַב און טוט אָפּ גאָר מיִעסע מײַסימ; אַנדערש האָט מענ ניט געקאָנט פאַרשטיינ, פאַרוואָס ער ברעכט צײַטנווײַז אַזוי פּלו-צעמ זײַנ שטאָלצע, אַקשאָנעסדיקע נאַטור און ווערט אָפט פאַכדאָנעס-דיק ווייכ אַפילע צו זײַנע אייגענע קליינע קינדער.

אַט האָט ער צולעצט זיי, די ערשטע שנור זײַנע, דערזענ, צוגע-גאַנגענ מיט א שמייכל און מיט האַוויִעס און זיכ גענומענ ווערט-לענ מיט אַזאַ טאָנ, גלײַכ נאָר ער אַליינ ווייס בעסאָד-סוידעס, אַז זי איז פאַר זײַנ זונ לאַכלוטנ קיינ ווײַב ניט:

„אַ... מירעלע... ווי גייט עס עפּעס אינ באַלעבאַטישקייט?”

אַלע האָבנ אַהער געקוקט, געשוויגנ און געשמייכלט, און נאָר די געוועזענע קורסיסטנ — מיריאַמ ליובאַשיץ, וואָס האָט זיכ בעקיווענ היני-

370—14

טער עמעצנס פלייצעס באהאלטנ, האָט פונ דאָרטנ שטיל געענטפערט פאר מירלענ מיט א ווערטל, וואָס קיינער האָט ניט איינגעהערט, אונ האָט געוואָלט דערמיט דעמ פעטער יאנקעוו־יאָסלס אופמערקזאמקייט צו זיכ צוציִענ.

מ'האָט געלאכט פונעמ שווערס לעצאָנעסדיק־קלוגע איינפאלנ:

„זאָל זיכ מירל אויסמאָלנ: די קעכנ האָט זי פלוצעמ אוועקגעוואָרפנ, אונ קיינ אנדערע קאָנ זי ניט קריגנ".

„ס'קאָנ דאָכ אמאָל געמאָלט זײַנ א „זאבאסטאָווקע" פונ קעכנס, לעמאָשל".

ס'האָט ניט געלאכט נאָר דעמ שווערס גײַוועדיקער אונ שטארק שלעכטער ברודער — שאָלעמ זיידענאָווסקי, א שטרענג אָנגעבלאָזענער, מיט א שלעכטער מיינונג באַ זיכ אינ קאָפ וועגנ דעמ, וואָס אָט דער גאנצער אוילעמ איז אייגנטלעכ ניט אימשטאנד צו פארשטיינ ניט אימ, דעמ בוויערדיקנ קאָפ, ניט די סיבע פונ זײַנ סינע צו מענטשנ, איז ער באַ דער זײַט אָפגעזונדערט פונ אלע געשטאנענ אונ האָט געשוויגנ. דער קאָפ איז באַ אימ געשטאנענ א ביסל אָנ א זײַט, די רעכטע האנט איז געווענ פארוקט צווישנ די קנעפלעכ פונ זײַנ פארשפיליעטנ סורדוט, אונ די דורכדרינגענדיקע אויגנ האָבנ די גאנצע צײַט געקוקט אפ מירלענ שלעכט אונ ווי פונ אויבנ אראָפ. צווישנ דעמ גאנצנ ארומיקנ אוילעמ האָט דאָכ נאָר ער אליינ גערעכנט זײַנ עלטערנ ברודער פאר א פאשעטנ האָנאָרניק אונ נארישנ קאָווער־זוכער, נאָר געוווּסט, אז קיינער כוץ אימ וועט עס דאָ ניט פארשטיינ, איז דערפאר ניט געוואָלט וועגנ דעמ ריידנ. ער האָט נאָכ נידעריקער אראָפגעלאָזט דעמ קאָפ, אונטערגעהויבנ די ברייטע גלאנצנדיקע געמבע, וואָס אפ איר איז זעלטנ־זעלטנ א האָר געוואקסנ, זיכ גײַוועדיק געלאָזט שפאנענ איבערנ כיידער אונ שוינ קיינ וואָרט ניט געענטפערט אפילע דער געוועזענער קורסיסטנ מיריאָמענ, וואָס האָט אימ געהאלטנ פאר א קאמצנ אונ איז שוינ צו אימ זינט עטלעכע מינוט צײַט מיט איר נודנער שײַלע צוגעשטאנענ:

„שאָלעמ, אפ וועננ בעטסטו, זאָל מענ פאָרנ צו דיר צוגאסט?"

דער שווער איז שוינ דאָ אינ כיידער ניט געווענ. דער אוילעמ האָט

זיך שוין צוריק געפירט צו פיל פרייער און פריי, און מירל איז נאָך אַלץ אָנגעטאָנענערהייט באַם טיש געזעסן. פּלוצעם האָט זי אַף זיך ווידעראַמאָל באַמערקט שאָלעמ זײַדענאָווסקיס בליק און איז אומגע- ריכט פאַר זיך אַליין פון אָרט אופגעשפרונגען.

זי האָט זיך דאָ אין שטוב מיט קיינעם ניט געזעגנט. זיך איינע אַליין געלאָזט אַהיים גיין, און זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַרויִקן:

„ניין, אַט דעם יעשיוועבאָכער וועט זי סאַפּקאָלסאַפּ אַמאָל מוזן זאָגן, אַז ער איז א גרויסער טיפּעש, אָדער עפּעס אַנדערש אין דעם זעלבן זין".

און דאָס האַרץ האָט געגאָגט די גאַנצע צײַט, וואָס זי האָט זיך נאָכדעם באַ זיך אין צימער אויסגעטאָן און אין בעט זיך געלייגט:

„אַט רירן זי שוין אָן שאָלעמ זײַדענאָווסקיס בליקן... און דעריקער..."

דער איקער איז, וואָס זי אַליין פילט אַלע טאָג, אַז מ'ע באַדאַרף עפּעס צו טאָן, און ווייסט ניט, וואָס און וויאַזוי צו טאָן. אַלע טאָג טראַכט זי, אַז זי וועט עס וויסן מאָרגן, נאָר מאָרגן פאַלט זי ווידער, דערפאַר וואָס זי געפינט זיך אונטער איין דאַך מיט שמוליקן און איין זײַן ווײַב. סאַפּקאָלסאַפּ מוז זי דאָך פון אַט דעם גאַנצן לעבן עפּעס אַן אויסגאַנג געפינען.

ס'איז מער ניט —

„פאַראַן אַנדערע מענטשן, וואָס זוכן אויך יאָרנלאַנג אַט דעם זעלבן אויסגאַנג, און אַז זיי געפינען אים ניט, נעמען זיי זיך סאַפּ- קאָלסאַפּ דאָס לעבן און לאָזן איבער האַלב-נאַרישע, האַלב-קלוגע בריוולעך".

ס'איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען זי האָט שוואַך אײַנצושלאָפן אָנגעהויבן. אין שטוב איז געווען שטאַרק פינצטער און שטיל. ערגעץ אין קיך, וואָס איבערן קאָרידאָר, האָט פון געשמאַקן שלאָף הילכיק געשנאָרכן דאָס נישט אויסגעטאָנענע דינסטמיידל, און די קאַץ האָט דאָרטן איבער דער פּאָדלאָגע מיט א שטיקל צוקער גע- קלאַפּט און דערמיט געוווירקט, אַז זי, מירל, זאָל זיך אין שלאָף פאַר- געסן ניט קאָנען, און אַז אין איר דרימלענדיקן מוח זאָל זיך נאָך איבערכאַזערן דער סאַף פון עמ לעצטן געדאַנק:

„אונ אַז זײ געפֿינענ אימ ניט, נעמענ זײ זיכ סאַפּקאָלסאָם דאָכ לעבנ אונ לאָזנ איבער האַלב־נאַרישע, האַלב־קלוגע בריװלעכ".

זי האָט ניט געדענקט, װיפֿל צײַט האָט זיכ אָט דער פֿאַרװאָגלטער דרימל געצויגנ.

פּלוצעמ האָט זי פֿונ שלאָפֿ דערפֿילט, װי צו אירע נאַקעטע פּלײצעס רירט מענ זיכ צו מיט א קאַלטער האַנט. זי האָט געגעבנ א ציטער מיטנ גאַנצנ גופֿ אונ געעפֿנט די אויגנ.

אינ בײדער איז געװענ צופֿיל ליכטיק פֿונעמ אַרײַנגעטראָגענעמ קאַבינעט־לאָמפּ אונ לעבנ בעט איז אינ אונטערשטע װעש געשטאַנענ שמוליק, געשטאַנענ אײַנגעבויגנ, געציטערט אונ געשמײכלט — ער איז געװענ אויפֿגערעגט פֿונ די מײַסעלעכ, װאָס ער האָט זיכ א גאַנצנ אָװנט הינטער דעמ קורסקער טראַגנדיקנ װײַבעלע אָנגעהערט.

א װײַלע האָט מירל אָפּ אימ געקוקט מיט שרעק:

„װאָס באַדאַרפֿסטו דאָ, שמוליק?"

אונ באַלד איז פֿאַר איר קלאָר געװאָרנ, צוליב װאָס ער שטײט דאָ לעבנ איר בעט, אונ אינ די אויגנ אירע האָט זיכ מיטאַמאָל אָנגעצונדנ א פֿײַער פֿונ אַקשאָנעס אונ פֿאַרדראָס:

„שמוליק, נעמ באַלד א קישנ אונ גײ לײג זיכ אינ קאַבינעט".

א פּויזע.

„דו הערסט, װאָס מ'זאָגט דיר, שמוליק?"

שמוליק שטײט נאָכ אַלץ א האַלב־נאַקעטער אונ אײַנגעבויגענער, צעטערט, שמײכלט נאַריש אונ רירט זיכ ניט פֿונ אָרט. נאָר מירלס האַנט האַלט שוינ פֿאַר דער גאַלקע מיטנ עלעקטרישנ קנעפּל אונ קלינגט אָנ אנ אויפֿהער צו דעמ שנאָרכנדיקנ דינסטמײדל, װאָס אינ קיכ. ס'דוכט זיכ, אַז דאָס קלינגענדיקע גלעקל װעט באַלד די שטוב צעטראָגנ, אונ ס'הערט זיכ שוינ, װי דאָס דינסטמײדל שלעפּט אַהער אירע באָרװעסע פֿיס איבער דער פּאָדלאָגע. דעמלט נעמט שמוליק נאַריש שעמעװדיק א קישנ אינ די הענט אונ גײט אַװעק צו זיכ אינ קאַבינעט. דאָס דינסטמײדל טראָגט פֿונדאַנענ אַרויס דעמ לאָמפּ אונ לעשט אימ אויס, אונ אינ שטוב װערט װידער פֿינצטער אונ פּוסט, ס'דוכט זיכ, עמעצער װײנט אײַנגעהאַלטנ שטיל אונ פֿונ טיפֿנ, טיפֿנ האַרצנ.

נאָר ווענ מ'זעצט זיכ אַפּנ געלעגער אונ מ'שטרענגט אָנ די אויערנ, הערט מענ גאָר, ווי די קאַץ קוליעט דאָס שטיקל צוקער איבער דער פּאָדלאָגע אונ ווי דאָס דינסטמיידל אָטעמט אונ שנאָרכט.

IV

אַפּ מאָרגנ איז מירל אופגעשטאַנענ שפּעט, ארומ עלפּ אזייגער אינ דערפרי.

אינ קיכ האָט שוינ געשווינד דאָס האקמעסער געקלאַפּט, אונ אינ הויפּ האָט מענ שוינ אויסגעשפּאַנט די צוריקגעקומענע פור, וואָס האָט שמוליקנ נאָכ מיטנ טאָגליכט אינ גוראַלניע ארײַנ אָפּגעפירט. דעמ שווערס מעיוכעס — דער פורמאַנ, האָט דאָרטנ לאַנג לעבנ דער צוריקגעקומענער בריטשקע געוואַלדעוועט, געשריענ אַפּ שמוליקס קלייגע ברודערל, וואָס פלאָנטערט זיכ צווישנ די פערדס פיס, אונ אַפּ דער שווייגערס שיקסע, וואָס גיסט דאָס קיכוואַסער איבנמיטנ צוגערוימטנ הויפּ. די שווייגער אלײנ איז דאָרט אויכ געשטאַנענ, זיכ געוווּנדערט, וואָס שמוליק איז דאָס מאָל אזוי פרי אינ גוראַלניע אוועקגעפאָרנ, אונ האָט באַמ שרײַענדיקנ פורמאַנ אַפּ א בריוו נאָכגעפרעגט. אינ א ווײַלע ארומ, ווענ מירל איז דעמ הויפּ אדורכגעגאַנגענ, איז שוינ דאָרטנ קיינער ניט געווענ. א שטילקייט פונ וואָכ האָט געריט דורכויס ארומ די געשלאָסענע שטאַלנ, אונ דער פורמאַנ איז שוינ אויכ ערגעץ אינ קיכ געזעסנ, אונ נאָר אינמיטנ צוגערוימטנ הויפּ איז נאָכ צוליב עפּעס די אויסגעשפּאַנטע רעסאָרנ־בריטשקע מיט איר ארײַנגעשטעלטנ דישל געשטאַנענ אונ אָנ לאָשנ דערמאָנט אָנ איר, דעמ אוועקגעפאָרענעמ שמוליקנ:

„האָט ער געבעטנ באַנאַכט אינ די אונטערשטע ווערש לאַנג פונ איר בעט ניט געוואָלט אָפּטרעטנ... שעמט ער זיכ איצט איר אינ די אויגנ צו קוקנ, אונ וועט זיכ דעריבער אזוי גיכ פונ גוראַלניע ניט אומקערנ".

זי איז באַלד אוועקגעגאַנגענ צוריק אינ עסצימער, זיכ אײַנגעהילט אינ שאַל אונ זיכ אַפּ דער קאַנאַפּע אוועקגעלייגט. ס'איז געווענ אזוי שטיל אונ עקלדיק אַפּ דער נעשאָמע, גלײַכ מ'וואָלט גענומענ דאָס הארצ

און עס איננאנצן אין עפּעס ברודיקס אײַנטונקען. און פון אונטער די דרויסנדיקע פארוואלקנטע הימלען האט ארײַנגעקוקט דער נײַער ווינטער זונטיק און האט דא דורכויס זײַן אײנציקע לאנגווײַליקע מאכשאווע געשפּרייט:

„א נײַע וואך... א וויסטע וואך, א פּוסטע וואך".

פון שלעכט אפּגעשלאפענער, אופגערעגטער נאכט האט מיט שווערקײַט געבראכן דער הינטערשטער האלבער קאפּ, וואס צום האלדז און נאקן. די געפילן זײַנען געווען מעטושטעשדיק און שוואך, ווי אין אנהייב פון א טיפוס-קרענק, די אויגן האבן זיך פון זיך אלײן געקלעפּט, און אין אײַנדרעמלענדיק פארנעפּלטן געוויסן האבן זיך גע־פּלאנטערט געדאנקען וועגן די קלעפּ פון האקמעסער, וואס הערט זיך פון קיך, וועגן דעם אייגענעם פארלוירענעם לעבן, וועגן דעם טעמפּן ווייטעק, וואס איז הינטערשטן האלבן קאפּ, און וועגן דעם, וואס דא אפ דער קאנאפּע וועט זי ליגן לאנג, לאנג:

„זי וועט דא דרימלען א גאנצן טאג".

☆

און זי האט געדרעמלט דא, אפ דער קאנאפּע ליגנדיק, זיך אופגע־כאפּט און באמערקט דעם געגרייטן טיש; געפּרווט צוגיין און עפּעס עסן, נאר ניט געקאנט, זיך צוריק געלייגט און ווידער געדרעמלט, גע־עפנט די אויגן אקארשט נאענט צו ביינהאשמאשעס און האט דערזען:

דער רועב האט אנגעטראגן א דורכפארנדיקן יונגנמאן, א כאזן, א הויכן און דארן פארשוין אין א קורץ אפּגעטראגן סורדוטל מיט א ברודיקן פאפּירענעם קראגן און מיט א קאמערטאן אין טאש. ער רעדט מיט א פאנפענדיקן קאל און דערפרעגט זיך אפ שמוליקן, ווי אפ א כאשעווע שול־באלעבאס:

„אקלאל, די מאדאם ווייס ניט, ווען דער הער וועלן קומען?"

„פאנימאיעטע־לי, אקלאל אפ שאבעס וועלן דער הער אויך ניט קומען?"

זי איז, דוכט זיך, קלאל ניט געווען מעכוייעוו צו נודען זיך לעבן אים, צו פילן, ווי דער רייעך, וואס ער פארשפּרייט ארום זיך, איז ענלעך אפן רייעך פון צעפּוילטע געזאלצענע פיש, און צו ענטפערן אים אלעמאל דאס זעלבע, וואס זי האט שוין געענטפערט פריער:

„כ'ווייס ניט".

„נייג".

„כ'ווייס ניט".

פריִער האָט זי אימ אינ די אויגנ געפרווט דעמ ביידער לופטער; אונ אלע פענצטער געעפנט, זי האָט געמיינט, אז ס'וועט העלפנ. נאָר ער האָט זיכ נאָכ אלצ פונ אָרט ניט גערירט. האָט זי אימ צולעצט איינעמ אליינ דאָ אינ ביידער געלאָזט, ארויסגעגאנגענ אינ דרויסנ אונ זיכ דאָר־טנ אפ די טרעפלעכ פונ גאנעק אוועקגעזעצט.

★

פאמעלעכ, פאמעלעכ האָט זיכ אָנגערוקט דער טונקעלער פארנאכט אונ געשפרייט שטילקייט ארומ די געציילטע הײַזער, וואָס אינ זאמ־דיקנ עק פארשטאָט. ס'איז שוינ קיינ מענטש ניט דורכגעגאנגענ, אונ די לופט האָט זיכ אינ ערגעצ קיינ ריר ניט געטאָנ. ערגעצ ווײַט לעבנ דער שאָפע מיט די סטערטעס שטרוי, וואָס קעגנ־יבער דעמ גרויסנ קלויסטער־הויפ, האָט זיכ געדרייט א דרעש־מאשינ אונ דערדראָשנ צו נאכט צו דעמ גואלעכנ אויסגעטריקנטע טוועס, אונ לינקס, פונ צווישנ דעמ שווערס ביימער, וואָס פונ דאָרטנ האָט פריִער א ביסל א גאנצע מאכנע קרויווים שאָלעמ זיידעטאָווסקינ אינ וועג ארויסגעבאגלייט, האָט זיכ דערהערט, ווי די שווינער שמײַסט איינעמ פונ אירע קליינע קינ־דער — יינגלעכ, ווי דאָס קינד רײַסט זיכ אונ שרײַט, אונ ווי שמײַסנ־דיק הערט די שווינער ניט אופ צו כאזערנ אפ איר הייזעריקלעכנ אונ נארישנ קאָל:

„אפ א מאמענ טאָר מענ אזוי ניט זאָגנ... אפ א מאמענ טאָר מענ אזוי ניט זאָגנ... אפ א מאמענ טאָר מענ ניט".

הערנדיק דאָס געשריי פונעמ ווייענדיקנ קינד, האָט זיכ געמאָלט, ווי די שווינער האלט אימ דאָרט אריבערגעבויגנ איבער די קני אונ בייגט די קורצזיכטיקע אויגנ נאָר נאָענט צומ אָרט, וווהינ זי שמײַסט. ס'האָט זיכ געטראכט וועגנ דעמ, וואָס אָט די נארישע אונ לאנגע יידענע האָט קיינ סייכל ניט, ווייסט ניט, וויאזוי ארומ קינדער צו גיינ, אונ מאכט פונ זיי א טעל; וועגנ דעמ, וואָס ערשט צוריק

מיט א יאָר פּופצן־זעכצן האָט זי, פּונקט ווי איצט, געשמייכלט שמוליקן, דעם איצטיקן מאַן אירן, און האָט צו אים, פּונקט ווי איצט געשריִען:

„א מאַמע טאָר מען אַזוי ניט זאָגן... א מאַמע טאָר מען אַזוי ניט זאָגן"...

און דערפאַר, וואָס ס'איז איצט שוין קיין סאָפעק ניט, אַז שמוליק וואָלט בעסער באַדאַרפט האָבן א ווײַב, וואָס זאָל אים זײַנע קינדער, פּונקט ווי זײַן מאַמע, שמײַכלען, איז פון איר מיטאַמאָל עפּעס א שווערע מאַסע אַראָפּ, און דאָס גרינגע האַרץ האָט מיטאַמאָל די האַלבפאַרגעסענע האָפענונג דערפילט:

„וואַרט!.. קיין זאַך בינדט זי דאָ ניט צו צו אים, צו שמוליקן, און ניט צו אָט דער שטוב, און זי, מירל... זי קאָן האָבן אָט די שטוב פאַרלאָזן אין יעדער צײַט, וואָס זי וויל".

סאַבאַקל איינעם א פלאַג באַדאַרף זי געפינען.

ס'האָט זיך געוועקט א מײַסע, וואָס האָט זיך צוריק מיט עטלעכע יאָר באַ זיי אין קרײַזשטאָט פאַרלאָפן:

א שווײַגנדיק און פאַראַקשנט ווײַבל, א שנור באַ א רײַכער פאַמיליע דיזשור, הייבט זיך אוף אין איינעם א פרימאָרגן פונעם אײַנגעזעסענעם אָרט, זאָגט פאַרן אוועקגיין קיין וואָרט ניט דעם מאַן און די שווער און שוויגער, און קומט מער אהיים ניט צו גיין.

אין שטאָט ווערט מען וועגן דעם געוואָר, און אין באַלעבאַטישע הײַזער ווערטלט מען זיך:

„נישקאָשע, זי ווערט זיך אומקערן... זי ווערט, האַשעמ־יִסבאָרעך, זײַן א גאַסט אַפּ שאַבעס".

אָבער דאָס ווײַבל קערט זיך ניט אום, און קיינער ווייס אַדאַיעם ניט, ווו איר געבײַן איז אהינגעקומען... קיינער ווייס ניט... אָבער איר, מירלען, איר איז איצט אַזוי נייטיק צו וויסן. אָט ווערט זי אויסרעכענען:

„וואָהין האָט, לעמאַשל, אָט דאָס ווײַבל געקאָנט אהינקומען".

★

שמוליק איז נאָך אַלץ אין גוראַלניע געזעסן און קיין מינדסטע ידיִעה פון זיך ניט צוגעשיקט. ער האָט זיך געגרייט גיין פון דאָרטן מיט דער פאַרפּייסעכדיקער פאַרטיע אָקסן קיין וואַרשע. אין שטאָט אַרײַן

איז צוליב דעם געקומען דער נעמען פון אָקסן־שטאַל, ר׳ בונעם — א קליינװוקסיק פארשמאַלצעװעט און געפּאקט יידל מיט א שטאר־רויטן האלדז און נאקן, וואָס האָט אום זומער א לאנגן קאַפּטן געטראָגן און האָט געהאַט א טשװע ניט צו פארגעסן, וואָס דער באַלעבאָס זאָגט אָן. ער האָט געבראַכט אהער צום פאריכטן עטלעכע אַלטע שטאַל־לאַמטערנס, געקויפט פיל נייע קורצע שטריק מיט עטלעכע פוד שטיינערנע זאלץ, קעדיי די אָקסן זאָלן האָבן אפן וועג וואָס צו לעקן.

ער איז אויך אריינגעקומען אהער אין שטוב, אריינברענגענדיק מיט זיך דעם רייעך פון דער גוראַלניע־בראַהע, געטראָפן מירלען איינע אליין אפ דער קאנאפּע ליגן און איר דאָ זיין שליכעס איבערגעגעבן:

„דער יונגער באַלעבאָס האָבן געזאָגט... מ׳זאָל געבן די פארפייסעכדיקע קאָנטע, האָבן זיי געזאָגט".

מירל האָט אים אויסגעהערט, זיך אפילו פון אָרט ניט גערירט און אים אין קיך אריין אָפּגעשיקט.

דאָס דינסטמיידל האָט, אפּאָנעם, געמיינט, אז ס׳רעדט זיך וועגן עפּעס א פארפייבעכדיקער קיילע, און האָט אפ אים א פּאָר גרויסע אויגן אויסגעגלאָצט:

„פונוואנען זאָל זי וויסן, אז זי האָט נאָך פאר פּייסעך ניט גערינט?.. זאָל ער א פרעג געבן אין הויף באַם פורמאַן טעאָדאָרן".

דאָס יידל האָט זיך אזוי לאנג אין הויף ארומגעדרייט, ביז מ׳האָט אים פון דאָרטן צוריק צום אַלטן באַלעבאָס אין שטוב אריינגערופן און זיך בא אים דערפרעגט:

„וואָס־זשע? זי האָט נאָך אלץ ניט געגעבן די קאָנטע, די יונגע באַלעבאָסטע?"

די שוויגער אליין איז אהער סאָפּקאָלסאָפּ מיטן שאַל אפ די אקסלען אריינגעקומען, זיך אין קאַבינעט אפ דער שאַפע אזוי לאנג צווישן די ביכער געפּאָרעט, ביז זי האָט צווישן זיי איינעם א בוך געפונען, אריינגעקוקט אין אים מיט אירע אייגענע קורצזיכטיקע אויגן און איבערגעלייענט די ערשטע שורע מיט א קאָל פון א יידענע, וואָס לייענט אין טייטש־חומעש:

„קאָנטע משורים שנקגו חודש שבט, אדר וניסן".[100]

„גאָט", האָט זי צום ייִדן בעקיוון אַפּן קאָל געזאָגט, זיך געלאָזט אַוועקגיין און זיך צו מירלען ניט אומגעקערט; זי איז געווען אויסער זיך, אַרײַנגעקומען צו זיך אַהיים מיט גרויס טאַרומעס[101] און גענערמען וואַרפן אופגערעגטע בליקן צו איר מאַן אין קאַבינעט, ווו ער איז מיט געשעפט־מענטשן געווען פאַרנומען. זי האָט זיך אײַנגעהאַלטן פון צו ריידן אינעם מעשעך פון גאַנצן מיטיק, אָפּגעוואַרט, ביז ער, יאַנקעוו־יאָסל, איז אַוועקגעגאַנגען רוען אין שלאָף־צימער, זיך דאָרטן לעבן אים באַם בעט אַוועקגעזעצט און זיך מיט אים אָנגעהויבן שעפּטשען אַזוי שטיל, גלײַך עמעצער וואָלט זי פאַרן האַלדז וואַרגן:

„פאַרשטייסטו? כ'מיין, וואָס איז זי שמוליקן פאַר אַ ווײַב, מישטיינס געזאָגט?"

„יאָ, און אײַנגאַנצן דאָס פירעכץ איר... און דאָס גיין, מישטיינס געזאָגט, צו דער שיינער שוועסטערקינד... און דאָס, וואָס איך באַדאַרף איר די שטוב פירן און אין זײַנע האָבן, אַז מ'באַדאַרף באַ איר די באַלקנס איבערפאַרבן... וואָס הייסט? אַפילע די הינער שיק איך איר דאָך שעכטן".

דער קרעפּטיקער ברוגעט, דער באַלעבאָס, וואָס האָט גנייוויש־קלוגע אויגן געהאַט, איז געלעגן מיט די ווײַטע אָרבל אין בעט, געראַווכערט שווײַגנדיק זײַן פּאַפּיראָס און אַלעמאָל געוואָרפן אַזעלכע גנייווישע אויגן צו דער טיר, גלײַך ער וואָלט מוירע האָבן, אַז עמעצער הערט זיך אונטער. ער האָט איר דערויף גאָרנישט געענטפערט. שוין לאַנג, אַפּאָנעם, געפּויעלט באַ זיך, אַז שמוליק האָט שלעכט אָנגעטראָפן, און געוואָלט וואָס גיכער אופהערן וועגן דעם צו ריידן. און זי, די קורצזיכטיקע ייִדענע, האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַרויִקן, געפינטלט פיל מיט די וויִעס און איז שעפּטשענדיק שטיל צו אַ באַשלוס געקומען:

„גאָר גאָרנישט... ווען זי טרעפט אָן אַפּ אַנדערע מענטשן, פאַרשטייט מען דאָך שוין, וואָס ס'וואָלט געווען. האָט זי דאָך אָנגעטראָפן אַפּ אונדז... און שמוליק איז אויך אַ שטילע טויב... איז גאָרנישט... אָפּגעווישט די ליפן און שאַ! שטיל... ווי ניט געזען".

★

אינ א פּאָר טעג אַרומ איז די שוויגער אַהער אַרײַנגעקומענ צוזאַ־מענ מיט א פּאָר געדונגענע באַלמעלאָכעס, פֿאַרבערס; זי האָט זיך ניט אומגעקוקט אַפֿ מירלענ, וואָס איז אַפֿ דער קאַנאַפּע געלעגנ, געגאַנ־גענ מיט די באַלמעלאָכעס פֿונ איינ כיידער אינ צווייטנ און זיי די באַלקנס אָנגעוויזנ:

„זעט איר? פֿריִער באַדאַרפֿ מענ איבערפֿאַרבנ דעמ באַלקנ אינ קאַ־בינעט, און דאָס מעבל פֿונ דאָרטנ אינ עסצימער אַרויסטראָגנ, און נאָכדעמ וועט מענ דעמ עסצימער אינ קאַבינעט אַריבערטראָגנ און מ׳וועט זיך דאָרטנ צומ באַלקנ נעמענ“.

די שוויגער איז, ניט אומקוקנדיק זיך, אַוועקגעגאַנגענ, און די באַלמעלאָכעס האָבנ באַלד דאָס קאַבינעט־מעבל אַהער, אינ עסצימער, איבערגעטראָגנ און זיך באַלד צו דער אַרבעט גענומענ.

אינ שטוב האָט באַלד אָנגעהויבנ שמעקנ מיט אייל־פֿאַרב, מיט א געשמירעכץ פֿונ אָכרע און ענגלישער מאַזשע. די אומאָרדענונג איז געוואַקסנ פֿונ טאָג צו טאָג. די פֿאַרוואַלגערטע כאַדאָרימ האָט מענ שוינ ניט צוגעראַמט, ניט באַטאָג, ניט באַנאַכט, און די פֿאַרבער האָבנ זיך נאָך אַלץ געטאָנ זייערס און געמאָלט פּאַמעלעך איינ באַלקנ נאָכנ צווייטנ.

זיי זײַנענ נאָך קלאָל קיינ זקײנימ ניט געווענ, אָט די צוויי ייִדנ־פֿאַרבער. אויסגעניטע העמדער האָבנ זיי נאָך אונטער די אײַנגעשמיר־טע רעקלעך געטראָגנ, און מיידלעך האָט נאָך ערגעץ נאָך זיי און נאָך זייער מאָלערײַ דער רועך אַוועקגעכאַפּט. שטייענ זיי זיך בײדע גאַנצע טעג אַפֿ די הויכע צוגעריכטע שטעלנ, ווירענ פּאַמעלעך מיט די ווירעלעך, שמירנ צו מיט די פּענדזלעך, האָבנ דערפֿונ הנאָה און פֿײַפֿנ זיך דערבײַ צו אַ אומעטיקנ באַלמעלאָכישנ ניגונ.

און אַמאָל האָט זיך געטראָפֿנ, אַז צוליב א ניטיק שטיקל געצײַג איז איינעמ פֿונ זיי אויסגעקומענ דעמ צווייטנ בײַ דער אַדורכגיינ און דאָרטנ עפּעס באַמערקנ. ער איז אַרײַנגעקומענ צוריק א ביסל אַנ אויפֿ־גערעגטער, זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער אַכוץ זײַנ כאַווער איז דאָ ניטאָ, און האָט געפֿרעגט בא אימ אַפֿנ ווינק:

„ניט קיינ מיִעסע באַלעבאָסטעלע, א?"

ער האָט זי שוינ מאקע אינזינענ געהאט די גאנצע ציַיט, וואָס ער האָט זיכ דאָ מיט זײַנ כאַווער אפ דער הויכער שטעל אוועקגעזעצט, פארייכערט מיט אים די פאפיראָסנ אונ אים איינע פונ זײַנע יינגלשע מײַסעס אָנגעהויבנ דערציילנ:

„איז דאָס געווענ... צוריק מיט א יאָר אכט איז דאָס געווענ... געארבעט האָבנ מיר דענסטמאָל אינ קאָזיאָנעמ דאָרפ קלאָקע, אונ א יונגע שנורעלע איז דאָרטנ באַמ באַלעבאָס געווענ א רירעוודיקע, א דורכגעטריבענע".

אונ מירל איז דענסטמאָל געלעגנ אפ דער קאנאפע, וואָס אינ צווייטנ פארוואלגערטנ כיידער, אינעמ ברייטנ דעקאָלטירטנ שטוב-כאַלאט, וואָס מיט די גאַלאָכישע ארבל, זיכ געהילט אינעמ דינעמ שאַל אונ געזענ פאר זיכ די פארשיידענע ערטער, וווּהינ זי קאָנ, פארלאָזנדיק אָט די שטוב, אוועקפאָרנ:

„סײַוויסײַ: ערגער ווי דאָ קאָנ איר שוינ ניט אינערגעץ זײַנ".

אַרומ אונ ארומ איר זײַנענ געשטאַנענ די בעטנ, ביידע גארדעראָב-שאפעס, וואָס מיט די שפיגל-טירנ, די ווייכע שטולנ פונ זאַל מיטנ היפשנ וואַש-קאַסטנ, וואָס פונ אים נעמט מענ שוינ גאנצע טעג ניט אראָפ די נאַסע פאָדלאָגע-שמאטע. אלץ האָט דאָ אויסגעזענ, ווי אינ א מאָדנעמ ערעוו-פייסעכ, וואָס קומט פאָר אינמיטנ כוידעש עלעל. די ארומיקע לופט איז נאָכ פונ נאָכמיטאָג אָנ געווענ פארפינצטערט אונ טונקל, דער מויעכ מיט די געדאנקענ פארנעפּלט אונ פארטראָגנ אונ געדוכט האָט זיכ שוינ, אז דער הײַנטיקער טאָג קומט פאָר ניט איצט, נאָר מיט פינפ, **זעקס יאָר צוריק.**

א מײַסע מיט א בוכ איז נאָכ צו אָט דעמ אלץ צוגעקומענ, א מײַסע מיט הערצס. א נײַ צוגעשיקטנ העברייִשנ בוכ, וואָס שמעקט מיט נײַ פאפיר, מיט פרישער דרוק-פארב אונ מיט פרעמדנ באָכער.

דער ברייוודרעגער האָט עס איינמאָל צווישנ דער איבעריקער קאָרעספּאָנדענצ געבראַכט צו דער שוויגער אינ שטוב. האָט מענ זיכ אלע ארומ דעמ ארומגעשטעלט אונ מוירע געהאט דערפאר, ווי פאר עפּעס

לעבעדיקס. עמעצ האָט עפּעס באַמערקט אינ דער פענסטער מענגערשער האַנטשריפט, וואָס אַפּנ אַדרעס:

„וואָרט... אַפּנ אַדרעס שטייט דאָכ בעקיוונ שמוליקס נאָמענ ניט דערמאָנט".

אונ נאָכ:

„וואָס־זשע רעדנ? מ'האָט פריִער ניט געוווּסט, אַז אַזויגע, ווי מירל, מוז טאָמער האָבנ א באָכער נאָכ פונ מיירלווינז?"

האָט בוכ איז דאָ א היפּשע ווײַלע אַפּנ טיש געלעגנ אונ האָט אַלעמענ אויסגעזעגנ, ווי א לעבעדיקע אונטערגעוואָרפענע אוווירײַ פרוכט. ס'האָט דערמאָנט אָנ מירלס אונ עמעצנס א בעשוטפּעסדיקער זינד, אונ מ'האָט ניט געוווּסט, וואָס דערמיט צו טאָנ:

„זאָל מענ עס מירלענ ניט אָפּשיקנ, ביזוואַנענ יאַנקעור־יאָסל וועט קומענ?"

מ'האָט עס איר, סאָפּקאָלסאָפּ, אַרײַנגעשיקט, איז זי געוואָרנ מאָרנע אופגערעגט אונ צעטראָגנ. זי האָט זיכ געשווינד אָנגעטאָנ אונ האָט זיכ געלאָזט גיינ אַפּ דער טעלעגראַפּ־סטאַנציע, נאָר באַלד האָט זיכ אומגעקערט, געשיקט דאָס דינסטמיידל צו דער שוויגער אינ שטוב אונ איר אָנגעזאָגט:

„אַפּ א בריוו זאָל זי האָרטנ פרעגנ, זי הערט? צוזאַמענ מיטנ בוכ, זאָל זי זאָגנ, האָט באַדאַרפט א בריוו אָנקומענ"

*

בא דער שוויגער אינ שטוב האָט מענ פונ דענסטמאָל אָנ אָנגעהויבנ זוכנ אייצעס אונ אָפּגעהאַלטנ בעסאָד קליינע אַסיפעס:[102]

„וואָס הייסט? מע מוז דאָכ סאָפּקאָלסאָפּ מיט שמוליקנ איבערריידנ אונ מיט אימ אײַנשמועסנ, אַז ס'איז פאַר אימ קיינ לעבנ ניט".

מ'האָט פאַרשטאַנענ: מ'טאָר אימ מיטאַמאָל ניט זאָגנ, אַז אַלע ווייסנ שוינ, וואָס צווישנ אימ אונ מירלענ איז דענסטמאָל שאַבעס צונאַכטס פאָרגעקומענ. מ'האָט געזוכט דערצו דעמ פּאַסיקנ מענטשנ, אינ גוראַלניע אַרײַנ צו שיקנ, אונ מ'האָט זיכ אָפּגעשטעלט אַפּ דער געוועזענער קורסיסטנ — מיריאַמס אייצע:

„עפשער איז זי טאקע גערעכט מיריאָמ... עפשער פאסט טאקע דערצו דער יינגערער ליובאשיץ דער סטודענט?"

★

איינמאָל פאר זונ־זעצנ האָט ער זיכ א פארשטויבטער פונ גוראלגיע אומגעקערט, דער יינגערער ליובאשיץ דער סטודענט. ער האָט געהאט א שמייכלדיק פּאָנעמ פונ א מענטשנ, וואָס האָט פונ גוטסקײַט אָפּגעטאָנ א שליכעס, וואָס פאסט ניט פאר אימ, אונ האָט דערציילט אינעמ באזונדערנ כיידער, ווהינ מ'האָט אימ ארײַנגעפירט.

„יאָ, ער האָט דאָרטנ מיט אימ איבערגערעדט, מיט שמוליקנ".

ארומ אונ זײַנענ געשטאַנענ קימאט אלע דערוואקסענע שטובמענטשנ מיט דער שוויגער אונ מיט דער געוועזענער קורסיסטקע מיריאָמ בעראָש. מע האָט זיכ געהיט פאר א פרעמד אויער. מ'האָט פארטריבנ פונדאנענ די קליינע קינדער אונ געקוקט דעמ שמייכלדיקנ שאָליעכ אינ פּאָנעמ ארײַנ:

„זאָגט ער, הייסט עס, אז שמוליקנ האָבנ זיכ געשטעלט טרערנ אינ די אויגנ, בעשאס ער האָט אימ, ליובאשיצנ, דערזענ?"

דער יונגער סטודענט ליובאשיץ איז געווענ א גרויס־גופיקער, א ווּקסיקער, א גועפאקטער אונ א בלאָנדער, ווי אלע ליובאשיצעס. ער איז געשטאַנענ אָנגעשפארט מיט זײַנע ברייטע פלייצעס אָנ דער פײַערקאסע אונ האָט אויסגעזענ מיד פונעמ וועג. אליינ איז ער סאטאקל געווענ א שטיקל פּאָעט, געדרוקט זײַנע לידער אינ א סטודענטישנ זשורנאל, זיכ דערפאר געגאָלט די וואָנצעס, געכקירעט מעשוגענערווײַז וועגנ וואָס־ניט־איז אונ האָט געהאט אנ אייגענע מיינונג וועגנ מאָלטויענ. נאָר ווענ ער האָט גערעדט וועגנ שמוליקנ, האָט ער באקומענ דאָס זעלבע קינדעריש־שמייכלדיקע פּאָנעמ, ווי בעשאס ער איז שיכער, אונ געדוכט האָט זיכ, אז אָט, אָט וועלנ זיכ בא אימ אליינ טרערנ אינ די היפּשע בלוילעכע אויגנ באווײַזנ:

האָט, הייסט עס, שמוליק א זאָג געטאָנ, בעשאס ער האָט אימ, ליובאשיצנ, נאָר דערזענ:

„זע נאר — שוויליק! האט ער א זאג געטאנ, ווי קומסטו אהער, שוויליק?"

ס'האט אויסגעזענ, ווי שמוליק מיינט, אז אלע ווייסנ שוינ, פאר־וואס ער קומט אהיימ ניט, אונ שעמט זיכ אפילע פאר אימ, שוויליקנ, נאר נאכ דעמ, ווענ, שפאצירנדיק איבער דער גוראלניע, האט ער, ליו־באשיצ, מירלס נאמענ דערמאנט, האט אימ שמוליק אונטער דער האנט אנגענומענ אונ אנגעהויבנ ריידנ אזוי שטיל אונ אזוי מאדנע, אז אימ, ליובאשיצנ, האט שוינ אויכ פארנ הארצ א קלעמ געטאנ.

„דו פארשטייסט, שוויליק? האט ער צו אימ געזאגט, מירל איז א שלאק... געוויס א שלאק, נאר אז זי וויל, קאנ זי זיינ גוט".

אונ נאכדעמ האט ער געשוויגנ, שמוליק, אונ טרערנ זיינענ איינ אינ די אויגנ געשטאנענ, יא... אונ נאכדעמ האט ער אימ, ליובאשיצנ, נאכאמאל אונטער דער האנט אנגענומענ אונ אימ געזאגט:

„מיינ ניט, שוויליק, אז אזעלכע מירלס זיינענ פאראנ א סאכ... ס'איז מער ניט, זאגט ער, זי רעכנט מיכ פאר א נאר, מירל... גאר פאר א נאר רעכנט זי מיכ".

V

שמוליק איז טאקע אהער ניט געקומענ; ער איז גלייכ פונ גוראל־ניע מיט די אקסנ קיינ ווארשע אפגעפארנ.

צום שווער אינ שטוב זיינענ פונ אימ געגאנגענ אפטע טעלעגרא־מעס וועגנ דעמ גרויסנ ברענענדיקנ מארק. ער האט דארטנ, ווי גאר א געניטער סוחר, דעמ מעקעכ פארויסנ, באשלאסנ צו בלייבנ מיט זיינע אקסנ אפילע אפ דער צווייטער וואכ אונ האט געפאדערט, מ'זאל אימ וואס גיכער פונ אלע נאענטע אונ וויטע אקסנ־שטאלנ די „גרויסע פודנ" ארויסשיקנ.

באמ שווער אינ קאבינעט האט מענ זיכ וועגנ דעמ מעיאשעוו גע־ווענ עטלעכע מאל אינ טאג. מ'האט אהינ שוינ ארײנגעלאזט די קליינע קינדער אונ געפרעגט האט מענ שוינ אפ לעצאנעס א דייע אפילע

באמ קלענסטנ זעקס־יאָריקנ קלײנענדיקנ ייִנגעלע, וואָס ס׳שמעקט פונ אימ מיט שטאל, אונ וואָס די שוויגער אלײנ שמײַסט אימ אָפט אינ געזעסל:

„וואָס זאָגסטו, שמענדריק מיט די גלעקעלעכ?.. זאָל מענ שיקנ אָקטנ?"

מ׳איז געווענ ניט אפ צו קלוימערשט אופגעלייגט.

„וואָס הייסט? אז גאָט העלפט, דער מארק גיט זיכ אײַנ, פארדינט מענ דאָכ א גאנצנ גוויר מיט געלט".

די שוויגער האָט זיכ נעמאכט אנ אויסרייד אונ איז ארײַנגעקומענ צו מירלענ אינ שטיבל קלוימערשט א קוק געבנ, צי די באלקנס קומענ ניט ארויס צופיל טונקל. זי האָט געטראָפנ מירלענ אינעמ אופגערודערטנ עסצימער אפ דער קאנאפע ליגנ אונ איר דערציילט, אז שמוליק געפינט זיכ אינ ווארשע אונ אז מ׳שרײַבט אימ איצט א בריוו:

„יאָ, וואָס־זשע זאָל מענ אימ עפעס פאר איר, מירלענ, צושרײַבנ?"

מירל האָט גלײַכגילטיק מיט די אקסלענ א צי געטאָנ:

„גאָרנישט... זי האָט אימ ניט וואָס צו שרײַבנ".

זי איז געשטאנענ מיטנ פאָנעמ צומ פענצטער אונ ניט געזענ, מיט וואָס פאר אנ אויסזענ די שוויגער האָט די שטוב פארלאָזט. אונ נאָכ דעמ איז זי צוריק געזעסנ אפ דער קאנאפע, געפילט, ווי די שטוב איז איר נימאס, אונ ווידעראמאָל געדענקט, אז זי באדארפ עפעס טאָנ:

„זי מוז געפינענ א מיטל, וויאזוי אָפ די שטוב צו פארלאָזנ".

ס׳האָט זי ערגעץ געצויגנ אונ ניט געלאָזט אײַנזיצנ אפ אנ אָרט. האָט זי עטלעכע טאָג צײַט געהאלטנ אינ אײנ גײנ אינ שטאָט ארײַנ, זיכ דאָרטנ לאנג אײנע אלײנ ארומגעדרייט אונ האָט סאָפקאָלסאָפ צונאכט צו פארקערעוועט אפ דער שטילער בולוואר־גאס, צו איר געשוועסטערקינד אידא שפאָליאנסקי. ס׳האָט זיכ איר געדוכט, אז זי באדארפ זאָגנ איר, אידאנ, וואָס הערט זיכ ניט צו צו די ציגישע קלאנגענ, וואָס גייענ ארומ וועגנ איר אינ שטאָט:

„הער, אידא, דו ביסט שוינ געוויס בא זיכ העפקער, נאָר דאָכ, וואָס וואָלסטו אלײנ געזאָגט, ווענ מ׳דערציילט דיר: מירל האָט אוועקגעוואָרפנ שמוליקנ, וויל מיט אימ מער ניט וווינענ".

★

אונ ס'ראָוו איז שוינ אויסגעקומענ, אַז אידאַ איז צו אָוונט צו אינ איר רײַכער שטוב ניט געווענ, זיכ ערגעצ פאַרנאַכט אינ פרײַ אַרומגעפירט מיט אַ יונגנ שטאַרק רײַכנ אָפיצער, וועמענ מירל האָט דאָ איינמאָל אינ ביינהאַשמאָשעס געטראָפנ, אונ ביידע שטוב־דינסטנ האָבנ ניט געוווסט, ווּהינ זי איז אַוועקגעגאַנגענ אונ ווענ זי וועט קומענ.

אינ אַלע פינפ כאַדאָרימ איז געווענ פינצטער אונ שטיל. קימאַט אומעטומ זײַנענ געלעגנ גרויסע נײַע קאָווריצעס; אַפ די קאָווריצעס איז דורכויס געשטאַנענ נײַ־מאָדנע ווייכע מעבל אונ האָט אויסגעזענ אַזוי פאַרטראַכט, גלײַכ ס'וויים פיל סוידעס וועגנ דער באַלעבאָסטע, דער שטאָט־פאַרשוינ, וואָס בלײַבט אומגעטרײַ דעמ מאַנ, דענסטמאָל ווענ ער פאַרדינט גרויסע געלטער ערגעצ אינ די ווײַטע רוסישע גובערניעס; וועגנ דעמ, וואָס ער, דער באַלעבאָס, וועט סאַפּקאָלסאָפּ וועגנ דעמ געוואָר ווערנ, אונ כאַרעוו וועט אָט די שטוב ווערנ.

נאָכ אַ פאָר שאָ וואַרטנ אונ וואַלגערנ זיכ אַפ דער זײַדענער שלאָפּזאָפע, וואָס בײַ אידענ אינ צימער, האָט זי סאָפּקאָלסאָפּ פאַרלאָזט אָט די שטוב מיט אַ געפיל פונ עפּעס אַ בלאָנדזשענדיקנ פוסטעפּאַסניק. זי איז געגאַנגענ צוריק אַהיימ אונ האָט געדענקט, אַז אינ אָט דער גאַנצער גובערניע־שטאָט איז זי איבעריק אונ עלנט; אַז אַלע מענטשנ, וואָס קומענ איר אַנטקעגנ, האָבנ מיט זייערע גענג עפּעס באַשטימטע צילנ. טוענ זיי עפּעס, איז דאָס נאָר, וואָס זיי מוזנ. אונ זי, מירל... זי הייבט זיכ אָנ דערמאָנענ אָנ אַלצ, וואָס זי האָט אינ איר לעבנ געטאָנ אונ וואָס דערפונ איז אַרויסגעקומענ:

„קיינ אומגליק וואָלט, דוכט זיכ, ניט געווענ געשענ, ווענ זי וואָלט פונ געבוירנ אָנ געווענ ליגנ אינ בעט אונ זיכ ביז הײַנט פונ אָרט קיינ דיר ניט געטאָנ".

★

אונ זי האָט סאָפּקאָלסאָפּ לאַכלוטנ אויפגעהערט צו גיינ אינ שטאָט. גאַנצע טעג איז זי אינ שטוב געזעסנ, געטראָגנ איינעמ אונ דעמ זעלבנ קויטיק רויטלעכנ אונ צעבראַסטעטנ באַלאַט מיט עמעצנס אַ

פאר גרויסע מאנצבלשע שטעקשיך, זיך אנגעטאן אין אט די בעגאדים נאך באלד, ווי זי איז ארומ עלף אזייגער אינדערפרי פונ בעט אופגעשטאנען, זיך דאס פאנעם ניט געוואשן און די האר ניט פארקעמט, זיך אין עסצימער אפ דער קאנאפע אוועקגעלייגט און זיך פארט געמאטערט און געליטנ פונעמ אלטנ געדאנק:

„אויב זי וועט בעטעמעס ניט געפינענ קיינ מיטל, וויאזוי פונ אט דעם איצטיקנ לעבנ ניצל צו ווערנ, איז דאך שוינ פארפאלנ אלץ... אונ אט דא געפינענ זיך, בא די זיידענאוווסקיס אינ שטוב, ס'איז שוינ יעדנפאלס ניט פאר איר, אונ ס'קענ זיך שוינ לאנג ניט פארציִענ".

די שוויגער האט פונ נאך דער מעסע מיט שמוליקס בריס לאכלוטנ אופגעהערט צו איר צו ריידנ. איינמאל איז זי אהער מיט איר שיקסע ארײַנגעקומענ אונ זיך צוזאמענ מיטנ דינסטמיידל אוועקגעשטעלט טיר אונ פענצטער צו זייפנ אונ די כאדארימ ראמענ. זי האט דא געפינטלט מיט די וויִעס אונ גערעדט ניט צו מירלענ, נאר צו זיי, צו דער שיקסע אונ צומ דינסטמיידל:

„וואס הייסט? ס'איז האב שוינ קימאט פיר כאדאשימ, זינט מ'האט דא אפילע די ווענט ניט ארומגעווישט.

דאס גאנצע בעטגעוואנט האט זי זיי געהייסנ אינ גארטנ ארויסטראגנ לופטערנ אונ נאך א פאדלאגע־פוצער האט זי אינ שטאט ארײַנגעשיקט אונ אכטונג געגעבנ, ער זאל, פוצנדיק אינ שלאפצימער, די בעטנ מיט די שאפעס אפרוקנ. הארטנ, אינ דריטנ כיידער, האט זי שוינ אפילע דאס קליידל אונטערגעהויבנ אונ זיך פארקרימט, אראפקוקנדיק צו דעמ שטארק אומריינעמ פאדלאגע־ווינקל, וואס זי האט געפונענ. ס'האט זיך געהערט ווי זי שפײַט הילכיק אויס, טרעט אפ אינ א זײַט, אוועקקוקנדיק איינס פונ די בענקלעך אונ לערנט דעמ פאדלאגע־פוצער מיט עקל אונ אפ גויִש:

„העט ווסקריז... העט ווסקריז".*

אונ מירל איז דעמאלט נאך אלץ געלעגנ אפ דער קאנאפע אונ זיך פונ ארט ניט גערירט. ס'איז איר שוינ גאר שטארק נימעס געווענ

*אומעטומ... אומעטומ.

דער גאַנצער ארומ און ארומ. א מעשוגעדיקער ווילנ האָט זיך געפילט אַנטצונטמענ לעבנ דער ברוסט פארנ כאַלאַט אינ רייסנ, רייסנ, האָט זי ביידע הענט צומ פארשטעלטנ פּאָנעמ שטייפ, שטייפ צוגעדריקט און זיך געעקט פונ ווייטיק:

„ס'איז דאָך אַנ אומגליק, אַנ אומגליק... אזא מיינ אומבאַהאָלפּנ־קינט... כאָטשבאַקל איינ פּלאַנ באַראַטנ זי האָבנ, און דער פּלאַנ זאָל ניט זיינ, און אומעגלעכ זאָל זיינ אימ צו געפינענ".

★

באַ דער שוויגער אינ שטוב האָט מענ זיך געריכט אפ שמוליקנ. מ'האָט שוינ האָרטנ אפילע געוווּסט, ווענ און מיט וואָס פאר א צוג ער וועט קומענ.

מאַנטשיק זיידענאָווסקינ האָט מענ דאָרטנ געפּאַקט אינמיטנ העלנ טאָג, בעשאַס ער, דער צעטראָגענער, האָט זיך אפ א רעגע צוליב געשעפט אינ שטאָט אַראָפּגעכאַפּט. מ'האָט אימ אָפּגעוואַרט, ביז ער וועט פונעמ פּעטערס, יאַנקעוו־יאָסלס, קאַבינעט ארויס און אימ אַריינגעכאַפּט אינ א באַזונדער כייהעדר:

„מאַנטשיק, א גרויס אומגליק האָט דאָך געטראָפנ שמוליקנ! מאַנטשיק, וואָס ליגנ מיר עס אָפּ?.. אפ וועמענ פארלאָזנ מיר זיך?"

מאַנטשיק האָט צעטראָגנ געקוקט אפ די ווייבער, וואָס האָבנ אימ ארומגעשטעלט, און געדענקט די עטלעכע מענטשנ, וואָס זיינענ געבליבנ אפ אימ וואַרטנ האָרטנ, באַ אימ אינ קאָרידאָר.

אקעגנ א מענטשנ זעקס־זיבנ האָבנ דאָרטנ, מינאַסטאָמ, נאָכ באַדאַרפט בליבנ וואַרטנ... אינ צווייטנ באַדאַרפ ער נאָכ דערנאָכ זיינ... און זיי, די מומע מיט מיריאַמ ליובאַשיץ, זאָגנ, אז ס'איז א גרויס ראַכמאָנעס אפ שמוליקנ... וואַרט. ער, מאַנטשיק אליינ, האָט שוינ, דוכט זיך, אויכ אַמאָל א טראַכט געטאָנ, אז ס'איז פונ אָנהייב אָנ קיינ שידעכ נישט געווענ... א? וואָס זאָגט זי, די מומע?.. געווים... ער איז אליינ מוידע:

„אפ אימ, מאַנטשיקנ, ליגט א כויוו, ער זאָל עפּעס אָנהייבנ צו טאָנ".

– ער איז אין אײַלעניש באַלד אַוועקגעלאָפֿן צוריק אַהיים, צו זײַנע געשעפֿטן. נאָר שפּעטער איז ער ווידער אַהער אַראָפּגעקומען און האָט זיך מיט אַ שאַרפֿן קלונג אַרײַנגעריסן גלײַך צו שמוליקן אין פֿליגל.

ער האָט דאָרטן געטראָפֿן מירלען אינעם צעבראָסטעטן כאַלאַט און אין די מענערשע שטעקשיך אויף דער קאַנאַפּע ליגן און האָט צעטראָגענערהייט באַמערקט:

אין די ציכטיקרייִנע כאַדאָרים איז צוגעקליבן און שטיל צוליב שמוליקס קומען. מיט אַ בלויען יאַנטעווודיקן סערווערט איז שוין אַפֿילע אין עסצימער דער טיש פֿאַרשפּרייט. נאָר דאָס אַלץ קער זיך ניט אָן מיט איר, מירלען, וואָס וואַלגערט זיך אויף דער קאַנאַפּע. און דערפֿאַר טראַכט זיך מער וועגן איר, איידער וועגן אים, און ס'ווערט מאָדנע אומעטיק פֿון די אָפּגעוועקסטע פֿאַדלאָגעס פֿון די אויסגעשטעלטע שטולן.

ער איז דאָרטן לאַנג אַקעגן איר געזעסן, זיך געמאַכט, גלײַך ווי ער באַמערקט גאָרניט, און האָט לאַנג דערציילט וועגן זײַנע געשעפֿטן, וועגן זײַן מוטער, שוועסטער און קלײנעם ברודערל, וואָס ער האַלט אויס, און וואָס ער וווינט מיט זיי אינאײנעם, זינט זײַן פֿאָטער איז געשטאָרבן און האָט געלאָזט שלעכטע געשעפֿטן:

„די שוועסטער זײַנע, האָט ער דערציילט, איז סאַכאַקל מיט צוויי יאָר ייִנגער פֿון אים. אַ שוואַרצע איז זי, אַ ציגײַנערן, און ריידן רעדט זי פֿון געבוירן אָן אַ סאַך, מאָלט, ווי פֿון אַלטן סיסטעם אַ בײַטל־מיל. אַ יאָר נאָך דער גימנאַזיע איז זי געזעסן שטיל אין דער היים, זיך גענידעט און גערעדט אַלדאָס ביז אויף קורסיסטנס. ערשט הײַנטיקן ווינטער האָט זי זיך אָנגעהויבן אײַנריידן, אַז זי האָט אַ שטים, און אָנגעהויבן זינגען בײַ אַ פּראָפֿעסאָר“.

מירל האָט אין זײַן רירעוודיק צעטראָגן פּנים געקוקט און האָט גלײַכגילטיק געוואַרט. מיט יעדער רגע איז קלאָרער געוואָרן, אַז מ'האָט אים אַהער פֿון דער שוויגער צוגעשיקט. ס'איז געווען אַ כירעש, וואָס ער הייבט ניט אָן:

„יאָ, וואָס־זשע קלערט זי וועגן שמוליקן? וואָס, שטעלט זי זיך פֿאָר, קען פֿון אַזאַ לעבן זײַן דער טאַכלעס?“

נאָר ער האָט, כאַפּנדיק אויף איר צעטראָגענע בליקן, נאָך אַלץ מיט

פאַרשיידענע מײַסעס געשאָטנ, און צו גלייבנ איז שווער צײַטנווײַז געווענ, אַז ער האָט דערבײַ קיינ מיינ ניט, ער וויל נאָר פונ איר אַ ביסל דעמ אומעט פאַרטרײַבנ:

„ער, מאָנטשיק, האַלט זיכ אַבסאָלוט ניט פאַר קיינ מוזיקער. נאָר דער שוועסטערס קאָל קאָנ ער מאַמעש ניט איבערטראָגנ. עפּעס אַ מינ גרילצנדיקע קוויטשערײַ, און ניט פונ ברוסט, נאָר ערגעץ פונ האַרדל און פונ נאָז. ער בעט זי: זינג ניט, ווענ איכ בינ אינ דער היימ, און זי באַליידיקט זיכ, וויינט און קלאָגט זיכ איבער אימ פאַר זײַנע באַקאַנטע: אַנ אייגענער ברודער, זאָגט זי, וואָלט זי באַהאַרצט אונטערהאַלטנ און איר מיטפילנ, און ער לויט וואָס ער פילט איר ניט מיט, נאָר ער וויל איר צעשטערנ דעמ גאַנצנ אידעאַל פונ איר לעבנ".

אַלעמאָל האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט, זיכ צעטראַכטנערהייט אינ איר אײַנגעקוקט און דערבײַ עפּעס אַ געדאַנק געכאַפּט. און נאָכדעמ איז ער שוינ אינגאַנצנ אײַנגעשוויגנ געוואָרנ, אַראָפּגעלאָזט די אויגנ און אָנגעהויבנ גלעטנ דעמ בלויענ סערוועט. איצט איז שוינ דאָס שווײַגנ געווענ אַ שווערס און נאָגנדיקס. ס'האָט זיכ געהערט, ווי אינ קיכ דערפרעגט זיכ די שווייגער בײַ דער דינסטמויד, צי מ'האָט אָפּ די קישנס ווײַסע ציכנ אָנגעצויגנ, ווי זי גייט פונ דאָרטנ מיט איר שיקסע אינ שלאָפצימער אַרײַנ און פאַרקעט זיכ לאַנג בײַ דער שאַפע, זוכנדיק דעמ נייטיקנ שליסל, ווי זי העלפט דאָרטנ דער שיקסע די ציכלעכ אָנציענ, גייט פונדאַנענ צוריק אַהיימ אַוועק און קוקט זיכ דאָ אָפּ קיינעמ ניט אומ.

מאָנטשיק האָט זיכ ס'אַפּקאָלסאַפּ צעטראַכטנערהייט מיט איר געזעגנט און איז אַוועק צומ פעטער יאַנקעוויאַסלענ אינ שטיב. אינ פערדערשטיבל האָט ער דאָרטנ ניט דערקענט עפּעס אַ לײַטישנ יונגערמאַנ, וואָס האָט אימ די האַנט געגעבנ, און איז גלײַכ אַרײַנ אינעמ באַזונדערנ כיידער, ווו מ'האָט אימ איבעראַנייס אַרומגעשטעלט, די שוואַרצע אויגנ האָבנ בײַ אימ געשטראַלט, זײַ האָבנ אויסגעזענ פאַרכאַלעמט און האָבנ געקוקט אָפּ די אַרומיקע מיט זייער גאַנצער אויסגעלאָצטער גרייט:

„וואָס קענ מענ האָבנ צו מירלענ?.. ער איז דאָרטנ איצט געזעסנ אַקעגנ אַ שאָ... זאָגנדיק דעמ עמעס: ער ווייס ניט, וועמענ ס'איז איצטער — מירלענ, צי שמוליקנ".

און דערנאָכמאָל, ווען די זיבער האָבן אים דערשטוינט אָנגעקוקט און געוואָלט אָנהייבן כאָלוימעס צו אים באַטלען, האָט ער שוין צע־בראָכן איבערן כייזער אַרומגעשפּאַנט און האָט זיי ניט באַמערקט, זיך פּלוצעם זאָך עפּעס דערמאָנט און זיך נאָכאַמאָל אַקעגן זיי מיט אַן איבערגעריבענעם פינגער אָפּגעשטעלט:

„זי איז א קלוגע, האָט ער צו זיי וועגן מירלען מיט אָט דעם פינ־גער געשאָקלט, א דורכגעטריבענע איז זי... ער, מאַנטשיק, האָט גאָר פון אָנהייב אַזויפיל ניט געוווּסט".

מירל האָט אים באַמערקט, בעשאַס ער האָט זיך א כאָלעמדיק־פאַר־טראַכטער צוריק צום טראַמוויי געלאָזט גיין און איז נאָענט פאַרבײַ אירע פענצטער דורכגעגאַנגען, עפּעס איז איר פּלוצעם אַרײַן אין קאָפּ, האָט זי אים אין שויב אָנגעקלאַפּט און זיך דאָרטן איבעראַנײַס מיט אים ריידן אוועקגעשטעלט:

„ניין, מאַנטשיק באַדאַרף וויסן פרייער: אויב ער איילט זיך איצט אַהיים, איז אָט דער שמועס זייערער ניט איבעריק נייטיק".

אירע אויגן מיטן פּנים האָבן דערבײַ ניט געוואָלט וועגן עפּעס וויסן, און ער, מאַנטשיק, איז אַנטקעגן אָט דעם פּנים געשטאַנען, געדענקט, אַז ער האָט קיין צײַט ניט, און האָט זיך דאָך געהאַלטן אין דער מײַלע:

„וואָס? ער איילט זיך? כאַסוועכאָלילע... אדעראַבע".

ער האָט פאַר איר דערעכערעץ און גייט נאָכדעם צוזאַמען מיט איר אין שטאָט אַרײַן. און אַז זי באַשטעלט אים אָפּ מאָרגן אויך, האַלט ער זיך ווידער אין דער מײַלע און זאָגט איר צו. אין קאָפּ דרייען זיך בײַ אים געדאַנקען, אַז זי טראַכט די גאַנצע צײַט וועגן עפּעס א זאַך, וואָס זי וויל בעקיוון פאַרשווײַגן, ניט וועגן דעם, וואָס זי רעדט. אַז שמוליקן, וועמען ער האָט ליב, באַדאַרף ער עפּעס זאָגן וועגן איר, דער אינטערעסאַנטער און קלוגער, וואָס איז שוין געווען מיט אים קיין פּאָר ניט. נאָר ווען ער באַגלייט זי אַהיים און גייט נאָכדעם איי־נער אַליין צוריק צום טראַמוויי, פאַרגעסט ער אָן אָט די אַלע גע־דאַנקען און פאַרטיפט זיך צעטראָגענערהייט אין זײַנע באַטאָגעדיקע געשעפטן. אינעם איבערפולטן באַלויכטענעם טראַמוויי־וואַגאָן זעצט זיך

צו אימ צו דער זעלבער יונגערמאנ, וואָס האָט אימ אמאָל באמ פּעטער יאנקעוו־יאָסלענ אינ פּאָדער־שטיבל די האנט געגעבנ; דער יונגערמאנ רעדט צו אימ וועגנ א באקאנט געשעפט אונ ער קוקט אימ אָנ מיט גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגנ אונ איז בארויִקט אפ זיכ אליינ:

„מיילע, ער, מאָנטשיק, זעט זיכ טאקע איבער א טאָג מיט הונדערטער סאָכרימ, אָבער וואָס הייסט, ער דערקענט שוינ קיינ מענטשנ ניט?"

VI

שפּעטלעכ אינ אָוונט איז מירל אינ עטלעכע טעג ארומ נאָכאמאָל מיט מאָנטשיקנ אינ שטאָט ארײַנ געפאָרנ, דורכגעגאנגענ מיט אימ די צענטראל־גאס אונ דערזענ נאָכ פונדערווײַטנס, ווי בא איינעמ א ליידיקנ ראָג ווארט זיי אָפּ נאָסנ העלער. ער שטייט דאָרטנ איינער אליינ אינ זײַנ ברייטנ הארבסט־מאנטל, האָט אנ אומגליקלעכ פּאָנעמ אונ קוקט איר, מירלענ, גלײַכ אינ די אויגנ.

קעדיי ניט צו באגעגענענ זיכ מיט אימ, איז זי באלד מיטנ פאר־טראכטנ מאָנטשיקנ אריבער אפנ צווייטנ טראָטואר אונ איז מיט אימ דאָרטנ ארײַנגעגאנגענ אינ אנ איבערגעפולטנ, רוישיקנ קאפע־הויז, ווו קלעפּ פונ טעלער האָבנ נאָכ פונ פארנאכט אָנ מילכאָמע געהאלטנ מיט די שרײַענדיקע ניגונימ פונעמ אונטערגעריסענעמ אָרקעסטער. נאָר ווענ זי איז פונ דאָרטנ ארומ האלבער נאכט מיט מאָנטשיקנ ארויסגעגאנגענ, איז דער באָכער אינ הארבסט־מאנטל נאָכ אלץ אנטקעגנ קאפע גע־שטאנענ אונ, ווי פריִער, גלײַכ אפ איר געקוקט. דערזעענדיק אימ, האָט זי אזש א ציטער געטאָנ אונ זיכ פונ שרעק צו מאָנטשיקנ צוגעדריקט:

„מאָנטשיק איז א מייוונ, ווי יענער קוקט?"

מאָנטשיק האָט אפ א רגע פונ זײַנע געשעפט־געדאנקענ אופגע־וואכט אונ איר שײַלע ניט פארשטאנענ. ער האָט געוואָרפנ ארומ זיכ א צעטראָגענעמ בליק, נאָר גאָרניט באמערקט, גייענדיק אינ שורע מיט איר, האָט ער זיכ באלד ווידער פארטראכט וועגנ דער פור־אָפּאָליער פאטעקע־פאבריק, וואָס גייט שלעכט אונ האלט זיכ בא פארקויפנ:

„יענע וואָכ האָט זיכ אימ אײַנגעגעבנ צונויפֿצופֿירנ די קוראָפּאַליער אקציאָנערנ מיט די קוינים... ווענ דער דירעקטער זייערער איז ניט אזא הונט אונ אזא כאַבאַרניק, וואָלט עפּעס די נײַע וואָכ געקענט דערפֿונ ארויס".

פּלוצעמ האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט אונ האָט מיט צוויי פֿינגער דעמ אָנגעברויגעזטנ שטערנ אונטערגעשפּאַרט:

„וואַרט... ער קאָנ זיכ בעשומופֿנ ניט דערמאָנענ, צי אפֿ דעמ טעלעגראַמ, וואָס ער האָט באַטאָג געקלאַפּט דעמ דירעקטער, האָט ער זיכ אונטערגעכאַסמעט, צי נײנ?"

ער האָט זיכ בעמעס שלעכט געפֿילט אונ א קוק געטאָנ צו מירלענ מיט אזא בעטלעריש פּנעמ, גלײַכ ער נייטיקט זיכ איצט שטאַרק אָנ איר ראַכמאָנעס:

„מירל מוז אימ מויכל זײַנ. ער מוז אפֿ א רעגעלע אינ נאָענטנ טעלעגראַפֿ ארײַנלויפֿנ אונ דאָרטנ א ספּראַווקע מאַכנ".

נאָר מירל האָט אימ, דעמ צעטראָגענעמ, נאָכ אליינ נעענטער צומ טעלעגראַפֿ צוגעפֿירט אונ אימ דאָרטנ אויסגעזידלט, פֿאַרוואָס ער וויל זי אליינ אינ דרויסנ ניט לאָזנ:

„וואָס מאַכט ער קונצנ, מאָנטשיק?.. זאָל ער די רעגע ארײַנ אינ טעלעגראַפֿ. זי וועט אָנ אימ אויכ צו זיכ אהיימ טרעפֿנ".

ס'האָט זי געצויגנ צוריק, צו נאָסנ העלער, די גאַנצע צײַט, וואָס זי האָט צו מאָנטשיקנ גערעדט, אונ נאָכ דעמ, ווענ זי איז איינע אליינ שטיינ געבליבנ אפֿנ פֿוסטנ טראָטואַר אונ זיכ אומגעקוקט.

„ער" איז נאָכ אלצ געשטאַנענ דאָרטנ באַמ ראָג גאָס אונ האָט איר נאָכגעקוקט. ער האָט דאָרטנ גאָרניט ניט געוואָלט; ער איז נאָר געווענ אומגליקלעכ — אונ האָט איר נאָכגעקוקט.

פּלוצעמ האָט זי זיכ מיטנ פּנעמ צו דער פֿאַרשטאָט אויסגעדרייט אונ זיכ געשווינד אינ א דראָשקע ארײַנגעזעצט.

זי איז געווענ אינקאַס אפֿנ געפֿיל, וואָס ציט זי צו אימ, אפֿ זיכ אליינ, אפֿנ וואָלגערנ זיכ בא די זיידענאָווסקיס אינ שטוב אונ אפֿ דעמ, וואָס פֿונ אלצ, וואָס זי האָט אינ איר לעבנ געטאָנ, איז קיינ איינציקע נוצלעכע זאַכ ניט ארויסגעקומענ:

„אַט באַראָט זי אַ מיטל צו באַפֿרײַען זיך פֿון שמוליקן און האָט אים ניט".

„און אַט הרייט זי זיך שוין עטלעכע טעג מיט מאַנטשיקן אין שטאָט אַרום און קלערט בײַ אים וועגן אָט דעם מיטל פֿרעגן. און אינטאַנצן איז דאָס איבעריק און נאַריש... וואָרעם ער, מאַנטשיק... ער איז שמוליקס אַ קאָרעוו און האָט אים ליב. און בוץ דעם..."

„וואָס קאָן ער איר דערוף זאָגן?"

זי האָט ניט באַמערקט, ווי זי איז די פֿאָרשטאָט־בריק איבערגע־פֿאָרן און איז צו דער עקסטער גאַס צוגעקומען. פּלוצעם האָט זי דער־זען, ווי די פֿענצטער פֿון איר שטוב, אַבוצן שלאָפֿצימער, זײַנען אַלץ שטאַרק באַלויכטן און באַרימען זיך פֿאַרן פֿינצטערן האַלב־נאַכטיקן דרויסן:

„געסט האָבן מיר, געסט, געסט".

זי האָט זיך דערשטוינט אין אָט די באַלויכטענע פֿענצטער אײַנגע־קוקט:

„עפּשער דער פֿאָטער אירער, צי די מוטער... זי האָט זיי פֿון נאָך דער כאַסענע אפילע קיין איין בריוו ניט געשריבן".

אָבער נאָך אין קאָרידאָר, ווו דאָס דינסטמיידל האָט הינטער אירע פּלייצעס די טיר פֿאַרשלאָסן, האָט זי שוין באַמערקט, אַז ס'איז קיין זאַך ניט געשען, און אַז קיין געסט זײַנען ניטאָ; שמוליק איז נאָר נאָך אַ כוידעש וואַלגערן זיך פֿון וואַרשע פּאָשעט צוריק צו זיך אַהיים געקומען. געקומען אַזוי מאָדנע שטיל און אַ ביסל שעמעוו־דיק, ער ווייסט: קיין איבעריקער נאָכעס וואַרט שוין דאָ ניט אויף אים.

דער קאָפּ מיטן בערדל זײַנען בײַ אים געווען אָפּגעשאָרן פֿונסנײַ און אַזוי ײִדעריק, גלײַך ס'וואָלט מאָרגן ערעוו־פּייסעך זײַן. זײַן ליכטיקער אָנצוג איז געווען אַ נײַער, אַ וואַרשעווער; די נײַע שיך האָבן אונטערגעסקריפּעט. און אַליין האָט ער שוין אויך אויסגעזען אַזוי נײַ, צאַפּלדיק און פֿריש — ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער איז נאָר וואָס פֿון באָד געקומען, אַז פֿאַר דער צײַט פֿון זײַן זיצן אין גוראַלניע

און אין ווארשע האָט ער אַפּ זיך געאַרבעט און האָט זיך פון פיל פון זײַנע ייִנגלשע טנועס אָפּגעוווינט.

מירל איז דאָ אין עסצימער דורכגעגאַנגען און זיך צו אים גישט אומגעקוקט. ס'איז אים געוואָרן אַ ביזויען פאַרן באַיאָרטן גרײַז־גרויען און אומרײנעם ייִדן, זײַער אָקסן־קויפער. דער ייִד איז דאָ מיטן שטעקן אין האַנט און מיט די קאַליע העליש־רויטע אויגן פאַרן טיש געזעסן און האָט פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ ריח פון שאַרפן שמעק־טאַבעק און פון ציגן־פליש. און שמוליק האָט שעמעוודיק דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן און גענומען בײַסן מיט די ציין דעם שפּיץ פון אַ שוועבל־שטעקל. די אויגן זײַנען בײַ אים געוואָרן פאַרטרערט.

מירל איז שוין דערווײַל געווען אין דעם באַלויכטענעם זאַל. זי האָט דאָרטן דעם אויבערשטן כאָק פון זיך אַראָפּגעצויגן און נישט גע־וווּסט, פאַרוואָס זי איז פון עסצימער נישט אַרײַנגעגאַנגען גלײַך רעכטס אין פינצטערן שלאָף־צימער. זי האָט זיך געוואָלט אָן עפּעס דערמאָנען, נאָר נישט געקאָנט און געדענקט, אַז שמוליק שטייט אין צווייטן צימער; גענומען צוליב עפּעס נאָכאַמאָל אָנטאָן דעם סאַק, נאָר אים באַלד צוריקגעלייגט און איז דורכן עסצימער אַוועק גלײַך אין פינצטערן שלאָף־צימער. זי האָט דאָרטן ניט אויסגעטאָן דאָס ענגע שוואַרץ־זײַדענע קאָפּטל מיטן אײַנגעצויגענעם גאָרסעט און זיך גלײַך אין בעט אַוועקגעלייגט. זי האָט זיך פאַרשטעלט מיט ביידע הענט דאָס פּנים און זיך גענומען גרייטן צו דעם, וואָס ס'וועט באַלד פאָרקו־מען:

„אַ עק... איצט מוז שוין נעמען אַ עק..."

ס'איז געווען שטיל אין אַלע אַרומיקע באַראָרים. אינמיטן דער שטילקייט האָט זיך געהערט, ווי שמוליק שפּאַנט פאַמעלעך אַרום אַ־בערן עסצימער, ווי דער ברודיקער ייִד, דער אָקסן־הענדלער האָט האַ־נאָע פון די פאָר טויזנט רובל רעווער, וואָס ווען אים איצט אַפּ זײַנע קליינע פּראָצענטן אויספאַלן, און קאָן זיך נישט אָפּוווּנדערן פונעם מאַרק, וואָס שמוליק האָט אָנגעטראָפן:

„אַזאַ מאַרק, מעג ער זאָגן, געדענקט מען נישט פון נאָפּאָלעאָנס צײַטן אָן... וואָס רעדט ער, שמוליק? זיבן רובל אַ פּוד?!..."

זײַנע קאַליע אויגן מיט די איבערגעקערטע רויטע ווייעס האָבן איבן געטרערט. די טרערן זײַנען אַראָפּגערונען אַף די באַקן און ערטערווײַז דערגרייכט די גרײַז־גרויע, ברודיק פאַרגעלטע באָרד, און ער האָט עס נישט געפילט, געשטופּט טאַבעק אין נאָז און געהאַלטן דאָס שמײַכל־דיקע פּאָנעם עטוואָס פאַריסן, ווי אַ בלינדער, וואָס באַלעמט וואַכנדיק. ער האָט געכאָלעמט וועגן נאָך אײנעם אַזאַ גליקלעכן מאַרק:

„איז אויב שמוליק וויל טאַקע באַלד נאָך סוקעס ווידעראַמאָל קיין וואַרשע גיין, וועלן אין סטאָלינער וואָלאָווניע* מוזן בלײַבן די פּאָ־פּיווקער אַכצן יאַלעווקעס**... און די זיבן יעליסאָווצער, וואָס שטייען בײַ דער טיר... יאָ, און דער לעבעדיקער, אָט דער, וואָס מיט די גרויסע הערנער... אַ מאָדנע זאַך: אָט די דרײַ שטייען שוין אָט אַ כעזשבן פון פערטהאַלבן כאָדאָשים, און נעמען נאָך אָפּ זיך קיין לײַב נישט... ער האָט זיי אַ טאַפּ געטאָן, אָט דאָ יענע וואָך, עט... עס הייסט נישט קיין לײַב... ער האָט פײַנט אַזעלכע אָקסן“.

דער ייִד איז סאָפּקאָלסאָפּ אָוועקגעגאַנגען, און די טיר האָט נאָך אים שמוליק פאַרשלאָסן. די שטילקײַט איז שוין איצט געווען אַ גאַנצע, ווי אײַנמיטן דער נאַכט. און געהערט האָט זיך נאָר, ווי שמוליק שפּאַנט פּאַמעלעך איבערן עסצימער, ווי זײַנע נײַע שיך סקריפּען אונטער און דערציילן עפּעס וועגן דעם, וואָס אים, דעם באַלעבאָזייערן, איז שלעכט, וועגן דעם, וואָס ער טראַכט איצט וועגן איר, מירלען, וואָס ליגט אין פינצטערן כיידער אין בעט, האָט זי ליב, וויל צו איר אַרײַנגיין, נאָר קאָן ניט און ווייסט ניט וויאַזוי; פילט, אַז ער איז אומגליקלעך, און אַף אײביק, אײביק וועט שוין פון אים אָט דער אומגליק נישט אַוועק:

„און אָט איז ער איצט, אַשטייגער, נאָך פיר וואָכן צײַט צו זיך אַהיים געקומען...“

געלט האָט ער גאָר נישקאָשעדיק פאַרדינט... ער ווערט אַ גוויר... קאָפּטן מיט מאַטאָנעס האָט ער מירלען אַהיים אָנגעקויפט... ער האָט

* אָקסנשטאַל.

** ניט־קעלביקע בעהיימעס.

געמיינט: זיי וועלן איר געפעלן, האָט ער געמיינט, און נאָך האָט ער געמיינט:

„ער וועט נאָך זעקס וואָכן אהיים קומען, וועט זי מיט אים ריידן אָנהייבן...”

ער האָט נאָך אַלץ געביסן מיט די ציין דאָס שוועבל־שטעקעלע, און אין די אויגן זיינע איז נאָך אַלץ געשטאַנען די טרערן:

„אַז זי האַלט אים פאַר א נאַר, מירל”.

פּאַרן די אויגן איז אים געשטאַנען איר פּנים, א פרישס און עטוואָס א שמעקנדיקס. איצט ליגט זי דאָרטן אין צווייטן פינצטערן ביידער אפן בעט און האַלט פאַרמאַכט די אויגן. עפּשער שלאָפט זי שוין דאָרטן, און עפּשער נישט. ער האָט געוווּסט:

ווען ער גייט צו איר צו, וואָלט ער איר נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. און דאָך איז ער אהין געגאַנגען, פּאַמעלעך, טריט בײַ טריט, זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט, דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ נישט אויפגעהויבן, און האָט געדענקט:

„זי האַלט אים פאַר א נאַר, מירל”.

ער האָט די שוועל פון פינצטערן ביידער אריבערגעטראָטן, זיך אָפּגעשטעלט. די שיין פונעם באַלויכטענעם עס־צימער האָט אהער דערגרייכט; אַנטקעגן, אין בעט, האָט זיך שוין געוועבט איר פיגור, א שלאַנקע און בויגיקע פיגור, אַן ענג־אײַנגעצויגענע אינעם שוואַרצן שמאָלן קליידל. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך איז ער צו איר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געגאַנגען; געטאָן א שפּאַן, זיך אָפּגעשטעלט, און ווידער א שפּאַן געטאָן. איצט האָט ער שוין געזען איר פּנים. פאַרוואָרפן עטוואָס אַרונטער איז עס הויך אין קישן געלעגן, און די אויגן זיינע געווען פאַרמאַכט. א ווײַלע איז ער פאַרן בעט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געשטאַנען. ער האָט געוווּסט, אַז ער באַדאַרף זיך צוריק אומקערן און איז דאָך נאָך נעענטער צוגעגאַנגען, דערזען איר אַראָפּגעלאָזטע האַלב־אויסגעצויגענע האַנט אפן זייטל פון בעט און זי שטיל פאַר אַט דער האַנט אָנגענומען.

ער איז געשטאַנען אַזוי שטיל, שטיל, האַלטנדיק איר האַנט און האָט שטיל צו וויינען אָנגעהויבן

זי האָט באַ אים די האַנט ניט אוועקגענומען. ער האָט געהערט: זי האָט ווי פֿון האַלבן־שלאָף אַ זיפֿץ געטאָן און האָט געזאָגט מיט אַ מאָנאָטאָניש שטיל און פֿאַרשלאָפֿן קאָל:

„וואָס באַדאַרפֿסטו מיך, שמוליק?"

דענסטמאָל האָט ער זיך אויפֿן בעט אַראָפּגעזעצט און האָט כליפּען אָנגעהויבן. ער האָט געקושט איר האַנט, ער האָט פֿיל געקושט אָט די האַנט. זי האָט די אויגן נישט געעפֿנט און געשוויגן. ער האָט זיך נענטער צו איר צוגערוקט און זי אַרומגענומען. זי האָט נאָך אַלץ די אויגן נישט געעפֿנט און געשוויגן. און דאָרטן, אין קיך, האָט זיך שוין דאָס שטאַרק פֿאַרשלאָפֿענע דינסט־מיידל אויף אַ ווײַלע פֿון שלאָף אויפֿגעכאַפּט. זי האָט געשלעפּט די באָרוועסע פֿיס איבער דער פּאָדלאָגע, אַרומגעגאַנגען פֿון כיידער צו כיידער און האָט אויסגעלאָשן די לאָמפּן.

VII

אַ טאָג נאָך ראָשעשאָנע, ווען שמוליק איז אויף אַ פּאָר שאָ אין גובערניע אַרײַן צוגעפֿאָרן, האָט מירל אין איר געלן לעדערנעם זאַק עטלעכע זאַכן פֿאַרפּאַקט און זיך געגרייט נאָך אין דעם זעלבן טאָג אוועקפֿאָרן צו איר פֿאָטער אַהיים.

זי האָט דערבײַ צו קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און האָט זיך געהאַלטן פֿעסט בײַ איר באַשטימטן פּלאַן:

„איצט נעמט שוין געוויס צו אַלץ אַן עק... זי ווערט ניצל פֿון די זײַדענאָווסקים".

בײַ דער שווינגער אין עס־צימער האָט זיך דענסטמאָל באַטאָג שוין שטאַרק דער צוים=גראַלי=טאָגעס [105] געפֿילט. דער באַלעבאָס איז דאָרטן אויבנאָן אויף זײַן ברייטן, קאָווער=זוכערישן שטיינער געזעסן, און אַ פֿאַרמעגלעכע דורכפֿאַרנדיקע קרויווע האָט דאָרטן לאַנג מיט איר מאַן דעם לאָמדן פֿאַרבראַכט און האָט צו הויך אויף איר קליינשטעטלדיקן קאָל גערעדט.

מ'האָט געשמועסט וועגן דער וואַרשעווער מומע פּערל, אַז, ווי שמוליק דערציילט, האָט זי זייער אַ גוט יאָר געהאַט; אַז דער היגער

מוזמע עסטערנ איז איצט, קיינ אַנדערע, עפשער בעסער, ווי בעשאס דער מאַנ אירער האָט געלעבט, אונ זי פאָרט אַלע זומער קיינ אויסלאַנד; אונ אַז מאַנטשיק, וואָס האַלט זי אויס, איז געבוירנ געוואָרנ פונקט אינעם יאָר, וואָס באַמ פעטער אוזיעל־מייער איז געשטאָרבנ דאָס ערשטע ווײַב; ער איז שוינ אַלט זעקס אונ צוואַנציק יאָר אונ פאַרדינט גרויסע געלטער, נאָר ער האָט צײַט אונ רעדט קיינמאָל נישט וועגנ באַסעינע האָבנ.

פלוצעמ איז עמעצער פונ די אייגענע אַרײַנגעקומענ אונ האָט דער שוויגער אַפנ אויער מירלס סאָד אײַנגערוימט. די שוויגער האָט עס באַלד אַפנ מאַנס אויער איבערגעשעפטשעט, גענומענ אימ קוקנ גלײַכ אינ פּאָנעמ אַרײַנ, אונ דערבײַ מאָדנע געפינקלט מיט די אויגנ. די לעצטע עטלעכע טעג האָט שמוליק אויסגעזענ אַזוי פריילעכ. דעמ צווייטנ טאָג ראָשעשאָנע באַטאָג האָט מענ אימ געזענ שטיינ צוזאַמענ מיט מירלענ אַפ די גאַנעק־טרעפּלעכ אַקעגנ דער זונ, אונ זי, די שוויגער, האָט שוינ אַפילע נאָכדעמ געפרעגט אַנ אייצע בא מיריאַמ ליובאַשיצ:

„אַשטייגער, ווער צו וועמענ באַדאַרפ, נאָכ מיריאַמס יוישער, אָנהייבנ פריער צו ריידנ? אַ? אוואַדע קומט, אַז מירעלע זאָל פריער אָנהייבנ, אַ?“

די שוויגער איז באַלד מיטנ שאַל אַפ די אַקסלענ צו מירלענ אינ פליגל אַרײַנגעקומענ אונ האָט אָנגעהויבנ פּאָרזיכטיק צו ריידנ, פרי־ער צו דעמ דינסטמיידל, אונ נאָכדעמ נאָכ פּאָרזיכטיקער צו איר, מירלענ אַליינ:

„אַפ לאַנג פּאָרסטו, מירעלע?“

אונ נאָכ:

„עפשער וועסטו צוווארטנ אַפ שמוליקנ?“

מירל האָט זיכ געדרייט צווישנ אירע צוויי פעקלעכ מיט אַנ ערנסט פּאַרטאַקשנט פּאָנעמ, גענומענ אַפגיכ דעמ אויבערשטנ מאַנטל אָנטאָנ, געשיקט נאָכ אַ דראָשקע, אונ דערבײַ אַפ דער שוויגערס שאַלעמ גע־ענטפערט אָפּגעהאַקט אונ קורצ:

„זי ווייסט נישט“.

„זי וועט זענ“.

„זי קען נישט וואַרטן".

אַזוי שטאַרק איז זי איצט מיט איר פּלאַן באַ זיך געבליבן; ס'איז איר שוין אַפילו געווען אַ בידעש אַף זיך אַליין:

„אָט די פּאַשעטע זאַך האָט זי האָבן גרינג געקאָנט טאָג צוריק מיט אַ בוידעש און מיט צווי... ווו איז איר די גאַנצע צייט דער קאָפּ געווען?"

אין מעשעך פון דער גאַנצער אַכצן־שאָעדיקער באַן־רייזע האָט זי זיך געפילט אַזוי גרינג און פריש, גלייך ווי פיל פון אירע אַמאָליכע און איצטיקע האָפענונגען הענגען אַף דאַפקע אָן דער נעסיע, און גלייך, ווי פון איצט אָן הייבט זי אָן צו לעבן פונסנייַ. ס'איז געווען איבעריק גוט אָפּצורשטיין גאַנצע האַלבע־שאָען באַם רייַנעם, ברייטן פענצטער פון וואַגאָן צווייטן קלאַס און צו קוקן אַף די פרעמדע שטיבלעך, אַף די אומבאַקאַנטע פעלדער און האָריזאָנטן, באַפּוצטע מיט סעדער און וועלדלעך, וואָס באַווייַזן זיך געשווינד דעם גיך־לויפנדיקן צוג און בלייַבן אויך אַזוי געשווינד פון הינטן. ס'האָבן זיך בעשאַס מייַסע געדענקט די איינענע בלויע אויגן, וואָס קוקן אַרויס מיט גרויס אומעט פון אונטער די לאַנגע שוואַרצע ווייעס. ס'האָט זיך אויך געדענקט, אַז זי, די שלאַנק־וווקסיקע און שוואַרץ־געקליידטע, איז איצט פריי און איינע אַליין צווישן אָט די אַלע פרעמד־פענעמדיקע רייזנדער, וואָס קוקן אַף איר מיט שטאַרק־נייַגעריקע אויגן יעדעס מאָל, וואָס איר קומט אויס נאָענט לעבן זיי דורכגיין, טרעטן איר מיט גרויס דערעכערעץ אָפּ דעם וועג און דערווענן זיך דאָ נישט מיט איר ריידן אָנצוהייבן. איינער אַ בלאָנדינ, וואָס האָט, זיצנדיק אַנטקעגן איר, די גאַנצע צייט געשלונגען מיט גרויס אינטערעס די בלעטער פון זיין דייטשישן בוך, האָט צולעצט אַף איר אַ היפּשע ווייַלע די אויגן אָפּגעשטעלט און זיך לייטיש דערפרעגט:

„נישט מיט איר האָט ער זיך פאַרצווייאָרן אין איטאַליע באַגעגנט?"

אַף אַ גרויסן וואָקזאַל, ווו דער שטאַרק־פאַרשטויבטער צוג האָט אַ גאַנצע האַלבע שאָ אָפּגעטעמט, האָט איר לאַנג נאָכגעקוקט אַ וווקסיקער און רייַכער קריסט, אַ יונגער, באַ וועמען ס'איז איבער די פּלייצעס אַ צווייי־רעדערדיקע ביקס געווען אַריבערגעוואָרפן. ער האָט זיך אַרומגע־

דרייט באַם טיש, ווו זי האָט אין וואַקזאַל געפּרישטיקט, און זיך צו־לעצט פּונקט אנטקעגן איר געזעצט טיי טרינקען.

פאַרנדיק אפן צווייטן טאָג פונעם לעצטן וואַקזאַל מיט דער פור, האָט זיך נאָך אָט דאָס אַלץ געדענקט, און געטראַכט האָט זיך דערביי מעטושטעשדיק און גרינג וועגן א נײַ לעבן און וועגן דעם, וואָס זי האָט גוט געטאָן דערמיט, וואָס אפּ שמוליקס מיט דער שוויגערס אָנפּראָג האָט זי געענטפערט אומבאַשטימט און קאַלט:

„זי ווייסט נישט, זי וועט זען".

אָבער נאָך אין יענעם זעלבן טאָג אַרום אײנס אַזייגער, ווען די אומגעריכטע באַלעגאָלישע פור איז מיט איר אין אָנהייב שטעטל אַרײַנגעפאָרן, האָט אפּ איר פון די אַלט־באַקאַנטע פאַרמאַרעשכווירעדיקע הײַזער מיט אַמאָליקן יִיעש א בלאָז געטאָן, און דערפילט האָט זי אין זיך צוריק אַזוי שטאַרק די מיידלשע וואָכעדיקע פוסטקײַט, גלײַך זי איז קיינמאָל פונדאנען נישט אַרויסגעפאָרן און איז איצט אַהער נישט געקומען.

דאָס גאַנצע נישטיקע און פאַראָרעמטע שטעטעלע מיט זײַנע אַלט־באַקאַנטע אָרעמע און צעוואָרפענע הײַזער איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן אפּ דער איינציקער לאַנגאָנעדיקער מאַכשאָווע:

„נישט צום איבערמאַכן איז דער אומגליק... און נישט צו האָפן איז פאַראַן אפּ וועמען..."

און האָרטן, א ביסל נידעריקער, האָט שוין פון הינטערן מאַרק אַרויסגעקוקט איר פאָטערס שטוב מיטן גאַנעק; זי, די שטוב, איז דאָרטן ווי טאָמער, אומעטיק געשטאַנען און נאָך אַלץ דערציילט יעדן מענטשן, וואָס איז לעבן איר פעדערשטער וואַנט אַדורכגעגאַנגען:

„שוין באַסענע געהאַט מירל... שוין דאָרטן, אין פאַרשטאָט פון קראַנק, מירל".

קיינער איז זיך מיט איר זען נישט געגאַנגען, און קיינער האָט זיך מיט איר קומען נישט דערפרייט. אין שטוב זײַנען קיין שינוים 101 נישט פאָרגעקומען. גיטעלע האָט נאָר גענומען דעם שאַבעסדיקן פאַ־רוק אפּ אינדערוואָכן, און דאָס צירונג אירס האָט נאָך אַלץ געפעלט. דערזעענדיק צום אָנהייב מירלען, האָט זי זיך פאַמעלעך, פאַמעלעך

אופגעשטעלט פונעמ בענקל, וואָס פארנ קײַלעכדיקנ טיש, געוואָרנ רויט אונ קוימ־קוימ שמייכלענ אָנגעהויבנ:

„זעט נאָר, האָט זי שעמעוודיק אונ שטיל א זאָג געטאָנ — מירעלע...“

אונ איבער עפּעס האָט זי נאָכ אלץ נישט אָפּגעלאָזט דעמ בלאט פונ קײַלעכדיקנ טיש, וואָס אפ אימ האָט זי בײדע הענט געהאלטנ. ס'איז איר, אפּאָנעמ, שטארק מאָרנע געווענ סײַ דאָס, וואָס מירל איז איצט פלוצעמ אונ אומגעריכט אהיימ געקומענ, סײַ דאָס, וואָס פאר די גאנצע פערטהאלבנ כאָדאָשימ פונ איר וווינענ אינ פאָרשטאָט פונ קראכ האָט מענ פונ איר קיינ טמונאס אָס [105] ניט געזענ, אונ נאָר שמוליק האָט צוגעשריבנ פאר איר גרוסנ אינ יעדנ בריוו:

„ס'לאָזט אײַכ גריסנ זוגאָסי האיעקאָרא מאָראס מירעלע טיביע“. [106]

גלאָט אזוי, אפּאָנעמ, האָט שוינ גיטעלע צוגעגעבנ:

„זי האָט זיכ אפּנ פּאָנעמ גאָרנישט פאריכט, מירעלע“.

אונ באלד האָט זי באמ דינסטמיידל צוגענומענ די קאָמפּרעסנ. אונ איז אוועקגעגאנגענ זיי צולייגנ און שלאָפצימער ר' גדאליענ, כא וועמענ ס'האָט זיכ די לעצטע צײַט ווידעראמאָל אָפּגערופנ די ווינטער־דיקע באלאָס.

אָנגעטאָנענערהייט איז ער דאָרטנ אינ איינעמ פונ די צוויי אלטע הילצערנע בעטנ געלעגנ. ער האָט געהאלטנ דעמ בלעכענעמ קאָמפּרעס באמ בויכ אונ האָט נישט געקרעכצט.

„כ'ליג, האָט ער דאָרטנ מירלענ געזאָגט אונ האָט דערבײַ שעמעוודיק א שמייכל געטאָנ, כ'בינ ערשט באטאָג ארומגעגאנגענ“.

זײַנ פּאָנעמ האָט אויסגעזענ געל אונ ערגער ווי אלעמאָל, אונ דער שמייכל האָט שוינ מער צו זײַנ שפּיציקער נאָז נישט געפּאסט.

קוקנדיק אפ אימ, האָט זיכ איבער עפּעס געטראכט, אז ער וועט שוינ קיינ סאכ נישט לעבנ, אז דאָס קאָל זײַנס איז שוינ געביטנ, ווי דאָס קאָל פונ א מענטשנ, וועמענ מ'האָט שוינ אפנ הימל ארופגערופנ אונ אימ דאָרטנ זײַנ בוכ מיטנ גזארדינ [107] באוויזנ:

„נא, קוק: שטארבנ וועסטו... ווענ? — דאָס איז נישט דײַנ זאכ“.

פארנאכט, ווענ דער ווייטעק איז בא אימ איבערגעגאנגענ, האָט ער

זיכ פונעמ בעט אופגעהויבנ און האָט געהייסנ די פור שפאַנענ, קעדיי אינ קאַשפּעריוווקער וואַלד אַוועקצופאָרנ. ער האָט דאָרטנ געמוזט זײַנ. ער האָט אָנגעטאָנ דעמ פאַר-כאַלאַט, צוגעגאַנגענ צו מירלענ און, טראַכטנדיק וועגנ עפּעס, געשטאַנענ פאַר איר א ווײַלע מיט אַנ אַראָפּ-געלאָזטנ קאָפּ.

אינ דרויסנ האָט שוינ אָפּ אימ די געשפּאַנטע פור געוואַרט, אונ גיטעלע איז אינ כיידער נישט געווענ.

מעגלעכ, אז ער האָט געטראַכט וועגנ דעמ, וואָס איר, דער צוגאַסט געקומענער טאַטער, וואָלט ער איצט באַדאַרפט א מאַטאָנע געבנ און האָט נישט בעיאַד.

פלוצעמ האָט ער בא איר געפרעגט:

„ווי לעבט זיכ איר עפּעס? ער מיינט, ווי לעבט זיכ איר מיט שמוליקנ? קיינ שלעכטער מאַנ באַדאַרפ ער נישט זײַנ...”

נאָר אַליינ האָט ער שוינ, אַפּאַנעמ, דערפילט, אז ס'איז נישט דאָס, וואָס ער האָט איר זאָגנ געוואָלט, און זיכ פאַרשעמט, ווידער דעמ קאָפּ אַראָפּגעלאָזנ, געטראַכט א ווײַלע און זיכ צולעצט אופגעכאַפּט:

„טאַ! וועלנ מיר גײנ פאָרנ”.

וועגנ עפּעס האָט באַלד נאָכ זײַנ אַוועקפאָרנ שטיל און פאַמעלעכ די שווײַגנדיקע גיטעלע אָנגעהויבנ דערציילנ:

וועגנ דעמ, וואָס דער קאַשפּעריוווקער וואַלד איז שוינ גאָרנישט אזא מעציע, ווי מ'האָט געמיינט, האָט זי דערציילט; וועגנ דעמ, וואָס דער קאָרעוו זייערער, דער קאָסיר, האָט שוינ בא זיי נישט וואָס צו טאָנ און איז שוינ אָפּ א שטעלע בא די סאָכרימ-שוטפימ פונ קרייז-שטאָט.

„נו, און א מענטש איז ער דאָכ פונ טאָמער אָנ א פּײַקער, אַנ איבערגעגעבענער און א באַטראַכטער. וועלוול בורנעס האָט דאַפקע געשיקט צו אימ, ער זאָל איבערגײנ צו זײַנ פאָטער, און האָט אימ געוואָלט געבנ טויזנט רובל א יאָר... איכ מיט גדאַליענ האָבנ אימ דאַפקע צוגערעדט... און אורעמל דער האָז האָט אימ אויכ געמאַכט פאַר א מעשוגענעמ... נו, איז ער דאָכ אַנ אַקשנ, האָט ער נישט געוואָלט”.

אונ נאָכדעמ האָט מענ געטרונקענ טיי אונ נישט געהאַט מער־
וואָס צו ריידנ. אונ נאָכדעמ איז מירל לאַנג איינע אַליינ אינ דרויסנ
בא דער טיר געשטאַנענ אונ האָט אפנ שטעטל געקוקט.

אַלץ איז דאָרטנ ווי שטענדיק געווענ פוסט אונ טשוועדיק גע־
פאַלנ. שפּעט אינ ביינאַכטעס איז די פאַרצוויייאָריקע לערערנ
פאַליע געגאַנגענ צו דער אקושערקע שאַץ, וואָס וווינט אפנ דאָרפ.
אונ דער געהילפ־פּראָוויזאָר סאַפּיאַנ האָט אויכ אַהינ אַוועקגעשפּאַנט,
אונ דער קרומער סטודענט ליפּקינ... אונ אינ שטעטל איז געווענ
טונקל אונ קיל, אונ א ווינטל האָט זיכ געיאָגט נאָכנ מאַרק־שטויב.
אונ וואָווע בורנעס האָט שוינ געוווּסט, אז זי איז געקומענ אונ איז
דערפאַר אַזוי פרי צו זיכ אפנ פּאָלוואַרק אפ נאַכטלעגער אַוועקגע־
פאָרנ. אונ נאָר אינ דער היפּשער סאַראַנגערער קלויז, וואָס האָט מיט
אירע באַלויכטענע פענצטער פונעמ קעגנאיבערדיקנ הינטערגעסל אַרויס־
געקוקט, האָבנ זיכ געשאָקלט טשוועדיק דערשלאָגענע ייִדנ אונ האָבנ
מיט גוואַלדיק־טרויעריקע קוילעס נאָכגעשריִענ דעמ באַזנ:

„לדוד!!!" [108]

עפּעס א געפאַקטער אונ פריש־אויסגעשלאָפענער באָכער מיט א
פרעמד אינטעליגענטיש פאַרגעבט פּאָנעמ, אפּאָנעמ א נייער לערער
אינ טאַלמעטוירע, האָט דאָ גאָר נאָענט דורכגעשפּאַנט אינ דער
פינצטער פונ קילנ טבילעס־אָוונט, ער האָט ווי א ציטער געגעבנ מיט
זיינ גאַנצנ קרעפטיקנ קערפּער אונ א טראַכט געטאָנ מיט פאַרגעניגנ:

„דאָרטנ, וווהינ ער שפּאַנט, וועט זיינ ליכטיק אונ וואַרעמ; א
לאָמפּ וועט ברענענ אפנ טיש מיט די אָנגעגאָסענע גלעזער טיי, אונ
א ווערטל וועט מענ דאָרטנ קאָנענ זאָגנ".

נאָר איר, מירלענ, האָט איצט שוינ אַלץ אויסגעזעענ אַזוי איבעריק
אונ נאַריש. נאַריש איז געווענ דאָס, וואָס, פאָרנדיק אַהער, האָט זי
די גאַנצע צייט אפ עמעצנ א האָפענונג געהאַט. נאַריש איז געווענ
דאָס, וואָס בא דער אקושערקע אינעמ באַלויכטענעמ גוויישנ שטיבל
האָבנ זיכ איצט צונויפגעקליבנ פּונקט די זעלבע, וואָס האָבנ זיכ שוינ
אַהינ צונויפגעקליבנ פאַרצוויייאָרנ, אונ ריידנ איצט פּונקט דאָס זעל־
בע, וואָס זיי האָבנ שוינ דאָרטנ גערעדט פאַראַיאָרנ. אַלע: די אקו־

שערקע, פאַליע, סאַפיאַנ, ליפּקיס, זײַנענ נישט צופרידנ מיטנ לעבנ, נאָר קײנער פונ זײ טוט גאָרנישט, כּדי אָט דאָס לעבנ איבערצו־מאַכנ. אונ אױפ דער װעלט זײַנענ פאַראַנ פיל אַזעלכע נישט־צופרידענע אַקושערקעס, פאַליעס, סאַפיאַנס, אונ אַלע קומענ זײ זיכ איצט אינ אױנט צונויפ אינ באַלויכטענע הײַזער, װאָס אינ פאַרשײדענע שטעט אונ שטעטלעכ אונ אַלע גײענ זײ גאָכדעמ אַװעק צו זיכ אַהײמ אונ טוענ דאָרטנ װײַטער דאָס, װאָס זײ האָבנ שוינ געטאָנ נעכטנ, דאָס װאָס ס'איז שוינ פיל מענטשנ פאַר זײ נימעס געװאָרנ צו טאָנ.

אונ סאַפּקאַלסאָפ... איצט, אינ אָט דעמ קילנ פאַרנאַכט, װאָס נעמט אַרומ די װעלט...

„ערגעצ מוזנ האָב איצט, סאַפּקאַלסאָפ, זײַנ אַזעלכע, װאָס פּרוּװנ טאָנ עפּעס אַנדערש".

װענ זי איז צוריק אינ שטוב אַרײַנגעקומענ, האָט דאָרטנ אינ עס־צימער שוינ פונ לאַנג דער הענג־לאָמפּ געברענט, אונ ליבקע די רע־בעצנ איז שוינ דאָרטנ פונ לאַנג געזעסנ, געשמײכלט צו דער שװײַגנ־דיקער גיטעלענ אונ דערבײַ װענג איר, מירלענ, עפּעס גאָר אַ ציניש װײַבערשע זאַכ געזאָגט.

„אַזױ גאָר?"...

מירלענ איז דערפונ געװאָרנ שטאַרק עקלדיק אונ שװער. זי איז אַרײַנגעגאַנגענ אינ איר געװעזענעמ כײדער, װאָס קעגנאיבער דעמ פענצ־טערנ זאַל, זיכ אָפּגעשטעלט אונ אימ בײַ דער שײַנ פונ לאָמפּ באַ־טראַכט. אַלצ איז דאָרטנ געװענ װאָכעדיק: די טישלעכ נישט צוגע־דעקט, די לופט קאַלט, גלײַכ אינ דרױסנ װאָלט איצט װינטער געװענ, אונ מ'האָט שוינ דאָרטנ די הרובע פונ אַ כּוידעש צײַט נישט גע־הײצט; אינ דער לײדיקער שאַפע איז געהאַנגענ אױרס אַנ איבערגע־לאָזט קלײדל מיט אַנ אָפּגעטראָגנ האַרבסט־רעקל, אַ קורצ אונ אַ װאַטע. דאָס געלעגער איז געװענ נישט פאַרבעט, נאָר איבערגעדעקט, אַזױ, אַז די קאָפּ־קישנס האָבנ פונ אונטער דער קאָלדרע גלײַכ מיט דעמ איבערבעט אַרױסגעשטעקט. אונ געדוכט האָט זיכ איבער עפּעס, אַז ס'איז פיל גרינגער אײביק נאָװענאַד צו זײַנ, אײדער אינ אָט דעמ בעט זיכ נאָכאַמאָל אַרײַנצולײגנ.

ס'איז איר געווענ שווער מער דאָרטנ צו בלייבנ. איז זי צוריק אינ עסצימער ארויסגעגאַנגענ, זיכ דאָרטנ באַם טיש געזעצט, אונטערגע־שפּאַרט מיט ביידע הענט דעם קאָפּ, געטראַכט א ווײַלע אונ זיכ פלוצעמ אָנגעהויבנ דערפרעגנ וועגנ די צוגנ, וואָס גייענ אָפּ אינ קראַכ:

„צוויי צוגנ גייענ, דוכט זיכ, אהינ אָפּ... זי ווייסט נישט, מיט וואָסערנ ס'איז איר פאַר גלײַכער מאָרגנ אהיימ צו פאָרנ: מיטנ אינ־דערפריִענדיקנ, צי מיטנ פאַרנאַכטיקנ".

גיטעלע האָט צוגעשמייכלט אונ פאַרוווּנדערט עפּעס געפרעגט. די רעביצנ האָט עפּעס צוגעגעבנ. מירל האָט נישט געהערט וואָס. די אויגנ האָבנ בא איר נאָכ אלצ געקוקט ערגעצ־ווּהינ פאַר זיכ.

„איז, הייסט עס, מאָרגנ, צוריק אהינ, אינ פאַרשטאָט פונ קראַכ..."

פונ אָט דער גאַנצער נעסיִע אירער האָט זיכ אויסגעלאָזט א בוי־דעמ. דאָ, אינ שטוב, קענ זי שוינ קיינ איבעריקע שעה נישט בלײַבנ. זי אליינ מוז שוינ געפינענ פאַר זיכ א וועג וויאַזוי דאָס אייגענע לעבנ צו ראַטעווענ. אונ אויב זי קערט זיכ איצט אומ צוריק אינ פאַרשטאָט, איז דאָס יעדנפאַלס נישט אפּ לאַנג... נאָר אפּ א קורצער צײַט קערט זי זיכ איצט אהינ אומ.

VIII

זי איז אָנגעקומענ צוריק אינ פאַרשטאָט אַפּנ דריטנ טאָג באַנאַכט, ווענ אלע זײַנענ שוינ געשלאָפנ. זי האָט אויסגעזענ אַפּנ פּאָנעמ שלעכט, ווי נאָכ א שלאָפלאָזיקײַט, אונ האָט נישט גערעדט צו קיינעמ, געלעגנ אָנגעטאָנענערהייט אינ בעט אונ איז עטלעכע טעג פונ שטוב נישט ארויסגעגאַנגענ. בא שמוליקנ אינ קאַבינעט זײַנענ אייניקע ביכער געווענ. האָט זי זיי אײַנציקווײַז צו זיכ אינ שלאָפצימער אַרײַנגעטראָגנ אונ געוואַלגערט האָבנ זיי זיכ דורכויס ארומ בעט, ווו זי איז געלעגנ. איצט האָט זי צו שמוליקנ גאָרנישט נישט געהאַט, נישט בעסער אונ נישט ערגער האָט ער איר שוינ געקאָנט מאַכנ. אונ אזוי פעסט איז שוינ בא איר באַשטימט געווענ, אז זי גייט פונ אימ אינגאַנצנ אוועק. זי האָט נאָר נישט געקענט פאַרלייגנ, וואָס ער

דרייט זיך אַמאָל אַרום בײַ איר אין כײדער, נישט געקוקט צו אים און אים נישט געענטפערט, אויב ער האָט גערעדט צו איר.

שמוליק האָט געוווּסט, אַז פֿון דעם פֿאָטער איר׳ן האָבן זיך די דאָקטוירים מעיאש געווען, אָוורעמל דער ראָוו האָט עס אים אין אַ בריוו געשריבן; די מאַמע זײַנע האָט זיך געכידעשט דאָרטן בײַ זיך אין שטוב און האָט בעשומויפֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין:

„וואָס הייסט? אַ פֿאָטער איז מעסוקן שלאָף, ווי זיצט אַ טאָכטער נישט אָפּ בײַ אים כאָטש אַ פּאָר טעג?״

ער האָט צום דריטן מאָל געפּרוּווט בײַ מירלען וועגן דעם אַ פֿרעג טאָן, איז זי געוואָרן אויפֿגערעגט און האָט אים די רייד איבערגעריסן:

„זי ווייסט נישט... זי ווייסט נישט...״

רעגסטמאָל האָבן זיך בײַ שמוליקן אין די אויגן טרערן געשטעלט, און אַוועקגעגאַנגען איז ער אין עסצימער צום פֿענצטער, געשטאַנען דאָרטן אַ ווײַלע און האָט מיט אָט די פֿאַרטרערטע אויגן צום פֿאַרוואָלקנטן דרויסן אַרויסגעקוקט. ס׳איז אים געווען שלעכט. און קיין געדאַנקען האָט ער אין מויעך נישט געהאַט. ער איז פֿון העסעך האַדאַעם [109] וועגן אַוועקגעגאַנגען צום פֿאָטער אין דער גרויסער שטוב, האָט מען דאָרטן עפּעס אָפּ זײַן פּאָנעם באַמערקט, און די שוויגער האָט אים בעסאָד אָן אַ זײַט אָפּגערופֿן:

„וואָס־זשע, שמוליק? שוין ווידער עפּעס אַ נײַעס?״

נאָר ער האָט דערשלאָגנקייט געמאַכט אַ פּאָנעם פֿון אַן ערנסטן מאַנצביל און אַפֿילו די ברעמען אָנגעבראָוגעזט:

„ניין, ווער זאָגט דען?... ניין... גאָרנישט...״

און באַלד איז ער אַוועק צום פֿאָטער אין קאַבינעט, וווּ ס׳האָבן זיך געפֿונען דרײַ מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע אָקסן־שטאָלן און האָבן געשמועסט וועגן גיין מיט אַ נײַער פּאַרטיע קיין וואַרשע. דער פֿאָטער האָט דאָרטן בײַ אים וועגן דעם געפֿרעגט, האָט ער נישט געוווּסט, וואָס מ׳רעדט צו אים, און געענטפֿערט:

„אַ?״

★

כאלעמויער־סוקעס באטאג איז מענ בא דער שוויגער אינ עסצי־מער געזעסנ ארומ לאנגנ ווײַס־פארשפרייטנ טיש און געטרונקענ טיי. קימאט אלע שטאָט־קרויווימ זײַנענ דאָרטנ צוליב יאָנטעוו צונויפגע־קליבנ געווענ. מ׳האָט אויסגעזענ לוסטיק און בעקיוונ נישט געוואָלט אינזינענ האָבנ מירלענ. די שוויגער אליינ האָט גאָר וואָס א טראכט געטאָנ, אז מיט שמוליקנ האלט שלעכט. נאָר דער קאָפּ איז בא איר געווענ אזוי טעמפּ, זי האָט באלד אָנ דעמ פארגעסנ און גענומענ נאריש פינטלענ מיט די אויגנ.

ס׳איז דאָ אויכ באמ טיש געזעסנ די געוועזענע קורסיסטנ מיריי־אָמ ליובאשיצ און האָט געהאלטנ אפ די הענט איר זעקס־כאדאָשי־ריק קינד, א בלאָנד מיידעלע מיט א הויל קעפּעלע, בלויע גלעזערנע אייגעלעכ און אנ אויסגעצויגנ און נאָס אויבערשט ליפּל. אקאָרשט צוריק מיט א פערטל שאָ האָבנ זיכ קימאט אלע שטוב־מענטשנ ארומ אָט דעמ קינד געריסנ. יעדערער האָט עס צו זיכ אפ די הענט גע־כאפּט, געטאנצט מיט דעמ, עס געהויבנ אינ דער לופט, און דאָס קינד האָט אפ אלצ געקוקט מיט בלוי־גלעזערנע אייגעלעכ, זיכ גע־שראָקנ און אפטמאָל גענומענ ברעכנ פּיסקלעכ. די שוויגער האָט עס צו זיכ אפ די הענט גענומענ און, פינטלענדיק מיט די אויגנ, אָנגע־הויבנ צו דעמ ריידנ. האָט דאָס קינד דאָס ערשטע מאָל דאָס קורפּאטע נעזל שטארק פארקנייטשט, ארויסגעשטעקט דאָס צינגעלע און פּריי־לעכ צו שמייכלענ אָנגעהויבנ. דענסטמאָל זײַנענ אלע שטארק אנציקט געווארנ, און מיריאָמ ליובאשיצ האָט געזאָגט:

„איר זעט, צי נײַנ?... ס׳האָט שוינ ליב די מומע“.

איצט איז שוינ אינ עסצימער געווענ שטיל. די קרויווימ זײַנענ שוינ געווענ ערגעצ אינ זאל, און דאָס קינד איז שוינ בא מיריאָמענ אפ די הענט געזעסנ. עס האָט מיט ביידע שוואכע פויסטלעכ איבער־דער מוטערס פּאָנעמ געשארט, געשפּריצט פונעמ מײַלכל און מיט גרויס אימפּעט ארויסגעברומט איבערנ שטילנ עסצימער:

„בבבע!...“

גלײַכ האָס פּאָנעמ וואָלט א שויב זײַנ, און דאָס קינד וואָלט זיכ

אײַנגעשפּאַרט זי אויסצושלאָגן. די מוטער האָט געדרייט האָס פּאָנעם אַן א זײַט, ווי מוירע האָבנדיק פֿאַר א פּאַטש פֿון אָט די צוויי קלײנע פּויסטלעך, און זיך געפּלײַסט ענטפֿערן אַף דער מוטערס שאַלע:

„וואָס האָט מען דאָ שוין וואָס צו קלערן? פֿאַר קיין נאָרמאַלן מענטשן קאָן מען שוין מירלען געוויס נישט רעכענען".

ארום טיש זײַנען שוין קימאַט אַלע בענקלעך ליידיק געווען, און דאָס יונגוואַרג האָט שוין געפּילדערט ערגעץ־ווו אין דריטן ביידער.

די שוויגער האָט זיך ארומגעקוקט, צי קיינער הערט נישט אונטער, געהייסן עמעצן פֿאַרמאַכן די טיר, וואָס פֿירט אין קאָרידאָר, און זיך נעענטער צו מיריאַמען צוגערוקט:

„ווער שמועסט שוין דאָ וועגן נאָרמאַל?"

און די געוועזענע קורסיסטקע איז געבליבן שטיל, געהערט דער שוויגערס טײַנעס און האָט צוזאַמען מיט איר געטראַכט, אַז פֿון נאָרמאַליטעט איז דאָ שוין נישט שײַעך צו ריידן:

„וואָרעם אָט איז, לעמאַשל, זי, מיריאַם ליובאַשיץ, ריבווינעשע־לווילעס... זי לעבט דאָך עפּעס אויך מיט א מאַן!"

מיריאַם האָט זיך אופגעהויבן, אָפּגעגעבן דאָס קינד דער אַלטער גויע, דער ניאַנקע, און זיך געלאָזט גיין אַהיים. די שוויגער איז גע־גאַנגען באַגלייטן צום טראַמוויי און וועגן נאָך אַלץ דאָס אײַ־ריקע געטײַנעט:

„און נאָך א זאַך: וואָס וויל זי פֿון שמוליקן? זי וויל געט? זאָל זי זאָגן, אַז זי וויל נעט..."

אין דרויסן איז געווען וואָלקנדיק. ס'האָט זיך געלאָזט גיין א רעגנדל. און מירל איז איינע אַליין אין פֿענצטער מיט א שאַל אַפֿן קאָפּ געשטאַנען און האָט זיי נאָכגעקוקט מיט אומעטיקע אויגן.

פּלוצעם האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און דערזען:

פֿונעם טראַמווײַ, וואָס איז נאָרוואָס פֿון שטאָט אָנגעקומען, גייט אַראָפּ מאָנטשיק זיידענאָווסקי. ער איז צעטראָגן, טראָגט גרויסע צוויי פּעק ביכער אונטער ביידע פּאַכוועס, גייט דורך פּאַרבײַ און באַמערקט זיי נישט. איין בוך איז פֿון אונטער זיין לינקער פּאַכווע ארויסגע־

פאלנ, אונ א פרעמד ווײַבל, וואָס איז געגאנגענ פונ הינטנ, האָט אימ נאָכגעשריִענ אפנ קאָל:

„הערט!.. זײַט זשע מויכל!.. אָט האָט איר פארלוירנ“.

אונ ער האָט זיכ נישט אומגעקוקט אונ האָט געשווינד געשפאנט גלײַכ צו מירלענ אינ פליגל.

צוריקוועגס איז די שוויגער אינ פליגל ארײַנגעגאנגענ אונ געזעענ:

אינ שטוב איז שטיל אונ שלעפעריק, אונ מאָנטשיק דער גרויסער איז שוינ דאָרטנ נישטאָ. שמוליק שלאָפט אינ די ווײַסע ארבל אפ דער קאנאפע, וואָס אינ קאבינעט, אונ אינ שלאָפ-צימער ליגט מירל אפנ בעט, וואָס איז נאָכ פונ גאנצפרי נישט צוגעקליבנ, אונ ארומ איר וואלגערנ זיכ פיל נײַע אונ אלטע ביכער.

★

פונ דענסטמאָל אָנ האָט די שוויגער אפ מאָנטשיקנ אָנ אומכײַנ געוואָרפנ אונ אימ אינ עפעס כוישעד זײַנ אָנגעהויבנ.

זי האָט אימ גלײַכ אינ פּנעמ נישט געקענט קוקנ.

וויאזוי וועגנ אָט דעמ כשאר אירע אייגענע דערציילג, האָט זי נישט געוווּסט, נאָר ביבלאָל, אויב ער איז אָבער געגאנגענ אפ מירלס צאר אונ האָט קיינעמ נישט געוואָלט דערציילנ, וואָס פאר א שמועסנ ער פירט מיט איר, האָט זי, די שוויגער, אימ איינ מאָל געמעגט אָנ-כאפנ באלד בא זײַנ ארײַנקומענ אונ א פרעג טאָנ בא אימ מיט א שמאָכ:

„עפשער קאָנ ער איר קלאָר מאכנ, וואָס מירל וויל פונ שמוליקנ? מ'זאָגט, אז ער, מאָנטשיק, ווייסט בא איר אלע סוידעס, בא מירלענ“.

מאָנטשיק האָט דענסטמאָל אפ איר א פּאָר גרויסע אויגנ אויסגע-גלאָצט אונ איר גאָרנישט נישט געענטפערט. ער איז אפ א ווײַלע ארײַנ צומ פעטער אינ קאבינעט, ווו ער האָט געלט-געשעפטנ געהאט, אונ איז באלד פונ דאָרטנ צוריק ארויס אונ זיכ געלאָזט אהיימ גייג, זיכ אָפּגעשטעלט לעבנ דער פאראד-טיר פונ שמוליקס פליגל, נאָר באלד אוועק צוריק צומ טראמוויי אונ א טראכט געטאָנ, אז ער בא-דארפ זיכ נעמענ אינ די הענט:

„וואָס איז דאָס פאר א גאנג? מ׳קען דאָך בעעמעס מיינע, אי ער וויל בא שמוליקן דאָס ווײַב צונעמענ״.

ער האָט אופגעהערט אהער איז פאָרשטאָט צו קומען.

IX

שמוליק האָט זיך דערווײַל איינ א געוויינלעכנ מיטוואָכדיקנ פאר־נאכט אומגעקערט פונעמ ליבעדינער אָקסנ־שטאל, ווו ער האָט אינ מעשעכ פונ צוויי טעג די נײַע אָקסנ איבערגעשריבנ, אונ האָט געטראָפנ מירלעס טיר פונ אינווייניק פארשלאָסנ.

ער איז דאָרטנ א ווײַלע געשטאנענ אונ אינ טיר אָנגעקלאפט, אָפגעוואַרט אונ ווידער אָנגעקלאפט, ס׳האָט אימ פונ דאָרטנ קיינער נישט געענטפערט. האָט ער גענומענ ארומשפאנענ אינ עסצימער אונ איבערנ קאָבינעט, זיכ פונ צײַט צו צײַט אָפגעשטעלט אונ ארויסגע־קוקט צומ פארוואָלקנטנ דרויסנ. ער האָט געדענקט, אז מירל האָט שוינ צו אימ צוויי וואָכנ צײַט נישט גערעדט; אז די וועש, וואָס ער טראָגט איצט, איז שוינ שטארק ברודיק, אונ ער האָט נאָכ צוריק מיט עט־לעכע טעג באַראַרפט האָבנ צו דער שאפע, וואָס בא מירלענ אינ ביידער; אז די באציִונגענ פונ מירלענ צו אימ ווערנ שוינ אלעמאָל ערגער, אונ אז ער, שמוליק, איז אומבאהילפיק אונ קאָנ דערצו קיינ אייצע נישט געפינענ.

אינאָוונט איז ער די שטוב זײַנע פונ דרויסנ ארומגעגאנגענ אונ איז צוגעקומענ ביזנ גאָרטנ, וווּהינ ס׳גייענ ארויס די פענצטער פונ מירלעס ביידער. דער גאָרטנ איז געווענ אינגאנצנ נאָס, א הארבסט־רעגנדל האָט אינ אלאכסנ געגאָסנ, אונ א ווינטל האָט דאָס רעגנדל געבלאָזנ, אונ די ווײַנשלבײמער האָבנ זיכ געשאָקלט, זיכ גענעצט אונ שטיל וועגנ עפעס געקלאָגט. אינ עק סאָד האָבנ זיכ עטלעכע אלטע טאָפאָלנ אינ איינ שורע געצויגנ. זיי האָבנ זיכ אלע אינ איינ זײַט מיט זייערע שפיצנ געבויגנ אונ אומעטיק געוווּנקענ צומ שטארק־פארשווארצטנ הימל־ווינקל, פונוואנענ דער ווינט טרײַבט די וואָלקנס:

„אָט פונ דאָרטנ... פונ דאָרטנ קומט דער אומגליק״.

די לאָדנס פונ מירלס כיידער זײַנענ אינווייניק געשלאָסנ געווענ, אונ די שײַנ פונ ברענענדיקנ לאָמפּ האָט זיכ פונ דאָרטנ דורכ די שפּאַלטנ דורכגעשלאָגנ, הייסט עס, אז זי איז נישט געשלאָפנ.

ער האָט זיכ אומגעקערט צו זיכ אינ קאַבינעט אַרײַנ אונ זיכ דאָרטנ אפ דער קאַנאַפּע אוועקגעלייגט, נישט געקאָנט אײַנשלאָפנ, נישט געוווּסט, וואָס צו טאָנ, אונ געקראַצט לעבנ זיכ די צעראַטע:

„שוינ פאַרפאַלנ, אפּגענומ, זײַנ לעבנ... פאַרפאַלנ‟.

ער איז סאָפּקאָלסאָפּ אנשלאָפנ געוואָרנ אינ די קליידער אונ זיכ אופגעכאַפּט איינ מאָל ארומ איינס אזייגער באַנאַכט, ווענ אינ מירלס כיידער איז נאָכ ליכטיק געווענ. אינ דאָס צווייטע מאָל גאַנצפרי, ווענ דאָס דינסטמיידל האָט נאָכ די פּאָדלאָגעס געוואַשט, אונ דורכ די פענצטער האָט ערשט אַרײַנגעקוקט דער אָנהייב פונ א נײַעמ רעגנדיקנ וואָלקנדיקנ טאָג.

איצט איז שוינ אינ מירלס כיידער פינצטער געווענ, זי איז געשלאָפנ.

ער איז ארויסגעגאַנגענ אינ דרויסנ, אופגעוועקט דעמ פורמאַנ, אימ געהייסנ די פור שפּאַנענ אונ איז אוועקגעפאָרנ אינ גוראַלניע.

נאָר אינ גוראַלניע האָט ער דערפילט, אז ער באַדאַרפ איצט זײַנ נישט דאָ, נאָר דאָרטנ, בא זיכ אינ דער היימ. ער האָט זיכ צו גאָר נישט גענומענ. זײַנ כיידער האָט זיכ געפונענ צווישנ די קופּערנע, טאָמעד זודיקע קעסלענ, וואָס אינ גרויסנ קאָרפּוס. ס׳איז דאָרטנ געווענ שטאַרק הייס, אונ די לופט האָט געשמעקט מיט מאַליאַכ, מיט איבערגעברענטנ ספּירט אונ צוגעסמאַליעטע גערשטנ. ארומ צוויי אזייגער באַטאָג האָט זיכ די זונ פונ צווישנ די פאַרוואָלקנטע הימלענ דורכגעשלאָגנ, אונ מוירעדיק נימעס האָט אינ גוראַלניע־הויז אויסגעזענ אלצדינג, אפ וואָס איר קראַנקע זילבערשײַנ איז געפאַלנ. באַמ געעפנטנ פּאָדוואַל, וואָס לעבנ גוראַלניע־טײַכל, זײַנענ געשטאַנענ פיל פורנ מיט אײַזערנע פעסער, אונ געקאָמאַנדעוועט האָט מיט זיי דער אלטער טאָמעד שיקערער אונ טאָמעד בייזער פּאָדוואַלשטשיק.

„סטוי!‟ 11

„פּאָדאַווײַ!‟ 111

„קודא פאַליעז?"[112]

ערגעצ פונ הינטנ, פונעמ טאַל, וואָס הינטער גרויסנ קאָרפּוס, האָט אהער געזעצט א פייכטער שלעכט־שמעקעדיקער דאַמפּ, דאָס האָט מענ דאָרט די פרישע בראַהע צומ אָקסנ־שטאַל געלאָזט אונ גענומענ הייצנ אפ דער באַנאַכטיקער „סמענע".

דענסטמאָל האָט שמוליק ווידעראַמאָל געהייסנ די פור שפּאַנענ אונ איז אוועקגעפאָרנ צוריק אהיימ.

איצט איז שוינ ווידער וואָלקנדיק אונ קיל געווענ, אונ קיינ רעגנ איז נישט געגאַנגענ. די לופט איז געווענ טונקל, ווי אינ אָנהייב בייג־אַשמאָשעס, אונ פונ די נאַסע פעלדער האָט געשמעקט מיט א פייכטער איבערגעאַקערטער ערד, מיט פריש פערדיש מיסט אונ מיט פייַלע דיניעס, וואָס ערגעצ־ווו אפ א ניט דערגראָבענעמ באַשטאַנ. בייַדע גרויסע גביאָרדע פערד זייַנענ געלאָפנ לעבעדיק אונ דרייסט, בייַגיק פרייִלעכ די קעפּ צו דער ערד אונ ענטפערנדיק אפ יעדנ פאָכ פונעמ פורמאַנס רוט מיט א צופרידענעמ שפּרונג אונטער אָדער מיט א הילכיקנ פערדישנ ניסנ. די ווייכע רעסאָרנ־בריטשקע האָט זיכ געוויגט אונ איז גרינג נאָכ ווי נאָכגעלאָפנ, אונ שמוליק איז אינ איר טיפ געזעסנ אונ די גאַנצע צייַט געדענקט, אז דאָס פאָרט ער, שמוליק ווידעוואָווסקי, וואָס פאַרמאָגט שוינ אייגענעמ קאַפּיטאַל מער פונ דרויסיקטויזנט רובל, העגגט שוינ נישט אָפּ פונ קיינעמ, פונ קיינעמ, אפילע פונ זייַנ פאָטער אליינ, אונ איילט זיכ איצט צו זיכ אהיימ. דאָרטנ בא זיכ אינ דער היימ האָט ער א ווייַב, וואָס ליגט שוינ באַלד צוויי וואָכנ בא זיכ אינ כיידער פאַרשלאָסנ. באַדאַרפ ער איצט צו איר ארייַנקומענ אונ בא איר פרעגנ:

„מירל, באַדאַרפ ער בא איר פרעגנ, זאָג, עפּשער בינ איכ דיר שווער? איכ קאָנ דיר דינגענ אינמיטנ שטאָט צוויי צי דרייַ צימערנ זאָלסט וווינענ באַזונדער. פאַרשטייסט, מירל? איכ פאָדער פונ דיר גאָרנישט".

טראַכטנדיק וועגנ דעמ, האָט ער שוינ אפ זיכ אליינ אזא חאַכמאָנעס געהאַט, אונ טרערנ זייַנענ אימ אינ די אויגנ געשטאַנענ. אונ

דאָך האָט זיך אים געדוכט, אז ס'איז שיין אָט דאָס, וואָס ער וועט איצט זאָגן, און אז ער וועט מיט דעם מירלען געפעלן.

ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אהיים קומען.

אָבער ווי נאָר ער איז מיט דער פור אין פאָטערס הויף אריינגעקומען, האָט ער זיך מיטאמאָל דערפילט שלעכט, ווי אין דער נעכטיקער פארוואָלקנטער נאכט. און קלאָר זיינען פאַר אים געוואָרן די עלנטע שווערע שאָען, וואָס אים שטייען פאָר היינט, מאָרגן און איבערמאָרגן... אין דרויסן איז שוין געווען אָוונטיק טונקל. אינעם פאָטערס גרויסער שטוב זיינען קימאט אלע פענצטער צום הויף געווען באלויכטן, און אין זיין שטוב איז געווען פינצטער. געלויכטן האָט זיך דאָרטן נאָר אין די צוויי פענצטער פון מירלס עקסטן כיידער, און די לאָדנס זיינען דאָרטן פון אינווייניק געווען געשלאָסן.

זי איז דאָרט, אפּאָנעם, נאָך אלץ פארשפארט געלעגן.

אראָפּקריכנדיק פון דער ברישקע, האָט ער זיך דערמאָנט אָן די ברודיקע וועש, וואָס ער טראָגט, און זיך געלאָזט גיין גלייך צו זיין שטוב.

האָט אים אָבער פּלוצעם אָפּגעשטעלט זיין פאָטערס דינסטמיידל, וואָס איז אהער גיך פון דער גרויסער שטוב געגאנגען:

„מ'רופט אים, האָט זי צו אים געשריען, צום פאָטער אין קאַבינעט רופט מען אים; מ'האָט געזאָגט, ער זאָל די מינוט אריינקומען”.

„די מינוט?“

ער האָט נישט פארשטאנען, וואָס זי איז דאָרטן אזוי מיטאמאָל אָנגעקומען און איז אהין אוועק. נאָר באם פאָטער אין קאבינעט איז דאָס מאָל געווען אזוי אָנגערויכערט און הייס. אלץ האָט דערמאָנט אָן אין ערנסטן שמועס, וואָס האָט זיך דאָ שאָען־לאנג וועגן אים מיט מירלען געפירט.

באם טיש זיינען אנטקעגן פאָטער געזעסן די מוטער, מיריאַם ליורבאשיץ מיטן יינגערן ליובאשיץ, דעם סטודענט, און אלע האָבן געהאט פארפלאמטע פענעמער פון מענטשן, וואָס האָבן לאנג זייערע מיינונגען ארויסגעזאָגט און לאנג אייצעס געזוכט. ליובאשיץ דער יינ־

נערער איז באלד בא שמוליקס אריינקומען פון קאבינעט ארויס. ער האט זיך, אפאנעם, פארשעמט און זיך אין עסצימער מיט ריקלעך געשטעלט ריידן. דער פאטער האט, נישט קוקנדיק צו אים, ווי מוירע געהאט זיך מיט זיינע אויגן באגעגענען, אראפגעלאזן דעם קאפ, און א נייעם פאפיראס פארייכערט. מיריאם האט עפעס אפן טיש א פינגער געשארט. און נאר די מוטער האט זיך צו אים האלב אויסגעדרייט, געטאן א פאר פינטל מיט די אויגן און אים נענטער צום טיש צוגערופן:

„קום נאר אהער, שמוליק...“

שמוליקן האט באלד אנגעהויבן צו שיסן אין א שלייף, און פארקרימט האט ער עטוואס דאס פּנים, אזוי נישט אנגענעם און שווער איז פאר אים געווען דער שמועס, וואס די מוטער האט אנגעהויבן.

צעטומלטערהייט האט ער געהערט, ווי זי דערמאנט זײַנעם מיט מירלס נעמען. עפעס האט זי דערציילט, וויאזוי זי, די מוטער, איז אהין צו מירלען אין כיידער אריינגעקומען און האט אנגעהויבן מיט איר צו ריידן, און וויאזוי מירל האט איר באלד די רייד איבערגעשלאגן און איר געענטפערט, ווי א מענטש, וואס איז שוין געווים ניט באם קלארן זינען:

„אז איך וויל נישט ריידן, האט זי איר געענטפערט, אז איך וויל שווייגן“.

און באלד האט זיך בא דער מוטער אין מויל אנגעהויבן פיל מאל איבערכאזערן דאס ווארט „געט“.

אים האט אזוי צו ארגן אנגעהויבן, אט דאס, וואס די מוטער כאזערט אזוי פיל מאל איבער דאס ווארט „געט“. ער האט זיך אנגעברוגזט און האט זיך איר אפילע עטוואס נאכגעקרימט:

„א מאשל: געט, געט... א מאשל“.

אינזינענע האבנדיק מירלען, וואס ליגט איצט בא זיך אין כיידער אפן בעט, האט ער דאס ברוגזן אונטערגעברומט. ער האט געוואלט וואס גיכער אהין אוועקגיין און אין טיר אנטלאפן. נאר דער פאטער

האָט פּלוצעמ דעמ קאָפּ אויפגעהויבנ און גענומענ ריידנ צו אימ דאָס זעלבע, וואָס די מוטער:

„וואָס-זשע דענ, אַז נישט קיינ געט? האָסט אַנ אַנדערע ברירע?“

און מיריאַמ ליובאַשיצ האָט זיכ פונעמ אָרט אויפגעשטעלט און דעמ פאַטער אונטערגעהאָלפנ:

„מ'קאָנ אײַביק אַזוי נישט לעבנ“.

און די מוטער האָט זיכ אויכ פונעמ אָרט אויפגעשטעלט און צוגעגעבנ:

„ס'איז דאָכ אַזאַ בײַשפּיל זינט די וועלט שטייט נישט געהערט געוואָרנ“.

און נאָכ אַ ווײַלע שווײַגנ זײַנענ זיי אַלע דרײַ פונ קאַבינעט אַרויסגעגאַנגענ און אימ דאָ איינעמ אַליינ געלאָזט, זיי האָבנ אימ מער וואָס צו זאָגנ נישט געהאַט.

די מוטער איז אינ עסצימער צומ יינגערנ ליובאַשיצ דעמ סטודענט צוגעגאַנגענ און אימ דאָרטנ אַ שעפּטשע געטאָנ:

„גיי אַרײַנ אינ קאַבינעט, זאָג אימ דו... ער האָט דאָכ פאַר דיר דערעכערעצ“.

איז ער אינ קאַבינעט אַרײַנגעקומענ, דער יינגערער ליובאַשיצ, געקראַצט אַ ווײַלע דעמ בלויענ געוואַנט פונ שרײַבטיש און צולעצט געזאָגט:

„אַז זי האָט דיכ פײַנט, מירל... נאָכ פונ פאַר דער חאַסענע האָט זי דיכ פײַנט. זעסט דאָכ, אַז זי וויל מיט דיר נישט לעבנ. קאָנסט דענ יענעמ נויטנ?“

און שמוליק איז צו אימ מיט די פּלייצעס געשטאַנענ און געהערט:

„הייסט עס, אַז זי האָט אימ פײַנט, מירל...“

ער האָט נישט געוווּסט, פונוואַנענ אָט די ווערטער שטאַמענ. פונ מירלס מויל אַליינ, צי נאָר פונ ליובאַשיצעס האַשאָרע. נאָר ביכלאַל... אויב זיי, אַלע אייגענע זײַנע, פאַרשטייענ דאָס, און אויכ שמוליק זאָגט, אַז זי האָט אימ פײַנט, איז דאָס שוינ געוויס נישט קיינ אויסגעטראַכטע זאַכ... שמוליק וועט נישט זאָגנ גלאַט אַזוי, פונ דער-

העלער הויט. און אויב זי האָט אים טאַקע בעעמעס פֿײַנט, מירל, קאָן ער זי שוין געוויס נישט נויטן, זי זאָל וווינען מיט אים.

אומבאמערקט פאר זיך אליין האט ער געלאָזט שווליקן אין קאַבינעט און איז אײַנגעהויקערטערהייט אין צווייטן פֿינצטערן קינדערביידער אוועקגעגאנגען. דאָס פֿענצטער איז דאָרטן געווען פֿון אינווייניק מיט עפּעס א שווארצער זאך פֿארהאנגען. ארום און ארום זײַנען די קליינע קינדער שוין געשלאָפֿן אין די בעטלעך, וואָס בא די ווענט און האבן שטיל געשנאָרכט. ער האָט זיך מיט די אײַנגעהויקערטע פּלייצעס אָן אָט דעם פֿארהאנגענעם פֿענצטער אָנגעשפּארט און זיך פֿארטראכט.

„וועט ער זיך, הייסט עס, מיט איר געטן, מיט מירלען"

„און נאָכדעם וועט זי שוין וווינען ערגעץ דאָרטן בא איר פֿאָטער אין שטעטל... און ער, שמוליק... ער וועט צוריק זײַן דאָ... איינער אליין וועט ער דאָ זײַן".

„און באַסענע האבן וועט ער שוין געוויס נישט... ווער שמועסט שוין פֿון באַסענע האָבן?.. און דאָס לעבן איז שוין טאקע בעעמעס פֿארפֿאלן... אף אייביק..."

און פּלוצעם האָט אים דאָ פֿון ראכמאָנעס צו זיך אליין באַם הארצן שטארק פֿארקלעמט, און דאָרטן אין עסצימער איז מען שטיל געבליבן און דערהערט, ווי ער וויינט אף א קאָל.

„ווער איז?" האָט די מוטער דערשראָקן געפֿרעגט און האָט ווי פֿארשטאָרבן צום קינדער-ביידער די אויערן אָנגעשטעלט.

ס'איז געווען שטיל, און בא עמעצן האָט געקלאפּט דאָס הארץ. פּלוצעם האָט עמעצער א זאָג געטאָן אפֿן גאנצן קאָל:

„נישקאָשע, זאָל ער זיך אויסוויינען".

און אלע האָבן זיך אומגעקוקט און מיט גרויס ווונדער באמערקט, אז געזאָגט האָט עס שמוליקס שוועסטער, ריקל.

זי האָט געוווסט די גאנצע מײַסע, וואָס איז צווישן מירלען און צווישן נאָסן העלערן פֿארגעקומען. אירער א באקאנטער סטודענט האָט דאָס איר דערציילט.

פֿון גרויס לײַטישקײַט האָט זי די גאנצע צײַט וועגן דעם גע-

שווייגנ, נאָר איצט... איצט האָט זי שוינ געמעגט דערציילנ, אַז איינ מאָל פאַרנאַכט איז זי מיט אָט דעם באַקאַנטנ סטודענט אפ נאָס; חעלערס גאַס דורכגעגאַנגענ אונ האָט געזענ: מירל קומט אָנ פונ פאַרשטאָט, איינע אַליינ. קומט זי פונ דאָרטנ אָנ, פאַרקערעוועט זיכ אונ גייט אַרײַנ צו נאָסנ העלער אינ קוואַרטיר.

X

שמוליק איז געזעסנ אייגער אַליינ פאַרשפאַרט אינ א כיידער אונ פונ דאָרטנ אַרויסגיינ נישט געוואָלט.

מיריאַמ ליובאַשיצ האָט זיכ אינ עס־צימער אַרומגעדרייט. די לעצטע טעג האָט זי דאָ גענעכטיקט מיט איר קינד אונ געהאַט די גאַנצע צײַט אַנ ערנסט פּאָנעמ פונ א געניטער אַקושערקע, בעשאַס איר קינפּעטאָרנ גייט אינ צווייטנ כיידער צו קינד. זי האָט וועגנ שמוליקנ געזאָגט:

„אויב ער האָט שוינ בעעמעס געפּויעלט בא זיכ אָפּ געט, נאָכ וואָס־זשע זאָל מענ אימ נאָכ אַהינ צו מירלענ לאָזנ?"

אונ אירע רייד האָבנ אַזוי געווירקט. מ'האָט זי געפאָלגט אונ שמוליקנ מער צו זיכ אינ שטוב נישט געלאָזט.

די גאַנצע גרויסע שטוב האָט דאָ באַקומענ אַזאַ אויפגערעגטנ אונ צעטראָגענעמ אויסזעע, גלײַכ עמעצער איז אינ איר מעסוקנ שלאָפ. אינ זאַל איז געווענ אָנגעוואָרפנ, אָנגערויכערט אונ ברודיק. מ'האָט זיכ דאָרטנ גאַנצע נעכט אייצעס געהאַלטנ אונ געגעסנ נישט צו דער צײַט. אינ עסצימער איז פונ צוויי אַזייגער באַטאָג ביז פאַרנאַכט דער טיש געווענ געגרייט, אונ בא די קליינע קינדער האָבנ די הערצלעכ געקלעמט ווי אינ א טאָגעס. ס'איז שוינ געווענ שטאָק־נאַכט, ווענ מ'האָט בא אָט דעם געגרייטנ טיש אַפּגיכ די קליינע קינדער עסנ אָפּגעגעבנ, אונ די גרויסע זײַנענ נאָכ אַלצ געזעסנ פאַרשפאַרט אינ זאַל אונ זיכ דאָרטנ געסוידעט מיטנ ביינימעסדיקנ ייִדנ, דעמ גוטנ פרײַנט, וואָס מ'האָט צו ר' גדאַליע הורוויצנ אינ שטוב אַראָפּגעשיקט אונ אימ דאָרטנ געהייסנ זאָגנ:

870—17

„פֿאָרן זיי בײַ אײַך נישט, די ווירעגאַוואָסקיס, נישט קיין געלט און נישט קיין צוזאָג".

באַנאַכט האָט מען אַהער אָט דעם ייִדן דורך אַ דעפּעש אַרויסגערופֿן, און איצט איז מען אַלע צוזאַמען אַרום אים געזעסן און [151] אים איבערגעגעבן דעם קויעך־האַרשאַ:

„איז אויב מירל וועט אַפֿ געט נישט מאַסקעם זײַן, זאָל ער איר בעפֿיירעש זאָגן":

„מ'קאָן זי באַוואָרענען; ביז זעקס טויזנט רובל קאָן מען איר פֿאַרן געט אָפּצאָלן".

שמוליק איז געווען צעטומלט און האָט אין דעם שמועס קיין אַנטייל נישט גענומען. זײַן גאַנצע פֿאַרגאַנגענע לעבן איז איצט געווען פֿאַר אים פֿאַרנעפּלט, ווי אַ כאָלעם, און אַרומגעדרייט האָט ער זיך אָן אַן אויפֿהער איבער דעם זאַל, נישט געהערט, וואָס מ'רעדט, און געטראַכט וועגן זײַן ווײַטערדיק לעבן אָן מירלען: וויאַזוי ער וועט זיין דאַוונען אַלע שאַבעס אין שול, ווו מ'וויל אים פֿאַר גאַבע אויסקלײַבן; וויאַזוי עמעצער וועט שוין דאָרטן צום מיזרעך־וואַנט אַפּ אים אָנווײַזן:

„נעבעך אַ גאַרעש [114] אָט דער יונגערמאַן, און נישט געוואָלט האָט זי אים, דאָס ערשטע ווײַב זײַנס".

ווען אַלע האָבן זיך דאָ סאָפּקאָלסאָפּ פֿון די ערטער אויפֿגעהויבן, און שמוליק איז שוין דאָ נישט געווען, איז מיריאַם ליובאַשיץ צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צום בינימעסדיקן ייִדן, דעם גוטן פֿרײַנט, און האָט מיט אַ פֿינגער־קנעכל אין זײַן שטערן אָנגעקלאַפּט:

„אוי, אַ קאָפּ בײַ אײַך, פּעטער! האָט זי אים דערמיט אַפּ שמוליקן מיט מירלען מעראַמעז געווען, נאָר אײַך האָט מען פֿאַר דעם שידעך צו פֿאַרהאַנקען".

דער בינימעסדיקער ייִד האָט זיך אַזוי שלעכט דערפֿילט. ער האָט זיך אײַנגעהויקערט, זיך פֿאַרטראַכט און מיט ביידע הענט צו טײַנען אָנגעהויבן:

„וואָס איז שײַעך? וואָס האָט מען געקאָנט וויסן? דוכט זיך, געווען אַ וויל קינד, מירל... זייער אַ וויל קינד".

און ווען אַלע זיינען שוין פֿון זאַל אוועקגעגאַנגען, איז ער נאָך דאָ געבליבן, זיך איינער אַליין אַרומגעדרייט, געווען שטאַרק פֿאַרטראַכט און אַ פּאָר מאָל געזאָגט צו זיך אַליין:

„וואָס איז שיינער? וואָס האָט מען געקאָנט וויסן?“

★

אַרום צוועלף אַזייגער אינדערפֿרי האָט דער לייַטישער ייִד, רעב גומער פֿריינט, אין מירלס טיר אָנגעקלאַפּט.

ער האָט זיך אַזוי שלעכט דערפֿילט: אין עסצימער האָט אים דאָס באָרוועסע דינסטמיידל איבערן גאַנצן כיידער באַגלייט און אים צורו נישט געלאָזט:

„הערט, פֿעטער, פֿאָלגט מיך, און זאָל זיך אייַך איבערגלוסטן אַהין אין טיר אָנקלאַפּן, איר וועט כאַפּן אַ פּסאָק!“

אַרייַנקומענדיק צו מירלען אין כיידער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך בעקאָוועדיק אַ נייג געטאָן, געגעבן אַ פּאָר שפּאַן און זיך ווידער אַ נייג געטאָן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן סורדוט, האָט ער נישט געהאַט, ווו די הענט אַהינצוטאָן, און זיין גוט פּנים האָט שעמעוודיק געשמייכלט:

„כ'בין געקומען, האָט ער ווענג זיך אַליין ווי אַ לאַב געטאָן, איר בעריידן מיט אייַך בין איך געקומען“.

מירל איז אין שטוב־כאַלאַט און אין די שטעק־שיך אין בעט געלעגן. זי איז געווען אינקאַס, וואָס אַט דער ייִד האָט זי געצוווּנגען אים די טיר צו עפֿענען, און האָט צו אים נישט געוואָלט קוקן. פֿאַר די צוויי וואָכן, וואָס זי איז געלעגן פֿאַרשפּאַרט בא זיך אין כיידער, איז זי אַזוי שטאַרק פֿון פּנים אַראָפּ. און האָט די גאַנצע צייַט אַפּצעלאָכעס זיך און נאָך עמעצן לאַכלוטן אויפֿגעהערט צו ריידן.

מ'האָט זי פֿאַרדראָסן, וואָס מ'דולט איר נאָך אַלץ דעם קאָפּ און מ'שיקט איר שליכים אונטער. האָט זי זיך עטוואָס אויפֿגעהויבן און האָט צום ייִדן געזאָגט:

„גיט, זייט מויכל, איבער דער שוועלער: אויב כ'וועל האָבן עפּעס נייַעס, וועל איך שיקן מודיע זייַן“.

זי האָט געמיינט, אַז דער ייִד וועט באַלד אַוועקגיין, נאָר יענער האָט נאָר שעמעוודיקער צו שמייכלען אָנגעהויבן:

„פֿאַרשטייט איר, די מייַסע דערפֿון איז אַזוי"...

ס'איז אים באַפֿאַלן אַ שווייס, האָט ער פֿון ערגעץ אַ פֿאַטשיילע אַרויסגענומען, זיך אָפּגעווישט דעם שטערן און צוריק זיך אַפּגעווישט פֿון נאָענטן בענקל אַוועקגעזעצט און האָט אָהין:

„יאָ. אַיז, הייסט עס, מיר אַליין די גאַנצע מייַסע ניט אָנגענעם, נישט אָנגענעם... נאָר, פֿאַרשטייט איר: יענער האַלט מיך פֿאַר אַ גוטן פֿרייַנט און זאָגט, אַז איך בין אַ ביסל שולדיק... נו... מוז איך".

„אַזוי, אַזוי... יאָ: איז בײַ אונדז, ייִדן, זאָג איך, אַז אַ פֿאַרפֿאָלק לעבט, כאַסוועשאָלעם, נישט צופֿרידן, און קיין קינדער איז אויך נישטאָ... און אָט איז טאַקע, לעמאָשל, מייַנע אַ טאָכטער, אָט דאָ ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָט זי זיך געגעט..."

מירל איז שוין אָפּן בעט געזעסן. דאָס האַרץ האָט בײַ איר קלאַפּן אָנגעהויבן.

„געט? האָט זי אים פּלוצעם די רייד איבערגעשלאָגן, גוט, גוט. זאָגט זיי, זייַט מויכל, אַז גוט".

דער ייִד איז געוואָרן צעטומלט. ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון בענקל און האָט זיך נישט געגלייבט:

„איך גיי, האָט ער צעטראָגענערהייט געזאָגט, כ'גיי זיי זאָגן".

נאָר פֿאַר דער טיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך פֿאַרטראַכט און נאָכאַמאָל צו איר זייַן פּנים אויסגעדרייט:

„זיי וועלן אײַך באַוואָרענען, די שוויגער מיט שמוליקן... זיי האָבן אים טאַקע אַזוי געהייסן זאָגן..."

נאָר מירל האָט אים ווידעראַמאָל די רייד איבערגעשלאָגן:

„גוט, גוט..."

זי האָט זיך באַלד נאָכן ייִדנס אַוועקגיין צוריק אין בעט אײַנגעוואַלגערט. איר האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז גאָרנישט נישט געשען, און זי האָט זיך נאָכאַמאָל גענומען צום בוך, וואָס זי האָט פֿאַרן ייִדנס אַרייַנקומען געלייענט.

דער בוך איז געווען אַן אײַנגעבונדענער, אַ גראָבער. ס'האָט זיך אין אים געהאַנדלט וועגן די פּרווון אין מיטלאַלטער און אין די נײַע צײַטן, און לעזן דאָס פֿונעם אָנהייב ביזן סאָף האָט זי נישט געקאָנט, ס'איז איר געווען נימאס. האָט זי, ווי איר שטייגער, געהיפּערט, געכאַפּט דאָ און דאָרטן אַ האַלבן זײַטל, און דער מוח האָט געקלערט וועגן דעם, וואָס בײַ דער שוויגער אין שטוב קומט איצט פֿאָר. צווישן די מיטלאַלטערלעכע שלעסער און דיכטערנס פֿון ליבע־געדיכטן, וואָס אין בוך, האָט זיך געפּלאָנטערט מיריאַם ליובאַשיץ מיט איר קינד, די שוויגער, שמוליק מיט זײַן דערהאַרגעט פּנים און דער פֿרעמדער ייִד, וואָס איז נאָרוואָס דאָ אין כיידער געווען און איז אוועקגעגאַנגען מיט די ווערטער:

„איז הייסט עס, גוט?... יאָ, יאָ. ער גייט, זיי זאָגן..."

זי האָט צום סאָף דעם בוך געמוזט אוועקלייגן, זיך פֿאַרטראַכט, און ווידער דערפֿילט די שטאַרקע קלעפּ פֿון האַרץ און זיך אין בעט אויפֿגעזעצט:

„וואַרט... זי וועט דאָך איצט ווערן צוריק ווי מיידלווײַז..."

אין איר איז געוואַקסן עפּעס אַ געפֿיל פֿון געזונט און קויעך. צוזאַמען מיט די האַרץ־קלעפּ פֿון פֿרייד איז אָט דאָס געפֿיל אין איר געוואַקסן.

זי האָט אַ קוויטש געטאָן, דערפֿילנדיק אין זיך די פֿאַרצווייפֿלטע מירל; סאַבאַקל איין מאָל אַ קוויטש געטאָן און מיט אַזאַ פֿרייד. זי האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט אָן די שנייִקע פֿעלדער אַרום זייער שטעטל, אָן די שניי־קוילן, וואָס זי האָט דאָרטן פֿאַראַיאָרן אויפֿן קרומען סטודענט ליפּקיס געוואָרפֿן און איר האָט זיך מיטאַמאָל פֿאַרוואָלט זיך וואַשן אין אַ סאַך פֿריש און שטאַרק קאַלט וואַסער.

זי האָט אין הויף דערזען דעם ייִדן דעם גוטן פֿרײַנט דורכגיין, האָט זי געשווינד דאָס פֿענצטער אויפֿגעעפֿנט און אים צוגערופֿן:

„זי האָט אים פֿאַרגעסן איין זאַך צו בעטן: זאָל ער אַזוי גוט זײַן און איבערגעבן: זי בעט, מ'זאָל דעם גוט מאַכן וואָס גיכער, אָן שום צערעמאָניעס זאָל מען אים מאַכן".

★

דורכ דעמ אָפענעמ פענצטער האָט אַרײַנגעקוקט דער וואָלקנדיקער דרויסנ מיט די אומעטיקע אונ פיטש־נאַסע ווײַנשל־ביימער.

ס׳האָט געגאָסנ א שפעטער אונ לאַנגער האַרבסט־רעגנ.

דאָס דינסטמיידל האָט געכאַפּט די מינוט, ווענ מירל איז פונ בײדער אַרויסגעגאַנגענ, צוגעקליבנ דאָס צעוואָרפענע בעט אונ צונויפ־געלייגט אַפ זייער אָרט די ביכער אונ קליידלעכ, וואָס זײַנענ דאָ די גאַנצע צײַט אָנגעוואָרפנ געווענ. איצט איז שוינ דאָס ביורער געווענ פול מיט קאַלטער לופט אונ מיטנ זאַפטיק פײַכטנ דרויסנ. אונ מירל האָט שוינ איבער אימ אַרומגעשפּאַנט אינ די שטײַפ־פאַרשנורעוועטע שיכ אונ אינעמ שוואַרצנ ענג־אײַנגעצויגענעמ טאַליע־קליידל, וואָס זי האָט שוינ צוויי וואָכנ נישט געפרווט אָנטאָנ. א רויִקײַט האָט זיכ געפילט אינ יעדנ פאַמעלעכנ שפּאַנ, אינ דער מײדלשער קראַפט, וואָס דאָס ענג־אײַנגעצויגענע קאָפּטל האָט געגעבנ צו פילנ דער באַוועג־לעכער ברוסט, אונ אינ די געהאַנקענ וועגנ דער אייגענער פרײַהײַט, וואָס האָבנ פאַמעלעכ באַהערשט דעמ מויעכ:

„מ׳וואָלט באַדאַרפט אָנשרײַבנ... וועגנ גוט וואָלט מענ עפּשער עמעצנ באַדאַרפט אָנשרײַבנ”.

זי האָט געזוכט אַפנ טיש פּאַפּיר אונ דערזענ הערצס צוגעשיקטע אונ נישט צעשניטענעמ בוכ:

„אָט, ווענ זי טעלעגראַפירט איצט, לעמאָשל, אימ, הערצנ; ער וואָלט געקומענ”.

זי האָט זיכ צומ בוכ נישט צוגערירט אונ איז פונ טיש אַוועקגעגאַנגענ. אָט דער געדאַנק איז געווענ א נאַרישער, א זײַטיקער... זי, מירל הור־וויצ, איז נישט קליינ געווענ ווילכטיקערע געדאַנקענ אינ קאָפּ צו האָבנ.

אונ נאָכדעמ האָט זי איבערנ מעסלעסדיקנ גאַס־רעגנ דעמ גאַנצנ טאָג פונ שטוב נישט געקאָנט אַרויסגײנ, אונ נאָכדעמ האָט זי ביז צוויי אַזייגער באַנאַכט געלייענט דעמ בוכ וועגנ דער פרוי אינ אַלע צײַטנ. אונ נאָכדעמ איז זי אײנגעשלאָפנ געוואָרנ אונ האָט געזענ אינ כאָלעמ, אַז מיטלאַלטער איז אַזא מינ בײנאַשמאָשעסדיקע מעדינע, ווו אַלע מענטשנ שטייענ אינ דרויסנ, שרײַענ עפּעס אַלע צוזאַמענ

אנטקעגנ דער יעוואָנע אונ ווייסנ נישט קיינער, וואָס דער צווייטער וויל. ערגעצ איז זי דאָרטנ געגאַנגענ איינע אַליינ מיטנ פעלד צו א קלויסטער, וווּ ס'האָבנ זיכ צוזאַמענגעקליבנ א סאַכ שרײַענדיקע מענטשנ אונ האָבנ געוואָלט וויסנ:

„די פרוי איז א מענטש, צי ניינ?“

נאָר פלוצעמ האָט זי זיכ אײַנמיטנ דער נאַכט אויפגעכאַפּט אונ זיכ דערמאָנט, אַז זי ווערט שוינ אײַנגיכנ פונ שמוליקנ געגעט. דאָס הארצ האָט ווידער באַ איר א קלאַפּ געטאָנ פונ פרייד אונ פונ בענקשאַפט צומ מאָרגנדיקנ פרײַענ טאָג. זי איז צוריק אײַנגעשלאָפנ געוואָרנ אונ שוינ אינ כאָלעמ געזעענ ארומ זיכ א מוירעדיקע פינצטערע נאַכט. די נאַכט האָט פלוצעמ דורכ זיכ א בליצ דורכגעלאָזט, אונ זי האָט אינ דער בליצ־רעגע דערזענ אפּנ האָריזאָנט דאָס וויכטיקע אונ נײַע לעבנ, וואָס זי זוכט.

ווענ זי האָט זיכ אויפגעכאַפּט, איז שוינ געווענ ארומ צענ אזייגער אינדערפרי. זי האָט זיכ מיטאַמאָל דערמאָנט אַנ דעמ, וואָס ס'איז נעכטנ געשענ:

„ס'קאָנ געמאָלט זײַנ, אַז דער געט זאָל שוינ אויסגעפירט ווערנ נאָר אײַנגיכנ, עפּשער נאָכ הײַנטיקע וואָכ“.

אונ נאָכדעמ איז זי נאָכ א ווײַלע געלעגנ אינ בעט אונ געטראַכט וועגנ דעמ.

זי האָט געדענקט דעמ לעצטנ כאָלעמ, אונ ס'איז שוינ איצט געווענ אזוי צו גלייבנ:

א קלייניקייט, דוכט זיכ... טאַקע איינ קלייניקייט באַדאַרפ זי נאָכ איצט מיטנ מויעכ אונ מיט די געפילנ אָנכאַפּנ, אונ איר וועט ווערנ קלאָר דער איקער פונ איר לעבנ, וואָס זי זוכט אימ שוינ אזוי לאַנג, פונ קליינערהייט אָנ“.

XI

באַטאָג האָבנ אויפגעהערט צו רעגענענ די נעכטיקע ברודיק־בראָזינע וואָלקנס. א ברוינע ביינאשמאשעסדיקע שײַנ איז הענגענ געבליבנ אינ דער לופט אונ געשפרייט שטילקייט ארומ די גאַסע, פריילעכ־אָפּ־

געשוואַנקטע הײַזער אונ ארומ די שטייענדיקע קאָליוזשעס, וואָס איז זאמדיקנ עק פאָרשטאָט.

באָרוועסע שקאָצימלעכ האָבנ פונ ערגעצ זייערע ווײַסע גענדז גע־טריבנ, אונ א יונגערמאַנ, א פאָרשטאָט־באַלעבאָס, האָט זיכ מיט עמעצנ דורכגעשריִענ וועגנ דעמ נײַ־אײַנגעקויפטנ פורל מעבל, וואָ־מ האָט אימ גאַרוואָס צו דער שטוב צוגעפירט:

„דאָס בופעטל איז האַפקע א גוט בופעטל; ס׳איז א דעמבנס, דאָס בופעטל”.

מירל האָט זיכ אָנגעטאָנ אונ איז מיט דער קייטנ־בריק איבערגע־גאַנגענ צופוס אינ שטאָט אַרײַנ.

דאָרטנ איז זי געווענ אינ דער הויפט־פּאָטשט אונ האָט אָנגע־שריבנ עטלעכע ווערטער צו הערצנ. ס׳האָט זיכ געוואָלט באַטש וועמענ־ס׳איז דערציילנ וועגנ דער נײַער לאַגע, אונ שרײַבנ וועגנ דעמ אהיימ איז געווענ צו פרי אונ נישט קעדײַ.

גייענדיק מיט דער צענטראַל־גאַס צוריק פונ פּאָטשט, האָט זי פינ־וויַיטנס דערזענ, ווי מאַנטשיק גייט ארויס פונ אײַנעמ א הויז:

„אָט איז מאָנטשיק”.

זי האָט פאַרקלענערט די טריט, אונ דאָס פּאָנעמ האָט בא איר קוימ, קוימ שמייכלענ אָנגעהויבנ.

מאָנטשיק האָט נאָכ באַדאַרפט אַרײַנגייג סאַבאַקל אינ איינ באַנק, וואָס איז אָפנ ביז האַלב פינפ אַזייגער. נאָר וואָס פאַר א שײַלע? אויב אימ האָט איצט זײַנ מאַזל געשפּילט צו באַגעגענענ זיכ מיט איר, מירלענ, טאָ מעג איצט גייג די באַנק מיט אַלע זײַנע געשעפטנ צו אַלדי שווארצע יאָר. ער האָט זי, מירלענ, שוינ אַזאַ לאַנגע צײַט נישט געזענ אונ וועט זיכ איצט מיט גרויס פאַרגעניגנ דורכגייג מיט איר אַהינ אונ צוריק איבער דער גאַס. מירל ווייסט נישט, וואָס דאָ איז געשענ: ער קאָנ דאָכ מער אַהינ אינ פאָרשטאָט נישט קומענ, נישט צומ פעטער אונ נישט צו שמוליקנ... זיי זײַנענ פּאָשעט געוואָרנ נישט צו דערטראָגנ, די זיידענאָווסקיס... ניינ, וואַרט... ס׳איז דאָכ מאַ־מעש עפּעס א מעכײַע, וואָס ער האָט זי איצט באַגעגנט... אָט איז הײַנט אינדערפרי צו אימ איינער אַפ דער בירזשע צוגעשטאַנענ, ער

זאָל געבן אַ קוק מיט אַן אַנאַליטישן אויג. ער, מאָנטשיק, האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געוואָלט... ווי האָט ער געקאָנט געבן, אַז ער איז ביכלאַל קעגן ציִעניזם? נאָר איצט וועט ער אים אָפּזוכן, אַט דעם פאַרשוין, און וועט אים געבן, אויף זיין ערנוואָרט.

„אַ גאַנצן פינף־און־צוואַנציקער וועט ער אים געבן".

ער איז איצט געווען אַזוי אויפגערעגט און גליקלעך, אַז דער צע־טראָגענער מאָנטשיק, די גרויסע שוואַרצע אויגן זיינע האָבן פון אויפ־געלייגטקייט געגלאַנצט און געלויכטן. פון גליק האָט ער זיך שוין אפילו עטלעכע מאָל פאַרגעסן, זי אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט אַ נעם טאָן אונטערן אָרעם און איר אַ דריק טאָן די האַנט.

קוקנדיק אויף איר מיט אָט די גליקלעך־שמייכלדיקע אויגן, האָט ער זיך צולעצט אָפּגעשטעלט:

„מירל קאָן זיך דען פאַרשטעלן, ווי אים טוט האַנאָע, וואָס ער האָט זי איצט באַגעגנט?"

אַ ווײַלע איז ער אַזוי שטיין געבליבן און האָט געקוקט אויף איר. ער האָט זיך באַלד דאָ אויפן אָרט צוריק אַרומגעדרייט און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט אויפן קול:

„מירל זעט נישט, ווי אים, מאָנטשיקן, איז איצט גוט".

מירל איז פאַמעלעך געגאַנגען מיט אים, און איר פּנים האָט קיין קוים געשמייכלט. זי האָט געוווסט, אַז דאָרטן, בײַ די זיידע־נאָווסקים אין שטוב, איז מען נאָך אַלץ איבערצייגט:

„ער איז אין איר פאַרליבט, מאָנטשיק, און וויל זי בײַ שמוליקן צונעמען".

גאָר ער, מאָנטשיק אַליין...

ער וועט עפּשער קיינמאָל זיינע געפילן צו איר אויפן מויל נישט אַרויסברענגען, און דאָך איז ער עפּעס איבערגעגעבענער פון אַלע אירע אַמאָליקע, וואָס האָבן זיך אַרום איר געדרייט, און איז אפּשר דער בעסטער גוטער פרײַנט.

„מאָנטשיק, איר זענט אַ ווויל יינגל".

פּלוצעם האָט זי נאָך עפּעס פאַמעלעכער צו שפּאַנען אָנגעהויבן און געזאָגט:

„איר ווייסט, מאָנטשיק, איכ גײ זיכ מיט שמוליקנ".

מאָנטשיק האָט זיכ נישט אײַנגעהערט. ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט, באַקומענ אַ שטאַרק ערנסט פּאָנעם אונ האָט אָפּ איר די גרויסע אויגנ אויסגעגלאָצט: פּריִער אַ ביסל האָט ער געוואָלט באַ איר פרעגנ, וויאַזוי ס'האָט זיכ איר געלעבט פאַר דער צײַט, וואָס ער האָט זי נישט געזענ, איז אימ אָבער אַרײַנ עפּעס אַ נאַרישקײַט אינ קאָפּ אַרײַנ, אונ ער האָט זיכ פאַרטראַכט.

צום אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז זי טרײַבט קאַטאָוועס, אונ נאָכדעמ איז ער אָפּ אַ ווײַלע ווי פּאַרגליווערט געוואָרנ, אונ די אויסגעגלאָצטע אויגנ האָבנ שוינ ניט געקוקט אָפּ מירלענ, גאָר ערגעצ וווהינ פאַר זיכ:

„ניינ, וואַרט... ס'איז דאָכ מאָדנע... ס'איז דאָכ... גאָט ווייסט, וואָס איז דאָס".

מירל האָט אימ געמוזט אַ ריר טאָנ פאַר דער האַנט אונ אימ דערמאָנענ, אַז ס'איז אימ שוינ געווענ צו שטיינ אינמיטנ טראָטואַר. ער האָט געצויגנ מיט די אַקסלענ אונ זיכ פונ הינטנ אינ האַלדז אונ נאַקנ געקראַצט, צוגעביסנ די אונטערשטע ליפּ אונ זיכ ווידעראַמאָל פאַרטראַכט.

„זאָל אימ דער רוער נעמענ, אויב ער הייבט זיכ אַפילע אָנ פאָרצושטעלנ, וויאַזוי אָט דאָס אַלצ איז דאָרטנ מיטאַמאָל געוואָרנ! ניינ, זי זאָגט עס ערנסט, מירל?"

ער איז געגאַנגענ לעבנ איר אונ האָט געדענקט דעמ גײט מיט אָט דער נײַער לאַגע, וואָס אינ איר הייבט מירל איצט אָנ זיכ צו געפינענ. ביידנ איז שוינ איצט אומעטיק געווענ, אונ ביידע האָבנ געטראַכט וועגנ די ווערטער, וואָס מירל האָט נאָרוואָס פונ מויל אַרויסגעלאָזט.

„שטעלט אײַכ פאָר, מאָנטשיק, כ'ווייס נאָכ לאַכלוטנ נישט, וואָס מיט מיר וועט זײַנ".

זי ווייסט אַפילע נישט, וווהינ זי וועט נאָכנ גײט פונ שטוב אַוועקגײנ. מעגלעכ, אַז זי וועט שוינ די ערשטע וואָכ נישט האָבנ פונוואַנענ אַ טאָג איבערצוקומענ. נאָר זי שרעקט זיכ איצט ביכלאַל גאָרנישט. די וועלט ווײַזט זיכ איר איצט אויס, איז אַזוי ברייט. נעבנ, נאָכ דעמ גײט־מעקלערס אַוועקגײנ, האָט זי אַ קוויטש געטאָנ פונ פרייד

גאָר דערפֿאַר, וואָס זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי קאָן זיך וואַשן אין אַ טאַז, אַ טאַז קאַלט וואַסער.

„מאָרגן וועט זי שוין פֿון ייִדענאָווסקים שטוב אַוועקגיין..."

די היים אירע, וואָס אין שטעטל... זי איז עפּעס מער ניט, ווי אַ צעלאָכעטע נאַרישקייט, אָט די היים. צו דער מוטער ציט נישט, און צום פֿאָטער... גלייבער איז, וואָס זי מיטן פֿאָטער לעבן פֿונדערווייטנס. העלפֿן איינער דעם צווייטן קאָנען זיי סײַווײַ נישט.

און וועגן זיך טראַכט זי דאָך פֿיל; זי איז פֿון טאָמער אָן געווינט פֿיל וועגן זיך צו טראַכטן.

אָט האָט זי דאָ נישט לאַנג מורגעניעוום אַ בוך געמאַכט איבערגעלייענט: אַ רוסיש מיידל קאָן מער נישט אויסקומען מיטן לעבן, וואָס אַרום, גייט זי אַוועק אין מאָנאַסטיר, און ס׳ווערט פֿון איר גאָרנישט. און זי, מירל, זי איז שוין נישט קיין מיידעלע, און דער מאָנאַסטיר איז פֿון איר אַזוי ווייט און ווײַזט איר אויס אַזוי גוייִש. מ׳האָט זי פֿון קליינערהייט נישט געלערנט זײַן רעליגיעז. זי קאָן מער מיט די אַרומיקע צושטאַנדן נישט אויסקומען. מוז זי אַוועקגיין ווײַטער:

„צי זי וועט עפּעס געפֿינען, ווייסט זי נישט, נאָר אַוועקגיין וועט זי".

זיי האָבן שוין געהאַט דערגרייכט דעם אָנהייב פֿון דער קייטנבריק און זיך אָפּגעשטעלט. מאָנטשיק האָט ווײַטער אַהין אין פֿאָרשטאָט איבער די ייִדענאָווסקים גיין נישט געקאָנט. בײַ מירלען אין די פֿאַרכאָלעמטע אויגן האָט געברענט אַן אומעטיק פֿײַערל, טיף, טיף האָט עס דאָרטן אין טרויער געברענט און טרוימענדיק געקוקט מאָרגן־ווײַט אין אַלעמען פֿונעם ברייטן פֿליסנדיקן טײַך. איבער די בלויע פֿלעקן, וואָס אונטער אירע אויגן, האָבן די לאַנגע שוואַרצע ווייִעס אויסגעזען נאָך לענגער און שוואַרצער, ווי געווינלעך, און האָבן עפּעס אַ מאָדנעם כיין געוואָרפֿן אַראָפּ, אויפֿן טאָמער רייצנדן שנור־גלײַכן מויל, וואָס איז שטרענג געווען געשלאָסן. פּלוצעם האָט בײַ איר דאָס פֿײַערל ווי אַ בליץ אין די אויגן געטאָן:

„כ׳האָב אַ באַקאַנטן העברעיִשן פּאָעט, מאָנטשיק, ער שמייכלט

ס'ראָוו, אָט דער באַקאַנטער אירער, און שווײַגט. נאָר איינמאָל האָט ער וועגנ איר געזאָגט:

פונ מירלענ, האָט ער געזאָגט, וועט שוינ קיינמאָל גאָרנישט ניט זײַנ. זי איז באַ אונדז מער נישט ווי אַנ איבערגאַנג־פּונקט".

אינ די אויגנ האָט זיכ באַ איר אָנגעצונדנ אַ שמייכל פונ אייגענעמ כּוויזעק. זי האָט מיט אָט דעמ שמייכל אַפּ מאָנטשיקנ אַ קוק געגעבנ:

„איכ אַליינ, זאָגט אָט דער באַקאַנטער מײַנער, בינ גאָרנישט, אונ וועל אינערגעצ נישט אָנקומענ. דעריקער, זאָגט ער, זײַנענ די, וואָס וועלנ קומענ נאָכ מיר".

זי האָט זיכ געוואָלט געזעגענענ אונ אַליינ ווײַטער מיט דער בריק אַוועקגיינ. נאָר מאָנטשיק איז געווענ פאַרטראָגנ. ער האָט זיכ אופגעכאַפּט ווי פונ אַ שלאָפּ:

„וואָס פאַר אַ שײַלע? צו די זיידענאַוועסקיס אינ שטוב קאָנ ער נישט גיינ, אָבער ביזנ צווייטנ עק בריק קאָנ ער זי דאָכ יעדנפאַלס באַגלייטנ".

אונ נאָכדעמ איז ער שוינ געווענ אַזוי פאַרטומלט אונ נישט געדענקט, ווענ ער האָט זיכ צוריק אומגעקערט אונ זיכ אינ טראַמוווײַ אַרײַנגעזעצט. בעשאַס ער האָט דעמ קאָנדוקטער אַפּ אַ בילעט געגעבנ, איז באַ אימ פונ טאַש אַ בײַטל מיט פּאַפּירנ אַרויסגעפאַלנ, אַנ אַלטער גענעראַל, וואָס איז אַנטקעגנ אימ געזעסנ אונ האָט זײַנ צעטראָגנקײַט באַמערקט, האָט דאָס בײַטל אופגעהויבנ אונ אימ אָפּגעגעבנ. האָט ער דעמ גענעראַל גלײַכ אינ די אויגנ געקוקט אונ אימ אַפילע קיינ דאַנק נישט געזאָגט. אימ זײַנענ אַזעלכע נאַרישע געדאַנקענ אינ קאָפּ אַרײַנגעקראָכנ:

„ניינ. ס'איז שוינ געוויס אַ זאַכ, וואָס ס'קאָנ נישט זײַנ, אָט דאָס, וואָס ס'זאָל קלוימערשט געמאָלט זײַנ, אַז ער, מאָנטשיק, זאָל קלוימערשט קאָנענ אַמאָל כאַסענע האָבנ מיט מירלענ. ס'איז אַזוי נאַריש. אונ ער קאָנ בעשומויפּנ נישט פאַרשטיינ, ווי ס'קומט, אַז אימ, מאָנטשיקנ, זאָל אַזאַ „נעבטיקער טאָג" אינ קאָפּ אַרײַנפאַלנ. רייִשיס, קאָנ ער זיכ קיינמאָל אַזאַ גליק נישט פאָרשטעלנ... ס'איז דאָכ עפּעס אַ

קאָפּ-מענטש — מירל... און צווייטנס... וואָס? ווער? ווען? זי באַדאַרף אים האָבן, מירל? מירל באַדאַרף עפּעס אַנדערש... וואַרט... ער איז עפּשער גערעכט, יענער באַקאַנטער אירער: אַן איבערגאַנג-פּונקט איז זי, אַן „איבערגאַנג-פּונקט". נאָר וואַרט... ער, מאָנטשיק, האָט די לעצטע צייט פאַרדינט אַזוי פיל געלט, אַז זי מירל... זי וועט זיך דאָך נייטיקן... ווי קאָן דאָס אַנדערש זיין".

„עס וועט דאָך זיין פּשוט אַ כּעס, אויב מירל וועט באַשטיין צו נעמען בא אים, וויפל זי באַדאַרף... רייזעס, באַדאַרף זי איצט איינע אַליין אוועקפאָרן קיין אויסלאַנד... קיין איטאַליע, לעמאָשל. ס'גייט צו ווינטער... זי מוז זיך דאָך נאָך אָט דעם איבערגעלעבטן זומער אָפּרוען. נאָר וואַרט: ווי־אַזוי זאָגט מען עס איר? ווי־אַזוי לייגט מען עס איר, לעמאָשל, פאָר?"

ווען ער האָט פון אָט דעם טומל דערוואַכט, האָט דער טראַמוויי אים שוין געהאַט פאַרטראָגן ערגעץ אין אַן אַנדער זייט, און ווייטער, ווי ער האָט באַדאַרפט. ער איז צולעצט אַרויסגעגאַנגען און זיך געלאָזט גיין צופוס אַהיים. נאָר דער טומל האָט אים באַלד ווייטער באַהערשט. עפּעס אַן עלעגאַנט געקליידעטער יונגערמאַן, אַ סטודענט, איז געווען שטאַרק צופרידן דערפון, וואָס ער האָט זיך מיט אים דאָ אויף דער גאַס באַגעגנט, אוועקגעוואָרפן זיינע באַקאַנטע, וואָס ער איז געגאַנגען מיט זיי ערגעץ פאַרברענגען, און גענומען ריידן צו אים וועגן געשעפטן:

פאָדריאַד אַהין, פאָדריאַד אַהער.

מאָנטשיק איז אַנטקעגן געשטאַנען, געביסן דעם גראָבן פינגער און פאַרכאָלעמטערהייט געקוקט אַראָפּ צום טראָטואַר. דער עלעגאַנטער יונגערמאַן האָט געמיינט, אַז ער הערט ניט איבער די טראַמווייען און דראָשקעס, וואָס רוישן דאָ אָן אויפהער, האָט ער אים אוועקגעפירט אין אָנהייב פון דער נאָענטער שטילער גאַס און אים דאָרטן אָנגעהויבן דערציילן אַלץ פונסניי. נאָר מאָנטשיק האָט אויפן יונגערמאַן געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע, פאַרטרוימטע אויגן, אים צולעצט אונטער דער האַנט אָנגענומען און אים קלאָר געמאַכט:

— מענטש איינער, רעדט צו מיר היינט, רעדט צו מיר מאָרגן, אַז

איכ הער איצט נישט קיינ איינציק וואָרט... וואָס זאָלט איר דאָ ניט פארשטיינ? אז איכ לעב איצט איבער א פערזענלעכע זאכ און בינ פּאָשעט ניט אימשטאנד..."

XII

די זיידענאָוואָסקיס האָבנ אָפּגעלייגט דעמ געט אפ איבעראכטאָג מיטוואָכ און באשלאָסנ אימ איבערצוטראָגנ אינ דער פרעמדער שטאָט, וואָס ליגט אראָפּ טייכ.

דער איינפאל האָט געשטאמט פונ מיריאָמ ליובאשיצ, וואָס האָט איינמאָל גלאט אזוי א זאָג געטאָנ:

„כ'פארשטיי נישט: צוליב וואָס באדארפ מענ מיטנ געט דאָ אינ שטאָט א גאנצנ טאראראמ מאכנ?"

און די מומע האָט עס באלד אונטערגעכאפּט און זי איז מיט דעמ צומ מאנ אינ קאבינעט אוועק:

„כ'בעט דיכ: זי איז דאָכ טאקע גערעכט, מיריאָמ..."

פאר דער לעצטער צייט האָט זיכ דאָ אינ שטוב ביכלאל אָנ איר אייצע און האסקאָמע קיינ זאכ נישט אָפּגעטאָנ. און גענומענ האָט מענ זי אינ שפאנ אפילע, ווענ שמוליק האָט זיכ אפ א גאנצנ טאָג אינ זיינ באזונדער ביידער פארשפּארט און קיינ עסנ צו זיכ נישט צוגעלאָזט. עמעצער האָט שוינ צו נאכט־צו א זאָג געטאָנ:

„כ'בעט אייכ, ווו איז מיריאָמ? פארוואָס זאָל זי נישט ארייננגיינ צו שמוליקנ און זענ, ער זאָל עסנ?"

און מיריאָמ איז צו אימ ארייננגעגאנגענ, און ער האָט געגעסנ.

דער יינגערער ליובאשיצ איז דאָ געשטאנענ בא דער זייט. ער האָט, לאכנדיק פונ איר, זיכ בא די זייטנ געהאלטנ און זיכ מיט זיינ גאנצנ פינפ־פודיקנ קערפּער צו דער ערד געצויגנ:

„מיריאַמ, וואָס איז פונ דיר געוואָרנ?"

פאר דער כאסענע, געדענקט ער, איז זי עפּעס געווענ, און אינ די קרייזלעכ האָט מענ בא יעדער גארישקייט איר נאָמענ דערמאָנט. און איצט איז דאָכ פונ איר נישט מער ווי א פּאָשעטע ניאניקע גע־

בלײַבנ. װאָס װעט זי אים דערצײלנ מײַסעס? א נאָפּקעמינע איז עמעצנ א גרױסע, צי זי גיאַנטשעט איר אײגנ קינד, צי א פּרעמדס?

מיריאַמ איז געװענ אױסער זיכ און האָט אים אָנגעקוקט, װי א משוגענעמ:

„כ'בעט אײַכ, עמעצער איז אָפּ אים א מיװוג, אָפּ שװיליקנ?"

איר קינד האָט באַ ריקלענ צו װײנענ אָנגעהױבנ. האָט זי עס צו זיכ אָפּ די הענט גענומענ, דענסטמאָל װענ איר פלאַמענדיק פּאָנעמ האָט נאָכ אַלצ מיט צאָרנ צומ יונגערנ ליובאַשיצ געקוקט. זי איז געװענ גרײט צו זאָגנ אים עפּעס גאָר א גראָב װאָרט. נאָר די מומע האָט דעמ קינדס װײנענ דערהערט און איז פּלוצעמ צוגעגאַנגענ:

„הער, מיריאַמ, האָסט עפּעס געטאָנ דעמ קינד צומ מעגל?"

האָט זי מיטאַמאָל אָנ שװיליק ליובאַשיצעס נאַרישקײטנ פּאַרגעסנ און האָט זיכ פּאַר דער מומענ צו קלאָגנ אָנגעהױבנ:

„זי װײסט שױנ אַלײנ ניט, װאָס זי זאָל טאָנ. דאָס קינד האָט זיכ א גאַנצע נאַכט געריסנ, און די װאַרעמע קאָמפּרעסנ האָבנ נישט געהאָלפנ".

★

אינ שטוב אַרײַנ האָט זיכ ביסלעכװײַז אומגעקערט די געװעזענע רויִקײט.

אינ דער שטילקײט, װאָס אינ די שװײַגנדיק־צוגעראַמטע באַראָ־רימ, זײַנענ שױנ די עלטערע װידעראַמאָל געשלאָפנ באַטאָג, און דאָס פילדערנדיקע קלײגװאַרג איז שױנ צוריק אינעמ װײַטלעכנ ביידער פּאַרשפּאַרט געװענ. און נאָר שמוליק איז נאָכ אַלצ נישט געשלאָפנ דורכ די נעכט, געליטנ פונ שטאַרקנ קאָפּװײטיק און האָט געהאַט טאַרומעס אָפּ דער מוטער, װאָס קומט צו אים אַלע װײַלע די היצ מעסטנ:

„װאָס װיל מענ פונ אים מיטנ טערמאָמעטער? װאָס לאָזט מענ אים נישט לעבנ? אז ער האָט נישט קײנ היצ".

מ'איז שױנ געװענ געװױנט צו דעמ, װאָס ער זעט פונ טאָג צו טאָג אַלצ ערגער אױס, רעדט נישט מיט קײנעמ, ליגט פאַרשפּאַרט באַ זיכ אינ ביידער און שפּאַנט האָרטנ אָפּט גאַנצע שאָענ אַרומ אַהינ

אונ צוריק אינ די זאַקנ. נאָר איינמאָל באַנאַכט האָט זיכ שויג מיט אימ גאָר אַנ אומגעריכטער צופאַל געטראָפנ, אונ איבערגעשראָקנ אַלע אייגענע, וואָס האָבנ נאָרוואָס די לאָמפּנ אויסגעלאָשנ אונ זיכ אינ די בעטנ אַרייַנגעלייגט. אינ דער פינצטערער שטילקייַט האָבנ זיכ פונ איינ ביידער אינ צווייטנ אויפגערעגטע קוילעס געטראָגנ:

„וואָס איז געשענ?"

„ווּעמענ איז נישט גוט?"

„זאָל מענ גיכער א לאָמפּ אָנצינדנ".

ארומ דעמ לאָמפּ, וואָס מ'האָט באַ שמוליקנ אינ ביידער אָנגעצונדנ, האָבנ זיכ געשווינד געשטופּט ווייַבערשע פּלייצעס, אָפּגעדעקטע העמט אונ בלאַנק-ווייַסע מענערשע גאַטקעס. עמעציער האָט אימ דעמ קאָפּ אויפגעהויבנ; א צווייטער האָט אָפּ אימ וואַסער געשפּריצט. נאָר ער אַלייג האָט שויג פּאַמעלעכ געהאַט געעפנט די אויגנ אונ אומעטיק געקוקט אָפּ די מענטשנ, וואָס האָבנ אימ ארומגערינגלט אונ האָבנ אייגער דעמ צווייטנ איבערגעגעבנ:

„גאָרנישט, גאָרנישט... ס'איז אימ נישט גוט געוואָרנ, שמוליקנ; ס'האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, אַז ער ווערט בלינד".

ער האָט באַלד אייַנגעדרימלט, זיכ אויפגעכאַפּט אונ ווידער אייַנגעדרימלט. האָט מענ די טירנ פונ זייַנ ביידער פּאַנאַנדערגעעפנט אונ דעמ לאָמפּ געלאָזט ברענענ, אוועקגעשטעלט לעבנ זייַנ בעט א בענקל מיט אַנ אָפּגעשיילטנ מאַראַנצ אונ זיכ ווידעראַמאָל אינ די געלעגערס אייַנגעוואַלגערט. נאָר שמוליק האָט זיכ נאָכדעמ נאָכאַמאָל אויפגעכאַפּט אונ שויג מער שלאָפנ נישט געקאָנט. ער האָט גענומענ ארומשפּאַנענ איבערנ ביידער.

ס'איז געווענ ארומ דרייַ אזייגער באַנאַכט. פונ די ארומיקע כאַהאָרימ האָט זיכ א געשמאַק שנאָרכנ געהערט. ער האָט געשפּאַנט אהינ אונ צוריק אונ מיט אומגעדולד געוואַרט אָפּנ מאָרגנדיקנ טאָג. מאָרגנ וועט ער אַרייַנגייַנ אהינ, צו מירלענ אינ פליגל, אונ איר זאָגנ:

מיטוואָכ אינדערפרי, וועט ער איר זאָגנ, פאָרט מענ ארויס צומ געט... אַלצ איז געענדיקט. וויל ער באַ איר בעטנ נאָר איינ זאַכ:

זאָל זי ארײַנגײַנ מיט אימ זיכ געזעגענענ צו זײַנ פאָטער אונ זאָל מיט אימ דאָרטנ, דאָרטנ זיצנ, נישט מער ווי א פערטל שאָ... אימ וועט זיכ אײַנ אָט דעמ פערטל שאָ אויסווײַזנ, אז ס'איז גאָרנישט נישט געשענ, אז זי איז געקומענ מיט אימ צומ פאָטער צוגאסט.

ער האָט געוואָלט, אז מירל זאָל סאָפקאָלסאָפ וועגנ אימ א טראכט טאָנ:

„ער האָט זיכ אינגאנצנ איבערגעביטנ, שמוליק... ער איז געוואָרנ אנ אנדער מענטש".

באטאָג איז ער עטלעכע מאָל אהינ אינ פליגל ארײַנגעקומענ אונ דאָרטנ קיינעמ, אכוצ דאָס דינסטמיידל, נישט געטראָפנ. ער האָט אָפּגעוואַרט ביז מ'האָט אָנגעצונדנ פײַער, אונ איז אהינ ווידער ארײַנגעגאנגענ. איצט איז שוינ מירל געווענ. זי איז נאָרוואָס פונ שטאָט געקומענ. בא איר אינ בײדער האָט געברענט א לאָמפּ, אונ פאר די אָפענע אלמערס איז געשטאנענ דער גרויסער נאָרנ-קאָרב, וווהינ דאָס דינסטמיידל האָט איר א גאנצנ פרימאָרגנ געהאָלפנ די זאכנ פאקנ. זי איז געלעגנ אינ בעט מיטנ פּאָנעמ צו דער טיר. איר פּאָנעמ, וואָס האָט נאָכ פונ דער דרויסנדיקער קעלט געפלאמט, האָט געקוקט אָפּ אימ עטוואָס נײַגעריק אונ דערשטוינט. ער האָט זיכ געשראָקנ אונ האָט די אויגנ אראָפּגעלאָזט.

אונ נאָכדעמ איז ער שוינ דערשראָקנ געזעסנ אנטקעגנ איר אפנ בענקל, וואָס לעבנ בעט, אונ שוינ געהערט לאכלוטנ נישט דאָס, וואָס ער האָט זיכ צוגעגרייט:

„ער האָט געטראכט, אז עפשער... עפשער וואָלט זי פּאָרט ארײַנגעגאנגענ זיכ געזעגענענ, האָט ער געטראכט".

ער האָט צו איר נישט געקוקט. פלוצעמ האָט ער דערפילט, ווי זי גלעט זײַנ קני מיט איר ווייכער אונ גלאטער האנט. ער האָט פּאמעלעכ די אויגנ אופגעהויבנ אונ דערזענ:

ליגנדיק אפנ בעט האָט זי זיכ נעענטער צו אימ צוגערוקט. זי האַלט דעמ אונטערגעשפּארטנ קאָפּ אפנ עלנבויגנ אונ קוקט אימ גלײַכ אינ פּאָנעמ ארײַנ.

„שמוליק, פרעגט זי בא אימ, כ'האָב דיר דענ שלעכטס געטאָנ?"

באַ שמוליקנ האָט געקלאַפּט דאָס האַרצ.
„שלעכטס? נײנ... ווער זאָגט דענ?"

★

מירל האָט באַדאַרפט אויפשטיינ גאַנצפרי און פאַרפּאַקנ די אײַ־בעריקע זאַכנ. זי האָט אויכ באַדאַרפט זײַנ אינעם שטילנ האָטעל, וואָס אנטקעגנ שפּאָליאַנסקיס וווינונג, דינגענ דאָרטנ א צימער און הייסנ צו־שיקנ אהער נאָכ די זאַכנ. צען אזייגער אינדערפרי גייט אָפּ די שיפּ אינ דער שטאָט, וואָס אראָפּ טײַכ. פונ פינפ ביז זעקס באַטאָג וועט דאָרטנ פאָרקומענ דער געט, און נאָכדעם וועט זי זיכ שוינ אומ־קערנ אהער מיטנ צוג, קעדיי מיט די זיידענאָווסקיס נישט צו פאָרנ, און אפנ וואָקזאַל וועט אָפּ איר וואַרטנ מאָנטשיק. ער האָט איר צוגעזאָגט. צו אָוונט־צו וועט זי שוינ געווינ זײַנ שטאַרק מיד. זי פילט שוינ איצט א מידקײַט אינעם גאַנצנ קערפּער. נאָר ס'איז א טערעצ? זי האָט אָפּ אימ איצט עפּעס ראַכמאָנעס, אָפּ שמוליקנ, און האָט אימ צוגעזאָגט. מ'מוז נעמענ אָפּ זיכ דעם שאַל און ארײַנגיינ אָפּ עטלעכע מינוט אהינ אינ דער גרויסער שטוב.

דער שוויגערס דינסטמיידל, וואָס האָט איר האָרטש די הינטערשטי־טיר געעפנט, האָט זיכ מיטאַמאָל א וואָרפ געטאָנ צוריק, אזוי אי־בערגעשראָקנ האָט זי שוינ מירלס פלוצלינגדיק ארײַנקומענ. אינ עס־צימער איז איבער איר די שטימונג מיטאַמאָל א געדריקטע געוואָרנ. מ'האָט איר אָפּגעטראָטנ דאָס בענקל, וואָס לעבנ דער שוויגער, און קיינער האָט זיכ נישט דערוועגט אָנהייבנ צו ריידנ. עמעצער האָט אָפּגערופנ אָפּ א סאָד דאָס פרעמדע ווײַבל, די קרויווע, וואָס איז דאָרטנ באַמ טיש געזעסנ, מיריאַמ ליובאַשיצ האָט גענומענ ריידנ אפנ אויער מיט ריקלענ און איז מיט איר אויכ באַלד אינ א צווייטנ כיידער אוועק. מירלענ איז געוואָרנ שווער, און כאַראָטע האָט זי געקראָגנ, וואָס זי איז איצט אהער געגאַנגענ. זי האָט געטראַכט:

„זי האָט שוינ יויצע געווענ... זי מעג שוינ גיינ צוריק".

נאָר די שוויגער האָט פלוצלינג אָנגעהויבנ צו פינטלענ מיט די אויגנ און האָט זיכ צו איר גענענטערט צוגעבויגנ. איר איז די לעצטע

טעג איינער א וויַבערשער כשאר פון קאָפּ גיט ארויס. זי האָט זיך וועגן אים איצט געמוזט בא מירלען דערפרעגן.

מירל איז פון איר ערשטער שיַילע געוואָרן רויט. זי האָט צו איר נישט געקוקט און געענטפערט קורץ און עטוואָס בייז:

„גיין".

„כ'געדענק נישט".

„שוין לאַנג".

פלוצעם האָט די שווינער איר נארישע פיגור אויסגעגליַיכט און האָט באקומען א פּאָנעם פון א דערשטוינטער קליינשטעטלדיקער באבע.

„יאָ, האָט אָט דאָס פּאָנעם געזאָגט, ס'איז מיר שוין גוט".

זי האָט זיך ארומגעקוקט. נאָר קיינער איז דאָ, אחוץ מירלען, נישט געווען. האָט זי זיך גאָכאמאָל צו איר אויסגעדרייט און זיך פארוואונדערט אפן קאָל:

„מירעלע, דו טראָגסט דאָך!..."

„וואָס?"

איר האָט זיך געדוכט, אז די שוויגער איז פון זינען אראָפּ, זי רעדט פּאָשעט ווי אן אידיאָט.

אפּצעלאָכעס איז זי באלד פון אָרט אופגעשטאנען און געפרעגט אפן קאָל:

„זי פארשטייט נישט... און כוץ דעם, וואָס קער זיך עס אָן מיטן געט"?

נאָר ארום איר איז שוין דאָ אין ביידער אזוי גרוים דער טומל געווען, און קיינער האָט זיך צו אירע ווערטער נישט צוגעהערט. עמעצער האָט אהער שמוליקן גערופן. א צווייטער איז מיט דעם נייַעם אוועק צו יאנקעוו־יאָסלען אין קאבינעט. און בא דער מיר איז דאָ שוין ווידעראמאָל מיריאַם ליובאשיץ געשטאנען. די שוויגער האָט איר עפּעס אפּגיך איבערדערציילט, האָט זי אהער צו מירלען געקוקט און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

„אוואדע, וואָס פאר א קלאָגע?"

XIII

באנאכט איז מירלען געווען נישט גוט אַף צו ברעכן, און געוועקט האָט זי צוויי מאָל דאָס דינסטמיידל. זי האָט זי געשיקט מיט אַ צעטעלע צו שמוליקן; אין צעטעלע איז געשטאנען, אַז זי האָט אים נישט ליב און האָט מיט אים נאָך פאר דער חתונה אויסגעדונגען דעם תנאַי, אַז זי מעג אוועקגיין פון אים אין יעדער צײַט; אַז זי גלייבט נאָך נישט, אַז זי טראָגט, און קאָן יעדנפאלס קיין קינד נישט האָבן; אַז אויב זי טראָגט, איז נאָר ער אַליין אין דעם שולדיק, און מ'באדארף זוכן דערצו אַן אייצע.

שמוליקן האָט מען אײַנגערעדט, ער זאָל אוועקפאָרן אין גוראַלניע און זאָל דאָרטן עטלעכע טעג אָפּווארטן.

מ'האָט אים ארומגעשטעלט אין אַ באַזונדערן חדר, און די שוויגער האָט אים דאָרטן פארן אוועקפאָרן געטרייסט:

„וואָס האָט ער וואָס צו קלערן? איצט איז נאָר אַן אנדער יאָך. אַז זי וועט האָבן אַ קינד, מירל, וועט זי ווערן לײַטישער".

מירל האָט זיך גאנצע דרײַ טעג בײַ זיך אין חדר אָפּגעמאטערט, געדענקט די גאנצע צײַט דאָס אָרט, וואָס נידעריקער פון דער ברוסט, געפילט צו דעם אַן עקל און צולעצט אָנגעהויבן נאָכאמאָל גיין צו דער שוויגער אין שטוב.

גייענדיק אהין, האָט זיך איר געדוכט, אַז זי מוז דאָרטן עפּעס זאָגן און צו עפּעס אַן עק מאכן. נאָר יעדעס מאָל, וואָס זי איז אהין ארײַנגעקומען, האָט זי דער ווילן צו זאָגן פארלאָזן, און געשטארקט האָט זיך אין איר די סינע צום אָרט, וואָס נידעריקער פון ברוסט. ס'האָט גענודעט פון דער שוויגערס „זיץ מירעלע", פון מיריאָם ליובאשיץ מיטן קינד, פונעם ייִנגערן ליובאשיץ פלאמענדיק פּאָנעם און זײַנע בקירעס. און דער עקל אין איר איז געוואקסן, און געדוכט האָט זיך שוין, אַז מ'קאָן אים מאמעש מיט די הענט אָנטאפּן; אָט וועט זי אים, דוכט זיך, אזוי פון זיך מיטאמאָל אַ ריס טאָן, און איר וועט מיטאמאָל ווערן נאָכאמאָל לײַכט און גוט.

־ענבטמאָל האָט זי די שוויגערס שטוב פארלאָזן און איז געגאנ־

געגנ אינ שטאָט אריינ. געווענ צוויי מאָל בא איר געשוועסטערקינד אי־דא שפּאָליאַנסקי אונ זי איז דער היימ נישט געטראָפנ, זיכ נאָכאמאָל צו זיכ אַהיימ אומגעקערט, זיכ אינ בעט געלייגט אונ זיכ באמית אײַנגעשטילט זיכ אַליינ:

„ווער ווייסט? עפּשער איז שוינ גלײַכער גאָרנישט צו טאָנ אונ לאָזנ גייג אַלצ, ווי ס'גייט? עפּשער איז גלײַכער צו לײַדנ אַלע יאָרנ שטיל אינ זיכ... אָט אַזוי אינ בעט ליגנדיק... לײַדנ אונ שווײַגנ".

שמוליקנ האָט זי נישט ליב. זי האָט קיינעמ נישט ליב. ס'ציט זי אַמאָל צו נאָסנ העלער, נאָר זי גלייבט דעמ געפיל נישט. אונ מור־טערס האָבנ דאָכ ליב זייערע קינדער. ווער ווייסט? מעגלעכ, אַז דאָס קינד וועט זי ליב האָבנ... זי וועט זײַנ א מאמע.

אונ זי האָט עטלעכע טעג געליטנ שטיל אונ איז נית ארויסגעגאנגענ פונ שטוב. זי האָט זיכ אויסגעמאָלט, ווי זי וועט זײַנ א מאמע.

עמעצער וועט שוינ געווויס פונ איר, ווי פונ מיריאַמ ליובאַשיצ, לאַכנ. „וואָס איז פונ איר געוואָרנ? וועט ער זאָגנ, א גיאַנקע איז פונ איר געוואָרנ, נאָר זי וועט זיכ נישט אומקוקנ אונ וועט גאָרנישט הערנ. אײַנגעבויגענערהייט וועט זי נאָכ דעמ קינד פּוסטריט נאָכגייג אונ וועט מוירע האָבנ נאָר פאַר איינ זאַכ:

„אוי, ווײ... דאָס קינד זאָל, כאָלילע, נישט פאַלנ".

*

איז אָבער שוינ אינגיכנ געווענ אַזא שיינער פּראָסטיקער זונטיק. אונ דער שײַ האָט אינ אימ דאָס ערשטע מאָל מיט צוויי מאָל ווײַס אַנטקעגנ דער שטראַלנדיקער זונ געשווינדלט, אונ די קלייטנ זײַנענ אינ אימ דורכויס צוליבנ גוייִשנ יאָנטעוו געווענ געשלאָסנ.

איבער דער פּראָסטיקווײַסער שטאָט האָבנ זיכ פיל אייגענע אונ געדונגענע שליטלעכ געיאָגט. אונ די מײַסע, וואָס דער באַנײַטער דרויסנ האָט דער ארומיקער פעלדער־שטילקײַט דערציילט, איז באַשטאַנענ דור־כויס פונ אָפּגעשוואַכט־ווײַטנ גלעקער־קלאַנג אונ פונ א פרייִלעכנ פער־דישנ ניס, וואָס א לויפנדיק שליטל האָט ערגעצ־ווו פאַרלאָרנ.

מירל איז איינע אַליינ אינ פענצטער געשטאַנענ. קיינ ווילנ האָט זי שוינ אינ הארצנ נישט געהאַט, אונ דער אומעט איז אינ אי־

געווען גרויס. זי האָט געזען, ווי לעבן אַן איזוואָשטשיק, וואָס זײַן שליטל איז נאָרוואָס אויסגעליידיקט געוואָרן, שטייט שוין אַ יונג פֿערל, און האָט שטאַרק ביישעק סײַ צום שליטל, סײַ צום נאָסנ־פערד, וואָס אױף אים פֿרירט דער שניי. ביידע, דער באַלעגאָלע און דאָס יונגע פֿערל, לאַכן פֿון די קלײנע געלטער, וואָס זיי קאָנען פאַרן שליטלען זיך פֿאַרלײגן, און ביידע האָבן האַטאָע: דער באַלע־גאָלע — פֿונעם ביינדל, וואָס ער האָט הײַנטיקן טאָג אָפּגעלעקט, און דאָס פֿערל — פֿונעם ערשטן אויסגעפֿאַלענעם שניי און פֿון דעם, וואָס זיי האָבן זיך ליב.

פֿאַמעלעך האָט זיך מירל געגומען אַנטאָן, קעדיי ערגעץ־וווּהין פֿון שטוב אַרויסצוגיין. זי האָט פֿאַמעלעך פֿון שראַנק דעם קאַראַקולענעם סאַק אַרויסגענומען, זיך אָפּגעשטעלט און זיך פֿאַרטראַכט. אַרופֿגע־צויגן אױף זיך דעם סאַק און זיך ווידער פֿאַרטראַכט. זי איז שוין אַפֿילע צו דער טיר געווען צוגעגאַנגען. נאָר דאָרטן האָט זי זיך אָפּ־געשטעלט און זיך פֿאַרקוקט אױף דער אײגענער שמאָלער האַנט מיט די לאַנגע פֿינגער, וואָס מיט זיי האָט זי דאָס הענטל פֿון טיר אָנגענו־מען. פֿאַר דער לעצטער צײַט זײַנען איר די הענט אַזוי אָפּגעשוואַכט גע־וואָרן, און אַזעלכע גרין־בלויע אָדערן האָבן זיך שוין פֿון אונטער זייער טויט־בלאַסער הויט אַרויסגעוויזן. אַ ווײַלע איז זי דאָרטן אַזוי געשטאַ־נען און אױף דער האַנט געקוקט. און פּלוצעם האָט זי זיך פֿאַרקלערט, צו־ריק אין שלאָף־צימער אומגעקערט, זיך אויסגעטאָן און זיך צוריק אין בעט אײַנגעוואַלגערט. ס׳איז שוין געווען אַזוי עקלדיק און שווער און ס׳איז שוין געווען אומעגלעך צו טראָגן ווייטער אין זיך די אָפּגע־שוואַכטקײַט מיט דער אונטערטעניקײַט פֿון די לעצטע טעג:

„וואָס וויל מען פֿון איר האָבן?... וואָס וויל מען זי פֿאַר אַ מאַמע מאַכן?... אַז זי קאָן ניט זײַן קיין מאַמע... אַז זי וויל נישט האָבן קיין קינד...”

★

אין יענעם זעלבן טאָג איז זי געווען בײַ אידען און איז בײַ איר געוואָר געוואָרן, אַז צוויי דאָקטוירים־אַקושערן קענען „עס” דאָ אין שטאָט מאַכן:

„איינער איז אַ עלטערער קריסט: ער זאָגט פריִער אָפּ צוויי שאָ מוסער און הייסט זיך נאָכדעם געבן „דערפֿאַר“ נישט ווייניקער פֿון צוויי הונדערט רובל. און דער צווייטער איז אַ ייִד און נאָך אַ יונגער. ער נעמט „הערפֿאַר“ נישט מער ווי הונדערט רובל, און מ'זאָגט, אַז ער מאַכט עס אויך גאַנץ גוט“.

זי איז אויך געווען באַם יונגערן דאָקטער, דעם ייִד, און האָט מיט אים גערעדט. ענטפֿערנדיק אויף זײַנע אָנפֿראַגן, האָט זי געפֿילט, ווי ער באַליידיקט זי מיטן בליק, מיט זײַנע אומרײנע מאַכשאָוועס און מיטן טאָן, וואָס אין אים ווײַל ער איר געבן אָנצוהערן, אַז ער נעמט זיך אונטער „דאָס“ צו טאָן, נאָר ער קוקט דאָך אויף איר, ווי אויף אַ זינדיקער און פֿיל נידעריקערער פֿון זיך, און כאַזערט דערפֿאַר נאָכאַמאָל איבער:

„עפּשער איז זי נאָך אַ פֿרײַלן און ווײַל דערפֿאַר, אַז קיינער פֿון אירע אייגענע זאָל זיך וועגן דעם נישט דערוויסן? אים איז דאָס, אייגנטלעך, אַלצײַנס, ער וויל מיט דעם נאָר זאָגן, אַז דאָ אין קאָבינעט איז פֿאַר אים די סאַקאָנע גרעסער, און ער פֿאָדערט דערפֿאַר אַ צווייענדיקן לוין“.

ער האָט געזאָגט:

„צוויי וואָכן קענען „מיר“ נאָך יעדנפֿאַלס צווואַרטן און פּרוּוון אַ פּאָר מיטלען, וואָס קאָנען נישט שאַטן“.

ס'האָט זי געשניטן פֿונעם וואָרט „מיר“. זי האָט אים פֿלוצעם די רייד איבערגעשלאָגן און אים געגעבן צו פֿילן, אַז ער איז אַ שאַרלאַטאַן:

„גוט, ער וועט באַקומען אַ צווייענדיקן לוין“.

און נאָכדעם איז זי שוין רויִק באַ זיך אין עסצימער געלעגן און האָט געציילט די טעג, וואָס זײַנען נאָך ביז אָט די צוויי וואָכן געבליבן:

„ווען קומט אויס אָט דער טאָג?... מאָנטיק נאָך שאַבעס קומט ער אויס“.

און נאָכדעם איז שוין נישט געווען, וועמען צו דערציילן וועגן זיך, וועגן דער נאָענטער סאַקאָנע, וואָס שרעקט זי נישט, און וועגן

דעם, וואָס איר האָפענונג אַפ דעם קומענדיקנ לעבנ איז שוינ געווײס מעסופּעקדיק אונ קליינ. אונ דאַכ ציט נאָכ ערגעצ דאָס האַרצ, אונ פאַרשיידענע פּלענער קומענ נאָכ אַפנ זינענ אַרופּ. אונ ס'טראַכט זיכ נאָכ וועגנ זיכ אונ וועגנ נאָסנ העלערס קאַפּעקע־צײַטונג, וואָס האָט שוינ די לעצטע צײַט אָנגעהויבנ אַרויסצוגײנ אונ איז שוינ אַרײַנ־געדרונגענ אַפילע צו שמוליקנ אינ קאַבינעט:

„אָט, איז שוינ אַפילע ער, נאָסנ העלער... ער האָט דאָכ זיכ שוינ אויכ צו עפּעס דערשלאָגנ".

דאָרטנ אינ קאַבינעט איז שמוליק מיט אָט דער צײַטונג אונטער׳נ אָכ פונ זײַנע יעסורימ געזעסנ; אַרײַנקוקנדיק אינ איר, ווי אַנ אָוול, האָט ער גאַנצע שאָענ געשוויגנ, אײנזינענ געהאַט מירלענ אונ האָט זיכ נישט דערוועגט צו גײנ אונ אָנהייבנ מיט איר צו ריידנ. ער האָט אויסגעזענ ווי א מענטש, וואָס פאַסט האַפּסאָקעס. ס'ראָוו איז ער אינ גוראַלניע געזעסנ. אונ איז ער אַהער געקומענ, איז ער געשלאָפנ באַנאַכט אינ קאַבינעט אונ איז זעלטנ וועגנ פונ דאָרטנ אַרויסגעגאַנגענ.

דער יינגערער ליובאַשיצ, דער סטודענט, איז איינמאָל צו אים מיט זײַנע נײַנ מאָס רייד אַרײַנגעקומענ. האָט ער נישט געקאָנט פאַר־לײַדנ, וואָס ער, ליובאַשיצ, רעדט אַזוי לוסטיק אונ הילכיק, בעשאַס מירל ליגט אינ צווייטנ ביידער אַפ דער קאַנאַפּע, אונ האָט אים נאָ די ערשטע ווערטער אָפּגעשטעלט:

„שאַ... שטילער א ביסל... וואָס איז אַפ דיר אַזוינס די סימכע?.."

XIV

אונ דער מאָנטיק איז געקומענ.

אַרומ עלפ אַזייגער איבערפרי איז שמוליק מיטנ טראַמוויי פונ שטאָט אָנגעקומענ אונ האָט דערזענ פונדערווײַטנס:

מירל שטייט לעבנ דער טראַמוויי־סטאַנציע אינ קאַראַקולענעמ סאַק אַקעגנ א גוי, א שטאָט־שאָליעכ. זי שיקט מיט עמעצנ איבער א בריוו, אונ דער גוי, וואָס אינ רויטנ היטל, שאָקלט צו איר מיטנ קאָפּ אונ הערט אויס די סימאָנימ פונעמ מענטשנ, וואָס אימ טאָ־דאַרפ ער דעמ בריוו אינ האַנט אָפּגעבנ.

שמוליק האָט זיכ צוליב עפּעס צוריק אינ שטאָט אַריינ אומגע־קערט. ווענ ער איז אַרומ דרייַ אַזייגער אַהיימ געקומענ, איז נאָכ מירל נישט געווענ. ער האָט זיכ א ווײַלע דאָרטנ איינער אַלײנ אַרומ־געדרייט, אַרויסגעגאַנגענ אינ הויפ אונ געהייסנ די פור שפּאַנענ. שפּעטער איז צומ פאָטער אינ שטוב אַרײַנגעקומענ אונ האָט דאָרטנ דער־ציילט, אַז שמוליק פאָרט ווידער אינ גוראַלניע אַוועק, איז דער מו־טער זײַנער דערפונ אַזוי מאָדנע געוואָרנ. זי איז צו אימ אינ שטוב אַרײַנגעקומענ אונ האָט אימ שוינ דאָרטנ געטראָפנ אינגעמ ווענ־פוטער.

„שמוליק, האָט זי בא אימ געפרעגט, דו ביסט דאָכ אָקאָרשט נעכטנ פונ גוראַלניע געקומענ?"

שמוליק האָט דעמ קאָפּ אַראָפּגעלאָזט.

„מאָרגנ אינ אָוונט, האָט ער געזאָגט, פאַרגייט גרויס־כאַגע; מ'באַ־דאַרפ זיכ פאַנאַנדערצאָלנ מיט די אַרבעטער".

אונ באַלד האָט ער זיכ צומ פענצטער אויסגעדרייט אונ גענומענ שווײַגנדיק וואַרטנ, די געשפּאַנטע פור זאָל וואָס גיכער פונ הויפ אַרויספאָרנ.

★

אינ יענעמ זעלבנ טאָג, ווענ אינ די טונקעלע הײַזער פונ פאַרשטאָט האָט מענ צו נאַכט־צו לאָמפּנ געצונדנ, האָט זיכ א צוויי־פערדי־קער שליטנ, אנ עקיפּאַזש, לעבנ דער פאַראַד־טיר פונ שמוליקס פליגל אָפּגעשטעלט, אונ א גוי, א שטאָט־שאָליעכ, האָט פונ אימ מירלענ אַראָפּגענומענ אונ זי אונטער דער האַנט אינ שטוב אַרײַנגעפירט. מירל איז געווענ צופיל בלאַס אונ האָט קוימ מיט די פיס געפּלאָנטערט. מיט דער הילפ פונעמ גוי, וואָס אינ רויטנ היטל, האָט זי זיכ אינ שלאָפ־צימער פאַרשלעפּט אונ זיכ דאָרטנ אָנ קויכעס אינ בעט אַרײַנגע־וואַלגערט. דאָס איבערגעשראָקענע דינסטמיידל, וואָס האָט איינע אַלײנ די שטוב געהיט, האָט געוואָלט מאַכנ א גוואַלד אונ זיכ צו דער שוויגער אינ שטוב געלאָזט לויפנ, נאָר מירל האָט זי שוואַכערהייט אָפּגעשטעלט אונ זי צומ בעט צוגערופנ:

„מ'באַדאַרפֿ נישט. מ'באַדאַרפֿ נישט... זאָל זי נעמענ דאָס ביטעלע, דעמ גוי באַצאָלנ און זיכ נישט דערוועגנ קיינעמ וועגנ דאָס אַלצ אַ וואָרט צו זאָגנ".

ס'האָט זי געשלעפֿערט פֿונ שוואַכקייט און פֿונ ווייטעק, און דאָס פּאָנעמ איז באַ איר אַ ביסל פֿאַרקרימט געווענ. זי איז געלעגנ אינ בעט מיט פֿאַרמאַכטע אויגנ און זיכ אַ גאַנצע נאַכט געפּלאָנטערט צווישנ די פֿיל קרענקלעכע געשעענישנ פֿונעמ איבערגעלעבטנ טאָג. ס'האָט זיכ געדענקט דאָס שאָענ־לאַנגע וואַרטנ באַמ דאָקטער אינ אופֿנעמ־כיידער, די יונגע דאַמע אינ טרויער, וואָס איז דאָרטנ געזעסנ, דאָס אופֿגערעגטע קלייגשטעטלדיקע ווייַבל, וואָס איז אַלעמאָל מיטנ שרעק איבערנ כיידער אַרומגעלאָפֿנ, דאָס נאַריש שעמעוודיק געלעכטער פֿונ דער פֿריילינ מיטנ אינטעליגענטישנ פּאָנעמ, וועמענ ס'האָט אַהינ צו פֿירנ געבראַכט אַנ עלטערע ייִדענע, אַנ אַקושערקע. אַלצ האָט זיכ געמישט צוזאַמענ מיט דער פּראָסטיקער זונענ־שייַנ, וואָס האָט אַהינ דורכ די צווייענדיקע פֿענצטער אַרייַנגעקוקט, און אַלצ איז פֿאַרשוווּנדנ אינ יענעמ מאָמענט, ווענ הינטער איר, מירלענ, האָט זיכ די טיר פֿונ קאַבינעט פֿאַרמאַכט. מיט איר איז עפּעס נאָכדעמ אינ דרויסנ געשענ. פֿונ די פֿיס, האָט זיכ איר געדוכט, וועט זי באַלד אומפֿאַלנ, און דער קאָפּ האָט זיכ איר פֿאַרדרייט דענסטמאָל ווענ זי האָט פֿונדערווייַטנס דעמ גוי, דעמ שטאָט־שאָליעכ, דערזענ. נאָר איצט איז שוינ אַלצ פֿאַרבײַ, און אינ דרויסנ איז שוינ נאַכט, און זי ליגט שוינ דאָ אופֿנ בעט, לייַדט אַ ביסל פֿונ ווייטעק און געדענקט איינ זאַכ:

„די סאָקאָנע פֿונ טראָגנ האָט זיכ שוינ געפֿעלט, גאָר איצט שטייט איר פֿאָר אַ נייַע סאַקאָנע. און מעגלעכ... זייער מעגלעכ, זי זאָל שוינ מער פֿונ אָט דעמ בעט ניט אַראָפּקריכנ..."

★

אופֿנ דריטנ טאָג אינדערפֿרי, ווענ שמוליק איז פֿונ דער גוראַלניע געקומענ, האָט שוינ באַ איר דעמ צווייטנ טאָג פֿונ היצ דאָס פּאָנעמ געפֿלאַמט. די ליפּנ זייַנענ איר געווענ פֿאַרטריקנט, און אינ גאַנצנ בייַדער האָט זיכ אַפֿילע קיינ איינציק רעפֿוע־פֿלעשל נישט געפֿונענ.

מירל האָט אים פֿאַר דער האַנט געהאַלטן און אים געבעטן, אַז אַלץ זאָל בלייבן בעסאָד:

„שמוליק, כ'האָב עס געמוזט טאָן. מיר וואָלטן דאָך ביידע אייביק אומגליקלעך געווען".

האָט ער שטייענדיק לעבן איר באַם בעט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, אויסגעזען שטאַרק דערשלאָגן און דאָך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

„גוט... ס'וועט קיינער וועגן דעם נישט וויסן".

ער האָט זיך בכלל פֿאַר דער לעצטער צייט אַזוי איבערגעביטן, שמוליק, באַטאָג, ווען די מוטער האָט אים אין באַזונדער ביידער אָפּגערופֿן און עפּעס וועגן מירלען אָנגעהויבן זאָגן, האָט ער זיך אָנגעברוגזט און זיך שוין אַפֿילו בייזערן אָנגעהויבן:

„וואָס וויל מען פֿון מירלען? יעדער קומט מיט טענעס אַקעגן מירלען".

און אַליין איז ער נאָכדעם שאַנעוויין איבער זיין שטוב אַרומגעגאַנגען און האָט געקלערט וועגן זיין נייעם פּלאַן, וואָס ער באַדאַרף מירלען פֿאַרלייגן, און וועגן דעם, וואָס ער קאָן מיט איר ערגעץ וווהין אָפּפֿאָרן אַף עטלעכע טעג און אַרויסלאָזן א קאָל, אַז ער האָט זי געגעט.

„ער, שמוליק, וועט שוין סיי־ווי־סיי נישט כאַסענע האָבן. ס'טויג אים נישט זיין לעבן מיט די גרויסע געלטער, וואָס ער פֿאַרדינט — וועט ער כאָטש וויסן איין זאַך: ערגעץ־ווו געפֿינט זיך מירל, און ער שיקט איר אַרויס אַף צו לעבן... ער איז גרייט איר אַרויסשיקן אויך דעם געלט אין יעדער מינוט, וואָס זי וועט אים באַדאַרפֿן".

אַף מירלס נאָמען זיינען דערווייל צום אַלטן זיידענאָווסקין אין שטוב פֿיל טעלעגראַמעס פֿון ערגעץ אָנגעקומען. אַלעמאָל האָט מען אַהין אין שטוב שמוליקן גערופֿן און זיך מיט אים וועגן די טעלעגראַמעס געסוידעט. שמוליק איז געווען דערשראָקן, געלייענט יעדע ניי־אָנגעקומענע טעלעגראַמע מיט א קלאַפּנדיק האַרץ און איז צולעצט ערגעץ אין גרויס אייַלעניש מיטן שנעלצוג אַוועקגעלאָפֿן. אין א פּאָר טעג אַרום האָט ער זיך צוריק אומגעקערט מיט א בלאַ־פּאָנעם און מיט שטאַרק רויטע אויגן. ער האָט, אַפּאָנעם, ערגעץ

שאָען=לאַנג געוויינט. מירל איז דערנסטמאָל מיט אַן אָפּגעשוואַכט פּאָ־נעמ אינ בעט געזעסנ אונ קיינ היצ האָט זי שוינ נישט געהאַט. זי איז געווענ פאַרקלערט, געקוקט אינ פענצטער אונ בא אימ גאָרנישט נישט געפרעגט. אונ ער איז געשטאַנענ אַנטקעגנ איר מיט א דער־שלאָגנ אויסזען, זיכ פאַר עפּעס געשראָקנ אונ איז געווענ גרייט צו זאָגנ דעמ צוגעגרייטנ ליגנ:

„כ'בינ געווענ בא דער מומע פערל, בינ איכ געווענ. א זונ האָט זיכ, נעבעכ, בא איר געפעלט".

אינאָוונט איז געקומענ דער יונגער אונ וויקסיקער דאָקטער, דער שאַטענ. ער האָט זיכ געהיט פאַר א פרעמד אויג, אָט דער דאָקטער, דערפאַר איז ער געקומענ באַנאַכט, זיכ באַמ אַרייַנגאַנג אַרומגעקוקט, ווי א גאַנעוו, אונ איז בא מירלענ אינ כיידער נישט מער ווי א מי־נוט צוויי געזעסנ.

„אַלצ איז אינ אָרדענונג, האָט ער געזאָגט, מאָרגנ וועט מירל מעגנ פונ בעט אופשטיינ".

ער האָט זיכ געייַלט אונ זיכ באַלד אַוועקגייג געלאָזט. שמוליק האָט אימ, ווי א גוטנ־ייִדנ, פונ שטוב אַרויסבאַגלייט אונ דעמ לאָמפּ פונ קאַבינעט מיטגעטראָגנ. האָט ער אָפּ אימ מיט זײַנע דורכגעטרי־בענע אויגנ א קוק געטאָנ אונ אימ געהייסנ דעמ לאָמפּ אַוועקשטעלנ.

„א יאָלד א מאַנ בא איר, האָט ער וועגנ מירלענ א טראַכט געטאָנ, שוינ, אַפּאַנעמ, גאָר א קליינער באָכעמ".

נאָר שמוליק איז געווענ פאַרטומלט אונ האָט שוינ גאַנצע פינפ אונ צוואַנציק רובל גרייט געהאַלטנ. האָט ער מיט איינ האַנט די אַסיגנאַציעס בא אימ א ריס געטאָנ אונ די צווייטע האַנט אימ אַפּנ אַקסל אַרופגעלייגט.

„א ווײַבל בא אײַכ, האָט ער אימ אינ אײַלעניש א כאַנפּע געטאָנ, א שטאַרקס.. האַלעווײַ אָפּ אַלע ייִדנ געזאָגט געוואָרנ".

★

צו טאָג איז שוינ איצט געבליבנ גאָר א קלייניקייט:

מ'האָט באַדאַרפט אַרייַנגייג צו שמוליקנ אינ קאַבינעט, אימ דאָר-

מיג אפ א רעגע מעוואטל זיינ פונ זיינע בעזשבוינעם אונ פלוצעמ אָנהייבנ צו אימ ריידנ:

„שמוליק, מאָרגנ פאָרנ מיר אינ שטאָט, וואָס ליגט אראָפּ טײַב".

נאָר אלייג איז זי נאָכ אזוי שוואכ פונ דער שלאָפקײַט געווענ. אונ שמוליק איז הערצו אינ איינעמ א פּאַרטאָג פלוצעמ קיינ ווארשע אוועקגעפאָרנ אונ איר געלאָזט בא דעמ דינסט־מיידל א בריוו, ווו ער האָט איר זיינ נייעמ פּלאנ פאָרגעלייגט. א גאנצע נאכט איז ער צוליב אָט דעמ בריוו נישט געשלאָפנ, אימ פיל מאָל איבערגעשריבנ אונ פיל מאָל איבערגעלייענט. ער איז געבליבנ פונ אימ צופרידנ, אונ דערפאר שוינ ביזנ פאָרנ נישט געקענט אנשלאָפנ ווערנ. אונ מירל האָט נישט מער ווי די ערשטע עטלעכע שורעס דורכגעקוקט אונ דערשטוינט בא דעמ דינסטמיידל געפרעגט:

„וואָס?"

אונ נאָכדעמ האָט זי דעמ בריוו צוריק אינ קאָנווערט ארײַנגעלייגט אונ אימ צוריק דעמ דינסטמיידל אָפּגעגעבנ. געטאָנ האָט זי עס אזוי פאַמעלעכ. זי איז ביכלאל געווענ רויִק אונ האָט איצט נאָכ דער שלאָפקײַט מער ווי שטענדיק געדולד געהאט. זי האָט זיכ פּאַמעלעכ צו די קרעפטנ אומגעקערט אונ רויִק געווארט אפ דער צווייטער וואָכ, ווענ זי וועט זיכ שוינ אינגאנצנ געזונט פילנ, אונ שמוליק וועט צוריק פונ ווארשע קומענ.

אלע באטאָג האָט זי זיכ אָנגעטאָנ אינעמ סאמ מיטנ שווארצנ שארפ. צו גיינ אינ שטאָט ארײַנ איז זי נאָכ געווענ צו שוואכ, איז זי געשטאנענ אינ דרויסנ לעבנ די טרעפּלעכ פונ איר פּאראד־טיר, פּאַמעלעכ ארומגעשפּאנט אהינ אונ צוריק אונ ארויסגערופנ בענקשאפט בא פארמעגלעכע געשעפט־מענטשנ, יונגעלײַט, וואָס זײַנענ דאָ מיטנ וועג אפ זייערע אייגענע אונ געדונגענע דראָשקעס דורכגעפאָרנ. אלע האָבנ אהער געדרייט די קעפּ אונ פונ איר די אויגנ נישט געקענט אָפּרײַסנ, אונ אלע האָבנ זיכ דערבײַ געפילט אזוי מאָדנע, גלײַכ זיי וואָלטנ נאָכ קיינמאָל נישט געזינדיקט, אונ זי וואָלט זיי יאָרנ־לאנג, ווי אנ אומבאקאנטע קאלע, צו כאָלעמ געקומענ.

באמ שווער אינ שטוב האָט מענ שוינ געוווסט, וואָס זי האָט

פאר די לעצטע צוויי וואכנ אפגעטאנ. די שוויגער האט זיכ דארטנ אפט אינמיטנ העלנ טאג מיט איר מאנ מעיאכעד געווענ. געזעסנ אנטקעגנ אימ מיט א פלאמענדיק פאנעמ אונ פארדראסיק-אונטערגעקליבענע נאז-לעכער אונ האט זיכ שיר נישט געעקט פונ פארדראס אונ אומבאהאלפנקייט:

„איכ זאג דיר: אפילע בא די גוייִמ איז שוינ זעלטנ אזא מינ אויסוווּרפ".

אונ זי האט זיכ הענסטמאל ארומגעדרייט בא זיכ אינ כיידער, געדענקט דאס טראגנ, וואס זי איז אימ פונ ניצל געווארנ, אונ האט שוינ ווידער ווינציק געגלייבט אינעמ גייִעמ לעבנ, וואס איר שטייט פאר. זי האט נישט געהאט וואס צו טאנ, האט זי ווידער אנגעהויבנ צו גיינ אינ שטאט ארייִנ אונ איז שוינ דארטנ נאכאמאל אפ גאנצע איינטנ פארפאלנ געווארנ, צומ אנהייב האט קיינער נישט געוווּסט, וווּהינ זי גייט אונ בא ווענעמ זי פארברענגט, נאר סאפקאלסאפ האט זי עמעצער פונ איר מאנס קרויווימ באגעגנט אפ דער גאס, ווו ס׳געפינט זיכ נאסנ העלערס קווארטיר, אונ בא דער שוויגער אינ שטוב האט מענ שוינ וועגנ דעמ גערעדט אפנ אונ קלאר:

„וואס פאר א שיילע? אז יענע איז אנ אויסוווּרפ... אז זי האט אימ נאכ פונ מיידלווייז ליב, דעמ באכער, אונ זיצט בא אימ איבער גאנצע אווּנטנ".

★

שמוליק האט זיכ אינ איינעמ פונ אט די טעג פונ ווארשע אומגעקערט, זיכ געהייסנ איבערטראגנ זייִנ בעט אינ קאבינעט ארייִנ, אופגעהערט צו גיינ צופ פאטער אינ שטוב אונ ביכלאל אנגעהויבנ לעבנ, ווי א פארעש. אינ זייִנ שטילער אופירונג אונ דערשלאגענעמ אויסזענ האט זיכ שוינ איצט געפילט עפעס פאראקשנטס אונ שטומס, אונ געדוכט האט זיכ, אז, ארומשפאנענדיק בא זיכ אינ כיידער, געפינט ער זיכ גלייכצייִטיק ערגעצ ווייִט, איבער א הונדערט מייִלנדיקער שטרעקע. אידרא שפאליאנסקי האט אימ איינמאל אינ שטאט באגעגנט אונ וועגנ געט בא אימ געפרעגט, האט ער איר געענטפערט אזוי קאלט אונ שטיל:

„ווער ווייסט?.. ס'קאָן זײַן, ס'זאָל זיך נאָך אינגאַנצן איבערדרייען".

אידא האָט דערטאָמאָל דורכן טעלעפאָן מירלען אַרויסגערופֿן, אַרומגענומען מיט איר בײַן פֿאַרנאַכט איבער די שטילע גאַסן און איר עס איבערדערציילט:

„אָט וועסטו זען... איצט גיט איר שוין שמוליק קיין געט ניט".

מיט איר אַבראַמען איז דאָך צוריק מיט פֿיר יאָר פּונקט דאָס זעלבע פֿאָרגעקומען. אינגאַנצן די צײַט איז ער געווען גרייט איר געט צו געבן, נאָר ווען ס'איז געקומען צו דער רעכטער מינוט, איז ער אָפּ אַ גאַנצן בוידעש פֿון דער היים אַוועקגעפֿאָרן און האָט איר איבערגעגעבן דורך זײַן קלענערן ברודער זיאַמען:

„לעסאַטע דאַרף דאָך אידא דעם געט ניט האָבן, און אַז ער וועט איר נייטיק זײַן, וועל איך אים איר אין משך פֿון צוויי יאָר צושטעלן".

★

מירל איז אין יענעם אָוונט מיט אַן אומעטיק און אויסגעמאַטערט פּנים צו העלערן געקומען, געלעגן לענגער ווי אַלעמאָל אויף זײַן קאַנאַפּע און איז מער, ווי טאָמער, פֿאַרטראַכט געווען. ס'איז געווען קלאָר: נײַן גייט זי אַהער נישט צוליב העלערן, נאָר צוליב זײַן שטילן צימער, וווּ זי קאָן רויִק וועגן איר קומענדיקן לעבן טראַכטן, זעלטן ווען האָט זי אין בײַדער די שטילקייט איבערגעריסן, זיך געהייסן אונטערשפּרייטן איר ווייס טיכל אויפֿן קישן, דערפֿאַר וואָס העלערס ציכל איז שוין נישט גאָר ריין געווען, זיך צוריק אַוועקגעלייגט און האָט איינע און די זעלבע ווערטער איבערגעחזרט:

„ס'איז איר גוט דאָ אין צימער... זי האָט זיך, דוכט זיך, אין ערגעץ אַזוי גוט נישט געפֿילט".

און דעריקער גוט איז איר שוין דאָ, אַפּאָנעם, געווען נאָך דערפֿאַר, וואָס ער, העלער, האָט, טאָפּקאָלסאָפּ, סײַכל באַקומען און האָט מער וועגן באַסענע האָבן מיט איר נישט גערעדט.

זי האָט דערציילט:

„ס'הייבט זי לאַבלוטנ נישט אָנ צו אַרנ דאָס, וואָס אירא האָט איר איצט דערציילט".

ס'איז גענוג, זי, מירל, זאָל שמוליקנ איינ וואָרט זאָגנ, אונ ע' וועט איר באַלד געבנ געט. ס'איז מער נישט:

מיט אָנדערהאַלבנ כאַדאָשימ צוריק האָט זי אַזוי קלאָר געוווּסט, צוליב וואָס זי באַדאַרפ דעמ געט האָבנ, איז איצט ליגט זי אונ טראַכט וועגנ די מײַסימ, וואָס זי האָט ביז הײַנטיקנ טאָג אָפּגעטאָנ:

אַלצ, וואָס זי האָט ביז הײַנטיקנ טאָג אָפּגעטאָנ, איז געווענ נישט פונ אייגענעמ ווילנ, נאָר מאַכמעס נײַגעריקײַט אונ ראַכמאָנעס.

זי אַליינ האָט אַזוי ווינציק פונ איר לעבנ האַנאָע געהאַט, זי וואָלט בעעצעמ איצט געמעגט אַלט זײַנ אַכצנ יאָר. נאָר ווענ זי וואָלט איצט בעעמעס אַכצנ יאָר אַלט געווענ, וואָלט איר דאָך קיינ נייער שריט אינ לעבנ נישט פאַרגעשטאַנענ, אונ איר וואָלט ווידעראַמאָל געבליבנ נישט מער, ווי ראַכמאָנעס האָבנ אַפּ איר פּאָטער אונ אַפּ זיך, כאָטשע האָבנ נאָכאַמאָל מיט שמוליקנ, זיך מיט אימ געטנ אונ ווידער ליגנ אונ טראַכטנ:

„נו, גוט: זי האָט זיך שוינ מיט אימ געגעט. אונ וואָס וועט זי טאָנ ווײַטער?"

העלער האָט אַרײַנגעלייגט די הענט אינ די הויזנ־טאַשנ אונ גע־נומענ אַרומשפּאַנענ איבערנ כיידער. ער איז געווענ פול מיט דער־וואָרגענעמ פּאַרדוֹאָס:

„ער איז דאָך בא איר גאָרנישט... קומענ קומט זי דאָך אַהער נישט צוליב אימ, נאָר צוליב זײַנ קאַנאַפּע אונ צוליב זײַנ שטילנ כיידער, ווו זי קאָנ רויק וועגנ זיך טראַכטנ. קיינ פרוי האָט זיך נאָך, דוכט זיך, קיינמאָל מיט קיינ מאַנצבל אַזוי נישט געפירט".

ער האָט איר נאָכגעקוקט, בעשאַס זי האָט זיך אָנגעטאָנ, בעשאַס זי האָט זיך געלאָזט אַוועקגיינ, אונ בעשאַס ער האָט זי אינ דרויסנ באַגלייט. זי איז געווענ פאַרטראַכט, האָט ער געהאַט פאַר איר דערעכערעצ.

אונ נאָכדעמ האָט ער שוינ ווידער געוואַרט אַפּ איר אַלע אָוונט בא זיך אינעמ שטילנ גרינ־באַלויכטענעמ כיידער אונ געבענקט נאָך איר, ווי מע בענקט נאָך א פרוי, מיט וועמענ מ'האָט נישט לאַנג געהאַט

קאַשערע, לאַנג־דערוואַרטע כופּע־וועקידושנ. די לופט האָט דאָ אינ ביידער מיט איר רייעכ געשמעקט. ס'האָט געצויגנ צומ אָרט, ווו זי איז געלעגנ, אונ צו איר דערהויבעטער אומעטיק פּאָנעמ, אונ געדענקט האָט זיכ, אַז איבער איר האָט ער אַמאָל דאָס גרייט זיכ צומ קאָנקורס אָפּגעלאָזנ; אַז די געוועזענע קאַלע זײַנע האָט שוינ אינגיכנ דאָ אינ שטאָט כאַסענע פּאַר עפּעס אַ יונגנ אַלמענ, אַ יוריסט; אַז די געשעפטנ זײַנע אינ דער קאָפּעקע־צײַטונג גייענ שלעכט, אונ אינ שטאָט רעדט מענ שוינ וועגנ דעמ:

„זי האַלט זיכ נאָכ אופ מיט גויִמ, די קאָפּעקע־צײַטונג, אונ וועט זיכ שוינ אינגיכנ אינגאַנצנ אָפּשטעלנ".

נאָר מירל איז שוינ צו אימ געקומענ סאַכאַקל איינ מאָל, אונ נישט מער, ווי אויפ עטלעכע מינוט. זי איז געווענ געדריקט אונ דערשלאָגנ נאָכ א שטאַרק אומאָנגענעמער סצענע, וואָס איז פריִער א ביסל צווישנ איר מיטנ מאַנ צוליבנ געט פאָרגעקומענ. אונ האָט נישט געוואָלט וועגנ דעמ דערציילנ. א פּאָר מאָל האָט זי זיכ נאָר דאָ אינ ביידער מיט אירע געדאַנקענ דורכגעשפּאַנט.

זי האָט נישט גערעדט, די קאַלאָשנ מיטנ סאַק נישט אויסגעטאָנ, אונ אַז זי האָט אַראָפּגעשלונגענ, איז דאָס איר אָנגעקומענ שווער, ווי א מענטש, וואָס פאַסט. נישט אומקוקנדיק זיכ צו אימ, האָט זי זיכ באַלד צוריק אַוועקגייִנ געלאָזט. ער האָט זי געוואָלט באַגלייטנ, האָט זי אימ געהייסנ דאָ אינ שטוב בלײַבנ. ער איז איר דאָכ אינ דרויסנ נאָכגעגאַנגענ, זי אָנגעיאָגט באַמ נאָענטנ קוואַרטאַל אונ איר געזאָגט א פּאָר ווערטער, וואָס ער אַליינ האָט שוינ אינ זיי נישט געגלייבט:

„איינער וויל באַ אימ די קאָפּעקע־צײַטונג אָפּקויפנ אונ לייגט אימ פאָר פינפ טויזנט רובל... זיי וואָלטנ געקאָנט אַוועקפאָרנ קיינ אויסלאַנד... ס'וואָלט עפּשער קלעקנ, ביז ער וועט דאָרטנ אָפּ אינזשעניער ענדיקנ".

זי האָט זיכ צו אימ ווידער נישט אומגעקוקט, געמאַכט גיכע טריט אונ נאָר מיט די אַקסלענ א צי געטאָנ. איז ער צולעצט געבליבנ שטיינ אונ שוינ פונווײַטנס געזענ, ווי זי זעצט זיכ אַרײַנ אינ טראַמוויי אונ פאָרט צוריק צו איר שטוב, וואָס זי האָט פײַנט.

א צוויט מאָל האָט ער זי באַגעגנט אין גאַס לעבן גרויסן און רייכן הויז, ווו ס'וווינט איר מאַנס קאָרעוו מאַנטשיק. זי איז געגאַנגען מיט א דאמע א ברונעטן, וועלכע האָט אויסגעזען מיט א פינפצעקס יאָר עלטער פון איר, אפּאָנעם, איר געשוועסטערקינד אידא שפּאָליאנסקי איז דאָס געווען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט דעם הוט אראָפּגענומען. זי האָט אים באַמערקט, נאָר זי האָט, ווי פריער, געקוקט צו דער דאמע, צו איר עפּעס געזאָגט און איז אזוי גאָר נאָענט פאַרביי אים אדורכגעגאַנגען. איר פיגור האָט אויסגעוויזן אזוי פאַראקשנט און שטרענג, און דערציילט האָט זי אָן לאָשן וועגן איר, דער באַסיעבידיש־אומגליקלעכער: זי האָט טאַקע נישט קיין אָרט אין לעבן, נאָר זי איז אין עפּעס איינגעשפּאַרט און האָט נישט קיין ראַכמאָנעס נישט אף זיך און נישט אף קיינעם.

זי האָט זיך פאַרקערעוועט לעבן איינעם א קווארטאַל און איז דאָרטן צוזאמען מיט איר באַקאַנטער דאמע פאַרשוואונדן געוואָרן. האָט ער דאָ אף זיין אָרט א זייפּצ געטאָן, אָנגעטאָן צוריק זיין הוט און גענומען שפּאַנען ווייטער זיין וועג.

ער האָט באַדאַרפט אריינגיין צו מאַנטשיק זיידענאָווסקין, זיך פילן לעבן אים שלעכט, ווי לעבן מירלס מאַנס א קאָרעוו און אים דאָרטן זאָגן:

„עפּשער קאָן ער פאָרט פאַר זיין קאָפּעקע־צייטונג א שוטעף מיט געלט קריגן?...״

XV

מאַנטשיקס שרייב־טיש איז א נידעריקער, א שווערער און א ברייטער. אכוץ די פאַרשיידענע שווערע זאכן, געפינען זיך אויך אף אָט דעם טיש די בילדער פון זיין געשטאָרבענעם פאָטער און פון מירלען, וואָס שטייען אין צוויי באַזונדערע לעדערנע רעמלעך און קוקן גלייך צו אים, דעם יונגן באַלעבאָס. פאַרקוקט זיך מאַנטשיק טיילמאָל אפן בילד פון דער לעצטער, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אף א האַנט און באַקומט גרויסע אויגן:

„עפּעס טוט זיך מיט מירלען...״

נאָכן לעצטן מאָל, וואָס ער האָט זיך מיט איר אין גאַס באַגעגנט

און זי איבער דער קייטג־בריק באגלייט, איז צו אים געקומען א שטאָט־שאַליעך מיט אירן א בריוו; זי האָט געבעטן, ער זאָל איר צוויי הונדערט רובל אנטלייען. און נאָכדעם זייען אים שוין די צוויי הונדערט רובל אָנגעקומען צוזאמען מיט שמוליקס א צעטעלע, וואָס אין אים איז געשטאנען:

„ש״ב היקר ומו״ה מאָנטשיק! חן, חן לך בעבור הג״ח שגתת לרעיתי מירעלע ת״.[116]

פון עסצימער קומט צום אים אריין זיין קליין עלף־יאָריק ברודערל, איז ער אים מעכאבעד אפן קאָל:

„א, ר׳ ליאָליע!... וואָס וועט עפּעס זאָגן א ייִד ר׳ ליאָליע?״

ליאָליע האָט איניינעם מיט אים פיינט די שקאָציםן, וואָס קומען צו דער שוועסטער דער זינגערן, און קאָן, ווי ער, איר קוויטשערייִ נישט פארלײַדן, מאָנטשיק האָט אים ליב, דערפאר, וואָס ער איז א געשטעלטער און אויסגעראַרט ייִדעלע, האָט א גוטן קאָפּ, כאפּט אָפּט די שוועסטער אין א ליגן און, דעריקער, דערפאר, וואָס פון אים, ליאָליען, וועט שוין געוויס עפּעס זיין. ער האָט אים אויך ליב דער־פאר, וואָס מירל האָט אים אמאָל געזען, אָט דעם ליאָליען, געזאָגט, אז ער געפעלט איר, און האָט אים איבערן קעפּל א גלעט געטאָן. געמט ער אים אָן פארן הענטל, פרעגט בא אים עפּעס, דערנאָכמאָל ווען זיינע אויגן קוקן אין אלאכסן אפ מירלס בילד, און דער מויעך טראכט דאָס זעלבע וואָס פריער:

„עפּעס מיט זיך מיט מירלען״.

★

און איינמאָל ארום דרײַ אזייגער באטאָג איז ער פארטראכט בא אָט דעם טיש געזעסן און האָט מיט א מיד קאָל געענטפערט א „גוטן טאָג״ דעם לעצטן פון די פאָר מיניאָנים קליִענטן, וואָס האָבן זיך בא אים פון פרימאָרגן אָן געפּראוועט.

דער קאָפּ איז בא אים געווען מאט און פול מיט די טומלדיקע געשעענישן פון נעכטיקן איבערגעלעבטן טאָג. האָרטן, אין פארשטאָט, באם פעטער יאנקעוו־יאָסלען אין שטוב האָט דעם צווייטן טאָג די

גאַנצע מישפּאָכע זײדענאָװסקי געקאָכט און געזאָטן, און מירל איז שױן האָרטן דעם צװײטן מעסלעם גײשט געװען און האָט שױן גע־װײנט אין האָטעל, װאָס אױף דער שטילער בולװאַר־גאַס. על״פּ אזײגער אין אָװנט האָט מען אהין די מוטער זײַנע, די מומע עסטער, ארױס־גערופן און איר דורכן טעלעפאָן איבערגעגעבן אופגערעגטע יעדיעס װעגן דעם, װאָס דאָרטן אין דער איבערגעפולט־צעשראָקענער שטוב קומט פאָר:

שמוליק איז פארשװוּנדן... פון נעכטן פארנאַכט אָן איז ער פארשװוּנדן... מ'האָט אים שױן געזוכט... אומעטום אין שטאָט האָט מען אים שױן געזוכט. א?... אין גוראַלניע?... אין גוראַלניע אױך".

מאָנטשיק איז געלעגן אױסגעטאָן אין בעט און האָט ביז דרײַ אזײגער אױף דער מוטער געװאַרט. ס'האָט אים געשאָסן אין קאָפּ, און די גאַנצע שרעק, װאָס דאָרט בײַ די זײדענאָװסקיס אין שטוב, איז דאָ אין אים געװען טיף פארגראָבן. ער האָט ניט גערעדט, נאָר בײַ אים אין מױעך האָט זיך שױן עפּעס געדרײט װעגן דעם, װאָס דאָרטן קומט איצט פאָר און װאָס בײַ אַלע קרױװים ליגט דאָרטן אױף אים, מאָנטשיקן, א כשאַד, און ס'איז דאָך נאַריש... ער קאָן איצט אהין נישט קומען.

ארום פיר אזײגער פארטאָג האָט זיך די מוטער פון דאָרטן אומ־געקערט. ער האָט איר אין די אונטערשטע װעש די טיר געעפנט און איז נאָכדעם לאַנג געזעסן בײַ איר אױפן בעט. זײַן צעטראָגענער מױעך איז בעשאַסמײַסע געװען פול מיט פלינקער ארבעט, און די מוטער האָט האַלב צײַט געהאַט... זי האָט שױן, אפּאָנעם, אױך געװוּסט װעגן כשאַד, װאָס פאַלט אױף אים, און האָט שױן גאָר פאַמעלעך די מאָרעשכױ־רעדיקע נײַעס איבערגעגעבן:

„װאָס נו?.. ער איז נישטאָ, שמוליק, און מ'האָט מוירע, אז ס'איז מיט אים עפּעס געשען".

...אז יענער טוט אָפּ אזעלכע מײַסים:

באַלד נאָך „יענערס" אװעקגײן האָט ער אין דרױסן צוגעקלעפּט א בלעטל, אז די שטוב פארדינגט זיך, און אז דאָס מעבל פארקױפט

ער, אונ א בריוו, זאָגט מענ, האָט ער צו די פאָטער אונ מוטער געלאָזט. זיי שעמענ זיכ, א סוואָרע, אָט דעמ בריוו צו באַווייַזנ...

„אידא שפּאָליאַנסקיס שוואָגער דערציילט, אַז ער האָט אימ נעכטנ פאַרנאַכט געזעגנ זיכ ארומדרייענ לעבנ קראָמאָווסקיס אַפּטייק. איצט האָט עמעצער איבערגעלייענט אינ דער אָוונט-צייַטונג, אַז אינ שפּיטאָל-וועלדל האָט מענ א געהאָנגענעמ געפונענ, איז מענ אָקאָרשט נאָרוואָס אינ אנאַטאָמישנ טעאַטער אַוועקגעלאָפנ”.

מאָנטשיק איז אײַנגעשלאָפנ מיטנ טאָג-ליכט, אונ געכאָלעמט האָט זיכ אימ, אַז ער וווינט אינ דעמ זעלבנ האָטעל, וואָס מירל, אינ צווייטנ כיידער וווינט ער דאָרטנ, אונ זעט דורכנ פענצטער, ווי שמוליק דרייט זיכ דאָרטנ אהינ אונ צוריק איבערנ טראָטואַר ארומ.

איצט, נאָכנ האַלבנ טאָג ארבעט, איז ער שוינ געווענ אזוי מיד אונ פאַרטראָגנ. אונ געדענקט האָט ער שוינ, אַז ס'איז א נארישקייַט, אָט דאָס, וואָס, אופשטייענדיק פונ שלאָפ, האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, אַז ער מוז נאָכ הײַנט צומירלענ אינ האָטעל ארײַנגיינ, אונ אַז מירל וועט מיט זײַנ קומענ שטאַרק צופרידנ ווערנ. ער האָט נאָכ באַדאַרפט זײַנ אינ די בענק אונ זיכ אפּנ בירזשע-ראָג מיט עטלעכע מענטשנ זענ. האָט ער אינ אײַלעניש די אָנגעוואָרפענע פּאַפּירנ אינ פײַער-קאַסע פאַרשלאָסנ אונ געכאַפּט אַפּ זיכ דעמ פּאַלטאָ. נאָר אינ דרויסנ בײַ דער טיר איז ער פּלוצעמ אזוי בלאַס אונ פאַרשטיינערט געוואָרנ, גלײַכ ער וואָלט פאַר זיכ א בלאָנדזשענדיקנ מעס דערזענ. אנטקעגנ אימ אפּנ טראָטואַר איז געשטאַנענ שמוליק מיט זײַנ מאַט-געל ערדיש פּאָנעמ; ער האָט זיכ נישט געוואָלט זאָגנ, ווו ער האָט זיכ די לעצטע צוויי נעכט ארומגעוואַלגערט, אונ איז איצט אָנגעקומענ צו אימ, מאָנטשיקנ, נאָכ א טויווע:

„צוריק מיט צוויי טעג, האָט ער דערציילט, איז מירל פונ שטוב אַוועקגעגאַנגענ אונ האָט בײַ אימ קיינ געלט נישט געוואָלט נעמענ... ער האָט זי געבעטנ, נאָר זי האָט נישט געוואָלט אונ איז אַוועקגעגאַנגענ... אונ איצט... עפּשער וואָלט איצט מאָנטשיק ארײַנגעגאַנגענ צו איר אונ וואָלט זי בעטנ, זי זאָל נעמענ געלט...”

XVI

אין א פּאָר וואָכן ארום איז א וווקסיקער יונגערמאַן אין א שווארצן הארבסט־מאנטל און שטארק ברייטן אויסלענדישן הוט ארויסגעגאנגען פון א הויז מיט מעבלירטע צימערן, וואָס אף דער צענטראל־גאס, און האָט זיך פאמעלעך געלאָזט גיין אראָפּ, צו דער קייטן־בריק פון פאָרשטאָט.

דאָס איז געווען הערץ. דער אקושערקעס באקאנטער, הערץ.

זעקס וואָכן געקאָנאנד האָט ער בא זיך אין פארוואָרפענעם שטעטעלע געשמייכלט פון מירלס בריוו, וואָס אין אים האָט זי אים געבעטן קומען, און איצט איז ער שוין אהער אראָפּגעפאָרן, ווי אף א ווערטל און גלאט אזוי. ארום צוועלף אזייגער באטאָג, ווען ער האָט זיך דאָ אין שטאָט אינעם מעבלירטן צימער אופגעכאפּט, האָט ער זיך מיטאמאָל דערמאָנט, אז ער איז נאָך א באָכער; אז ער איז שוין אלט צוויי און דרייסיק יאָר, און אים אליין געפעלן שוין צייטנווייז נישט פיל פון די אייגענע אָנגעשריבענע זאכן; אז מירל, וועמען ער האָט, פאָרנדיק אהער, אינזינען געהאט, האָט דאָ אין שטאָט א מאן, א שטוב מיט א גאנצער מישפּאָכע קרויווים. און ס׳קומט אים דאָך... ס׳קומט אים אָט דאָס, וואָס בעשאַס ער טוט זיך איצט אָן, לאכט ער אפּטמאָל אפן קאָל און מאכט כוויזעק פון זיך אליין.

עטלעכע טעג האָט ער זיך דאָ איבער די גאסן ארומגעדרייט און האָט געהאט דערביי א שמייכלדיק פּאָנעם.

„וואָס טוט ער דאָ אין שטאָט?”

ס׳איז מער נישט: ער איז שוין דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אהער געקומען, איז קעדיי געווען באטראכטן דעם בוי פון די הייזער און טעאטער, זיך אראָפּלאָזן צו דער קייטן־בריק, זיך דאָרטן אָפּשטעלן לעגשקאָצים, וואָס קייען יאָדערן און צוזאמען מיט זיי זען, ווי דאָס אייז פונעם ברייטן טייך איז שוין אף שטיקער צעשפּאָלטן און וואַרט אין גרויס שטילקייט עפּעס אף א יעדע פון דער ווייט.

★

און אײנמאָל האָט ער זיכ דאָכ װײַטער פונ קײטנ־בריק איבער דער פאַרשטאָט געלאָזנ גײנ און װידער גענומענ שמײכלענ פונ מירלס בריװ, װאָס ליגט בא אימ אינ טאַש.

ס׳איז געװענ נאָענט צו פורים, און דער ליכטיקער טאָג האָט גע־שפּינט זײַנ װאַרעמקײַט פונ גאָרער זונענ־שײַנ און פונ זװיבערער פאַר־פײַסעכדיקער לופט. רעדער פונ לױפנדיקע דראָשקעס האָבנ הילכיקער װי טאָמער אָנ די פריש־אָפּגעדעקטע שטײנער געקלאַפּט, און פונ דער זונ איז שוינ צו פאַרנאַכט־צו א טײַכל פונ צעלאָזטנ זילבער גע־װאָרנ און געשטראַלט אהינ צו די נאָענטע און װײַטע בערג, װאָס ארױס דער שטאָט:

„דעריקער זײַנענ זײ, די שװאַרצע ערד־פלעקנ, װאָס שמעלצנ זיכ דאָרטנ צװישנ צעגײענדיקנ שנײ".

דענסטמאָל זײַנענ אפּ די גאַסנ־בײמער צװיטשערנדיקע פײגעלעכ פונ די קײלימ ארױס, און דערציערנס האָבנ זיכ מיט זײערע קינדער אהײמ אומגעקערט. און אינ דער לופט האָט גענומענ שמעקנ מיט גרינגנ פראָסט, מיט יונג־מײדל און מיט סימכע פונ קלײנשטעטלדי־קע קינדער, װאָס הערנ שוינ אופ „גײנ באנאכט".[117]

הערצ האָט געטראָפנ שמוליקס פליגל פאַרשלאָסנ און פוסט און האָט זיכ אָפּגעשטעלט. א דורכגײענדיקער ייִד האָט אימ אָנגעװיזנ צו די זײדענאָװסקיס אינ דער גרױסער שטוב, איז ער אהינ אינ פעדער־שטיבל ארײַנגעקומענ און האָט זיכ אפּ מירלענ נאָכגעפרעגט.

בא די זײדענאָװסקיס אינ עסצימער האָט מענ דענסטמאָל געקלעפּט פורימ־גרעט[118] און האָניק־פאַרפל. דער גאנצער לאנגער טיש איז דאָרטנ געװענ פאַרפּלײצט מיט שטוב־מענטשנ, מיט יונגװאַרג און מיט קרױװעס. מ׳האָט נישט געקאָנט איבערטראָגנ פונעמ קלײַענדיקנ ייִנגעלע, װאָס שטופּט די הענט אינ די װאַרעמע האָניק־פאַרפל, און עמעצער האָט דאָרטנ אָנגעשריגנ אפּ אימ אפנ קאָל:

„פע, דו!... װאָס לעקסטו די פינגער?"

צומ אָנהײב האָט דאָ הערצנ אינ פעדער־שטיבל דאָס דינסטמײדל באגעגנט. זי האָט נישט געװוסט, װאָס אימ צו ענטפערנ, און איז

מיט זײַן שײַלע אין עסצימער אוועק. און באַלד האָבן זיך אַהער פֿון עסצימער מער פֿון א מיניען מענטשן א לאָז געטאָן. זיי האָבן טונקל געמאַכט די שײַן, וואָס אין קליינעם כיידער, און האָבן נײַגע־ריק ארומגעשטעלט אים, דעם פֿרעמדן יונגערמאַן, ביז ווען דאָס פּאָנעם איז אין יעדער רעגע גרייט א שמייכל צו טאָן.

אײנע א פֿרײַלן האָט, קוקנדיק אַפֿ אים, שטאַרק געוואָלט וויסן, ווער ער איז, און האָט אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון האָטעל, ווו מירל וווינט:

„אין צוויי צימערן וווינט זי דאָרטן".

א צווייטע האָט געוווּסט, אַז מירל וואַרט דאָרטן די גאַנצע צײַט אַפֿ א מענטשן, וואָס באַדאַרף צו איר אַהער אין שטאָט קומען. זי האָט צוגעגעבן מיט א רעמעז אַפֿ שמוליקן, וואָס איז צוריק מיט א פּאָר טעג דאָרטן אין האָטעל געווען און זיך בעשומויפֿן צו איר נישט געקאָנט דערשלאָגן:

„זי איז, דוכט זיך, עפּעס נישט געזונט, מירל... שוין, דוכט זיך, עטלעכע טעג, זינט זי ליגט צו בעט".

פּלוצעם האָט זיך די שוויגער אַליין אַפֿ דער שוועל פֿון כיידער באַוויזן און האָט גענומען פּינטלען מיט די קורצזיכטיקע אויגן:

„שאַ!... וואָס האָט מען זיך דאָ אָנגעשטעלט?"

מ'האָט איר אָנגעוויזן אַפֿ אים, דעם פֿרעמדן באָכער, וואָס פֿרעגט אַפֿ מירלען, האָט זי געטאָן צו אים א פּאָר שפּאַן. א ווײַלע האָט זי אַפֿ אים אַזוי מיט די צוזאַמענגעצויגענע אויגן געקוקט. און נאָכדעם האָט זי אויסגעשטרעקט איר האַנט צו איר קליין יינגעלע און אים אוועקגענומען פֿונעם פֿרעמדן באָכער מיט אַזאַ פּאַרזיכטיקייט, גלײַך זי וואָלט מוירע האָבן, ער זאָל זיך אָן אָט דעם פֿרעמדן באָכער אָנ־רירן און זאָל טאָמע ווערן. זי האָט אויסגעשפּיגן אָן א זײַט, ווי מע שפּײַט, בעשאָס מ'דערמאָנט עמעצנס א שלעכטע כאַלאָם און האָט שוין געזאָגט מיט א מינע פֿון א מענטש, וואָס קער זיך לאבלוטן מיט אָט דעם באָכער נישט אָן.

„נו, יאָ... זי וווינט דאָרטן... אין האָטעל וווינט זי".

פּערטער מײַל

1

דאָס איז געווען אין די פּראָסטיקע שטורעם־שנייען, וואָס צווישן גרויסכאָגע און צווישן גויִישן נײַ־יאָר.

מיט א רויט פּאָנעם פון קעלט איז וועלוול בורנעס געשטאַנען בא זײַן פּאָטער אין עסצימער. ער איז נאָרוואָס אָנגעקומען פון זײַן פּאָלוואַרק און האָט נישט געקאָנט טויפעס זײַן, וואָס ארום אים קומט פאָר. קימאַט אַלע שטוב־מענטשן זײַנען מיט אומעטיקע פּענעמער געשטאַנען ארום א ייִד א מעשולעכ און געהערט, ווי ער דערציילט:

„ער האַלט באַם עק, ר׳ גדאַליע... דער דאָקטער פון קרײַז־שטאָט האָט געזאָגט, אַז ער האָט דאָ נישט וואָס צו טאָן. זײַן שוועסטער פון אויסלאַנד איז שוין געקומען... און די טאָכטער... די טאָכטער, זאָגט מען, איז שלאַף... א סוואָרע, אַז דאָרטן, בא איר שווער אין שטוב, באַהאַלט מען פון איר די טעלעגראַמעס, וואָס מ׳שיקט פונדאַנען קימאַט אַלע שאָ“.

ס׳איז געווען שטיל, און דורכ די צווייענדיקע פענצטער האָט שווייַנדיק אַרײַנגעקוקט דער גרויער ווינטערדיקער פאַרנאַכט; ער האָט געשפּרייט זײַן פאָרכטיקן אומעט אין אַלע פאַרפינצטערטע ביידער־ווינקלען, און דער גרויסער און שוואַרצער בופעט איז שוין אין אײַנגעוויקלט געווען און האָט מיט שטומען מוסער אַרויסגעקוקט צו די מענטשנס מאָרעשכווירעדיקע פּענעמער:

„האָט איר אים דאָ צוויי יאָר צײַט געשאָלטן, ר׳ גדאַליען... און

איצט ליגט ער שוינ אפנ טויטנ־בעט, אונ די טאלמעטוירע־יינגלעכ גייענ שוינ פונ זײַנעטוועגנ טילימ זאָגנ".

עמעצער האָט אפ די טאלמעטוירע־יינגלעכ אינ דרויסנ ארויס אָנגעוויזנ אונ אלע האָבנ באלאגערט די פענצטער אונ געזענ:

דאָרטנ בא רעב גדאליענ אינ שטוב, לײַכטנ, ווי צו גסיסע, די פרי־אָנגעצונדענע לאָמפּנ — נישט פרײלעכ איז שוינ דאָרטנ אינ די כאדאָרימ אונ דאָ, מיט דער טונקעלער גאס, וואָס פאר דער שטוב, גייענ אינ אָפּגעריסענע טולופּלעכ מער ווי פערציק טאלמעטוירע־קינדער, קריכנ מיט די פיסלעכ טיפ אינעמ אָנגעפאלענעמ שניי אונ פאָלגנ די צוויי מעלאמדימ, וואָס ווײַזנ זיי דעמ וועג אינ אסאטענער קלויז.

ס'איז ארײַנגעקומענ דער אָרטיקער אָנגענומענער שויכעט, יענער זעלבער שויכעט, וועמענ מ'האָט אמאָל בעשאסנ אָפּלאָזנ די טנאָימ, פאר א בוירער צו רעב גדאליענ געשיקט. ער האָט דערצײלט:

„דאָס גייט ער פונ דאָרטנ... מ'האָט נאָרוואָס די צאוואָע איבערגעשריבנ אונ צעטײלט די אכציג טויזנט רובל רעוועכ, וואָס די סאָבּרימ פונ קרײַז־שטאָט גיבנ פארנ ביילעק אינ גרויסנ קאשפּעריוועקער וואלד. צוועלפ טויזנט זיבנ הונדערט טרעפנ אָנ די איבערגעבליבענע בויוועס, דרײַצנ הונדערט רובל אפ אוילעמעס". [119]

באמ שויכעט איז געווענ אנ אומעטיק־באשעפטיקט פּאָנעמ, אונ אויסגעזענ האָט ער געהייליקט אונ אָפּגעשיידט פונ אוילעמאזע, ווי באלד נאָכ טפילע, בעשאס ער נעמט זיכ טאָג א גאָטפּאָרכטיקע זאכ.

אווראָמ־מוישע בורנעס אלײנ איז דאָ לעבנ אימ געשטאנענ אונ פיל פּאפּיראָסנ גערויכערט, אימ צולעצט אָפּגערופנ אינ קאבינעט אונ זיכ גענומענ מיט אימ מעיאשעוו זײַנ:

„ווי קלערט ער? עפּשער וואָלט ער, אווראָמ־מוישע, איצט באדארפט צו רעב גדאליענ ארײַנגיינ?"

אונ וועלוול איז אהינ אינ קאבינעט נאָכגעגאנגענ אונ זײַנ אויער צוגעלייגט. דער שויכעט האָט פארקנייטשט דעמ שטערנ:

„וואָס האָט מענ דאָ וואָס צו קלערנ? ס'וואָלט אוואדע גלײַכ געווענ".

דערנסטמאָל איז אים, וועלוולען, פֿיל גרינגער געוואָרנ, אונ נאָכנ וויינענ האָט ער זיכ אָנגעהויבנ אינ פֿינצטערנ קאָרידאָר, ווו עס איז געהאנגענ זײַנ ברייטער וועג־פּוטער. ער האָט זיכ דאָרטנ ביגנייווע אָנגעטאָנ אונ זיכ שטיל אינ דרויסנ ארויסגערוקט.

★

ער האָט זיכ געגאַנוועט מיט די הינטער־געסלעכ אראָפּ צו רעב גדאַליעס שטוב... זײַנע פֿיס זײַנענ געקראָכנ טיפֿ אינעם בײַ־אויסגעפֿאַלענעמ שניי, אונ די עקנ פֿונעמ לאַנגנ אונ ברייטנ פּוטער האָבנ זיכ נאָכגעשלעפּט אונ געלאָזט דורכויס סימאָנימ. ס'איז געווענ שטיל פֿונ נאָכנ שניי־שטורעמ. אלצ, פֿונ דער בלאַסער שווײַגנדיקער נאַכט ביז די שיטערע ערגעצ־ווו באַלויכטענע שטיבלעכ, האָט אויסגעזעענ מאָדנע וואַרטנדיק אונ שטומ, ווי אינ דער בלאַסער כאַשכעס פֿונ כאָלעמ. פֿונ ערגעצ א זײַטנ־געסל האָט אהער א שטאַרקער קלאַפּ פֿונ א הויז־טיר דערגרייכט, אונ א ייִדענע, וואָס איז פֿונ דאָרטנ ארויסגעגאַנגענ, האָט אויסגעשריגנ צו איר שכײנע אפֿנ קאָל:

„גאָט קענ אימ נאָכ העלפֿנ, ר' גדאַליענ!... ער האָט אוואַדע פֿאַרדינט".

ער האָט באַמערקט רעב גדאַליעס קאָרעוו, דעמ געוועזענעמ קאַסיר, וואָס האָט זיכ פֿונ ערגעצ אפּגיכ צו ר' גדאַליענ אינ שטוב אומגעקערט. ער האָט אימ אָנגעיאָגט:

„אײַנ וואָרט... וואָס הערט זיכ? גישט גוט, א?"

דער קאַסיר האָט זיכ אָפּגעשטעלט אונ האָט א זיפֿצ געטאָנ.

„וואָס זאָל זיכ הערנ? אוואַדע נישט גוט".

ר' גדאַליעס קאָרעוו האָט זיכ נישט געכידעשט, וואָס ער, וועלוול, דרייט זיכ דאָ ארומ; ער האָט אימ געענטפֿערט, ווי ר' גדאַליעס א גוטנ פֿרײַנט. ער איז געגאַנגענ ווײַטער צו דער שטוב. א בינטל ייִדנ זײַנענ דאָ ארומ ר' גדאַליעס געוועזענעמ מעשולעכ געשטאַנענ אונ האָבנ געהערט, ווי ער דערציילט וועגנ גיטעלענ, וואָס לײַדט שוינ דעמ דריטנ מעסלעס פֿונ שטאַרקנ קאָפּ־ווייטיק:

„ר' גדאַליעס שוועסטער זיצט דאָרט לעבנ איר אינ פֿינצטערנ שלאָף־צימער; זי לאָזט גיטעלענ פֿונ בעט ניט אופּשטיינ".

ער האָט דאָס בייגל אויסגעפּעלט, אַרומגעגאַנגען די שטוב פון דער צווייטער זײַט און זיך אָפּגעשטעלט לעבן באַלויכטענעם פענצטער פון מירלס כיידער:

„אַפּאָנעם, דאָ ליגט ער, ר׳ גדאַליע“.

אַן אַלטיטשקער ייִד, אַ קראַנקער, אַ הוסטנדיקער און אַ לאַמדן, איז ער אַהער אָנגעקומען מיטן שמאָלן געסל, וואָס פירט פון אַסאַ־טענער קלויז. דער ייִד האָט זיך קרעכצנדיק אָפּגעשטעלט, אים מיט זײַנע קאַליע אויגן אין פּאָנעם אַרײַנגעקוקט און, קרעכצנדיק, זיך דערפרעגט:

„ווער איז?... אוי... אוי... וועלוול?“

דער אַלטיטשקער האָט זיך געקלאָגט אַף דער עלטער, אויפן לעבן און אויפן טויט. וועלוול האָט איבערגעוואַרט, ביז דער ייִד איז אַף גדאַליעס גאַנעק פאַרשוווּנדן, און האָט זיך נעענטער צום פענצטער צוגערוקט. איצט האָט ער שוין געזען אַלץ, וואָס דאָרטן אין כיידער איז פאָרגעקומען. ס׳האָט זיך געמאָלט, ווי ס׳שמעקט דאָרטן מיט רעפּועס, מיטן גערוך פון שלאָפן און פון נאָענטן טויט, און געדוכט האָט זיך, אַז ס׳איז דאָרטן שטיל, אומגעוויינלעך שטיל. בײַם טישל, ווו ס׳האָט אונטער אַ בלויען אַבאַזשור דער לאָמפּ געברענט, איז געזעסן דער אָרטיקער אָנגענומענער פעלדשער. ער איז שוין עטלעכע נעכט ניש געשלאָפן, איז בײַ אים דאָס פּאָנעם אומעטיק געווען, און געקוקט האָט ער גלײַך אַהין צום שלאָפנס בעט, וווּהין ס׳איז פון אונטערן אַבאַזשור די אַראָפּגעזעצטע בלויע שײַן געפאַלן. אַוורעמל דער ראָוו האָט זיך דאָרטן אַהין און צוריק צוזאַמען מיט זײַן שאָטן, ווי אַף די שפּיץ פינגער, אַרומגעדרייט און דערבײַ געהאַט אַ שטאַרק אומגליקלעך און צעטראָגן אויסזען; דער רעכטער אונטערגעהויבענער אַקסל האָט בײַ אים געשטאַרצט אין דער הייך, און פונעם צווייטן אַקסל, פונעם אַראָפּגעלאָזטן, איז אַראָפּגעהאַנגען די לינקע האַנט מאַגע, ווי אַ געליימטע, זיך אײַנגעאַנצן באַהאַלטן אינעם אַרבל, און זיך, ווי פון זיך אַליין, אַהין און צוריק געשאָקלט. און דאָרטן, אויפן בעט, וואָס בײַ דער וואַנט, איז דער שלאָפער, אַפּאָנעם, פאַרטראָגן געלעגן, דער קאָפּ איז בײַ אים געווען אַראָפּגעלאָזט צוליב די פּיאַווקעס, וואָס

מ'האט אים נאכנ דאקטערס אוועקפארנ געשטעלט. האבנ זיכ דער־פאר די פייעס מיט דער בארד געדוכט צופיל גרויס אונ צופיל שווארצ, אונ דאס פאנעמ — צופיל אויסגעדארט אנ צופיל קלייג. אט האט זיכ דארטנ זיינ קאפ פאמעלעכ, פאמעלעכ אהינ אונ צוריק א ריר געטאנ. די מענטשנ, וואס אינ כיידער, זיינענ נעענטער צום בעט צוגע־גאנגענ. וועלוול האט זיכ דא אפ די שפיצ־פינגער אופגעשטעלט אונ געזעענ, ווי מ'פאלגט אים, ר' גדאליענ, אונ מ'זעצט אים אופ; ווי מ'טוט אים אויס נאקעט אונ מ'ציט אפ אים ארופ א ווייס העמד, א נייע אונ א בלאנקענדיקס, וואס אינ דעמ זעט ער, ר' גדאליע, אויס גע־הייליקט אונ ריינ, ווי אינ יאנקיפער פארנאכט, נאכ א מעסלעס פאסטנ. פאמעלעכ, פאמעלעכ האט מענ אים צוריק אפנ קישנ אראפ־געלאזנ אונ איינגעבויגנ הערנ, וואס ער זאגט. עמעצער האט אהער אינ צימער מירלס בילד אריינגעטראגנ אונ עס הינטנ ארומ אוורעמל דעמ ראוו באוויזנ. אוורעמל האט ברויגעז צו יענעמ מיט דער האנט געמאכט:

„מ'באדארפ נישט. מ'באדארפ נישט".

דאס האט, אפאנעמ, ר' גדאליע וועגנ דער טאכטער זיינער גע־פרעגט.

אונ ווידער האט מענ זיכ איינגעבויגנ צו אימ אונ געהערט, וואס ער זאגט. אפאנעמ, פונ זיינע רייד האט באמ הארצנ פארקלעמט. די שוועסטער זיינע האט זיכ אינ א זייט אוועקגעדרייט אונ גענומענ כליפענ אונ ווישנ די אויגנ. פלוצעמ האט ער דערזענ, ווי דער פעלד־שער ראמט עפעס דעמ ראוו אפנ אויער, אונ דער ראוו שאקלט מיטנ קאפ אונ לאזט זיכ פונעמ צימער ארויס. ער האט דאס פענצטער פארלאזנ אונ זיכ געלאזט צום גאנעק. א ייִד, א מעשולעכ, האט דארטנ געזוכט א פור, קעדיי אינ נאענטנ דארפ נאכ פיאווקעס צו פארנ. האט ער, וועלוול, אט דעמ ייִד באמ ארבל אנגענומענ אונ אימ גענומענ פירנ צו זיינ פאטער אהיימ:

„אט איז מיינ פור. זי איז געשפאנט... הייסט אימ שמייסנ, דעמ פורמאנ".

★

ארומ צוועלפ אזייגער באנאכט האָט זיכ פונ דרויסנ צו בורנעפנ אינ עסצימער א געלויפערײַ מיט קוילעס דערהערט. ביידע מיידלעכ זײַנענ זיצנדיק באמ טיש, געוואָרנ טויט. עמעצער פונ זיי האָט זיכ פארנ הארצנ א כאפ געטאָנ. א צווייטע האָט א קוק געגעבנ אינ דרויסנ ארויס דורכנ צווייענדיקנ פענצטער, דערזענ דאָרטנ די מענטשנ, וואָס דרייענ זיכ אינ דער בלאָסער נאכט־כאשכעס, אונ זיכ מיט שרעק צוריק צומ טיש אויסגעדרייט:

„אוי וויי! זיכ שוינ, אפאָנעמ,' געפעלט ר' גדאליע".

איינס פונ די צוויי קינדער, וואָס זײַנענ אינ אָנטאָנ אפ דער קאַ־נאפע געשלאָפנ, האָט זיכ אופגעכאפט מיט א דערשראָקנ געוויינ; די מיידלעכ האָבנ מוירע געהאט אליינ אינ שטוב צו בלײַבנ, אונ וועלוול האָט אפ זיכ געשווינד דאָס פוטער געכאפט אונ איז מיט א קלאפנדיק הארצ ווידעראמאָל אינ דרויסנ ארויסגעלאָפנ. איצט האָט ער זיכ שוינ נישט געגאנוועט הינטנ ארומ, נאָר געגאנגענ גלײַכ מיט דער ברייטער גאס, ווו אינ ס'ראָוו הײַזער האָט זיכ נאָכ געלויכטנ. אינ מארק זײַ־נענ געשטאנענ פיל יידנ אינ א בינטל אונ האָבנ גערעדט אלע צוזאַ־מענ, ווי צו קידוש־לעוואָנע. עמעצער האָט דאָרטנ געשריגנ אפנ קאָל:

120 „וואָס מיר נויסע־האמיטע..."

„האָב צײַט!"

דאָס גאנצע שטעטל איז געווענ וואכ. מענטשנ זײַנענ געגאנגענ אראָפ, צו ר' גדאליעס שטוב. פונ אלע עקנ שטאָט זײַנענ זיי אהינ געגאנגענ, אונ ער, וועלוול, איז געגאנגענ צוזאמענ מיט זיי אונ זיכ צוזאמענ מיט זיי דאָרטנ אינ שטוב פונ איינ איבערגעפולטנ ביידער אינ צווייטנ געשטופט. אינעמ באלאגערטנ עסצימער האָט ער זײַנ וויקסיקנ פאָטער דערזענ; יענער איז אָפגעזונדערט פונ אלעמענ גע־שטאנענ אָנגעשפארט אָנ אלמער אונ מאָרעשכוירעדיק גערויכערט פונ זײַנ זילבערנעמ ציגאר־שפיצ. אונ דער אײַנגאנג אינ דריטנ ביידער איז שוינ אזוי ענג געווענ; א סאכ ליכט האָבנ דאָרטנ געברענט, אונ פיל וויינענדיקע קוילעס האָבנ זיכ פונדאָרטנ געטראָגנ. אימ, וועלוולענ, האָט מענ דאָרטנ געשטופט פונ אלע זײַטנ. עמעצער האָט הינטער

זײַנע פּליִיצעס אָנגעװױזן אַהין, אױף ר׳ גדאַליִעס אײדעם, װעלכער איז נאָר װאָס פֿון װאָקזאַל געקומען. און װען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער באַדאַרף װײַטער נישט גײן, האָט ער זיך שױן געפֿונען אינװײניק, אינעם בײדער מיט די פֿיל אָנגעצונדענע ליכט און קײנער האָט זיך שױן אַרום אים נישט געשטופּט. לינקס פֿון אים, אין אײן שורה מיט גיטעלען און מיט דער אױסלענדישער שװעסטער, איז דער נאָר װאָס געקומענער אײדעם געװען אָנגעבױגן איבער נמעס, און אַקעגן איז מיט אַ פֿאַרקרימט פּנים געשטאַנען אורעמל דער ראָװ און געקוקט צו אים אַזױ מאָדנע; ער האָט געװאָלט, אַז ער, װעלװל, זאָל װיסן, אַז ער איז טאַקע בעמעס ר׳ גדאַליִעס אַ גוטער פֿרײַנט געװען, און אַז פֿון זײַנע ראַבאָנישע אױגן גיסן זיך איצט טרערן.

★

מיטן גרױען טאָג־ליכט האָט מען די מיטה מיטן מעס פֿון שטוב אַרױסגעטראָגן. שמואל און קורץ איז אָט די מיטה געװען און אױסגעזען האָט זי, װי אַ קינדערשע. מ׳איז מיט איר געלאָפֿן, װי מיט עפּעס אַ זאַך, װאָס מ׳באַדאַרף װאָס גיכער פֿון מענטשן באַהאַלטן. געטראָגן האָבן זי אױף די אַקסלען דער ראָװ מיטן דאַיען, בײדע שאַכטים, דער אײדעם און נאָך עפּעס אַ פּאָשעטער יונגערמאַן, װאָס פֿלעגט בײַ ר׳ גדאַליִען אין מיל אַלע װאָך צװײ פֿורלעך מעל קױפֿן. עמעצער האָט אים, װעלװלען, נעענטער צו דער מיטה צוגערוקט און אװעקגעשטופּט דעם פּאָשעטן יונגערמאַן:

„לאָז, לאָז, ס׳איז װעלװל בורנעס“.

און װעלװל האָט זײַן אַקסל אונטערגערוקט און האָט צוזאַמען מיטן אײדעם געטראָגן װײַט, װײַט ביזן בעסױלעם. װען ער האָט די מיטה אָפּגעלאָזט, איז ער שױן אַזױ צעטומלט און פֿאַרנעפּלט געװען. דער פּאָשעטער יונגערמאַן האָט זיך געפֿילט צו אים נאָענט, דערפֿאַר, װאָס ער האָט אים זײַן אָרט בײַ דער מיטה אָפּגעטראָטן, צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

„גרינג, ר׳ גדאַליע, אַ? אױסגעהאַרט...“

און ער האָט דעם יונגערמאַן אין פּנים געקוקט און זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, װיאַזױ מ׳רופֿט אים, און װוּ ער האָט אים געזען.

II

גיטעלע מיט ר׳ גדאַליעס שוועסטער זײַנענ דאָרטנ אינ שטוב שי־ווע אָפּגעזעסנ, אונ אוורעמל דער ראָוו האָט אהינ פונ גאַס צוויי מאָל אינ טאָג א מיניענ געשלעפּט. ער האָט קיינ איינציקנ מענטשנ ניט דורכגעלאָזט:

„נישקאָשע... ר׳ גדאַליע האָט באַ אײַכ פאַרדינט".

יידנ האָבנ געפאָלגט אונ זײַנענ געגאַנגענ אהינ צו מיניענ, געזענ ווי אינ שטוב איז פּוסט אונ שטיל, אונ ווי דאָרטנ אינ זאַל זיצט גיטעלע לעבנ ר׳ גדאַליעס שוועסטער אפ דער ערד, קוקט אראָפּ אפ דער פּאָדלאָגע אונ שווײַגט.

ר׳ גדאַליעס שוועסטער האָט געוואָלט, אז גיטעלע זאָל מיט איר פאָרנ צו איר קיינ אויסלאַנד. ווענ קיינער איז דאָ אינ שטוב נישט געווענ, האָט זי, זיצנדיק לעבנ גיטעלענ אפ דער ערד, געטײַנעט פארנ קאָרעוו דעם קאַסיר אונ פאַר אוורעמל דעם ראָוו:

„כ׳מיינ, ווענ האָט זי דאָ, גיטעלע?... כ׳מיינ, וואָס וועט זי דאָ זיצנ?"

„אונ אפּ א שטיקל צײַט... אפּ א שטיקל צײַט מעג זי דאָב, לע־באָלאַפּאָבעס, יצו מיר צופאָרנ".

דער ראָוו מיט קאַסיר האָבנ דערופ וואָס צו זאָגנ נישט געהאַט, אונ די שוועסטער אליינ האָט שוינ אינ דער ערנסטקײַט פונ איר איי־גענעמ קאָל נישט געגלייבט. גיטעלע האָט איר קאָפּ נישט אופגעהויבנ, אונ אינ כיידער איז געווענ שטיל, אונ א פּוסטקײַט פונ נאָכ אלעמענ האָט זיכ געקלאַפּט צו די ווענט אונ צומ באַלקנ אונ דערמאָנט, אז ר׳ גדאַליע איז שוינ טויט, ... אז גיטעלע האָט שוינ אינ ערגעצ קיינ אָרט נישט.

מ׳האָט געזוכט א קוינע אפּ ר׳ גדאַליעס שטוב אונ נישט געפונענ. דאָס מעבל האָט מענ אויספארקויפט הינטנ־ארומ, אַז גיטעלעס וויסנ, אונ א סטאָליער האָט מענ שוינ אינעמ טאָג פונ אוועקפאָרנ געדונגענ אונ אימ געהייסנ פונ דרויסנ מיט ברעטלעכ די פענצטער פארשלאָגנ.

געזעגענענ זיכ זײַנענ געקומענ אוורעמל דער ראָוו, דער געוועזע־

נער קאַסיר מיט זײַנ װײַב, ליבקע די רעבעצנ, אונ נאָכ עפּעס אַנ אַל־
טע קרעכצנדיקע ייִדענע, אַנ אַלמאָנע, װאָס פֿלעגט בײַ גיטעלענ נעמענ
אַלע פֿרײַטיק אַ כאַלע צוליב אַנ אָרעמענ שוסטער, אַ מעטופּל. זי האָט
איצט מער װי טאָמער געהאַלטנ אינ אײנ זיפֿצנ, אָט די ייִדענע, אונ
איבער עפּעס נישט אױפֿגעהערט דערצײלנ װעגנ איר עלטערער גע־
שטאָרבענער טאָכטער:

„האָט זי זיכ געהאַלטנ אינ אײנ בעטנ באַמ ריבױנעשעלױלעמ.
ריבױנעשעלױלעמ, װאָס טױג דיר מײַנ טאָכטער? נעמ בעסער
מיכ...“

גיטעלע איז געװענ צופֿיל אָנגעפּעלצט אונ צופֿיל פֿאַרבונדנ, אַזױ
אַז מ׳האָט איר פּאָנעמ נישט אַרױסגעזענ. זי האָט אױסגעזענ, װי
פֿאַרשטײנערט, געזעסנ אַפּ אײנ אָרט אונ נישט גערעדט. פֿונ שטוב
איז זי אַרױסגעגאַנגענ צולעצט. נאָר בעשאַס זי האָט זיכ אַפּנ שליטנ
געװאָלט אַרױפֿזעצנ, איז מיט איר עפּעס געשענ. דער קאָפּ האָט זיכ
איר פֿאַרדרײט, אונ געדוכט האָט זיכ, אַז זי פֿאַלט אומ. מ׳האָט זי
געװאָלט אונטערהאַלטנ אונ אַפּנ שליטנ אַװעקזעצנ, נאָר זי האָט זיכ
נישט געלאָזט אונ זיכ באַפֿרײַט, אַרױפֿגעגאַנגענ נאָכאַמאָל אַפּ די
טרעפּלעכ אונ געגעבנ אַ קוש די מעזוזע.

אונ אינ שטאָט האָט מענ נאָכ דערצײלט, אַז װעלװל בורנעס איז
אינ יענעמ טאָג אַפּנ װאָקזאַל געװענ, אַז ער איז דאָרטנ צו גיטעלענ
צוגעגאַנגענ אונ איר געזאָגט:

„זײַט געזונט, האָט ער איר געזאָגט”.

אונ זי, גיטעלע, האָט זיכ אױפֿגעשטעלט פֿונעמ בענקל, װאָס אינ
צװײטנ קלאַס, אונ האָט אימ געענטפֿערט:

„גאָט קאָנ אימ נאָכ העלפֿנ, האָט זי אימ געענטפֿערט”.

אײנעמ לעצטנ װאַרעמענ שאַבעס, װאָס פֿאַר פּײסעכ, זײַנענ אַ
שטיק פֿינפֿ אָרטיקע שנײַדער־יונגענ געגאַנגענ מיט דער פֿריש־אױס־
געטראָטענער סטעזשקע, װאָס אַראָפּ דעמ שטעטל. זײ זײַנענ געװענ
צופֿרידנ פֿונ דער בלאָטע, װאָס טריקנט, אונ פֿונ דער פּײסעכדיקער

רו, וואָס איז שוין נאָענט, זיך געווערטלט און נישט דורכגעלאָזט פֿונוויַיטנס קיין איינציק אויסגערוט דינסטמיידל.

ס'איז זיי געפֿעלן געוואָרן דער גאַנעק פֿון ר' גדאַליעס פֿאַרלאָזטער שטוב, האָבן זיי זיך אויף אים געשטעלט וואַרעמען קעגן דער זון, זיך סאָפֿקאָלסאָף געגנומען ראַנגלען און אומגערן אויסגעזוצט א פּאָר שויבן פֿון די פֿאָרנטיקע פֿענצטער.

האָט האָט דערזען אַן עלטערער ייִד, א שטאָט־באַלעבאָס, וואָס איז פֿאַרביַי צו מינכע געגאַנגען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט אויף די שניַידער־יונגען אָנגעשריגן:

„אַראָפּ, שקאָצים, פֿון גאַנעק... א רוּעך אין איַיערע ביינער, קיין דערעכערעץ האָט עס נישט".

די שניַידער־יונגען האָבן געפֿאָלגט און זיַינען פֿון גאַנעק אַראָפּ. און די שויבן זיַינען שוין אַזוי אויסגעשלאָגן געבליבן און האָבן בלינדערהייט דערמאָנט אָן פֿאַרשטאָט פֿון וויַיטן קראָך און אָן ר' גדאַליעס טאָכטער, וואָס איז אַהער נאָכן פֿאָטערס טויט אפֿילע א יוֹרק טאָג נישט אַראָפּגעקומען. ייִדן האָבן אויף איר געקוקט, אויף דער שטוב, וואָס שטייט פּוסט און האָט קיין יורעש נישט:

„טאַקע געשטאָרבן ר' גדאַליע, אַ? נישטאָ".

און אַוורעמל דער ראָווּ האָט ערגעץ קאָהעלש געלט דערטאַפּט און דערפֿאַר געבויט א שטיבל אויף זיַין קיווער. שטאָט־באַלעבאַטים האָבן געפֿונען, אַז ס'איז קרום. האָט ער זיך מיט זיי געקריגט און איז געבליבן בא זיַינעם:

„נישקאָשע, נישקאָשע... שוין אַזוי: ר' גדאַליע האָט געלאָזט קאָהאָל דריַיצן הונדערט רובל, און קאָהאָל שטעלט אים א שטיבל אויפֿן קיווער; איינעם מיטן צווייטן קער זיך נישט אָן".

ער איז דענסטמאָל גאַנצע טעג פֿון שטוב נישט אַרויסגעגאַנגען און האָט געלערנט מישנַייעס. ווען דאָס שטיבל איז אויפֿן קיווער פֿאַרטיק געוואָרן, האָט ער שוין געהאַלטן בא א סיעם, אַרופֿגעגאַנגען אויפֿן בעסוילעם מיט א פּאָר מיניאָנים ייִדן און האָט אויף ר' גדאַליעס קיווער די לעצטע פּיירוקים מעסאַיעם געווען[121] און קאַדעש אָפּגעזאָגט. אין דער אַלטער אַסאַטענער קלויז האָט זים אין יענעם פֿרימאָרגן לענגער, ווי

אַלעמאַל, די צוועלפ־אַזייגערדיקע שאָ געצווייגנ, אונ אוורעמל דער ראָוו איז האַרטנ מיט די צוריקגעקומענע פאַר מיניאָנימ ייִדנ געשטאַנענ. מ'האָט געהאט פאַרכאַלעשטע הערצער אונ גענומענ א קאָפּ בראָנפנ פאַר ר' גדאַליעס אַליִעס נעשאָמע.[122]

אינ קלויז איז געווענ וואָכעדיק אונ שטיל. דער ערשטער פּייסעדיקער שטויב איז געלעגנ אַפ די שטענדערס אונ אַפ די בענק, אונ דער שאַמעס האָט שוינ געהאט געגעסנ אָנבייסנ ערגעצ־וווּ בא זיכ אינ דער היימ. מ'האָט געשמועסט וועגנ דעמ ווייסנ העמד, וואָס ר' גדאַליע האָט זיכ געהייסנ אָנטאָנ פאַרנ טויט:

„איז א סוואָרע, אַז דאָס העמד איז אימ געבליבנ בעיערושע פונ זיינעמ אַנ עלטער־עלטער־זיידנ".

דער ראָוו האָט געהאַלטנ דעמ קעלישעק בראָנפנ אינ האַנט אונ האָט דערציילט דעמ אוילעמ וועגנ ר' גדאַליענ ז"ל.[123]

„איז דאָס געווענ... שוינ גאָר באַמ לעצט איז דאָס געווענ. טוט ער צו מיר א זאָג: אוורעמל, טוט ער מיר א זאָג, — וואָס ווייניק־טו?... גאָר איינער, ווענ איכ פיל, אַז איכ לאָז עמעצנ איבער נאָכ זיכ, וואָלט איכ געגאַנגענ אַהינ, ווי צומ טאַנצ".

דער אוילעמ האָט געהערט אונ געשוויגנ, אונ נאָר איינער א ייִד, א פּויעל באַטל,[124] אַנ איבערגעשראָקענער, אַנ אויסגעדאַרטער אונ א באַניפּעניק האָט זיכ צוגערוקט צו עמעצנ הינטנ־אַרומ אונ נאַריש געשמייכלט פונעמ אויסגעטרונקענעמ קעלישעק בראָנפנ. ער האָט געוואָלט מעראַמעז זיינ אַפ די באָכערימ, וואָס מירל האָט פונ טאָמעד אָנ איבערנ שטעטל נאָכגעשלעפּט נאָכ זיכ, אונ אַפ דעמ, וואָס זי איז נאָכ זיינ טויט אַהער ייִשט אַראָפּגעקומענ, אונ האָט א סייכל אופגעטאָנ:

„ר' גדאַליע האָט זי, אַפּאָנעמ, געקענט, די טאָכטער זיינע, אַ? ער האָט, אַפּאָנעמ, געוווּסט, ווער זי איז".

איקאָרשט אַפ די אַנדערע טעג פּייסעכ זיינענ פונ דער גובערניע־שטאָט צו טאַראַבייעצ אינ דאָרפ די קינדער געקומענ, אונ הערערס כאַווער, דער פּאָליטעכניק, איז אויכ מיט זיי געווענ. ער האָט זיכ האַרטנ באַגעגנט מיט דער אַקושערקע שאַצ, וואָס האָט שוינ בא דער צוקער־פאַבריק געוווינט, אונ האָט איר אינ הערערס נאָמענ דערציילט, אינ

וואָס מירלס כאַלאַס איז באַשטאַנענ דאָרטנ אינ שטאָט, בעשאַס ר' גדאַליע איז דאָ אַפּנ טויטנ-בעט געלעגנ.

בא אַווראָם-מוישע בורנעס אינ שטוב איז מענ דערנסטמאָל געוואָר געוואָרנ, אַז מירל וווינט שוינ נישט מיטנ מאַנ, נאָר באַזונדער, אינ איינ האָטעל מיט דער אַקושערקעס באַקאַנטנ, הערצנ; אַז זי איז עפּעס יאָ געגעט אונ נישט געגעט; אַז זי לאָזט צו זיך קיינעמ פונ איר מאַנס קרויווימ נישט צו, אַכוץ איינעמ א געשוועסטערקינד זיינעמ, וואָס איז נאָך א באָכער אונ האָט, זאָגט מענ, שטאַרק רייכע געשעפטנ.

אינ א זונטיקדיקנ באַטאָג האָט מענ דאָרטנ אינ עסצימער געהאַט אָנגעהויבנ וועגנ דעמ צו ריידנ:

„וואָס האָט מענ וואָס צו קלערנ? וועלוול מעג אַוואַדע דאַנקענ אונ לויבנ גאָט, וואָס ער איז ניצל געוואָרנ".

נאָר וועלוול איז פּלוצעמ אָנגעקומענ אַהיינ פונעמ פאָטערס קאַבינעט, איז מענ מיטאַמאָל שטיל געבליבנ, זיך דערפילט שלעכט אונ אימ אינ פּאָנעמ נישט געקענט קוקנ. ביידע מיידלעך האָבנ זיך איינציקווייז פונ עסצימער אַרויסגעגליטשט, אונ נאָר די מוטער האָט זיך דאָרט באַקוועמער אונ מיט אַלע פיר אַפּ דער קאַנאַפּע אַרופגעזעצט.

ס'איז געוואָרנ שטיל.

„וועלוול, האָט די מוטער געפרעגט, ווענ וועט שוינ אַמאָל נעמענ אַנ עק, וועלוול?... ווענ וועט שוינ אַמאָל קומענ די גוטע שאָ?"

וועלוול האָט זיך צו איר מיט א פאַרקרימט פּאָנעמ א בייג געטאָנ:

„אַ?..."

אונ באַלד האָט ער זיך ברוגעזדיק אַוועקגעדרייט צומ פענצטער אונ גענומענ אַרויסקוקנ אינ דרויסנ. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס מ'וויל פונ אימ אונ וואָס מע דולט אימ דעמ קאָפּ, אונ האָט געקוקט צו דער שטוב פונ ר' גדאַליעס קאָרעוו, דעמ קאַסיר, אונ צומ מעבל, וואָס מ'טראָגט פונ דאָרטנ אַרויס אונ מ'לייגט אַרופ אַפּ די צוויי גרויסע אָנגעלאָדענע פורנ:

„אַט פאָרט שוינ ר' גדאַליעס קאָרעוו אויך אינ קרייז-שטאָט אַרויס, אונ קיינער וועט שוינ דאָ אינ שטעטל נישט בלייבנ..."

טעג וועלנ זיך שוינ דאָ אינ שטעטל ציִענ אַזעלכע לאַנגע, הייסע

אונ זומערדיק־נודנע. אינ שטעטל וועט זײַנ פוסט, אונ קײנ דערעכערעצ וועט שוינ ניט זײַנ פאַר וועמענ דאָ צו האָבנ. אונ ער, וועלוול בור־ נעס... יאָ, די נײַע דרײַ הונדערט דעסיאַטינ שוואַרצע ערד, וואָס מ׳לײגט אים פאָר ארומ מיראָטאָווס טײַכ:

„ער וואָלט זײ באַהאַרפּט נעמענ אינ אַרענדע, אָט די נײַע דרײַ הונדערט דעסיאַטינ".

III

פונעמ קרומענ סטודענט ליפּקיס איז באַלד נאָכ שוועס אָנגעקו־ מענ א בריוו:

ער האָט זיכ געמאַכט אַנ אָפּעראַציע אפנ פוס, אונ די אָפּעראַציע איז געלונגענ.

פרײַטיק־צונאַכטס נאָכנ האַוונענ האָט מענ וועגנ דעמ גערעדט אינ אַסאַטאַנער קלויז:

„וואָס־זשע, ס׳איז א נײַס?.. גאָר די אָדערנ זײַנענ בא אימ גע־ ווענ צונויפגעצויגנ, אונ ס׳איז א סוואָרע, ער זאָל אָנהײבנ גײנ גלײַכ, ווי אַלע מענטשנ".

מ׳איז דאָרטנ אויכ געשטאַנענ ארומ א מיזרעכ־באַלעבאָס, וואָס איז אָקאָרשט פאַרנאַכט פונ גובערניע־שטאָט אָנגעקומענ, אונ געהערט, ווי ער דערציילט וועגנ די זײַדענאָווסקיס, וואָס ווײנענ דאָרטנ אינ פאָרשטאָט, אונ וועגנ זײערנ א קאָרעוו, מיט וועמענ ער אַלײנ האָט דאָרטנ גערעדט:

„זי ווײנט נאָכ אַלצ אינ האָטעל, מירל, אונ ס׳איז א ליגנ, וואָס מ׳זאָגט, אז דער מאַנ אירער האָט זי קלוימערשט געגעט".

אונ נאָכ דעמ האָט זיכ שוינ דאָ אינ שטעטל אַזוי לאַנגווײַליק די זומערדיקע וואָכ געצויגנ, אונ געקומענ איז אײנער א פרײַטיק, א פּאַרנער אונ א נודנער, ווי די אײַנציקע אויסגעלײדיקטע גויִשע פור, וואָס איז פונ גאַנצפרי אינ פוסטנ מאַרק פאַרבליבנ.

ארומ צוועלפ אזייגער באַטאָג האָט זיכ נאָכ געדענקט, וויפל ווײַ־ בער האָבנ זיכ מיט זונ־אויפגאַנג ארומ עטלעכע פורנ מיט גריינס גע־

ריסנ, אונ דורכ אָפענע טיר אונ פענצטער האָבנ זיכ נאָכ פונ ער־
געצ ארויסגעשפּארט גיכע פארשפּעטיקטע קלעפּ, וואָס פאלנ אפנ
פיש-ברעטל, אונ זײַגעג אויסגעמישט געוואָרנ מיט די ווערטער, וואָס
איינ שכיינע האָט צו דער צווייטער אינ שטוב ארײַנגעשריגג. א ייִד
א קרעמער האָט עמעצנ אפּגיכ א גמילעסכעסעד אָפּגעטראָגג. אונ
דער פּראָוויזער־געהילפ סאפּיאנ האָט זיכ פונ ערגעצ צו זיכ אינ
אפּטייק אומגעקערט, נישט געקאָנט פארליידנ דעמ רייעכ, וואָס שלאָגט
שווער אונ נידעריק פונ די קוימענס, אונ איז געווענ ברויגעז אפנ
שטעטל:

„ווייסט זיי דער רועכ, מיט וואָס פאר אַנ אומריינ מיסט זיי
הייצנ דאָרטנ אפּ טשאָלנט“.

פלוצעמ האָבנ זיכ דערהערט קלאנגענ פונ א פאָר פרעמדע וועג־
גלעקער, אונ א פריש־געקומענער וואָקזאל־באלעגאָלע האָט זיכ מיטאָ־
מאָל געטאָנ א לאָז אראָפּ איבערנ שטעטל, איבערגעשראָקנ א האָנ
מיט עטלעכע הינער, זיכ פארקערעוועט אונ איז שטיינ געבליבנ פאר
די טרעפּלעכ פונ אוורעמל דעמ ראָווס שטוב.

ס׳איז געווענ אזוי מאָדנע:

אפ דער פור איז איינע אליינ געזעסנ מירל הורוויצ, דער קאָפּ
מיטנ שטרויענעמ היטעלע אינ ווײַסנ טול פארבונדנ, אונ אליינ האָט
זי צוגעשאָקלט מיטנ קאָפּ אונ פרײַנטלעכ געשמייכלט צו דער אנט־
קעגנקומענדיקער רעבעצנ ליבקע.

ליבקע די רעבעצנ האָט זי געכאנפעט נאָר לעפּאָנעמ.

„וואָס פאר א שײַלע?... דאָס מיידעלע אירס, כאָנקענ, וועט זי
איבערנעמענ צו זיכ אינ שלאָפּ-צימער, אונ מירל וועט קאָנענ זײַנ
טאקע האָרטנ אינ כאנקעס כיידער“.

אונ זי איז מיט איר האנט באַ האנט אינ שטוב ארײַנגעגאנגענ,
נישט אופגעהערט צו שמייכלענ אונ האָט עס אָנגענומענ פאר אנ
עמעס:

„יאָ, זי האָט פריִער געוווּסט, אז זי וועט דאָ קאָנענ וווינענ א
פאָר וואָכנ, יעדנפאלס נישט מער ווי א פאָר וואָכנ“.

★

שאַבעס באַטאָג האָבנ זיכ אויסגעפּוצטע מיידלעכ פונעמ שפּאַציר אומגעקערט, אָנגעלייגט וועג אונ בעקיוונ דורכגעגאַנגענ דאָס זײַטיקע הינטער־געסל, וואָס שפּיגלט זיכ אינגאַנצנ אינ אוורעמל דעמ ראָווס שטוב.

אינ געסל איז געווענ אויפגעראַמט אונ שטיל. הײַזער האָבנ פונ זיכ שאַבעסדיקע שאָטנס אָפּגעוואָרפנ אונ זיכ איבערגענומענ:

„מײַנ שאָטנ איז גרעסער".

„אונ מײַנער איז נאָכ גרעסער".

דורכ דער אָפענער טיר האָט זיכ ארויסגעשפּאַרט דער נאַריש־ברע־נענדיקער ניגנ, מיט וועלכנ אוורעמל דער ראָוו האָט געלערנט. אַפ די טרעפּלעכ האָט אינ רויטנ פאַריק געגענעצט ליבקע די רעבעצנ, געהאַט א פאַרשלאָפנ פּאָנעמ אונ, נישט אומקוקנדיק זיכ, גערעדט אינ שטוב אַרײַנ צו איר עלפיאָריק מיידעלע:

„כאַנקע, ווײַז נאָר אהער די אויבסנ, כאַנקע! דאָרטנ אינ שראַנק אינ א טעלער, כאַנקע!"

אונ לעבנ איר איז געזעסנ מירל, געקוקט אומעטיק אַפנ געסל, אונ דער קאָפּ איז בא איר אַפ די הענט געווענ אונטערגעשפּאַרט.

„יאָ, האָט זי געזאָגט, איר, מירלענ, טוט שוינ געוויס באַנק, וואָס אַפילע ער, זייער געוועזענער קאַסיר, דער קאָרעוו, האָט זיכ שוינ אויכ פונדאַנענ אינ קרײַז־שטאָט ארויסגעקליבנ".

אינ שטעטל האָט מענ געוווּסט, אז עפּעס א סקאַנדאַל איז דאָרטנ אינ קאָרידאָר פונ האָטעל צווישנ איר מיט מאַנ פאָרגעקומענ, אונ פונ דער גובערניע־שטאָט האָט זי געמוזט אַנטלויפנ.

ער, נאָסנ העלער, מיט וועמענ זי האָט זיכ אַמאָל דאָ אינ שטעטל ארומגעשלעפּט, האָט שוינ צו יענער צײַט זײַנ גאַנצע ירושע באַמ קאָפּעקע־בלעטל געהאַט געפּאַטערט. ער האָט שוינ פאַר זעכציק רובל א כוידעש געדינט ערגעצ אינ דער היגער געגנט אונ האָט שוינ ווי־דער גערעדט אַפ איר אַלדאָס בייז. איינמאָל האָט ער דאָרטנ דעמ פּאָטאָגראַפ רויזעבוימ דערטאַפּט, אונ האָט אימ באַוויזנ שוינ נאָר א מיעס צעטעלע, וואָס מירל האָט אימ ווינטער דורכ א שטאָט־שאָ־

ליעב צוגעשיקט. און דער פאָטאָגראַפ רויזענבוימ, א קרעפטיק־דארער יונג מיט אנ אָפּגעברענט־פארגויישט פאָנעמ און מיט א ברייט־אויס־געניײט העמד, האָט זיכ נאָכדעמ אהער אהיימ אומגעקערט און האָט דאָ אלע פארנאכט געקיצלט דעמ אָנגעברויגעזטנ סאפיאנע אונטער ביידע פּאכוועס:

„מ׳קאָנ דאָכ נישט וויסנ, פונ וועמענ מירל האָט געטראָגנ... סאפיאנטשיק!...“

★

איינמאָל, אינמיטנ העלנ טאָג, איז צו איר פלוצעמ פונ דער גובערניע־שטאָט מאָנטשיק אראָפּגעקומענ און האָט זיכ דאָ אָפּגעזאמט נישט מער ווי פונ איינ צוג צומ צווייטנ.

אינ שטעטל איז מענ באלד געוואָר געוואָרנ, אז כאָטש ער, מאָנטשיק אליינ, איז שוינ צו מירלענ לאכלוטנ נישט גלייכגילטיק, איז ער דאָכ איצט אהער אראָפּגעקומענ נישט צוליב זיכ, נאָר צוליב איר מאנ, זיינ געשוועסטערקינד, וואָס בעט, זי זאָל זיכ צו אימ אומקערנ; אז ער, מאָנטשיק, איז א רייכער באָכער, און אז ביכלאל:

„ער איז, זאָגט מענ, ביכלאל, א לייטישער מענטש, אָט דער מאָנטשיק“.

ליבקע די רעבעצנ איז געשטאנענ הינטער דער טיר בעשאס מאָנטשיק האָט מיט מירלענ אינ א באזונדער ביידער גערעדט. זי האָט געהערט, ווי מירל, האָט אימ האַרטנ קאטעגאָריש געענטפערט:

„ס׳וועט קיינמאָל נישט זיינ... איר הערט, מאָנטשיק?.. קיינמאָל!“

און נאָכדעמ זיינענ זיי שוינ ביידע געזעסנ אינ עסצימער. מאָנטשיק איז געווענ פארטראָגנ, געקוקט פאר זיכ מיט גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגנ און האָט עטלעכע מאָל מיט דער האנט אוועקגעמאכט:

„מער רעדט ער נישט... קיינ איינציק וואָרט וועט ער וועגנ דעמ מער נישט זאָגנ“.

בא מירלענ אינ די אויגנ האָט געברענט דאָס אומעטיקע טיפטרוימענדיקע פייערל; איר פאָנעמ איז געווענ פארפלאמט, און גיצביסנ האָט זי די אונטערשטע ליפּ. זי האָט זיכ פלוצעמ דערמאָנט,

אז מאַנטשיק איז אַכצנ שאַ מיט דער באַנ געפאָרנ, נישט געגלייבט, אז ער איז נישט הונגעריק, אונ גענומענ שמייכלענ, אונ אליינ דאָ באַם טיש פונ זײַנעמטוועגנ אייער געפרעגלט.

ליבקע די רעבעצנ האָט שוינ טאַקע דענסטמאָל דערוויזנ, אז זי קאָנ נאָכ מיט וועלטלעכע מענטשנ פאַרברענגענ, זי איז געזעסנ לײַ־טיש באַם טיש אונ האָט געפרעגט בא מאַנטשיקנ אפנ לאָשנ, וואָס מ'רעדט איינ ווארשע:

„זיי זײַנענ גאָר קיינ באַלנ נישט אויסקוקנ אונדזער שטעטל?״

אונ מאַנטשיק האָט זיכ צעטראָגענערהייט פונ בענקל אופגעבאַפט אונ האָט אפ מירלענ א קוק געטאָנ:

„יאָ, געוויס... דאָס ערשטע מאָל אינ לעבנ זעט ער דאָכ איצט א יידיש שטעטל!״

★

אינ שטעטל איז מענ געשטאַנענ בא די טירנ אונ געקוקט, ווי ער מיט מירלענ גייענ ביידע איבער דער גאַס: ער — אינ א גײַעם ליכטיקנ אַנצוג מיט גרויסשטאַטיקע בלאַנק־ווײַסע קראַגנ אונ מאַנ־זשעטנ, אונ זי אינ א לײַבט, ווײַס אונ גלאַט־אופגענייט קלייד אונ אָנ א שאַרפ אפנ קאָפ. זי האָט אים פונוויטנס אָנגעוויזנ אפ אוו־ראָמ־מוישע בורנעסעס ווויגונג, אים צוגעפירט צו איר פאָטערס שטוב אונ אים באַוויזנ:

„אָט דאָס איז געווענ מײַנ צימער״.

אפנ גאַנעק האָבנ זיי זיכ אָפגעשטעלט אונ האָבנ ביידע דורכ די אויסגעשלאָגענע שויבנ אינווייניק די קעפ אַרײַנגערוקט. מירל האָט אופגעהויבנ ביידע הענט אַרופ צוליב א קעמעלע, וואָס האָט זיכ פונ אירע האָר אָנגעהויבנ ארויסגליטשנ. דאָס קעמל איז דאָכ אפ דער ערד אראָפגעפאַלנ, אונ ווענ מאַנטשיק האָט עס איר דערלאַנגט, האָט זי עס אזוי פאַמעלעכ פונ זײַנ האַנט גענומענ; זיי זײַנענ א ווײַלע אזוי געשטאַנענ אונ שמייכלדיק איינער דעמ צווייטנ אינ פּאָנעמ געקוקט.

ס'האָט אָנגעהויבנ נאַכט צו ווערנ, אונ זי האָט זיכ מיט אים

נאָך אַלץ צווישן די געסלעך אַרומגעפּירט. ס'איז געוואָרן קיל, מאָנטשיק האָט געזאָגט:

„ס'איז מאָדנע אומעטיק... פון איבגאַנצן, פון אינגאַנצן איז שוין אַזוי אומעטיק, און דאָך... ווער ווייסט? עפּשער איז שוין צוליב דער איצטיקער מינוט אַליין געווען קעדײַ, וואָס ער, מאָנטשיק, לעבט שוין זעקס און צוואַנציק יאָר אויף דער וועלט".

און מירל האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און האָט אים אויסגעשטרעקט די קאַלטע פינגער פון איר לינקער האַנט, ער זאָל זיי אַ דריק טאָן.

ס'איז שוין געווען אינגאַנצן פינצטער און זומערדיק קיל. איבערן ראָוום הינטער־געסל איז אַרויסגעשוווּמען אַ יונגע לעוואָנע, אַ פרישע, אַ קײַלעכדיקע און אַ בלאַסע. מיידלעך האָבן דאָרטן מער, ווי אַלע אָוונט, אַרומגעשפּאַצירט, און דער וואָקזאַל־באַלעגאָלע איז שוין דאָרטן פאַרן ראָווום אָפענער טיר געשטאַנען. יענער זעלבער וואָקזאַל־באַלעגאָלע, מיט וועמען מאָנטשיק איז אָקאָרשט צוריק מיט עטלעכע שאָ אַהער אין שטאָט געקומען. און די רעבעצן האָט נאָך דאָרטן אין שטוב דעם לאָמפּ אויפן פענצטער אָוועקגעשטעלט און האָט דערמיט נאָך גרעסער דעם יאָנטעוו אין געסל געמאַכט.

מירל האָט אָפּגיך מאָנטשיקס האַנט־רעגנצל פאַרפּאַקט.

„מאָנטשיק טוט אַ קוק... ס'איז, הוכט זיך, אײַער האַנטעך, מאָנטשיק?"

מאָנטשיק איז געווען צעטראָגן און האָט קוים געהערט, וואָס מ'רעדט צו אים. פון דער טאָלמעטווירע זײַנען צו אים צוויי יונגעלײַט נאָך אַ נעדאָווע געקומען. האָט ער פינף גילדענע מאַטבייעס אַרויסגענומען און האָט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן אויף מירלען אָנגעשטעלט, ער האָט געמיינט, אַז ס'איז קאַרג.

מירל האָט אים אָפּגיך פון שטוב אַרויסגעבאַגלייט און מוירע געהאַט, ער זאָל דעם צוג נישט אָנווערן.

„ער האָט נישט באַדאַרפט אַהער קומען, האָט זי געזאָגט, איך טוט ער איצט אַזוי מאָדנע ווײ, מאָנטשיק, אַט דאָ באַם האַרץ טוט

ער איר ווײ. נאָך א ביסל, און זי וועט זײַן פֿייִק צו טאָן א נאַרישקייט און וועט אים אוועקפֿאָרן נישט לאָזן״.

זי האָט אים פּאָר ביידע הענט נעענטער צו דער פֿור צוגעפֿירט. געבליבן שטיין מיט ליבקע דער רעבעצן און געקוקט, ווי דער באַליגאָלע צעשמײַסט מיטאַמאָל די פֿערד, פֿאַרקערעוועט מיטאַמאָל, ווי אַף איבערצוקערן, און שמײַסט געשווינד אוועק מיטן וועג צום וואָקזאַל.

„מאָרגן, האָט זי געזאָגט, וועט ער שוין זײַן אין דער היים. אַזוי פֿיל געשעפֿטן האָט ער דאָרטן... גלײַכער אַזוי״.

און זי האָט נאָך א ווײַלע געקוקט אַהין, ווו די פֿור איז פֿאַרשווונדן. און, אַפּאָנעם, געטראַכט וועגן דעם, וואָס ס'איז גלײַכער אַזוי.

אַפֿן דריטן טאָג נאָך מאָנטשיקס אוועקפֿאָרן זײַנען איר פֿון פּאָרשטאָט מיטאַמאָל צוויי טעלעגראַמעס אָנגעקומען. די טעלעגראַמעס האָבן פֿאַרכאַסמעטערהייט דערציילט וועגן דעם, וואָס מאָנטשיק איז שוין ווידער בײַ זיך אין דער היים, געדענקט דאָרטן לאַנג דעם טאָג, וואָס ער האָט מיט איר דאָ פֿאַרבראַכט, און אַרבעט שוין ווידער אין די בענק און אַף דער בירזשע; וועגן דעם, וואָס שמוליק איז שוין דאָרטן, בײַ אים אין דער היים, געווען און אויסגעהערט דעם קאַטעגאָרישן ענטפֿער, וואָס זי האָט אים דורך מאָנטשיקן איבערגעגעבן. ליבקע די רעבעצן האָט שוין אַזוי שטאַרק געוואָלט וויסן, וואָס אין אָט די טעלעגראַמעס שטייט. און מירל האָט נאָר א קוק געגעבן, פֿונוואַנען די טעלעגראַמעס גייען. און האָט זיי פֿאַרכאַסמעטערהייט צוריק דעם פּאָטשט-טרעגער אָפּגעגעבן:

„זאָל מען ענטפֿערן, האָט זי אים געזאָגט, אַז זי האָט זיי נישט געוואָלט אָפּנעמען, די טעלעגראַמעס, פּאַשעט, אַז זי האָט זיי נישט געוואָלט אָפּנעמען״.

און אַליין איז זי נאָך דאָ אין שטעטל געבליבן און האָט געגעסן קעסט בײַ דער רעבעצן ליבקען. מ'האָט איר נאָכגעקוקט, בעשאַס זי איז אַלע טאָג אין פּאָטשט געגאַנגען און האָט עמעצן פֿון דאָרט פֿיל טעלעגראַמעס מיט בריוו געשיקט, עפּעס א מענטש, וואָס האָט אין ערגעץ קיין היים נישט. און א שעם האָט זי שוין אויך דעם עמעצן, אַראַנקי נאָסן העלער, וואָס ער הערט נישט אויף צו ריידן אַף איר

איבער דער גאנצער געגנט. סאפיאנ דער פּראוויזאר־געהילף האט זי געזענ דורכגיינ, בעשאס ער איז געשטאנענ בא זיכ אינ אפּטייק אונ האט מיט אנ ערנסט פּאנעמ אנגעטאנ פּאפּירלעכ אפ די באשטעלטע רעצעפּטנ; ער האט וועגנ איר גערעדט פאר א קוינע אנ אינטעליגענט:

„אט זאל מענ זענ אזויפיל גוט אונ זי אנקוקנ... לײדיקגייערס מעגנ זיכ אראפּנעמענ א מוסער. אונ ביכלאל, עמעצער קאנ אימ ביכלאל זאגנ, צוליב וואס אזא פּארשוינ דרייט זיכ נאכ ארומ אפ דער וועלט?"

אונ פּאשעטע ייִדנ, אינ היטלענ, האבנ געהערט אונ געשוויגנ: זיי האבנ א ווײַלע פארגעסנ אנ די קינדער, וואס זײַנענ בא זיי אינ דער היימ כארעוו אונ געהאט דערעכערעצ פאר איר; סאפּיאנענ, וואס פארשפּרייט ארומ זיכ דעמ אפּטייקדרייעכ, באטראכט ערנסט די רע־צעפּטנ, איידער ער לאזט זיי פונ די הענט ארויס, אונ קאנ קיינ לײדיקגייערס נישט פארלײַדנ.

IV

מירל האט אפ אירע טעלעגראמעס אונ בריוו קיינ ענטפער נישט באקומענ.

זי האט איינע אלײַנ ארומגעבלאנקעט איבערנ שטעטל אונ איז געווארנ אומעטיקער אונ טעפּאלענער פונ טאג צו טאג.

מענטשנ האבנ זיכ דא פונ איר אפּנ דערווײַטערט, קיינ קאוועד איז זי דא דאכ שוינ קיינעמ נישט געוועז; אונ זי האט עס געוווּסט אונ האט וועגנ דעמ קיינמאל נישט גערעדט. נאר איינמאל אינ אוונט, ווענ זי האט זיכ א שטארק אומעטיקע לענגער, ווי אלעמאל, איבער דער פּארנטיקער גאס ארומגעדרייט, האט זי אפּגעשטעלט אווראמ־מוישע בורנעסעס ביידע מיידלעכ, זי האט בא זיי נאכגעפרעגט פונ זייער מישפּאכע אונ געמאכט מיט זיי א שמועס וועגנ וועלוולענ, וואס האט איבער איר אופגעהערט פונ זײַנ פולווארק אהיימ צו קומענ:

„ס'איז שוינ פּאשעט שווער צו פארשטיינ, פארוואס וועלוול באהאלט זיכ אויס פונ איר. סײַוויסײַ ווייסט זי, אז ער איז איר דער

בעסטער גוטער־פרײַנט, זי ווייסט אפילע, אז ער איז בעקיוונ געפאָרנ אפנ וואָקזאַל, זיכ מיט איר געזעגענענ".

אונ אַ צווייט מאָל האָט זי זיכ מיט בורנעסעס מיידעלעכ באַגעגנט, זיכ מיט זיי פריינטלעכ געגריסט אונ געפרעגט:

„זיי וואָלטנ נישט כיישעק געהאַט באַשטעלנ אפ מאָרגנ אַ באַ־לעגאָלע אונ זיכ דורכפאָרנ אַזוי זיכ, אַ וויאָרסט אַכט־צענ פונ שטעטל?"

געווענ איז דאָס אינ אַ הייסנ זונטיק, אַרומ דריי אַזייגער באַ־טאָג, ווענ וועלוולס מוטער איז נאָרוואַ צוליב איר אַסטמע־פעלער קיינ אויסלאַנד געווענ אָפּגעפאָרנ, אונ לעבנ בורגעסעס גאַנעק איז נאָכ געשטאַנענ די פור פונ פּוליוואַרק, וואָס וועלוול איז אינ איר צוריק מיט אַ פּאָר שאָ געקומענ, זיכ מיט דער מוטער געזעגענענ.

שטייט זיכ דענסטמאָל אַזוי אוראָמ־מוישע בורנעסעס שטוב מיט דורכויס אָפענע פענצטער, קוקט עטוואָס אומעטיק אפ די זונגע ביימ־לעכ, וואָס וואַקסנ פאַר איר אינ איינ שורע, אונ טרייסט זיכ:

„באַ יעדנ אופגעקומענעמ הווייר זיינענ שוינ, אַפּאַנעמ, יונג אינ קליינ די ביימלעכ, וואָס פאַר די פענצטער".

אינ די באַדאָרימ איז שטיל אונ קיל. ס'הערט זיכ, ווי נאָגנדיק אונ שטיל ס'רוישנ אינ דרויסנ די בלעטלעכ, אונ ס'פילט זיכ, אַז די באַלעבאָסטע איז נאָרוואָס אפ אַ היפּשער צייט אוועקגעפאָרנ; אַז די שטיב וועלנ איצט פירנ ביידע מיידלעכ, וואָס געדענקענ נישט ווהינ זיי לייגנ אַוועק די שליסעלעכ, אונ דערפאַר וועט דאָ שוינ זיינ פריילעכער אונ פרייער ווי טאָמעד, אונ געסט וועלנ זיכ באַ די קינדער ביז שפּעט אינ דער נאַכט פאַרזיצנ, אונ אַז אַ קליינ קינד וועט זיכ עפּעס איינשפּאַרנ אונ וועט וויינענ, וועט שוינ נישט זיינ וועמ ס'זאָל אפ דעמ אָנשרייענ, אונ מ'וועט עס מוזנ געבנ פינפ קאָפּעקעס, ס'זאָל שווייגנ.

באַ זיכ אינ קאַבינעט איז אוראָמ־מוישע בורנעס אַרומגעגאַנגענ, געבלאָזנ פּאַפּיראָסנ־רויכ, געהאַט, ווי שטענדיק, אַ פאַרקנייטשטנ שטערנ מיט אַנ אַמעראַציש אומעטיק פּאָנעמ. אַנטקעגנ אימ לעבנ שרייב־טיש איז געשטאַנענ וועלוול, געהאַלטנ דעמ פּלאַנ פונ די נייע

דרײַ הונדערט דעסיאַטינעס ערד, וואָס ער האָט נישט לאַנג אָפּגעדונגען, און זיך מעיאשעוו געווען, וואָס אַף אָט דער נײַער ערד צו פֿאַרזייען.

„אָט דאָ אַראָפּ בײַ דער בערע וואָלט עפּשער גלײַכער געווען צו פֿאַרזייען פּראָסע?"

פּלוצעם קומט אַרײַן דאָס עלטערע מיידל און דערציילט, אַז מירל איז דאָ אין שטוב און זיצט דאָרטן, אין דעם קליינעם זאַל. דאָס מיידל פֿילט זיך אַזוי שולדיק און פֿאַרענטפֿערט זיך:

„אַ מאָשל... ווי האָט מען געקאָנט זײַן אַזוי גראָב?.. אַז יענע הייבט אָן אַרײַנצוקוקן פֿון דרויסן דורך די אָפֿענע פֿענצטער און פֿרעגט: מ'קען צו אײַך אַרײַנגיין, פֿרעגט זי".

דאָס מיידל איז באַלד צוריק אין זאַל אַוועק און איבערגעלאָזט דאָ דעם פֿאָטער מיטן זון אין אַזאַ מיִעסער לאַגע, אַז זיי האָבן איינער דעם צווייטן אין פּנים אַרײַן נישט געקאָנט קוקן. ס'האָט זיך געדוכט: אָט־אָט עפֿנט מירל די טיר און שטעלט אַהער אין קאַבינעט אַ פּוס אַרײַן. וועלוול איז געווען בלאַס און האָט געעטעמט מיט אַזעלכע גיכע און קורצע אָטעמס, גלײַך ער האָט נאָרוואָס באַוויזן אַ קונץ און האָט מיטאַמאָל צען פּוד מאַסע אויפֿגעהויבן. ער האָט געקוקט דעם פֿאָטער אין פּנים אַרײַן און געוואַרט, וואָס ער וועט טאָן, נאָר דעם פֿאָטערס פּנים איז שוין געווען אַזוי פֿאַרשוואַרצט, פֿאַרייכערט און פֿאַרשטאַלט, קיין שינוי האָט מען שוין אַף אים קיין מאָל באַמערקן נישט געקאָנט. ער האָט נאָר נאָך מער דעם אַמעראַ־ צישן שטערן פֿאַרקנייטשט און מער רויך פֿון מויל געבלאָזן; סאַפּ־ קאָלסאָפּ האָט ער, דער פֿאָטער, זיך פֿאַמעלעך אויפֿגעשטעלט און אָן ווערטער דורך דער הינטער־טיר פֿון שטוב אַרויסגערוקט, זיך דאָרטן אויפֿגעזעצט אַף וועלוולס געשפּאַנטער פֿור און געהייסן דעם פֿורמאַן פֿאָרן אין ציגל־פֿאַבריק, ווו ער האָט געשעפֿטן געהאַט.

נאָך אים האָט זיך דורך דער זעלבער הינטער־טיר אַרויסגערוקט וועלוול און אַוועקגעשאַפֿט מיט די הינטערגעסלעך אין מאָנאַסטאָל, ווו ער האָט געלט געדאַרפֿט אויסבײַטן.

אין זאַל איז מען דערווײַל געזעסן און גערעדט וועגן דעם, וואָס

א גראַמאָפאָן זינגט א ביסל אונטער דער נאָז און דערעסט באַלד, אַז מ'קאָן שטאַרבן; וועגן דעם, וואָס דער קליינער זיאַמקע ווייסט, ווער טאָלסטוי איז, נאָר ער שעמט זיך איצט און וויל נישט זאָגן, און וועגן דעם, וואָס די פאַראָרעמטע פּריצע פון דאָרף פּריטשעפּאַ, א פערציאָריקע מויד, איז שוין ווידעראַמאָל פון זינען אַראָפּ; זי האָט זיך פאַר דעם לעצטן געלט אַן אווטאָמאָביל געקויפט און זאָגט, אַז ס'וועט זי נעמען דעם היגן גראַפס בעניאָכיד.

אכוץ מירלען מיט וועלוולס שוועסטער איז דאָ אַף די סאַמעטענע שטולן געזעסן דער יונגער קאָרעוו, דער עקסטערן, וואָס לערנט מיט די קינדער העברעיִש, דער אַלמאָנע פון איינפאַר-הויז פרעמדע קרווווע, א מיידל, וואָס לערנט אַף ציינדאָקטער און זעט אויס נישט קיין שטאַרק גרויסער באַר-האַוואָנע,[125] און געשטאַנען איז די גאַנצע צייט שווייגנדיק בא דער זייט דער יונגער נישט לאַנג אַראָפּגעבראַכטער סטודענט, וואָס האָט געשטאַמט פון די טיף רוסישע גובערניעס און האָט דאָך קליינערהייט ערגעץ אין א יעשיווע געלערנט. מירלען האָט ער, דער סטודענט, איצט דאָס ערשטע מאָל פון נאָענט געזען. ער האָט שוין אָבער געוווסט אַלץ, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט, און נישט קענענדיק זי זין פּאָנעם, זיך אָפּטמאָל געקריגט פאַר איר מיט ביידע בורנעסעס מיידלעך און מיטן פּראָוויזאָר-געהילף סאָפיאַן:

„וואָס דערציילן זיי באָבעמייסעס? וועדליק זיי אַליין מאָלן אים אויס מירלען, שטעלט זיך אים פאָר, אַז זי איז אינטערעסאַנט, און אַז ס'מוז אין איר עפּעס זיין".

איצט האָט אַף אים געווירקט איר יונג, עטוואָס מיד פּאָנעם, און גלייכגילטיק איז ער שוין נישט געווען צו איר שמייכל, צו דעם, וואָס זיצנדיק אַפן הויטן סאַמעטענעם דיוואַן, האַלט זי דעם קאָפּ הויך אַרונטערגעוואָרפן, און צו איר קאָל, וואָס קלינגט מיט אָפּגעשוואַכטע טענער פון א מענטש, וואָס האָט פיל איבערגעלעבט און איז נאָך אַלץ געבליבן אין עפּעס פּאַראַקשנט און רעכנט זיך ניט מיט קיינעמס מיינונג. ער האָט טאַקע די גאַנצע צייט געשוויגן און געטראַכט וועגן איר, ווי א כאָסן. אַלעמאָל האָט ער פאַרגעסן, אַז דער יונגער קאָרעוו, דער עקסטערן, רייכערט נישט, און איז אַלעמאָל

צוגעגאַנגען צו אים מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט אַ מינע פון אַ בעטלער:

„גיט מיר, זייט מוחל, אַ פּאַפּיראָס".

ווי די וועלוולס עלטערע שוועסטער האָט די ערשטע דערהערט, ווי די פור פאָרט אָפּ פון שטוב, זיך פאַרגעסן, אויסגעצויגן דעם האַלדז, ווי אַ הון, בעשאַס ס'הוכט זיך איר, אַז עמעצער גייט איר נאָך אָפּ די שפּיץ־פינגער, און נאַריש אָנגעשטרענגט די אויערן. און מירל האָט געוווּסט, אַז אין קאַבינעט איז שוין קיינער נישטאָ, און צוליב עפּעס באַם קאָרעוו, דעם עקסטערן, אַ בלײַשטיפט מיט אַ שטיקל פּאַפּיר געבעטן.

זי האָט, דוכט זיך, מיט אָט דעם שרײַב־געצײַג גאָרנישט געטאָן, געהאַלטן דעם בלײַשטיפט אין איין האַנט און דאָס שטיקל פּאַפּיר אין דער צווייטער האַנט, געשמייכלט און זיך אָוועקגעיין געטרייט. און דאָך האָט נאָכדעם וועלוול אין טאַש פון זײַן פאָר־כאַלאַט אָט דאָס שטיקל פּאַפּיר געפונען. ס'איז דערויף מיט מירלס האַנט געווען אָנגעשריבן:

„טי כאָראָשי".*

ער האָט עס געלייענט איבערן גאַנצן וועג אַהיים, עס עטלעכע טעג אַרומגעטראָגן אין זײַן טײַסטער צווישן די אַסיגנאַציעס און עס צולעצט באַהאַלטן אין אַ באַזונדער שופלאָדל, וואָס בײַ אים אין פּײַער־קאַסע.

מירלען האָט זיך פאָרט אײַנגעגעבן דאָ אין שטעטל איר פּלאַן דורכצופירן.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט זי אומגעריכט באַקומען דעם ענטפער, אויף וועלכן זי האָט די גאַנצע צײַט געוואַרט, און איז מיט אים אַזוי צופרידן געווען. גייענדיק מיטן ענטפער צוריק פון פּאָטשט, האָט זי אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַס דעם פּראָוויזאָר־געהילף סאַפּיאַנען, אים געזאָגט, אַז צו זײַן פּאָנעם פּאַסן זייער די נײַע בייגערנע ברילן, און זיך געשוואָרן, אַז ער באַדאַרף כאַסענע האָבן:

---

* דו ביסט אַ גוטער.

„זאָל איר סאפיאנ גלייבנ, אז זי מיינט עס בעעמעס: א פראָפעסיע האָט ער, וואָס וועט ער זיך אזוי אײנער אליינ ארומוואלגערנ?"

בא סאפיאנענ האבנ פונ זיך אליינ אָנגעהויבנ נערוועז אונטערשפרינגענ די לינקע זײַט נאָז מיט די ליפנ. ער האָט וועגנ כאסענע האָבנ א באזונדער מיינונג געהאט, אונ טאקע וועגנ דעם האָט ער געוואָלט אָנהייבנ רײדנ. נאָר זי האָט אים באלד איבערגעשלאָגנ אונ זיך דערפרעגט, ווענ ס'פאלט אויס דער גײַנצנטער:

„זי דארפ עס זייער נייטיק וויסנ... אינ איצטיקנ כוידעש דער גײַנצנטער".

V

דער גײַנצנטער איז אויסגעפאלנ פונקט אומ ראָשכוידעש אָוו, אונ פארשטארקט האָט זיך אינ אים די היץ פונ די צופיל ליכטיקע זומערשאָענ.

אפנ שטעטל איז די מארעשכוירע פונ די נאָענטע „נײַנ טעג" געלעגנ. זײַנענ מאנצבילענ געשלאָפנ באטאָג, קעדיי ווי זאָלנ זי נישט פילנ, אונ הענער האבנ געקרייעט בעטאָעס, צי גלאט אזוי פונ פוסטקײַט, אינ א יידענע האָט נישט געוווסט, וואָס דאָס איז אָט דאָס אומעטיק געפיל, וואָס לאָזט זי רויִק איר זאָק נישט ארבעטנ אונ טרײַבט זי מיט אים פונ איר אייגענעמ פידאשעק צומ פידאשעק פונ איר שכײנע.

אָקאָרשט ארומ דרײַ אזייגער באטאָג האָט זיך א וואָקזאל־באלעגאָלע מיט זײַנ פור לעבנ אײַנפארהויז, וואָס אינ אָנהייב מארק, אָפגעשטעלט, אונ אראָפגעקראָכנ איז פונ איר א וווקסיקער יונגערמאנ, א גאלעכ, בא וועמענ דער האלדז איז מיט ווײַטע אונ מיט פיל וויקלשנירנ פארבונדנ געווענ.

מ'האָט זיך אינ אים אײַנגעקוקט אונ אים דערקענט:

„דאָס איז געווענ הערצ, דער אקושערקעס באקאנטער, הערצ".

מירלענ האָט זיך טאקע סאָפקאָלסאָפ אײַנגעגעבנ, ער זאָל אהער אראָפקומענ.

פונ די ארומיקע הײַזער האָט מענ געקוקט צו איר אהינ, צומ

גאנעק פונ ראָווס שטוב, ווו זי האָט זיכ לעבנ ליבקע דער רעבעצנ געננודעט. מ'האָט פונ איר לעצאָנעס געמאכט:

„זי האָט אָבער געוווסט, ווענ אימ אראָפצוברענגענ... פונקט צו טישעבאָוו־צו האָט זי אימ געוווסט אראָפצוברענגענ".

אונ זי איז נאָכ ערגעצ געוואָר געוואָרנ, אז בא הערצנ איז אנגינע. זי האָט דאָ אינעמ ראָווס הינטער־געסל דעמ אָרטיקנ פעלדשער אָפּגעשטעלט אונ האָט אימ וועגנ כוילע דערציילט:

„ער איז שוינ געווימ אזא מענטש, וואָס קאָנ גיכער שטארבנ, איידער זיכ מוידע זײַנ, אז אימ טוט עפּעס וויי. נאָר ווענ דער פעלדשער גייט איצט צו אימ אומגערופנ ארײַנ, וואָלט ער זיכ שוינ אוואַדע געלאָזט צומ האלדז עפּעס טאָג".

הער פעלדשער האָט געפאָלגט אונ איז אינ אײַנפאָר־הויז אוועקגעגאנגענ.

אונ זי האָט זיכ אומגעקערט צומ גאנעק פונ ראָווס שטוב אונ זיכ הארטנ לעבנ ליבקע דער רעבעצנ געגודעט. זי האָט געהאט אנ אומעטיק פאָנעמ אונ האָט זיכ געקלאָגט פאר דער רעבעצנ אפנ טאָג, וואָס ציט זיכ אומגעווײַנלעכ לאנג:

„טאָמער, ווענ דער שטוב־שאָטנ דערגרייכט דעמ וועג פונ מיטנ געסל, האלט שוינ דער זייגער ארומ זעקס, אונ איצט... עפּעס א מינ לאנגער טאָג, ס'איז נאָכ, דוכט זיכ, דעמ גאנצנ זומער אזא לאנגער טאָג נישט געווענ".

שפּעטער, ווענ אָט דער שטוב־שאָטנ האָט זיכ מיט שאָטנס פונ די ארומיקע הײַזער אָנגעהויבנ פלעכטנ, האָט זי דעמ גאנעק פארלאָזנ אונ איז אוועקגעגאנגענ מיטנ וועג, וואָס פירט ארופ צו דער פּאָטשט. דאָרטנ האָט זי באגעגנט אווראָמ־מוישע בורנעסעס מיידלעכ, וואָס האָבנ מיט זייער לערער, דעמ סטודענט, ארומגעשפּאצירט. זי האָט זיכ אנטקעגנ זיי מיט איר אומעטיק פאָנעמ אָפּגעשטעלט, זיכ דערפרעגט וועגנ קורצנ וועג, וואָס פירט מיט די פעלהער צו דער רעלסנ־שנור, אונ וועגנ עפּעס א פארמעגלעכ מיידל, א יעסוימע פונ היגנ קאנט, וואָס האָט שוינ יאָרנלאנג א כאָסנ, אונ האָט נאָכ ביז הײַנט פאר אימ ניט כאסענע געהאט:

„זיי געדענקענ ניט? אמאָל פלעגט מענ וועגנ אָט דעמ מיידל פיל מײַסעס דערציילנ".

בײדע בורגעסעס מיידלעכ האָבנ, קוקנדיק אפ איר, איבזיכנע גע־האט זייער עלטערנ ברודער, וואָס איז איבער איר פארזעסנ, אונ האָבנ געוווּסט, אז הערצ איז איצט אראָפּגעקומענ צוליב איר. זיי האָבנ געענטפערט: „ניינ, זיי געדענקענ נישט".

„זיי האָבנ, דוכט זיכ, קיינמאָל וועגנ אזא מינ מיידל נישט געהערט".

דער סטודענט איז געווענ צופיל אופגערעגט פונ אָט דער אומ־געריכטער באגעגעניש אונ איז געווענ גרייט זיכ דורכגיינ מיט מיי־דלעכ אפנ גרויס־שטאָטיקנ שטייגער אהינ אונ צוריק איבער דער גאס; ער האָט צוליב דעמ אָנגעהויבנ ווײַטער דעמ זעלבנ שמועס פירנ:

„יעדנפאלס... די מײַסע מיטנ מיידל מוז שיינ, יעדנפאלס, זײַנ אינטערעסאנט".

נאָר מירל האָט עס ווי נישט אײַנגעהערט אונ זיכ באלד מיט די מיידלעכ אָפּגעזעגנט. זי איז אוועקגעגאנגענ ארויס דעמ שטעטל אונ האָט זיכ דאָרטנ דעמ גאנצנ פארנאכט איינע אליינ ארומגעדרייט.

★

אונ אינאָווענט, ווענ אינ די הײַזער פונ שטעטל האָט מענ זיכ צו די געגרייטע טישנ געזעצט, אונ א מענטשנס פּאָנעמ איז שוינ אפ דער פינצטערער אונ פוסטער גאס שווער געווענ צו דערקענענ, האָט זי זיכ דאָכ ארײַנגעכאפט אינ אײַנפאָרהויז, וואָס אינ אָנהייב מארק, אונ איז דאָרטנ א היפשע צײַט אינ כיידער געבליבנ.

די רויטע פאָרהענגלעכ, וואָס אפ הערצס באלויכטנ פענצטער, זײַנענ געווענ אראָפּגעלאָזט, אונ אינ דרויסנ האָט זיכ קיינער נישט ארומ־געדרייט, אכוץ דעמ מיידל, דער צאָנ־דאָקטערנ, וועמענ די אלמאָנע פונ אײַנפאָרהויז האָט אנ אייגענע מומע אָנגעקערט. ס'האָט זיכ איר געוואָלט וויסנ, וועגנ וואָס הערצ אונ מירל ריידנ דאָרטנ, איז זי שטילערהייט ארײַנגעגאנגענ אינ צווייטנ פוסטנ כיידער, זיכ אָפּגע־שטעלט לעבנ שפּאלט, וואָס צווישנ די אויסגעקרימטע אונ צעלעכצ־

טע פּאָר טירנ און האָט געהערט, ווי זיי טרעטנ דאָרטנ אָנ אפּ די אַלטע ווענדנ:

„הערצ, האָט דאָרטנ מירל געזאָגט, כ'האָב דאָ אפּ דיר אַזוי־פיל געוואַרט; קיינער האָט נאָכ געוויס קיינמאָל אפּ דיר אַזויפיל נישט געוואַרט”.

איכ בײדער איז געווענ שטיל. הערצ איז געווענ ברויגעז און האָט נישט געענטפערט:

„הערצ, האָט מירל ווײַטער געזאָגט, איכ פאַרשטיי שוינ די לעצטע צײַט אַזוי ווינציק, וואָס מיט מיר טוט זיכ; איכ ווייס נישט, פאַר וואָס איכ האָב וועגנ דיר אַזויפיל געטראַכט, איכ ווייס שוינ אפילע נישט, צוליב וואָס איכ בינ אַהער אינ שטעטל אַראָפּגעקומענ”.

זי האָט זיכ פאַרטראַכט און האָט צוגעגעבנ:

„איר האָט זיכ געדוכט, אַז דאָ אינ שטעטל וועט איר זײַנ בעסער. איר דוכט זיכ נאָכ אַלצ, אַז ערגעצ־ווו וועט איר זײַנ בעסער”.

הערצ האָט געקלונגענ מיט א גלאָז און מיט א לעפעלע און האָט זיכ צוליבנ האַלבנ פאַרקאָכט באָר־וואַסער פונ זודיקנ סאַמאָוואַר.

„גוט, האָט ער איר איבערגעשלאָגנ, אָבער נאָכ וואָס האָט זי זיכ באַדאַרפט אײַנאַקשענענ, ער זאָל אַראָפּקומענ צו איר דאַפקע אַהער אינ שטעטל, ווו אַלע קאָגענ זי און ווו פונ אַלע הײַזער שטעלט מענ אויס אפּ אימ די אויגנ? דאָ בײַ דער זײַט געפינט זיכ איצט די אַקערשערקע קאַצ... ער אַליינ פילט זיכ איצט ווי עפּעס א נאַרישער קליינשטעטלדיקער כאָסנ, ער האָט פאַר דעמ אַלצ צו דאַנקענ אַזאַ וויכטיקער נאַרישקײַט, ווי אירע באַסיעכידע־קאַפּריזנ”.

מירל האָט אימ נישט געענטפערט; איר קאָל האָט נאָר נאָכ מידער צו קלינגענ אָנגעהויבנ, און געדוכט האָט זיכ, אַז זי איז געקומענ צו אימ בעטנ א נעדאָווע:

„הערצ, מיר דוכט זיכ נאָכ אַלצ, אַז דו ווייסט עפּעס מער פונ מיר”.

איר דוכט זיכ נאָכ ביכלאַל, אַז ערגעצ־ווו זײַנענ נאָכ פאַראַנ אַזעלכע אײַנציקע, וואָס ווייסנ „עפּעס” און האַלטנ „עס” בעסאָד... זאָל איר הערצ מויכל זײַנ, וואָס זי האָט אימ אַהער אַרויסגערופנ... איר־

איז שוינ געבליבנ אינ לעבנ אַזוי ווינציק, אַכוצ דעמ, וואָס איר דוכט זיכ. אונ איצט זיצט זי אינ שטעטל... זי נודעט זיכ אונ טראַכט וועגנ דעמ. גאַנצע פאַרנאַכטנ זיצט זי לעבנ ליבקע דער רעבעצנ אַפנ גאַנעק אונ קוקט קיינ מיזרעכ צומ ברענענדיקנ רויטנ הימל־עק. אונ איינמאָל פאַרנאַכט האָט זיכ איר שוינ געדוכט, אַז פונ דאָרטנ, פונעמ רויטנ עק הימל, קוקט צו איר אַרויס אַ צווייטע פײַערדיקע מירל אונ ווינקט צו איר פונ דער ווײַט: „קיינער, ווינקט זי צו איר, ווייסט נישט צוליב וואָס ס'בלאָנדזשעט אַרומ מירל הורוויצ. אונ איכ, מירל, וואָס איכ ברענ אינ פײַערדיקנ עק הימל אַפנ האָריזאָנט, כ'האָב אַלע מאָל אויכ אַרומגעבלאָנדזשעט אונ האָב אויכ נישט געוווּסט צוליב וואָס".

הערצ האָט נישט געוווּסט, וואָס זי וויל, אונ דאָס איראָנישע פּאָנעמ האָט בא אימ קוימ־קוימ געשמייכלט. די גאַנצע צײַט, וואָס זי האָט גערעדט, האָט ער אַזוי געשמייכלט. ער איז פונ דעמ שמועס נישט צופרידנ געווענ אונ האָט איר צומ סאָפ די רייד איבערגעשלאָגנ:

„יאָ, אָבער נאָכ וואָס טויג שוינ דעמ ערשטנ אָוונט רייד וועגנ אַזעלכע הויכע זאַכנ?"

אָט קאָנ ער איר דערציילנ, ווי צו אימ אינ האָטעל איז איינמאָל געקומענ מיט אַ וויזיט איר מאַנס געשוועסטערקינד מאָנטשיק... אינ אַ שוואַרצנ סורדוט איז ער צו אימ געקומענ. יאָ, אונ דער מאַנ אַליינ:

„אימ האָט מענ אינ האָטעל דערציילט, אַז דער מאַנ אירער האָט זיכ אַפ אימ צוויי מאָל נאָכגעפרעגט".

דענסטמאָל האָט מירל אַפ אימ אַ קוק געטאָנ אונ שוינ מער גאָר־נישט געזאָגט. אַזוי באַליידיקט האָבנ זי שוינ זײַנע לעצטע ווערטער. איר פּאָנעמ איז געוואָרנ בלאַס, אונ זי האָט אימ קיינ „גוטע נאַכט" נישט געזאָגט. אינ פינצטערנ הויז פונ אײַספּאָר האָט זי זיכ נאָכ אָפּגעשטעלט אונ זיכ וועגנ עפּעס באַשליסנ נישט געקאָנט. גאָר צוריק האָט זי זיכ טאַקע נישט אומגעקערט. זי האָט נאָר אַפ זיכ דעמ שאַרפ צורעכט געמאַכט אונ איז פאַרשוווּנדנ אינ פינצטערנ דרויסנ.

ווענ דאָס מיידל, וואָס לערנט אַפ צאָנדאָקטער, איז אינ הויז אַרויס, איז שוינ הערצ געשטאַנענ בא דער געעפנטער טיר פונ זײַנ

באַלויכטענעמ כײדער און האָט געבעטנ טינט און פּעדער מיט נאָכ א לאָמפּ קעראָסינ. דאָס מײדל איז אינ דרויסנ פאַרבײַ דעמ אײַנפאָר־הויז דורכגעגאַנגענ און זיכ אײַנגעקוקט אינ דער גאַס. ס'איז געווענ א פינצטערע און קילע נאַכט; דאָס שטעטל איז געשלאָפנ, און מירל איז שוינ דאָרטנ נישט געווענ. אומעגלעכ איז געווענ צו וויסנ, וווּהינ זי איז אוועק: לינקס, צו דער רעבעצנ ליבקעס שטוב, צי גאָר רעכטס, מיטנ וועג, וואָס פירט צו דער פּאָטשט און צו די פּעלדער ארויס דעמ שטעטל.

★

שפּעט נאָכ האַלבער נאַכט האָט ליבקע די רעבעצנ אינ דער פינצטער דעמ קאָפּ פונעמ קישנ אופגעהויבנ, זיכ א ביסל צוגעבויגנ צומ צווייטנ בעט, ווו איר מאַנ איז געשלאָפנ, אינ אימ גענומענ וועקנ מיט א פאַרדומפּנ און שלעפעריק קאָל:

„אווּרעמל?!... אווּרעמל?!... שלאָפסט, אווּרעמל?“

אינ דער גאַנצער שטוב איז געווענ אזוי אומעטיק, פינצטער און שטיל. די נאַכט האָט זי ארומגענומענ פונ אלע עקנ, זיכ געצויגנ ארומ און ארומ איבערנ גאַנצנ אויסגעשלאָפנעמ שטעטל, און ווײַטער — איבער די ארומיקע פעלדער, ווו דער אומעט פונ די שלאָפנדיקע האָט זיכ שטיל אָנ דער ערד געקלאַפּט.

דער ראָוו האָט זיכ א קלײנעמ וואָרפ געטאָנ און זיכ אופגעכאַפּט מיט א פאַרשלאָפענער שרעק און מיט א שטיל־דערוואָרגנ וואָרט:

„א?!..״

און נאָכדעמ זײַנענ זיי שוינ בײדע האַלב־וואַכעדיקע אינ די בעטנ געלעגנ, געהויבנ די קעפּ אינ דער פינצטער און געהערט, ווי מירל ווײַנט דאָרטנ קעגניבער דער וואַנט מיט דער געשלאָסענער טיר. איר קאָל איז געווענ אנ אײַנגעהאַלטנס, א נאָגנדיקס און א האַלב דערוואָרגנס. אלעמאָל האָט עס זיכ געשטאַרקט מיט א נײַ־צוגעקומענעמ שטראָמ פונ ווײנענדיקנ כליפּענ און דערמאָנט אָנ אירע קינדערשע באסיעבידע־יאָרנ. דענסטמאָל האָט זי געהערט, ווי אונטער איר טרייסלענדיקנ קערפּער סקריפּעט דאָס בעט, און גערוכט האָט זיכ, אז עמע־

צער שטייט דאָרטנ אָנגעבויגנ איבער איר קאָפּ, ווארגט זי פּארנ האלדז און דערמאָנט איר:

„האָסט עס אומגעבראכט דײַנ לעבנ... און פארפאלנ איז דאָס שוינ, אפּ אייביק פארפאלנ..."

פארשלאָפּענערהייט האָט זיכ די רעביצנ אפנ בעט אויפגעזעצט און האָט אפּ זיכ דעמ טשיפּעק צורעכט געמאכט.

„זי איז בא אימ געווענ, האָט זי צום אײַנפאָר־הויז אפּ יערידנ מעראמעז געווענ, א גאנצנ אָוונט איז זי בא אימ געווענ".

און נאָכדעמ האָט זי שטילערהייט א לאָדנ געעפנט און געזענ:

אפנ שטעטל רוקט זיכ שוינ דער גרויער אָנהייב טאָג; אינ אלע הײַזער שלאָפט מענ און נאָר דאָרטנ, אינ אָנהייב מארק, לײַכט זיכ נאָכ אלצ אינ הערצס צימער, וואָס אינ אײַנפאָר־הויז, און די רויטע פאָר־הענגלעכ זײַנע אראָפּגעלאָזנ און פארשטעלנ אימ מיט זײַנ באנאכ־טיקער שרײַבערשער ארבעט.

VI

אינ דער נאכט, וואָס פאר ערעוו טישעבאָוו, האָט געגאָסנ א לאנ־גער רעגלמעסיקער רעגנ. ער האָט געקלאפט אינ פארשלאָפענע דע־כער און זײַ דערוועקנ נישט געקאָנט, געגעצט אנ אײנזאמע פויערשע פור, וואָס האָט זיכ פאמעלעכ איבערנ בלאָטיקנ שטעטל געשלעפט, און איר אָנגעוויזנ אהינ, צום אײנציקנ אומרויִק־באלויכטענעמ פענצ־טער, וואָס גייט ארויס פונעמ ראָווס נאָכנ הינטער־געסל.

מיט מירלענ איז דעמסטמאָל ווידער עפּעס אומרויִקס פאָרגעקומענ, און די רעביצנ איז דערפאר שלעכט געשלאָפנ בא זיכ אינ שלאָפ־צימער און האָט געדענקט, אז אינ שטעטל גאפט מענ שוינ, וואָס זײַ דערלאָזנ עס, אָט דאָס, וואָס, וויבעדריק בא א ראָוו אינ שטוב, האלט זי זיכ א באָכער האָ אינ אײַנפאָר־הויז. זי האָט נישט געוווסט, פאר־וואָס אָט די צאָרעס קומענ איר, און האָט אלעמאָל געעפנט די אויגנ און אָפּגעזיפצט צו איר מאנ אפ א קאָל, קעדיי מירל זאָל עס בא זיכ אינ בײַדער דערהערנ:

„אזא מינ אָגשיקעניש... אונ וויאזוי זאָגט מענ טאקע יעגעמ־נעמ פאָר אווען?“

★

דער פרימאָרגנ איז נאָכדעמ געווענ א הייסער, א פארנער אונ א גודנער. ס׳האָבנ צוזאמענ מיט א שטיקל גלאָז צופיל געבלישטשעט אנטקעגנ דער זונ די נאסע רעגנ־גריבלעכ, וואָס צווישנ די צוגעדארטע הרודעס, אונ די אָפגעשווענקטע הייזער האָבנ זיכ געשווינד צו טישעבאָו־צו געטריקנט אונ נישט געוווסט, צי דער רעגנ וועט זיי שוינ מער נישט נעצנ.

קעגניבער דער געשלאָסענער טיר פונ מירלס כיידער האָבנ זיכ נאָכ אלצ די באנאכטיקע אומרויִקע טריט געהערט.

ארומ עלפ אזייגער איז זי פונ דאָרטנ אפ גיכ ארויסגעגאנגענ אונ זיכ אוועקגעלאָזט גלייכ צומ איינפאָר־הויז, ווו אפ הערצנ האָט שוינ די באשטעלטע פור געווארט. אונטער די אויגנ איז בא איר געווענ שטארק בלוי, ווי אונטערגעשלאָגנ, אונ די פלייצעס האָבנ דערמאָנט, אז די לאגע אירע דאָ אינ שטעטל אונ אומעטומ איז שוינ אומבאהילפיק אונ פארלאָרנ, אונ עס מוז שוינ איצטיכנ נעמענ אנ עק. זי האָט געקוקט גלייכ אהינ צו דער פור, וואָס לעבנ איינפאָר־הויז, אונ דער מויעכ האָט בא איר פונ דער שלאָפלאָזיקער נאכט געארבעט צופיל אָנגעשטרענגט אונ צו גיכ.

זי האָט אימ נאָכ עפעס באהארפט דערמאָנענ, הערצנ.

אָבער, אויסגלייכנדיק זיכ מיט דער פאָרנטיקער וואנט פונ אוו־האָמ־מוישע בורנעסעס שטוב, האָט זי פלוצעמ הערופ כאראָטע געקראָגנ אונ זיכ אָפגעשטעלט:

„סייוויסיי איז עס שוינ געווענ נישט מער, ווי נארישער פיזעמ, אָט דאָס, וואָס זי האָט זיכ די גאנצע צייט געוואָלט אָפנארנ, אז זי וועט קאָנענ זיינ מיט אימ ערגעצ־ווו אינ אויסלאנד“.

לעבנ גאנעק פונ בורנעסעס שטוב האָט זי דערזענ וועלוולס קלענערע שוועסטער אונ זיכ צו איר אויסגעדרייט:

„בראָכע קענ איר נישט זאָגנ, דער וויפלטער אינ כוידעש ס׳איז

הײַנט?... זי, מירל, איז זיכ שוינ בעמעס צופיל דאָ אינ שטעטל פארזעסנ".

זי האָט דעמ צעשראָקענעמ מײדל איבערגעלאָזט אַנ אָנדענק פונ א פאסטעדיק־אויסגעמאַטערט פאָנעמ מיט בלויע אונטערגעשלאָגענע אויגנ, אוועקגעשפאַנט אַפּגיכ איבער די צוגעטריקנטע הרודעס אינ פאָטשט צו עמעצנ א טעלעגראַמ פארזאָרגנ, אונ שוינ פונ הינטער די פלייצעס געהערט, ווי די פור רוקט זיכ מיטאמאָל פונ אָרט אָפ, אונ ווי דער באַלעגאָלע צעשמײַסט אינ געשמאַקער אײַלעניש זײַנע פערד:

„וויאָ!... אָפ קינעמ צוריק אהײמ".

באמ ראָוו אינ עס־צימער האָט אָפ איר געוואַרט ליבקע די רעבעצנ אונ זי אָפגעשטעלט:

יאָ... זי מיט אוורעמלענ האָבנ איר דאָ געוואָלט זאָגנ... אוואַרע איז בא זײ די גאַנצע צײַט אָנגעליגט געווענ, האָבנ זײ איר געוואָלט זאָגנ..."

בא דער רעבעצנ זײַנענ די הענט געווענ נאַריש צונויפגעלייגט אפנ בויכ, אונ אירע אויגנ האָבנ דערבײַ מאָדנע געפינטלט. מירל האָט נישט געוואָלט הערנ, וואָס זי זאָגט:

„זי ווייסט, זי ווייסט... מאָרגנ וועט זי, מירל, דאָ שוינ נישט זײַנ".

אונ באַלד איז זי צו זיכ אינ בײדער אַרײַנ, פארקייטלט נאָכ זיכ די טיר אונ פונ אינעווייניק צוגעשלאָסנ דעמ דרויסנדיקנ לאָדנ.

זי האָט באַדאַרפט אײַנשלאָפנ כאָטש אָפ א פאָר שאָ, נייטיק האָט זי עס באַדאַרפט, אַז נישט — האָט זיכ שוינ צופיל געשפאָלטנ דער קאָפ, אונ דער מויעכ האָט שוינ צופיל געדאַרט אונ געוואָלט וויסנ, וואָס זי וועט טאָנ אינ עטלעכע שאָ אַרומ. ס'איז געווענ איבעריק וועגנ דעמ צו קלערנ. אויב דאָ אינ בײדער האָט געשטערט צו שלאָפנ דער שמאָלער פאַס פונ דער גרינג־בריענדיקער זונענ־שײַנ, וואָס האָט דורכנ צוגעטריקנטנ לאָדנ אָפ צווייענ די טונקלקײַט געשפאָלטנ, האָט מענ, ליגנדיק אינ בעט, געקאָנט פונ זיכ געשווינד דאָס קאָפטל אַראָפציִענ, פאַרוואַרפנ די גליִענדיק נאַקעטע הענט אַרומ צומ

ברענענדיקן קאָפּ און זיך אויסמאָלן, אַז דער אויסגאַנג פון אירע פוסטע פיר און צוואַנציק יאָר לעבן איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרלאָרן... ס'איז דערפון געוואָרן אַ ביסל גרינגער, און ס'האָט אַפּ אַ רעגע אויפגעהערט צו אַרן דער מאָרגנדיקער טאָג מיט דעם, וואָס אין אים וועט זי שוין אין ערגעץ קיין אָרט ניט האָבן. צווישן טויהו־וואָוויהו פון אָנהייב שווערן שלאָף האָט זיך געדוכט, אַז ס'איז שוין אַזוי ווײַט און לאַנג, אָט דאָס, וואָס זי האָט אַמאָל דאָ אין שטעטל אַ טאַטן גדאַליע הורוויץ געהאַט. און דעם מידן דרעמלענדיקן מוחן האָט זיך שוין געמאָלט אַ האַלב־פאַרגעסענער פרײַטיק פאַרנאַכט פון זיבן, אַכט יאָר צוריק: אין דרויסן איז ראָז־רויטלעך און וואַרעם, און ס'זעצט זיך די זון. און אין שטוב באַם פענצטער שטייט גיטעלע, די מוטער אירע, שוין אָפּ שאַבעס אָנגעטאָן, זי קוקט צום וועג פון קרײַז־שטאָט, וואָס פירט אַהער אין שטעטל, און האָט יעסורים, ווי אַלע פרײַטיק:

„זע נאָר: שוין אַזוי שפּעט, און מ'זעט אים נאָך נישט פאָרן, גדאַליען!”

★

אינדערפרי, אינעם ערשטן טאָג, וואָס נאָך טישעבאָוו, איז זי פון שטוב אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך אינעם ראָוום געסל נישט אומגעקערט.

באַטאָג האָט מען זי געזען זיך אַרומדרייען אויפן ליידיקן שפּאַציר־פּלאַץ, וואָס לעבן דער פּאָטשט, און אויפן וועג, וואָס אַרויס דעם שטעטל. זי האָט דאָרטן באַגעגנט דעם יונגנמאַן, וואָס פלעגט אַמאָל בײַ ר' גדאַליען אין מיל פּודנווײַז מעל קויפן, און אים געבעטן, ער זאָל איר אין שטעטל אַ באַלעגאָלע צום וואָקזאַל באַשטעלן און זאָל זאָגן באַם ראָוו אין שטוב, מ'זאָל אים אירע זאַכן אַרויסגעבן.

זי האָט זיך אַזוי געאײַלט בעשאַס דער באַלעגאָלע איז צו איר שוין פאַר זון זעצן כוצן שטעטל אַרויסגעקומען. אָבער נאָך די ערשטע עטלעכע וויאָרסט האָט זי אים שוין גאָרנישט געזאָגט דערפון, וואָס ער פאַרקלענערט אַלץ מער דעם טרײַב, און געהייסן האָט זי אים שוין נאָכדעם פאַרפאָרן נישט גלײַך צום וואָקזאַל, נאָר אַ ביסל אין

א זײַט, צומ אײַנזאַמענ ייִדישנ אײַנפֿאָר־הויז, וואָס לאַנגווײַליקט זיכ אונטער זײַנ רויטנ דאַכ א ביסל ווײַטער פֿונ די וואָקזאַל־דינערמ פֿאַרוואַקסענע שטיבלעכ אונ ווארט טאָג אונ נאַכט, אַז א כאַסנ־קאַלע זאָל זיכ צונויפֿאָרנ.

מער ווי א וואָכ צײַט איז זי דאָרטנ אָפּגעשטאַנענ אונ האָט אָפּ עמעצנ געוואַרט.

ייִדנ פֿונ שטעטל האָבנ זי געזענ, בעשאַס זי איז פֿיר מאָל א טאָג מיט איר אומעטיק פּאָנעמ צומ וואָקזאַל געקומענ. זי האָט זיכ ארומגעדרייט איבער דער גאַנצער לענג פֿונ שטייענדיקנ צוג. זי האָט אינ יעדנ וואַגאָנ ארײַנגעקוקט, צו קיינעמ א וואָרט נישט אויסגערעדט אונ זיכ מיט איר אומעטיק פּאָנעמ צוריק אינ אײַנפֿאָר־הויז אומגעקערט. איז מענ געשטאַנענ אינ א רעדל אינ עק פּלאַטפֿאָרמ אונ איר נאָכגעקוקט אינ די פּלייצעס:

„טאַקע, נעבעכ, געפֿאַלנ מירל, א?“

זי איז סאַפּסאַלסאַפּ אוועקגעפֿאָרנ פֿונדאַנענ אײַנצע אלײנ מיטנ צוג, וואָס פֿירט צו דער גרענעצ.

מ'האָט וועגנ דעמ איבערגערעדט אינ שטאָט, אונ ס'איז נישט געווענ צו וויסנ, וווּהינ זי האָט זיכ אוועקגעלאָזנ.

VII

איינמאָל אינ א וואָכעדיקנ דאָנערשטיק, ווענ איר געבײַנ איז שוינ לאַנג אפֿנ וואָקזאַל נישט געווענ, איז וועלוול בורגעס אהינ, נאָכנ אָפּגיינ פֿונ די צוגנ, פֿונ זײַנ פֿולוואַרק געקומענ אונ איז פֿאַרפֿאָרנ גלײַכ אינעמ אײַנפֿאָר־הויז, וואָס אונטערנ גרויסנ רויטנ דאַכ.

ער איז אונטערנ פֿאַר־כאַלאַט געווענ אויסגעפּוצט אינ א נײַעמ שוואַרצנ אָנצוג אונ אינ ווײַסע, נאָכ נישט קיינ געניצטע וועש, זיכ געהייסנ א צימער צוגרייטנ אונ האָט די פֿור אהיימ אָפּגעשיקט:

„דער פֿורמאַנ זאָל נאָכ אימ קומענ מאָרגנ צוועלפֿ אזייגער, ער הערט? נישט פֿריִער פֿונ צוועלפֿ אזייגער“.

אינ אײַנפֿאָר־הויז זײַנענ אלע כאַדאָרימ געווענ ליידיק, אונ קיינ הייזער. זײַנענ נאָענט נישט געווענ; האָט זיכ א שטילע פּוסטקײַט ארומ

אינ ארומ צו אימ אינ צימער געצויגנ, אונ די מינוטנ זיינענ געווענ לענגער אונ פאַרטראַכטער, ווי אינ דער היימ. ער איז דאָרטנ געזעסנ אַפ דער ציצענער קאַנאַפע, זיכ ארומגעדרייט איבער דער פרעמד־רויטער פאַדלאָגע, זיכ אָפגעשטעלט באַמ פענצטער אונ ארויסגעקוקט צו די גענדז, וואָס פאַשענ זיכ דאָרטנ אַפנ גראָז.

באַ דער פלאַטפאָרמ איז ער געווענ צוויי מאָל: פאַרנאַכט, נאָכנ אָפגיינ פונ ביידע מאַסע־צוגנ, אונ גאַנצפרי, ווענ דער גאַנצער פוס־טער וואָקזאַל איז נאָכ געשלאָפנ, אונ געבלישטשעט האָבנ נאָכ אַנט־קעגנ דער אופגייענדיקער זונ דאָס רויטע אויג פונעמ ווייטלעכנ ווייס־געפאַרבטנ שלאַגבוימ מיטנ ערשטנ פלאַטפאָרמע־לאַמטערנ, לעבנ וועלכנ מ'האָט נעכטנ דעמ לייטער פאַרגעסנ.

ער האָט זיכ אויכ אָוועקגעלאָזט פונ אײַנפאָר־הויז מיט דער סטעזשקע, וואָס פירט צומ גאָר נאָענטנ וועלדל, אונ איז דאָרטנ גע־שטאַנענ אַפנ הויכנ פריש־צורעכט געמאַכטנ גראָבנ.

אינ וועלדל איז געווענ שטיל. די צווײַגנ האָבנ אינ דער הייכ קוימ־קוימ געראַשט, אונ א בלעטל, אַנ אָפגעפאַלנ געלס, האָט זיכ פונ זיי צײַטנווײַז פאַמעלעכ מיט דער לופט אראָפגעלאָזט, אונ די שטילע ביי־מער האָבנ עפעס געוווסט: זיי זײַנענ זיכ אַזוי מיט זייערע וויַקסיקע ארומגערייניקטע שטאַמענ ארומ אונ ארומ געשטאַנענ, געהערט דעמ קוימ מערקזאַמענ גערויש פונ זייערע אייגענע צווײַגנ אונ געטראַכט וועגנ מירלענ, וואָס האָט מער ווי א וואָכ צײַט אינ גאָענטנ אײַנפאָר־הויז געוווינט:

„יאָ... זי איז דאָ אַמאָל באַטאָג ארומגעגאַנגענ, מירל... זי האָט דאָ צו קיינעמ נישט גערעדט, נאָר צווישנ אונדז, יונגע ביימער־שטאַ־מענ, איז זי שוינ אַמאָל, אָנ א שומ באַרעפעניש, פאַמעלעכ ארומ־געגאַנגענ“.

☆

שפעט צו עלעל־צו האָט זיכ דער אויסגעגלייכטער סטודענט ליפ־קיס אהיימ אומגעקערט אונ איז נאָכ אַפנ וועג באַמ באַלעגאָלע געוואָר־געוואָרנ:

„עט, עט, עט! שוינ אַוואַדע אַ כוידעש, זינט זי איז שוינ בײַ אונדז נישטאָ, מירל".

ער איז בײַ זײַנ מוטער אינ שטוב אָפּגעשלאָפֿנ די גאַנצע נאַכט, דעם פֿרימאָרגנ מיטנ באַטאָג, וואָס נאָכ איר, אונ שוינ נישט געהאַט צוליב וואָס אופֿצושטײנ. ער האָט געשנאָרכעט געשמאַק, אונ דער שטאַרק פֿאַרשלאָפֿענער מויעכ האָט נאָכ געדענקט, אַז מירל איז שוינ דאָ נישטאָ; אַז ער האָט זי אינזינענ געהאַט, ווענ מ'האָט אים צו דער אָפּעראַציע כלאָפֿאָרמירט, די גאַנצע צײַט, וואָס ער איז אפֿ זײַנ זומערדיקער קאַנדיציע צו די קויכעס געקומענ; אונ נאָכדעם, ווענ ער איז שוינ אַהער געפֿאָרנ אונ האָט זיכ אַלעמאָל אַרײַנגעכאַפּט אינ קאָרידאָר פֿונ וואַגאָנ, קעדיי נאָכאַמאָל צו באַקוקנ דעם געזונטנ פּוס, וואָס ער פֿירט איר.

פֿאַרנאַכט האָט ער זיכ שוינ אַרומגעדרייט אינ פּוסטנ שטעטל גלאַט אַזוי, מיט אַ שטימונג פֿונ פֿאַרשפּעטיקטער אויס-כאַסענע, אינ נישט געהאַט, וועמענ צו דערציילנ, וויאַזוי ער איז מירלענ צוריק אַ גוטערפֿרײַנט געוואָרנ, וויאַזוי ער פֿלעגט זומער מיטנ מאָרגנשטערנ צו זײַנע מעדיצינישע לימודים אופֿשטײנ אונ צוזאַמענ מיט דעם, וואָס אינ בוכ שטייט, באַזאָרגנ:

„איכ בינ איר קיינ סוינע נישט, מירלענ... קיינ סוינע נישט, קיינ סוינע נישט".

ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט לעבנ ר' גדאַליעס שטוב אונ זי באַטראַכט, דורכגעגאַנגענ פֿאַמעלעכ דעם ראָוּם ברייט זײַט-געסל אונ געקוקט פֿונוויטנס אפֿנ ראָוּם שטוב. ס'איז געווענ מאָדנע פֿריש אונ נײַ אַרומצושפּאַצירנ פֿאַמעלעכ אונ גלײַכ איבער די זעלבע גאַסנ, ווו ער האָט זעקס אונ צוואַנציק יאָר קעסיידער בעשאַסנ גיינ מיט די קלובעס אינ בײַדע זײַטנ געוואָרפֿנ, אונ ווו ער האָט בײַ יעדנ שפּאַנ זיכ געבויגנ מיטנ גאַנצנ גופֿ אינ אַלאַכסנ, ווי אַנ אונטער-שאַמעס צו שמוינעסרע.

די רעבעצנ האָט אים האָרטנ דערזענ פֿונ איר גאַנעק, ווו זי איז געזעסנ, אונ האָט צו אים אַנטקעגנ פֿאַמעלעכ שפּאַנענ אָנגעהויבנ:

„אזוי, אזוי... וואָס זשע דענ? געזונט, קעניינאָרע, ווי אלע מענטשנ".

זי האָט זיכ מיט אים צעשמועסט וועגנ דער אָפּעראציע, וועגנ זײַנ ברודער, וואָס מ'זאָגט, אז ס'האָט אים אָנגעהויבנ צו גײנ גוט אונ ער ווערט א גוויר, אונ וועגנ דעמ, וואָס איר מיידל כאנקע האָט שוינ אוודע געמוזט פארגעסנ, וואָס זי האָט בא אים אמאָל א קארג יאָר געלערנט. זי וואָלט אומיסטנ א באלנ זײַנ, ער זאָל א קוק טאָנ, ליפּקינ:

„זי קענ נאָכ עפּעס שרײַבנ דיקטאָווקע, כאנקע?"

אונ ליפּקינ איז ארײַנגעגאנגענ אינ שטוב אונ געפּרוווט, צי זי קענ נאָכ עפּעס, כאנקע.

ס'איז געווענ שטיל, אונ די רעבעצנ איז שוינ לעבנ אים נישט געווענ. כאנקע איז געזעסנ באמ טיש אונ געשריבנ. ער איז ארומגעגאנגענ, דיקטירנדיק פּאמעלעכ, אונ האָט געקוקט אפנ באלקנ, אפ די ווענט פונעמ כיידער, ווו ס'האָט זעקס וואָכנ צײַט געווױנט מירל. אינעמ אָפּענעמ שראנק האָבנ זיכ געוואלגערט עטלעכע זאכנ, וואָס זי האָט דאָ איבערגעלאָזט אונ צווישנ זיי — עפּעס א קליינ צונויפגעקייטשט אונ האלב באשריבנ פּאפּיר. ליפּקינ האָט דאָס פּאפּיר ארויסגעשלעפּט אונ געזענ, אז ס'איז מירלס אנ אָנגעהויבענער אונ נישט פארענדיקטער בריוו. ס'איז אינ אים געשטאנענ:

„פונ דעמ, וואָס איכ האָב געטראכט, מאָנטשיק, איז ווידער־גאָרנישט נישט געוואָרנ. שטענדיק ווערט גאָרנישט פונ דעמ, וואָס איכ טראכט. הערצ איז בענעגייע צו מיר אזוי אומגערעכט. פריִער האָט עס מיכ געארט: איכ רייד צו אים וועגנ דעמ, וואָס מיר טוט וויי, אונ ער ענטפערט מיר וועגנ עפּעס א גאנצ שירײַמ־דאָר, וואָס האָט שוינ נישט קיינ אָרט אינ לעבנ. נאָר איצט איז שוינ דאָס אויכ אריבער, אונ מיר איז שווער וועגנ דעמ צו ריידנ. דאָ, ווו איכ בינ, קאָנ איכ מער נישט בלײַבנ. איכ ווייס נישט, ווהינ מ'גייט, נאָר אוועקגיינ פונדאנענ מוז איכ. ס'פאלנ שוינ געלע בלעטלעכ פונ דיביימער, אונ אויכ אזוי איז בא מיר אינ הארצנ. איכ לעב איבער

מײַן האַרבסט, מאַנטשיק, פֿון מײַן געבוירן אַז לעב איך אים איבער, און קײן פֿרילינג האָב איך קײנמאָל נישט געהאַט. שמעצער האָט אים פֿאַר מיר איבערגעלעבט, אַט דעם פֿרילינג, און מיר ווערט דאָס שוין פֿון טאָג צו טאָג קלערער: נאָך אײדער איך בין געבוירן געוואָרן, האָט שמעצ מײַן פֿרילינג איבערגעלעבט".

אויסטײַטשונג פונ פרעמד־ווערטער אונ ארכאיִזמענ

1. מאָרעשכוירעדיק — אומעטיק.
2. סאוולענ — געדולדיקער.
3. בעלאָשנ־ניסטער — אינ דריטער פּערזאָנ.
4. בענ־טוירע — א לאמדנ.
5. טכינע — מיל:
6. בני־באיִס — הויז־לײַט, שטוב־מענטשנ.
7. לעפּאָכעס — ווייניקסטנס.
8. וויקועכ — דיסקוסיע.
9. אָשטשושטשעניע — עמפּינדונג.
10. נישער — רעשט.
11. „בירזשעוויִע וועדאָמאָסטי" — א מעסיק ליבעראלע צײַטונג בא דער צארישער אָרדענונג.
12. מעוולוול — צעמישט.
13. אגעוורכע — פארבײַגייענדיק.
14. בישטיקע — שטילערהייט.
15. טישבוירעס — ברוכצאָל.
16. מעקאיעמ זײַנ — פארווירקלעכנ.
17. טישרעדיקע — סענטיאבערדיקע — אָקטיאבערדיקע.
18. בישליימעס — פולקומ, אינגאנצנ.
19. בוירער — ארביטער.
20. מעקורעוו — נאָענטער מענטש.
21. די דריטע אשמוירע — דער דריטער טייל פונ דער נאכט.
22. עלעלדיקער — אווגוסט — סענטיאבערדיקער.
23. זאָהיר־ווע־זאָהיר — זייער פאָרזיכטיק.
24. טשליענ — מיטגליד; געמיינט: פארוואלטונג־מיטגליד (פונ באנק).
25. מעקאבל שאבעס זײַנ — זאָגנ די טפילעס פונ אָנהייב שאבעס.
26. אוילעמהאבע — יענע וועלט.

27. אווילעס — טרויער (נאָך א טויטן).
28. האַשעם ייִסבאָרעך — גאָט.
29. טיכיע — זאָל לעבן.
30. ראָצן — ווילן.
31. „קוזרי" — א רעליגיעז־פילאָסאָפיש ווערק פון יעהודע האַלייווי.
32. אבארבאנעל (1437—1508) — אויטאָר פון רעליגיעזע מאָראַליש־דידאַקטישע ווערק.
33. קניִעס — איינקויפונגען.
34. מעשולאָכים — דאָ: געשטעלטע.
35. דוואָרים אכיירים — געמיינט: כאַזיירים.
36. מילאָסטיווי גאָסודאַר — גנעדיקער הער (באַ ווענדונג).
37. העוועל האוואָלימדיק — פונעם אויסדרוק העוולע האוואָלים (הבל הבלים — גאָרנישט און גאָרנישט).
38. מעדינאַס האַיאַם — דאָס לאַנד, וואָס איבערן יאַם; געמיינט — אמעריקע.
39. רעשוס — דערלויבעניש.
40. מעכאַלעל שאַבעס זיין — פאַרשוועכן דעם שאַבעס, ד. ה. טאָן אזוינס, וואָס די רעליגיע פאַרבאָט צו טאָן אום שאַבעס.
41. ייִעשדיק — אין פאַרצווייפלונג.
42. אין אַלאַכסן — אין דיאַגאָנאַל, אין דער קרים.
43. באַרישניע — א פרייליין.
44. זאַפּיסקעס — צעטלעך.
45. פון כויל אף קוידעש מויסיף זיין — צוגעבן פון דער וואָכעדיקער צייט צו יאָנטעוו; דאָ געמיינט: אָנעמען דעם יאָנטעוו פאַרפרי.
46. „ליכווויד" — לעקאָוועד. דער טראַדיציאָנעלער אָנהייב פון א בריוו. די אויסיִעס פון דעם דאָזיקן וואָרט, באַזונדערס פון דעם ל, פלעגן זיין זייער גע־דרייידלט.
47. בען־אָדאָם — א מענטש.
48. כקירע־היסלאַוועס — פאַטאָס פון רעזאָנירן.
49. דיעלאָ וו טאָם — די מייסע איז.
50. ראָזשדעסטוואָ — גרויס־כאָגע, ווייַנאַכט, ריזלעך.
51. ביינהאַשמאָשעס — פאַרנאַכט.
52. מעטושטעשדיק — ניט קלאָר.
53. יאַסנאָוועלמאָזשנאַ פאַנאַ — געמיינט: ווילגעבוירנע פריילין.
54. „הודו לאַדוינוי קי טויוו קי לעוילאַם כאַסדוי" — א פאָסעק פון טילים.
55. אָט צע שעלמאַ פאַן טאַראַבאַי — אָט דאָס איז א שעלמע דער הער טאַראַבאַי.
56. ניבל־פע — פאָרנאָגראַפיע, ניט־אָנשטענדיקע רייד.

57. מוקא — א מאטערניש.

58. דיד רא באבא — געמיינט: א פאָר פאָלק.

59. מויכער-טוועניק — טווע-הענדלער.

60. אטאָ-האָרייסאָ — פסוקימ, וואָס מע זינגט סימכאס-טוירע פאר די אקאָפעס.

61. ניע סמיעט! (не сметь) — ניט וואגנ!

62. שכיוו-מיירא — א טויט-קראנקער.

63. שאסקנ — א שוויַיגער.

64. כאמישימ — פופציק.

65. נעמאָנימ — געשעפט-פארטרעטער.

66. אוילאָמ-האטויהו — א וועלט א כאאָס.

67. „סודעבנע“ — געמיינט דער „סודעבני פריסטאוו“, וואָס פלעגט אָפּשרייבנ דאָס פארמעגנ פונ א ניט צאָל-פייִקנ באלכויוו.

68. Dicta Sapientium — די רייד פונ כאכאָמימ.

69. Omnis felicitas mendacium est... — יעדער גליק איז פאלש.

70. Мама! Весна! — מאמע! פרילינג!

71. „ויחל“ (וויַיכאל) — א פארשע פונ דער טוירע, וואָס מע לייענט אינ א טאָנעס.

72. מעגולגל געוואָרנ — פארוואנדלט געוואָרנ.

73. „באיאָמימ האָהיימ אומאָרדכיַ יוישייוו בעשאאר האמעלעכ“ — א פּאָסעק פונ דער מעגילע, וואָס מע לייענט פורימ.

74. טאָוו — גוט.

75. רעצוע — רימענ.

76. מיספאלעלימ — דאוונער.

77. מוסעפ — צוגאָב-טפילע צו שאבעס אונ יאָנטעוו.

78. מישעביירעכ — א טפילע.

79. אטאָרע — דער (באגילדעטער אָדער באזילבערטער) אויבערשטער זוימ פונ טאלעס.

80. שאבעס-נאכמו — דער שאבעס נאָכ טישעבאָוו.

81. דוירעש-טאָוו — גוטס-ווינטשער, גוטער פריַינט.

82. האמויצע — א בראָכע אפ ברויט.

83. פרוטע — גראָשנ.

84. שאבעס האגאָדל — דער שאבעס פאר פייסעכ.

85. קאק עטאָ סמעשנאָ! — ווי לעכערלעכ דאָס איז!

86. מינכע — די פארנאכטיקע טפילע.

87. מעיאכעד זייַנ זיכ — פארבלייבנ אויג אפ אויג.

88. שאלעסודעס — די דריטע שאבעסדיקע סודע (שאבעס פארנאכט).

89. בדיקעס כאָמעצ — דאָס אויסראמענ דעמ כאָמעצ (ברויט) די נאכט פאר

ערעוו פייסעכ. רעליגיעזע ייִדנ לייגנ אלײנ אוועק אמ די פענצטער ברעקלעכ ברויט און מאכנ זיכ, אז זיי זוכנ זיי נאָכדעמ מיט א ליכט.

90. אחוואס נאפשי — מײַנ הארצנס געליבטע.

91. א וואכ פאר א בענ־זאָכער — א וואכ־נאכט פאר א ברית.

92. מויסעפ זיינ — דערלייגנ, צוגעבנ.

93. טויפעס זיינ — באגרײַפנ.

94. א שאָ טויווע אומוצלעכעס — א גוטע און א גליקלעכע שעָ.

95. באסקאָל — דאָ: ווידערקאָל.

96. מעלאווע־מאלקע — דער מאָלצײַט שאבעסצונאכטס.

97. פאָנימאיעטיע — איר פארשטייט.

98. מעפונעקעס — פארצויגענע, צעבאלעוועטע, נאָכגעגעבענע.

99. אנ אוילאָמ אומלויע — א גאנצע וועלט.

100. קאָנטע מישוואָרימ שעניקנו כוידעש שוואט, אָדער וועניסנ — קאָנטע פונ די אָקזנ, וואָס זיינענ געקויפט געוואָרנ אינ כוידעש שוואט אָדער אונ ניסנ (בעערעכ פעווראל, מארט, אפרעל).

101. האָבנ טארומעס — זיינ אומצופרידנ.

102. אסיפעס — פארזאמלונגענ.

103. צוימ־געדאליע־טאָנעס — דער טאָנעס אמ מאָרגנ נאָכ ראָשעשאָנע.

104. שינוימ — ענדערונגענ.

105. טמונאס אָס — געשטאלט פונ א: אָס; געמיינט: א בריוו.

106. זוגאָסי האיעקאָראָ מאָראס מירל שעטיכיע — מײַנ טײַערע פרוי מירל זאָל לעבנ.

107. גזאר־דינ — (שווערער) אורטייל.

108. לעדאָוויד — דער אָנהייב פונ א קאפיטל טילימ.

109. פונ העסעכ־האדאס וועגנ — קעדיי צו צעשטרייענ זיכ.

110. סטויי! — שטיי!

111. פאָדאווײַ! — דערלאנג!

112. קודא פאָליעז? — וווּהינ קריכסטו?

113. קויעכ־האראשאָע — באפולמעכטיקונג.

114. גאָרוש — א געגעטער.

115. מעסופעקדיק — צווייפלהאפט.

116. ש׳ב האיאָקאָר מו״ח מאָנטשיק! כיינ כיינ לעכאָ באאוור הג״ח שענאָסאטאָ לעראיאָסי מירעלע טיכיע — מײַנ טײַערער שוועסטער־קינד מאָנטשיק! א דאנק דיר פארנ גמילעס־כעסעד, וואָס דו האָסט געגעבנ מײַנ פרוי, מירעלע זאָל לעבנ.

117. „גיינ באנאכט“ — לערנענ אינ כיידער אינאָוונט.

118. קלעפנ פורימ־גרעט — צוגרייטנ פורימ־געבעקס צומ באקנ.

119. אפ אוילעמעס — אפ קאָחאָלשע זאכנ.
120. נויסע האמיטע — דער, וואָס טראָגט דעמ מעס.
121. מעסאיעמ געוועג — געענדיקט.
122. אליעס-נעשאָמע — געמיינט: די נעשאָמע זאָל אָנקומענ צו גאָט.
123. ז״ל — זיכרוינע ליווראָכע — זיינ אָנדענק זאָל זיינ צו גוטנ.
124. פויעל-באָטל — א ליידיקגייער.
125. באר-האוואָנע — א מענטש, וואָס פארשטייט אנ איניענ.
126. גאָלועכ — געגאָלטער.
127. נארישער פיזעמ — „קאלטע פריפארקעס", א זאכ, וואָס קאָנ שוינ ניט העלפנ.
128. קינעס — טפילעס, וואָס מע זאָגט טישעבאָוו.
129. שירײַמ-דאָר — א דאָר פונ איבערגעבליבענע, דער לעצטער דאָר.